STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02193

DER VELIZSHER BLUT-BILBUL,

Miron Davidovich Rivkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ריבקין.

דער ווערלזשער בלוט־בלבול.

היסטאָרישער ראָמאַן

אין פיער טיילען.

צווייטע אויפלאַגע.

ווילנער פערלאג פון ב. א. קלעצקין.
1914.

דאָס רעכט אויף איבערדרוקען און איבער־זעצען בעהאלט דער מחבר פאר זיך.

דרוקעריי ב. א. קלעצקין. ווילנא.
קליין־סטעפען־גאס אייגענע הויז.

ערשטער טייל.

דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

— הגדיל אדוני לעשות עם אלה, לעשות עמנו — אַ גרויסען חסד האָט גאָט בעוויזען די דאָזיגע, בעוויזען צו אונז. פרעגט זיך: וואָס איז טייטש: צו אונז?

ר' ישעיה האָט אויסגעהויבען זיינע גרויע, געדיכטע בעוואַקסענע ברעמען און האָט שאַרף בעקוקט דעם עולם אַרום, גלייך ווי ער וויל פרעגען מיט די אויגען: וואָסער אַ תרוץ האָט מען איהם דערווייל צו זאָגען?

— וואָס איז טייטש: צו אונז? — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די קשיא און, זעהענדיג, אַז קיינער קלייבט זיך ניט איהם צו ענטפערן, האָט ער צוגעמאַכט אַ ביסעל איין אויג, און אַ לעבהאַפטער שמייכעל האָט אָנגעהויבען צו שוועבען איבער זיינע בלאַסע, צונויפגעצויגענע ליפּען.

— פערשטעהט איהר מיך, רבותי, — האָט ער מיט אַ שטיל געלעכטער אָנגעהויבען זיי צו ערקלערען דאָס, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, געדאַרפט זיין פאַר אַלעמען אַזוי קלאָר, — פערשטעהט איהר מיך, רבותי, לאָמיר, למשל, נעהמען אונזערן אַנ־אָרימאַן, נו, האַטש אַזאַ בעריל דעם טרעגער, אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפען, ער וועט עפּיס אַ דאָנערשטאָג פערדיענען אַנ־איבעריג האַלב קערבעל אויף שבת, וועט ער דען ניט ווערען מלא שמחה? גרויסע בעלי־קנאה פון די טרעגער וועלען אפשר אָנהויבען בעטען ביי גאָט, ער זאָל ניט אויבניכען אויף אייגעם

זיין גאנץ געגאר און זיי אויך לייטזעליגען מיט אזא פדיון, הא? זאגט מיר אבער, רבותי, האט עפיס א ווערטל א האלבער רובל ביי א געוועהנליכען בעל־הבית? בלאטע!... א שפיי!... לאמיר אבער זעהן, וואס וועט זאגען דער אייגענער בעל־הבית, ווען דעמזעלבען בערלען וועט דער רבונו של עולם אריינווארפען א פינף־און־צוואנציגער? — א פינף־און־צוואנציגער? — וועט ער זאגען — הערסט? אזא נס וואלט שוין מיר אליין אויך ניט שאדען...

ר' ישעיה האט זיך אויף א ווײַלע אבגעשטעלט און האט ווידער אמאל אנגעהויבען אריינצוקוקען אין די פנים'ער פון די ארומיגע, פרעגענדיג דערמיט, צי דארף ער נאך מאריך זיין, אדער ס'איז שוין גענוג: זיי פערשטעהען שוין אלץ אליין.

ביים טיש האט זיך אנגעהויבען א לייכטע בעוועגונג. ר' שמריה, דער בעל־הבית פון הויז, האט זיך א ווײַלע אבגעשטעלט מיט'ן גראפין אין האנד, פון וועלכען ער האט געגאסען אין א גלעזיל עפיס א טונקעל־ברוינע משקה, און האט זיך אנגעהויבען גוט איינצוהערען אין ר' ישעיה'ס ווערטער, כדי צו חאפען דעם רמז, וואס ס'איז אין זיי בעהאלטען. דער יונגערער ברודער זיינער, נתן, וואס איז געזעסען אנטקעגען איהם, האט אויך אוועקגעשטעלט אן א זייט דאס ניט־דערטרונקענע גלעזעל און צוגעבויגען דעם אויער צו יענעם עק טיש, וואו ר' ישעיה איז געזעסען, כדי ניט פערהערען עפיס א ווארט. און דער קליינינקער, צעהן־יעהריגער יאסעלע, וואס איז געשטאנען צוגעדריקט צום פעטער'ס קניה, איז ארויפגעקלעטערט מיט ביידע פיס אויפ'ן שטוהל און האט זיך שטארק איינגעקוקט אין ר' ישעיה'ן, וואס איז, ניכר, געוועזען דער גרעסטער און געעהרטעסטער אורח דא אין שטוב, און וועלכען דער פעטער שמריה האט אנגענומען מיט א בעזונדער כבוד.

ר' ישעיה האט זיך עטוואס אבגערוקט פון טיש, רוישענדיג מיט די ברעגען פון זיין לאנגען, שווערען ראצעמארענעם אויבער־בגד, וועלכער איז איהם געווען ארויפגעווארפען אויף די פלייצעס, און האט איינינע מינוט שטיל איבערגעקליבען אין זיינע לאנגע דארע פינגער די פרענז פון זיין ברייטען זיידענעם גארטעל. פון די,

וואָס זענען געקומען אַהיים טיש, האָט קיינער נאָך ניט פערשטאַנען, וואָס ער האָט, איינענטליך, געוואָלט זאָגען. און ער האָט, ווי ניט־ווילענדיג, אָנגעהויבען ווייטער צו רייִדען:

— וואָס פערשטעהט איהר דען ניט, יודען? בשוב אדוני את שיבת ציון, בשעת דער רבונו של עולם וועט אונז אומקערען צוריק פון גלות, וועט אונזער פרייד, אם ירצה השם, זיין אַזוי גרויס, אַז אפילו די אומות העולם, וואָס, לעת־עתה, זענען נאָך זיי די בעלי־הבתים און האַסען אונז, על כל פנים, ניט וואָס מקנא צו זיין, וועלען זיי דעמאָלט אויך אַ קלער טהון ביי זיך אין האַרצען: הגדיל אדוני לעשות עם אלה, — הערט? אַזאַ שטיקעל נחמה, וואָלט גאָר אונז אַליין אויך נישט שאַדען.

ר׳ שמריה האָט זיך הויך, אויפ׳ן קול, פונאַנדערגעלאַכט און האָט זיך ווידער גענומען צום גראַפין, כדי אָנצוגיסען די גלעזלעך.

— אַי, גוט, — האָט ער אַזאַ געטהון ווי פאַר־זיך, און האָט אַ וואונק געטהון אויף ר׳ ישעיה׳ן צו אַ קליין דאַר בחור׳ל פון אַ יאָהר אַכטצעהן, מיט אַ לאַנג אויסגעצויגען, ווייס פנימ׳על, איינגעפאַלענע באַקען און צוויי פערטיפטע, ברענענדיגע אויגען.

— נו, וואָס וועסטו זאָגען, יעקב הערש?

יעקב הערש איז געווען ר׳ ישעיה׳ס מזיניקעל, מיט וועלכען ער האָט זיך געטרייסט. אין שטאָדט האָט מען איהם גערופען „דער מקובל״. געהאַט סמיכה אויף רבנות, און אַלע יאָהר פלעגט איהם ר׳ ישעיה פיהרען קיין ליאַדי צום רבי׳ן. ביחידות פלעגט דער רבי אָביצען מיט יעקב הערש׳ן לענגער, ווי מיט זיין טאַטען, און באַזונדער פון איהם.

— האַ? — האָט זיך יעקב הערש אַ האַפ געטהון, האָט נאָך שטאַרקער צוזאַמענגעדריקט דעם שטערן און איז צוריק אַוועק אין די עולמות, פון וועלכע ר׳ שמריה האָט איהם נאָר־וואָס אַרויסגעריסען.

— נו, טאָ לאָמיר נעהמען צו ביסלעך! אָט אַזוי, אַזוי —

האָט אַ געשריי: געטהון ר׳ ישעיה מיט אַ יום־טובֿדיגער לעבעדיגקייט — לחיים! לחיים, ר׳ שמריה! לחיים!

ער האָט צוגעטראָגען דאָס גלעזעל צו די ליפּען, אַזוי געטהון, אַוועקגעשטעלט צוריק און האָט מיט אַמאָל אַ זונג געטהון מיט זיין אַלט, צובראָכען קול, קלאַפּענדיג מיט זיין דאַרער בייניגער האַנד אָן ברעג טיש, עפּיס אַ פֿרעהליכס, וואָס איז געוועזען הורכ־געזאַפּט מיט אונגעוועהנליכער בענקשאַפֿט.

דער קליינער יאָסעלע האָט פֿון אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך דאָ אַרום איהם געטהון, פֿערשטאַנען נור איין זאַך: אַז אי ער, דער אַלטער ר׳ ישעיה, צוזאַמען מיט זיין זוהן, און אַלע איבעריגע ידען, וואָס זענען פֿון אין דער־פֿריה אָן איבערגעוועזען ביים פֿעטער שמריה אין שטיבּ, זענען געקומען אַהער מעהר נישט, ווי אַ ביסעל משמח צו זיין זיך, צוזאַמען מיט זיי אַלעמען, צוליעב שמחת־תורה. ער האָט אונטערגעכאַפּט דעם גוט בעקאַנטען ניגון, וואָס ר׳ ישעיה האָט אָנגעהויבען, און צוויי שטימען, איינע אַ האַרטע, אַ הויזעריגע, וואָס פֿליעגט שווער פֿאַלען צו דער ערד, און די צווייטע, אַ דינע, ריינע און הילכיגע, וואָס האָט זיך געריסען וויַיט, אין דער הויך, צום הימעל, האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אינאיינעם און אַרויסגערופֿען ביי די צוהערער אַ געפֿיהל פֿון שמחה, געמישט מיט טרויער.

— טרי—טי—טי—טאַ, טי—טאַ טי—אי—טאַ—דראָם! — האָט געזונגען ר׳ ישעיה אָהן ווערטער מיט צוגעמאַכטע אויגען און אַלץ העכער און העכער קלאַפּענדיג מיט׳ן האַנד אָן טיש, און אַלץ, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש, איז דערביי אויפגעשפּרונגען און געקלונגען אין דער הויך, צום טאַקט פֿון זיין זינגען — טרי—אי—טאַ—דראָם, טרי—אי—טאַ—דראָם!...

ער האָט „געזאָגט" אַן אַלטען חסיד׳ישען ניגון, וועלכען ער האָט מיט צוועלף יאָהר צוריק צום ערשטען מאָל געהערט פֿון דעם „אַלטען" רבי׳נס, ר׳ שניאור זלמן ליאַדיער׳ס מויל, ביי אַ שלש־סעודות. ס׳איז געוועזען אַ שטילער שבתדיגער בין מנחה למעריב, דער העל־רויטער אָבשיין פֿון דער אונטערגעהענדער זון האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף די אויבערשטע שייבען פֿון פֿענסטער

אין אויף דעם הויכען רבינ'ס שטערן, און דער ניגון האט זיך ארויסגעגאסען פון רבינ'ס טיעפען הארץ און זיך אריינגעגאסען אין זיין הארץ אריין. און זייערע ביידענס הערצער האבען זיך צוזאמענגעבונדען אויף אייביג, — און ניטא אזא כח, וואס זאל אימשטאנד זיין איבערצורייסען דעם קשר, צוריק ארויסרייסען ביי איהם פון הארצען דאס, וואס דער רבי האט דעמאלט אין איהם איינגעפלאנצט.

דער רבי איז דאן געזעסען ביים טיש מיט א נידעריג אראפגעלאזטען קאפ, מיט שטייף צוזאמענגעדריקטע ברעמען, און אויף זיי, אויף די ברעגען פון אט די דאזיגע גרויע ברעמען, זענען צוויי גרויסע ריינע טרעהרען געהאנגען. ער האט געזונגען און געוויינט... צי האט ער געוויינט אויף זיין אייגענער שקיעה, אויף דאס לאנגע פערגאנגענע לעבען, וואס האט איהם גאר נישט געגעבען, הוץ א לאנגע און שטארקע גייסטיגע מלחמה פאר אלץ, וואס ביי איהם איז געווען הייליג, א מלחמה — אין וועלכער ער איז אין גשמיות געווען בעזיעגט, נאר אין רוחניות מנצח געווען האט ער? צי האט ער געוויינט אויף דעם גלות השכינה? צי האט ער געוויינט אויף זיין אייגענעם גלות, וואס ער געהט אוועק פון דער וועלט, איידער איהם איז געלונגען אנצוציגדען אין די הערצער פון זיין פאלק דעמזעלבען פונק, וועלכער ס'האט געברענט אין איהם, דעם פונק פון ברידערליכער ליעבשאפט צום לעבען, צום פרוודור, צו דער וועלט, דעם גייסט פון זיכען גאט דא, ביי זיך אין הארצען, און ניט נור אויבען, אין די ווייטע קאלטע הימלען?... צי האט ער זיך דערמאהנט אן די קייטען, אן די שווערע אייזערנע קייטען, אין וועלכע קנאה און שנאה האבען איהם איינגעשמידט, און פון וועלכע די שווערע וואונדען אויף זיינע פיס און דער טיעפער וועהטאג אין הארצען זענען נאך געבליבען ניט פערהיילט ביז'ן היינטיגען טאג?... ער האט געוויינט; שווערע, הייסע טרעהרען זענען איינע נאך דער אנדערער געפאלען אויף דעם העל-ווייסען טישטוך, און דער ניגון — א וויינענדיגער, א טרויעריגער, ווי א קאלטע הערבסט-נאכט, און אין דערזעלבער צייט א

הילע אין א פרעהליכע, ווי א פריהלינגס-פריהמארגען, מיט קורצע אפגעריסענע טרעלען — האט זיך געגאסען פון הארצען אלץ טיעפער און טיעפער, אריינדרינגענדיג אין די הערצער פון די ארומיגע...

און אלע האבען געזונגען, און אלעמענס געזאנג האט זיך צוזאמענגעגאסען מיט'ן געזאנג פון רבי'ן, אלץ העכער און העכער, שטארקער און שטארקער... ניין, דאס איז ניט געווען קיין זינגען, דאס איז געווען א תפילה, א תפילה זכה פאר'ן בורא עולם, פאר דעם, וואס זיצט ביי יעדער'ן טיעף אין הארצען, און פאר וועמען ס'איז ניטא קיין הויך און קיין נידעריג, פאר וועמען אלע זענען גלייך, אלע זענען ברידער, קינדער פון איין טאטען...

איצט האט זיך ר' ישעיה דערמאהנט דעם ניגון, און אויף זיינע לאנגע גרויע ברעמען האט זיך געוויזען א טרעהר, דיזעלבע טרעהר, וואס האט זיך דעמאלט צום ערשטען מאל באוויזען ביי איהם אין ביים רבי'ן...

פלוצלונג האט ער זיך א האפ געטהון, ברייט פונאנדערגעעפענט די אויגען און, ווי איבערבעטענדיג דעם עולם פאר זיין אונערווארטעטער טרעהר, וועלכע האט ניט געפאסט צו דער יום-טוב'דיגער שטימונג ארום און ניט צו דעם גרויסען לאנגען טיש, אונטער דעם שניי-ווייסען טישטוך, געדיכט באשטעלט מיט פארצעליי, גלאז, קריסטאל און זילבער, האט ער אנגעהויבען נאך שטארקער צו קלאפען מיט'ן האנד איבער'ן טיש, אויספיהרענדיג דעם סוף פון ניגון.

ער האט געזונגען מיט א הויכען שמאלען ביי-קול, און מיט אמאל האט ער זיך ארויסגעריסען פון טיש, אויפגעהויבען די רעכטע האנד, אוועקגעלעגט זי ר' שמריה'ן אויפ'ן אקסעל און האט אנגעהויבען ארומטאנצען מיט איהם איבער'ן צימער, טופענדיג מיט די פיס, אין לאנגע ווייסע זאקען און שווארצע פאנטאפעל, נאכ'ן טאקט פון ניגון.

זיין לאנגער שווערער איבער-בגד איז אראבגעהאנגען אויף איין ארבעל און האט זיך געשלעפט איבער דער פאדלאגע, רוישענדיג ווי א בלעך. דאס סובעלנע שטריימעל האט זיך פערריקט

ווייט אַהינטער, און אויפ'ן הויכען ווייסען איינגעקניטשטען שטערן זענען געבליבען הענגען גרויסע טראָפּען שוויים. זיין הויך און דין ביי-קול האָט געקלונגען הויך און הישענד איבער'ן גאַנצען צימער. ניט-אויפהערענדיג צו זינגען און צו טאַנצען, האָט ער אַ האַפּ גע-טהון יעקב הערש'ן, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסען פערטיעפט ביים טיש, האָט איהם אַ ציה געטהון צו זיך, מיט געוואַלד אַרויפגע-לעגט זיין האַנד צו זיך אויפ'ן אַקסעל און איהם גענויט צו טאַנצען צוזאַמען מיט איהם.

יאָמעלע האָט זיך שטילערהייד אויפגעהויבען פון טיש און, ווייט אַרומגעהענדיג דאָס אָרט אין מיטען שטוב, וואו די טענצער האָבען זיך געדרעהט, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין באָבע מירע.

מירע איז געזעסען אין אַ ברייטען ווייכען שטוהל נעבען פענ-סטער און האָט געקוקט אויפ'ן טאַנץ. אַ שטילער געלעכטער האָט זי שטאַרק געדריקט, און איהר שווערער דיקער קערפּער האָט זיך געוויעגט צוזאַמען מיט די קריזלעך פון איהר ברייט זיידענעם קלייד, מיט די לאַנגע ווייסע בענדער פון איהר העלען יום-טוב'-דיגען ציפּעק.

— האַ—האַ—חאַ! — האָט זי געלאַכט, פאַטשענדיג מיט די הענד, עטוואָס פערוואָרפען אַהינטער דעם קאָפּ, און פיער שנירלעך גרויסע פערל האָבען געבלאַנקט אויף איהר האַלז — האַ—האַ—חאַ! אָט אַזוי, אָט אַזוי, ר' ישעיה, ווי ביי אונז אין אַמאָליגע יאָהרען, האַ—האַ—חאַ! הירש, וואָס האָסטו זיך דאָרט אַוועקגעזעצט, ווי אַ ישיבה-בחור? טהו אַ קוק אויף ר' ישעיה'ן: דאַכט זיך עלטער פון דיר — און וואָס פאַר אַ טאַנצען! האַ—האַ—חאַ!... און איהר, פאַניע קיטין?

— שען, באָבינקע, שען! — האָט זיך אָבגערופען פון טיש אַ יונגער-מאַן אין אַ ווייכען, קיילעכדיגען הוט מיט ברייטע ראַנדען, פון הינטער וועלכע ס'האָבען אַרויסגעשטעקט געדיכטע שוואַרצע האָהר, אַ געקרייזעלט בערדיל אויף די באַקען און אויף די ריינע, ווי אויסגעראַזירטע, שמייכעלדיגע ליפּען.

ער איז נאָר-וואָס צוריקגעקומען פון אַ ווייטער רייזע און

האט זיך פערטיעפט מיט נתנ'ען אין א פאליטיש געשפרעך, וואס ביידען איז שווער געוועזען איבערצורייסען.

מירע האט אנגעהויבען נאך שטארקער ווי פריהער צו פאטשען מיט די הענד און דערמיט נאך מעהר אויפגעמונטערט אי זיך, אי דעם עולם.

דאס צווייטע קאפיטעל.

אין רעכטען מיטען טאנצען, בשעת ר׳ ישעיה האט הויך אויפגעהויבען די רעכטע האנד, נור ניט אויפהערענדיג צו טופען מיט די פיס און אנגעהויבען צו זינגען ראובן דעם חונים „שישו ושמחו״, איז אין צימער א נייע פערזאן אריינגעקומען.

דאס איז געוועזען דער שטאט־ראטמאן, יוזיק ציטולין. נעבען אים, נור א ביסעל אהינטער, איז געשטאנען זיין פרוי — א שענע וואקסיגע יודענע, אין א קורצער זיידענער טאלמע, אנגעטהון אויף איין ארבעל, און אין א הויכען סאמעטענעם ציפעק, רייך בעפוצט מיט לאנגע קווייטען און פעדערן.

יוזיק האט נור געמאכט איין־צוויי טריט, און ר׳ ישעיה האט אים שוין געהאפט פאר'ן האנד און אהן לאנגע הפורים אריינגעשלעפט אין רעדעל. אין א מינוט ארום האט זיך שוין יוזיק אויך געדרעהט אין ראד צוזאמען מיט אלעמען. זיין קלוג לעבהאפט פנים מיט דער פינאנדערגעבארשטענער, ברייטער, עטוואס געלער בארד, מיט די קורץ אונטערגעשניטענע צוגעגלעטע פאות, האבען אפיצען געוויזען, אז ער האלט איינגענטליך ניט פון אזוינע זאכען און איז דערפון זעהר ווייט. נור צוליעב ר׳ ישעיה'ן און צוליעב דעם בעל־הבית און צוליעב דעם היליגען יום־טוב איז ער אויך גרייט צו טהון דאס, וואס אלע טהוען, און וואס ער וואלט זיך אין אנ־אנדער צייט בשום אופן ניט ערלויבט.

ביים טהיר איז געבליבען שטעהן חנה די ראטמאנשע אליין, קוקענדיג מיט א שמייכעל אויף אלע, וואס פאסירט ארום איהר. ניט דערווארטענדיג זיך, ביז די מאנסבילען וועלען אויפהערען דאס

רעדעל, האָט זי זיך אַ לאָז געטהון איבער'ן צימער, פערשטעלענדיג מיט'ן שפּיץ פינגער דעם לינקען אויער, פון וועלכען ס'איז אראָבגעהאנגען אַ גרויס דימענטענעס אוירינגעל, כדי גרינגער אריבערצוטראָגען דעם טימעל.

אין מיטען צימער איז אַרויס עפּיס אַ צומישונג. יעקב הערש האָט זיך, טאנצענדיג, אָנגעשטויסען אויף הנה'ן און איז געבליבען שטעהן דערשראָקען נעבען איהר מיט צוגעמאכטע אויגען.

הנה האָט געוואוסט, אַז „דער מקובל" קוקט ניט אויף ווייבער און אַ שטיל געלעכטער איז דורכגעלאָפען איבער איהרע דיקע רויטע ליפּען.

ר' ישעיה האָט אַ ציה געטהון זיין זוהן פאַר'ן האַנד און האָט איהם ווידער אַריינגעשלעפּט אין רעדעל.

הנה האָט זיך אַ לאָז געטהון צו מירע'ן.

— גוט־יום־טוב, באָבינקע! — האָט זי זיך צו איהר אַ נויג געטהון, און דער גאָלדענער „פערמואַר" מיט אַ בלויען שטיין אין מיטען אויף אַ שמאָלען באַנד האָט אַ בלאַנק געטהון אויף איהר רעכטען מיטען שטערן, — גוט יום־טוב, באָבינקע! — אָ, אָט דאָס, פערשטעה איך, איז עפּיס יום־טוב'דיג! זעהט איהר, און מיר זענען אָבגעזעסען היינט אַ טאָג אין דער־היים און האָבען גאָר דעם יום־טוב אפילו נישט געזעהן. נור אין חער־פריה, נאָכ'ן דאַווענען זענען אַריין אויף אַ ווייל׳ע ר' בנימין, אָרליק, פּאָרליעקאַר, איצע בעלאַיעוו, מאַנוע יאָף און נאָך איינינע. אַייער לאַנגע, זאָל געזונד זיין, האָט זיך בעוויזען אויף אַ מינוט, עפּיס אַ שישקע געטהון זיך מיט מיין איטעלען און זענען צוזאַמען אַוועק שפּאַצירען, און מיר זענען ווידער געבליבען אַליין. וואָס זעהט מען עפּיס ניט בלאַווע'ן?

מירע האָט איהר אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל נעבען זיך, ביט אויפהערענדיג צו פערגעהן זיך אין איהר שטיל געלעכטער, און האָט מיט איהרע פייכטע אויגען געקוקט אויף דעם אַלטען ר' ישעיה'ן, וואָס האָט זיך קוים דערקליבען צום טיש, אַ פערמאַטערטער, אַ פערשוויצטער, קוים דעם אָטעם געהאַפּט.

— וואו־זשע איז פֿאַרט בלומע? — האָט ווידער אַמאָל אַ פֿרעגע געטהון חנה, אַ דרעה געטהון זיך אויפֿ'ן שטוהל און דער „פֿערמאַר" האָט ווידער אַמאָל אַ בלאַנק געטהון אויף איהר ווייסען שטערן.

— די מוהמע איז אַוועק אין קיך! — האָט, אַנשטאַט דער באָבען, געענטפֿערט יאַכנעלע, — דאָרט האָט זיך ביי דער קעכין עפּיס אַ מעשה געטראָפֿען.

— ביי איהר אויך? אַי, איהר ווייסט, באָבינקע, ס'איז שוין היינט אַזאַ טאָג. שטעלט זיך פֿאָר: איך זיץ מיר אַזוי בײַם טיש אין דער מיט אַמאָל פֿון קיך מורא'דיגע קולות; כ'גיעה אַריין און זעה דאָרט איז, שונאי ישראל, עפּיס אַ גאַנץ איבערקעהרעניש. אודאָטיע שטעהט אין ווינקעל, האַלט זיך פֿאַר די זײַטען און קײַכט פֿון געלעכטער, און ריבקע, נעבּיך, טאַנצט אַרום אייוועך מיט אַ קאָטשערע אין האַנד, קעהרט דאָס קעכעלע מיט דער זופּ, וואָס ס'האָט זיך איינגאַנצען אויסגעגאָסען בּיז'ן דעקל און איבערגעפּיהרט דאָס ענטעל מיט דער הוהן מיט'ן גאַנצען בכל־מכל... גוט נאָך, וואָס אין אַלמער'ל איז נאָך ביי מיר געשטאַנען אַ ביסעל אויפֿשניט, אַ קאַלטע צונג, וואורשט, צימעס־פֿלייש, אַז ניט וואָלט איך איינגאַנצען געבליבען הינטערשטעליג און וואָלטען ניט האָבען מיט וואָס מכבד צו זיין מיינע געסט.

אין טהיר האָט זיך בעוויזען בתיה'ן די קעכין, אַ רויטע, אַ פֿערהאָרעוועטע, אַ פֿערשוויצטע, מיט אַנ'איינטערגעקליבענעם שירץ; אין ביידע הענד — מיט הויך פֿערקאַשערטע אַרבעל — האָט זי געטראָגען אַ גרויסען טעלער מיט צוויי רויט־איינגעבראַטענע ענטלעך, שען בעפּיצט מיט אַרבעס און מיט מעהרען. הענע־מיכלע, די צווייטע קעכין, איז געגאַנגען גלייך נאָך איהר און האָט מיט פֿאַראַד געטראָגען, אויך אין ביידע הענד, עפּיס אַ שיסעלע מיט אַ געדיכטער העל־גרינער יויך, פֿון וועלכער ס'האָט זיך געהויבען אין דער הויך אַ קליין וואָלקענדעל פֿון פּאַרע; הינטער זיי איז גע־גאַנגען בלומע אַליין, זי האָט געקוקט אויף ביידע קעכינס, אויף וועלכע ס'איז היינט געשטאַנען די גאַנצע וועלט — וואָרום זיי

בײדע האָבען געדאַרפט אַרױסװײזען פאַר'ן עולם איהר בריה'שאַפט און געניטקײט אין הלכות הכנסת אורחים.

בתיה, מיט איהרע אױסגעשטעלטע הױלע עלענבױגענס, איז אַרומגעגאַנגען דעם טיש, אױסגעקליבען אַנ'אָרט אין רעכטען מיטען און האָט אַװעקגעשטעלט דאָס טעלער; נאָכדעם האָט זי אָבגעטראָגען אַ פּאָר טריט אַהינטער, אױסגעגלײכט דעם שירץ און אַ קוק געטהון אױף דער בעל-הבית'טע. סלאַװע האָט איהר אַ מאַך געטהון מיט'ן קאָפּ, געבענדיג איהר צו װיסען, אַז ס'איז אַלץ אין אָרדנונג, און בתיה, צוזאַמען מיט הענע-מיכלע'ן, האָבען זיך צופריעדען אַ לאָז געטהון צוריק אין קיך אַרײן. סלאַװע האָט שױן אַלײן אַװעקגעשטעלט די איבעריגע מאכלים אױף זײערע ערטער, און האָט ערשט איצט אַ קוק געטהון אױף די, װאָס זענען געזעסען אַרום טיש, און אױף הנה'ן, װאָס איז געזעסען אָן אַ זײט נעבען מירע'ן.

— װאָס האָט איהר זיך דאָרט אַװעקגעזעצט, הנה לעבען? קומט אַקאָרשט אַהער, נעהנטער צום טיש.

זי איז צוגעגאַנגען צו הנה'ן, גענומען די אונטער'ן האַנד און אַװעקגעזעצט בײם טיש. די אַלטע מירע האָט זיך אױך אױפגעהױבען פון אָרט, שװער צוגעגאַנגען צום טיש און אַװעקגעזעצט זיך נעבען הנה'ן.

סלאַװע האָט נאָכאַמאָל בעקוקט דעם גאַנצען טיש און איז, זיכר, געבליבען צופריעדען. אַלץ איז געװען אין אָרדנונג: די משקאות זענען געװען צושטעלט גראָד אַזױ װי מען דאַרף — די שטאַרקערע נעבען די מאַנסלײט, די שװאַכערע און זיסע — נעבען די װײבער. מיט די מאכלים איז אױך געװען אַזױ: „װײבערשער כבוד — אײנגעמאַכטס, טײגלעך, מאָנעלעך, פּאָמעראַנצען, געפּרעגעלטע מאַנדלען — דאָס אַלץ איז געשטאַנען פאַר די װײבער; מאַנסבילשער כבוד איז געשטאַנען אױף דעם אַנדער עק טיש דאָרט, װאו די מאַנסבילען זענען געזעסען.

און בלאַנקענדיג מיט איהר קלײן װײס הענדטעל און מיט די בריליאַנטען אױף איהרע װײסע, דינע פינגער, האָט זי פון גע-

שליפעלעם גראפין איינגעגאסען דריי הויכע קעלישקעס מיט עפּיס אַ געדיכטער, ברוינער „נאַליווקע": איינעם פאַר דעם גאַסט, איינעם פאַר זיך און איינעם פאַר דער מאַמען.

— לחיים, מאַנסביל! — האָט זי אַ געשריי געטהון הויך איבערן טיש, — לחיים! שעמען מעגט איהר זיך, אַז מיר, ווייבער, דאַרפען אייך לערנען. ראַטמאַן, פעטער יוזיק! וואָס האָט איהר זיך דאָרטען פערנומען מיט פּאָליטיק? ווייטער ער, אייער באַראַנאָוו, מיט מאָרדווינאָוו'ן, מיט האָוואַנסקי'ן, און ווייטער מאָרדווינאָוו, און ווידער האָוואַנסקי! טפוי, אויף שונאי ישראל! ניט שוין-זשע איז אויף דער וועלט מעהר קיינער ניטאָ, אַחוץ אייער האָוואַנסקי מיט זיינע גזירות? לחיים!...

זי האָט צוגעטראָגען איהר קעלישעק צו איהרע אויסגעטאָקטע ליפען, עטוואָס צוגעריהרט זיך צו זיי, אַ קווייטש געטהון זיך, געוואָ-רען רויט און צוריק איהם אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש.

— אָט וועט „מיין האָוואַנסקי" נעהמען און וועט פערווערהען די יודען פון זיין גובערניע ניט נור האַנדלען מיט משקה, נאָר אפילו טרינקען זיי אויך — וואָס וועט איהר דעמאָלט טהון? אַ? — האָט יוזיק אַ לאַך געטהון, ווייזענדיג צוויי ראַנדען שטאַרקע ווייסע צייהן.

— וואָס וועלען מיר דעמאָלט טהון? — האָט זיך אָפּגערופען חנה, — מילא, וועט מען ניט טאָרען טרינקען, וועלען מיר טונקען. די ווייסט דאָך, אַז מיר, ווייבער, טרינקען ניט, מיר טונקען, נאָר געשקשה, הלואי ווייטער, נישט צו פערזינדיגען: סלאַווע, זאָל געזונד זיין, האָט אַזאַ פּראָשעק, וואָס אַז מען שיט איהם אַריין אין טאָרט, ווערט פון איהם אַ מין שוואָס, וואָס מ'פערשפּאָרט שוין גאָר צו טרינקען...

— אמת, אמת, חנה'לע — און לאָמיר טאַקע טונקען, — האָט זיך פרעהליך סלאַווע אָפּגערופען און האָט צוגערוקט נעהנטער צו חנה'ן אַ געפלאָכטען זילבערן קערבעל מיט גרויסע שטיקער ווייסען און ווייכען טאָרט.

— על כל פנים, ביז וואַנען די גזירה איז נאָך פון האָ-

וואַנכקי'ן ניט אַרוּם, טאָ לאָמיר נעהמען צו בּיסלעך. לחיים! לחיים, ברידער! לחיים!

— לחיים טובים ולשלום!

בּיים טיש איז אַלץ געוואָרען געהויבּענער און יום־טוב'דיגער, מ'האָט אָפטער ווי פריהער געמאַכט לחיים; דעכער זענען גע־וואָרען די קולות אַרום טיש, און די יום־טוב'דיגע שטימונג, וואָס האָט פון אין־דער־פריה אָן געהערשט אין הויז, איז איצט, צום אויסגאַנג פון טאָג, געוואָרען נאָך שאַרפער און נאָך לעבּעדיגער, גלייך ווי זי וואָלט זיך מיט אַ כיון שטאַרקען גיט אָבצוטרעטען דעם פלאַץ אירען דעם וואָכענדיגען אומעט, וואָס איז שוין גע־שטאַנען בּיי דער טהיר, כדי צו בּעהערשען די שטוב באַלד, ווי מ'וועט נור קומען די נאַכט.

אויף די טרויעריגע איבּערשטע שויבּען פון פענסטער האָט זיך אָנגעהויבּען אָבצושפּיגלען דער רויטליכער אָבשיין פון דער פערגעהענדער זון. זיי האָבּען דערמאָהנט די, וואָס זענען דאָ גע־זעסען, אַז דער טאָג פון שמחה, וועלכען גאָט האָט יודען גע־שענקט, אויף משמחה צו זיין זיך מיט זיין הייליגער תורה, געהט שוין פאַרבּיי, — און אָט באַלד, נאָך אין איינינע מינוט אַרום, וועט אָט דאָס דאָזיגע דינען דעם רבונו של עולם דורך שמחה פערבּיטען ווערען מיט אַ לאַנגזאַם, ערנסט און שווער דינען דעם־זעלבּען רבונו של עולם דורך אַרבּייט און דאגת פרנסה. נור בּיז וואַנען אָט די דאָזיגע צייט איז נאָך ניט געקומען, און בּיז וואַנען די זון, די יום־טוב'דיגע זון, האָט נאָך מיט אירע לעצטע שטראַהלען געשפּיעלט אויפ'ן הויכען קאַרניז פון דעם ווייסען קאַכעל־אויווען, זענען די קעלישקעס מיט די משקאות נאָך לעבּע־דיגער ווי פריהער געגאַנגען פון האַנד צו האַנד, און נאָך העכער ווי פריהער האָבּען געקלינגען פון אַלע זייטען די „לחיים'ס" און דער פרעהליכער געלעכטער, און צוזאַמענגיסענדיג זיך מיט דעם קלינגען פון די טעלער און מעסער־גאָפּעל, האָבּען זיך די קולות אַרויסגעריסען דרויסען און זיך אויסגעטראָגען ווייט אַרום דעם הויכען דריי־גאָרנדיגען מויער, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן ווינקעל

פון צוויי זאַכען און איז געווען בעוואוסט אין גאַנץ שטאָדט מיט'ן נאָמען: שמריה דעם גרויסענ'ס מייער.

די טהיר פון פאָרהויז האָט זיך ווידער געעפענט און אין שטוב איז אַריינגעפאַלען אַ גרויסער עולם מענשען.

העכער פון אַלעמען האָט זיך אַרויסגעוועהן חיים הריפון, — אַ מלמד מיט אַ לאַנגער באָרד, אין גרויסע צושויבערטע פאות, אין זיין לאַנגער אַרויסגעריסענער זשופּעצע, פונאַנדערגעשפּילעט, און אין גרויסע צוריסענע שטיוועל. ער האָט זיך געטופּעט אויף איין אָרט ביי דער טהיר און פון זיין מויל האָבען זיך אַרויסגעריסען און שווער אַראָפּגעפאַלען משונה׳דיגע טענער פון אַ חזנ׳ישען „תקנת שבת“; נאָטע פּרידישצער, — אַ קליינער, וואוקסיגער, אָבער אַ געזונדטער יוד מיט פייערדיגע אויגען, אין אַנ׳אויפגעדרעהטען פעלץ אין אַ גרויס פּויערש היטעל אויפ'ן קאָפּ, האָט זיך געדרעהט אַרום מלמד און האָט אונטערגעשטופּט אברהם גלושקאָוו׳ן, שמריה׳ס נאַכט-שומר, וואָס האָט זיך שטעמפּעדיג געהאַלטען הינטער, אַלץ נעהנטער צו דער טהיר. און פאָראויס, שלייערנדיג זיך און שטופּענדיג אַלעמען, האָט זיך געדרעהט אַנ׳אַרומגעריבענע, אַ שוואַרצע גויע, מיט בלויע ליפּען און רויטע, איינגעפאַלענע, פערשוואַרצטע אויגען. דאָס איז געווען מאַריאַ, — אַ וואַסער-טרעגערין און אַ בעטלערקע, וואָס האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ בן-בית דאָ אין שטוב גלייך ווי אין אַלע אַנדערע יודישע הייזער פון שטאָדט.

די דאָזן זיך געדרעהט אין רעכטען מיטען צימער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און הויך אויפגעהויבען איהרע צוריסענע, פערשמוצטע מיטען קליידעל, און ס'האָבען זיך אַרויסגעוויזען איהרע הויכע יונ׳ישע שטיוועל; פון אונטער׳ן פּויעם האָט ביי איהר אַרויסגעשטאַרצט אַ בלעשיל בראַנפען, פערשטעקט מיט אַ פּאַפּיר, אַנ׳עק פון אַ יום-טוב׳דיגער חלה, אַ ביסעל פון אַ גאַנז, און אַלץ, וואָס איז איהר שוין ניט געקראָכען אין איהר שפּיר׳ן האַלז אַריין.

— אל תירא עבדי יעקב! — האָט זי געזונגען מיט אַ הייזעריג, בעזאָפען קול, וואַקעלענדיג זיך ביים סאַמע טיש און קוקענדיג מיט העזה אַלעמען אין די אויגען אַריין.

— אל תירא עבדי יעקב! — האָט זי איבערגעחזרט, גראָד אויסריידענדיג יעדעס וואָרט:

ניע פּוגאיסיאַ, באַרין יאַקאָב,
ניעט, ניעט, ניטשעוואָ,
ניע באָיסיאַ ניקאַוואָ,
קראָמע באָגאַ אַדנאַוואָ!

אין אַ דרעה טהוענדיג זיך אַהינטער איבין קנאַפּעל, האָט זי פּלוצלונג אַרומגעחאַפּט חיימ'ן פֿאַר ביידע פּלייצעס, צוגעצויגען איהם צו זיך און הילכיג אַ קוש געטהון איהם אין באָרד.

אַ הויכער געלעכטער האָט אַרויסגעשאָסען ביי אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום און וואָס האָבען ביסלעכווייז פֿיל געמאַכט דאָס צימער, די קיך און די הינטערשטע צימערן.

פּאַשאַ, אַ הויכע, אַ יונגע קריסטין, אַ דיענערין, האָט הויך געלאַכט מיט איהר הילכיג יונג געלעכטער, צודריקענדיג זיך צו דער גראָבער שוואַרצער בתיה'ן און וואַרפענדיג דערביי ליעבליכע אויגען אויף דעם קוטשער פילקע'ן, וואָס האָט זיך בענוצט מיט'ן טיכעל און שטאַרק געדריקט אין זיין גרויסער קאַלטער האַנד העניע-מיכלע'ס קליין הענדטיל, צוציהענדיג זי אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו זיך.

— חאַ-חאַ-חאַ! — האָט ער ברייט געלאַכט מיט'ן גאַנצען מויל, דריקענדיג העניע-מיכלע'ס האַנד — חאַ-חאַ-חאַ! טערענטיעוואַ! טערענטיעוואַ! וואָס זאַגסטו אויף איהר! חאַ-חאַ-חאַ... נו, הרזפּונשאַ! — האָט ער מיט אַמאָל ערנסט אַ געשריי געטהון — גענוג! דאָ איז פֿאַר דיר קיין אָרט ניט! קלויב זיך אַקאָרשט אַוועק מיט דיין הריפון וואו עס איז אין אַנאַנדער אָרט, דאָ טאָר מען זיך ניט נאַריש מאַכען.

ער האָט זי אָנגענומען פֿאַר ביידע אַקסלען און האָט זי אַרויסגעשטויסען פֿון טהיר מיט אַלע איבעריגע, וואָס האָבען אָנגעפילט דאָס פֿאָרהויז.

דער עולם איז מיט אַ געשריי אַרויס דרויסען און באַלד זיינען זייערע קולות פֿערשוואונדען געוואָרען אין דער קאַלטער פֿינסטערניש פֿון דער הערבסט-נאַכט.

דאס דריטע קאפיטעל.

רב ישעיה האָט אָפּגעזאָגט די ברכה אחרונה, אַ קוק געטהון אין פענסטער און האָט זיך אַנ׳איל געטהון. די זון איז פערגאַנגען און אין גרויסען עס-צימער איז געוואָרען טונקעל, ס׳איז געקומען די צייט פון מעריב, און רב ישעיה האָט געוואוסט, אַז אין „זיין מנין", אין דעם חסיד׳ישען מנין, וואָס האָט זיך ניט לאַנג אויסגעטיילט פון דער גרויסער מתנגד׳ישער שוהל אין וואו ער איז געוועזען גבאי, וואַרט מען אויף איהם און אָהן איהם וועט מען זיך ניט שטעלען דאַוונען.

ער האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט שמריה׳ן, אַ וואונש געטהון אַלעמען אַ גוט-יאָהר, האָט אַ שמיר געטהון מיט׳ן האַנד די מזוזה און האָט זיך גיך אַ לאָז געטהון פון צימער, צוזאַמען מיט יוזיק צייטלין און נתן בערלין.

קיסין איז אַריבער אין דערביי׳איגען שמריה׳ס קאַבינעט, וועלכען קיסין האָט פערנומען אויף איניגע טעג נאָך זיין לעצטען קומען פון וועג. ער האָט זיך אָנגעהויבען גריבלען אין זיין גרויסען לעדערנעם טשעמאָדאַן און האָט אָנגעהויבען צו צוגרייטען די פאַפירען, מיט די חשבונות, וואָס ער וועט באַלד דאַרפען צושטעלען דעם בעל-הבית. חנה׳ן האָט סלאַווע אַוועקגעפיהרט צו זיך אין שלאָף-צימער, האָט זי אַוועקגעזעצט, אַזוי ווי זי איז געווען, אין קאַטינקע, מיט די בענדער און פעדערן, צו זיך אין איהר ברייט-איינגעשלאָגענעם בעט. דאָ האָט זי מיט איהר פערפיהרט איינס פון יענע געשפרעכען, פאַר וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט געפונען קיין בעסער אָרט, ווי ביי זיך אין בעט.

אין עס-צימער איז ביסלעכווייז געוואָרען שטיל און ליידיג. ביים פענסטער האָט זיך נור געזעהן רב שמריה׳ס רוקען, — ער איז געשטאַנען שמונה-עשרה; ביי דעם צווייטען פענסטער האָט זיך געזעהן מירע׳ס קאָפּ, מיט׳ן גרויסען ווייסען צופיק, וואָס האָט זיך אויך שטיל געשאָקעלט; זי איז ווידער געזעסען אויף איהר שטוהל נעבען פענסטער, געריבען די שפיץ פינגער אָן דער לייכט

פערפראָרענער שויב, אין שטיל, מיט אידר אייגענעם אַלטען ניגון — ווי זי האָט דאָס געטהון אין משך פון איבער פופציג יאָהר — האָט זי געזאָגט דעם „המבדיל".

יאָכעלע האָט זיך צוגעטוליעט אין ווינקעל, צווישען אייוען און צווישען אַלמער, דאָרט, וואו ס'איז אויף דער וואַנד געהאַנגען דעם פעטער שמריה'ס גרויסער שאָפּען־פוטער. ער האָט זיך אַליין טיעפער און טיעפער איינגעגראָבען מיט'ן פנים, מיט דער נאָז, מיט די אויגען אין'ם פוטער, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט זוכען עפּיס אַ בעדעלטעניש פון דעם אומעט און פערצווייפלונג, וועלכע ס'האָט געדריקט זיין פעריתומ'ט, קינדערש הארץ.

ער האָט בכלל מורא געהאַט פאַר אַ בין־מנחה־למעריב, פאַר אַ שטילען פאַר־נאַכט, בעזונדערס אָבער פלעגט איהם שרעקען אַ שבת'דיגער פאַר־נאַכט, אָדער אַ מוצאי־יום־טוב'דיגער — די צייט, ווען ס'געהט אַוועק דער ליכטיגער, פרעהליכער טאָג פון יום־טוב און ס'קומט דאָס קאַלטע, פערזאָרגטע, וואָכעדיגע לעבען, מיט זיין געשריי, מיט זיין טומעל און הו־האַ, וואָס פערחאַפּט און ציהט אַריין אין זיך אַלע יענע, וואָס זענען איהם טייער, און וואָס רייסט איהם אָב פון זיין מוטער, פון זיינע פעטערס, פון דער באָבע מירען און פערלאָזט איהם אויף אַ גאַנצע וואָך איינעם אַליין מיט זיינע שאלות, מיט זיין פערצווייפלונג, מיט זיין אומעט.

ס'איז אָבער געווען נאָך אַ סבה, פאַרוואָס די שעה פון מוצאי שבת אָדער מוצאי יום־טוב פלעגט ביי איהם יעדעס מאָל אַרויסרופען אַ שווער געפיהל. ער האָט געוואוסט, אַז שבת און יום־טוב איז אַ טאָג פון רוה, נישט נור דאָ, אויף דער וועלט, נאָר אויך דאָרט, אין די הימלען — אויף דער אמת'ער וועלט, וואו ס'געפינען זיך די נשמות פון די געשטאָרבענע, און וואו עס זיצט אויך זיין פערשטאָרבענער פאָטער, רב זונדעל ברבי מאיר, פאַר וועמעס נשמה ער בעט גאָט יעדעס מאָל, ווען ער בלייבט נור אַליין אין צימער. ער האָט געוואוסט, אַז אין די טעג ווייסען ניט די מתים פון חבוט הקבר. דער גיהנום איז פערמאַכט און זיינע פייע־

װאַינער רודען, אָבער װי נור סקומט אָן דער פאַר-נאַכט, איפּן הימעל צינדען זיך אָן די שטערען, אין שוהל דאַװענט מען אָב מעריב און מ'זאָגט אָב דעם לעצטען קדיש יתום, עפענען זיך צוריק די טירען פון גיהנום, און די מתים, װאָס האָבען נאָך אָקאָרשט הנאה געהאַט פון עונג שבת, הייבען װידער אַמאָל אָן ליידען חבוט הקבר...

װער האָט דאָס איהם דערצעהלט, פון װעמען האָט ער דאָס געהערט? — צי אין חדר, עפּיס אין אַ װינטערדיגען בין-מנחה-למעריב, בשעת די חדר-יונגלעך שלאָגען זיך צונויף אין אַ װינ-קעלע נעבען אייװען און דערצעהלען איינע די אַנדערע מעשיות, פון װעלכע ביי איהם שטעלען זיך קאַפּויער די האָהר איפּן קאָפּ און אַ פראָסט לויפט דורך חורך אַלע זיינע ביינער, צי פון די ישיבה-בחורים, װאָס נעכטיגען אין קאָלפּאַקיער מנין ביי דער הויכער שוהל, אָדער די אַלטע ניאַניאַ פּראָקאָפּעװנאַ האָט דאָס איהם דערצעהלט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, בשעת ער פלעגט זיך דרעדען און קערען ביי זיך אין בעטיל, זוכענדיג אַ מיטעל געגען זיין אומרוהיגען שלאָף? נאָר דער געדאַנק האָט אין איהם שטענדיג געלעבט און קיינמאָל פלעגט איהם דאָס הערצעל ניט קלאַפּען מיט אַזאַ שװערען, אומעטיגען װעדטאָג, װי אין אַ מוצאי שבת, אָדער מוצאי יום-טוב.

יאָסעלע איז נאָך אַליין געשטאַנען אײנגעבויגט ביי זיך אין װינקעל, אײנגעראָבענדיג זיך אַליין טיעפער און טיעפער אין פוטער, גלייך װי ער װאָלט דאָרט זוכען אַנ'אָרט צו באַהאַלטען זיך פון זיינע רעיונות.

גלייך געגען איהם, ניט אַראָבלאָזענדיג פון איהם זיין שאַרפען קוק, איז געשטאַנען זיין טויטער פאָטער און אויף זיינע בלאַסע צוזאַמענגעדריקטע ליפּען איז געװען אָנגעצייכענט עפּיס אַ מין בקשה, אַ דיינע בקשה צו איהם, צו יאָסעלע'ן (װאָרים אויב ער ליידט יאָ חבוט הקבר, איז פאַר װעמעס זינד, װען ניט פאַר מיינע? — האָט יאָסעלע אַקלער געטהון), ער זאָל זעהן װי װייט מעגליך מעכב צו זיין, פערהאַלטען דעם טאָג, אָבציהען די שװאַרצע שרעקליכע

נאַכט... אָבער דער זייגער, הויך איבער זיין קאָפּ, אויף יענער זייט אַלמער, האָט אָהן רחמנות געקלאַפּט, געטיקעט, געטריבען די צייט אַלץ העכער און העכער, אָנזאָגענדיג די לעבעדיגע, אַז די נאַכט גייט, די נאַכט קומט. די באָבע מירע האָט שוין געהאַלטען ביי ענדיגען איהר „המבדיל", נאָר דער פעטער שמריה האָט זיך נאָך ווי פריהער געשאָקעלט ביים פענסטער. ער איז נאָך ניט אויסגעשטאַנען קיין שמונה־עשרה און יאָסעלע האָט געוואוסט, אַז כל־זמן ער דאַוונט, איז נאָך דער יום־טוב ניט אַוועק, און דאָס האָט איהם נאָך אַ ביסעל בערוהיגט.

נאָר אָט האָט זיך דורך דער עטוואָס צוגעמאַכטער טהיר אַריינגעריסען אין פינסטערן צימער אַ פּאַס ליכט פון קיך און האָט דאָס צימער ווי צעטיילט אויף העלפט. דער פעטער שמריה האָט אָפּגעטראָטען דריי טריט אַהינטער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט, זיך אַ ניג געטהון אין אַלע דריי זייטען, דערזאָגענדיג שטיל די לעצטע פסוקים... רבונו של עולם, צו וואָס האָט ער זיך אַזוי געאיילט?...

— אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָהר! — האָט שמריה אַ געשריי געטהון, אויפקעהרענדיג זיך פון וואַנד, — און אין דערזעלבער מינוט האָט יאָסעלע אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין.

מירע האָט זיך דערשראָקען אַ קעהר געטהון אַהין, פון וואַנען דאָס געוויין האָט זיך געהערט. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און אַוועק זוכען יאָסעלען אין דער פינסטער.

— וואָס איז מיט דיר, יאָסינקע? — האָט זי איהם אָנגעהויבען אַרומצוטאַפּען, — וואָס וויינסטו? דיר טהוט עפּיס וועה?

— ניין, באָבינקע, גאָרנישט...

ער האָט אַ שמייכעל געטהון און געשווינד אָפּגעווישט די טרעהרען, וואָס זענען איהם געשטאַנען אין די אויגען.

— גאָט איז מיט דיר, קינד מיינס, מ'טאָר ניט וויינען אויף אַ פולער וואָך... גאָט וועט אונז אַלעמען צושיקען אַ גוט יאָהר, דיין מאַמע וועט פערדיענען פיעל געלד, דו וועסט זיין געזונד און וועסט וואויל לערנען ביי דיין נייעם רבי'ן. אמת, יאָסינקע?

— יאָ—יאָ! — האָט זיך יאָסעלע אַ צאַפּעל געטהון מיט'ן

גאַנצען קערפּער און דאָס הערצעל האָט בײַ איהם נאָך שטאַרקער פערקלעמט.

— ווייסטו וואָס, יאָסעלע, האַלט מיר אַקאָרשט צו די הבדלה, — האָט צו איהם פרעהליך אַזאָג געטהון דער פעטער שמריה און האָט אַרויסגענומען פון הינטערן שפּיגעל אַגרויסע, געפלאָכטענע הבדלה-ליכט, — וועסטו זי הויך האַלטען, וועסטו בעקומען אַ הויכע כלה, — רעכט?

יאָסעלע האָט מיט שמחה אָנגענומען די ליכט, וואָס האָט אַזוי גוט געשמעקט מיט וואַקס, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבען פעטער.

— און איצט גאָה, צינה זי אָן אין קוך, און, אגב, זאָלסטו זיי טאָקע אַלעמען אַרויף טהון אַהער, — וואָרום בתיה קאָן נאָך בלייבען אָהן הבדלה און וועט ביז מיטוואָך ניט וועלען טהון קיין דאַנה אין קאַלט וואַסער. גאָה אַקאָרשט, רוף זיי אַהער

יאָסעלע האָט זיך אַלאָז געטהון אין קוך און אין אַמינוט אַרום געקומען צוריק, האַלטענדיג הויך איבער'ן קאָפּ די הבדלה-ליכט, וואָס האָט געברענט מיט אַלע אַכט פייערלעך. הינטער איהם איז געגאַנגען בתיה, הענע-מיכלע און פראַסקאָוויאַ, וואָס האָט אויך געהאַלטען פאַר אַחוב אָפּצוהיטען די קלענסטע יודישע מנהגים, צו וועלכע זי האָט זיך פון קינדהייט אָן צוגעוואָהנט, אויסוואַקסענדיג דאָ אין שטוב.

ר' שמריה האָט אָנגעגאָסען אַגרויסען כוס וויין, פול ביז איבער די ברעגען, האָט איהם גענומען אין דער רעכטער האַנד און האָט אָנגעהויבען הויך, מיט'ן נגון זאָגען: הנה אל ישועתי.

די ווייבער, צווישען זיי אויך סלאַווע און חנה, וואָס זענען געקומען פון שלאָף-צימער, האָבען נאָכגעזאָגט נאָך איהם יעדעס וואָרט, פינקלענדיג דערביי מיט די אויגען, וואָס זענען נאָך ניט געווען צוגעוואָהנט צום ליכט.

צום „בורא מאורי האש" האָט ר' שמריה צוגעטראָגען צום פייער די פינגער, און קוזין, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ ווײַלע פון קאַבינעט, האָט אויך געטהון דאָסעלבע און האָט דערביי זעהר

ערנסט בעטראכט זיינע גוט אויסגעפוצטע נעגעל, וועלכע ער האט געטראגען. מעשה פראנט, עטוואס לענגער ווי מ'האט געדארפט. ער האט מיט אונגעדולד געווארט ביז דער בעל־הבית וועט ענדיגען הבדלה מאכען און זיי וועלען זיך ביידע קאנען נעהמען צו דער ארבייט, וואס דאט זיך איבער יום־טוב אנגעקליבען זעהר פיעל.

די הבדלה האט זיך געענדיגט; ר' שמריה האט אבגעזאגט „בורא מיני בשמים", צוגעטראגען צו דער נאז דעם הויכען זילבערנעם הדס, אנגעשמעקט זיך און אוועקגעשטעלט צוריק אויף זיין ארט, אבגעטרונקען פון כוס מעהר ווי א העלפט און דאס איבעריגע אויסגעגאסען אויפ'ן טאץ. יאסעלע האט געשווינד פערלאשען די הבדלה אין דעם אויסגעגאסענעם וויין.

אין צימער האבען זיך אלע גענומען צו דער ארבייט.

פאשא האט זיך ארויסגעקליבען אויף א טאבורעט און האט אנגעצונדען אין גרויסען מעשענעם הענג־לייכטער עטליכע דיקע חלב'ענע ליכט. בתיה, מיט הענע־מיכלען האבען אנגעהויבען צו צונעהמען פון טיש, אבטיילענדיג די גלעזערנע כלים באזונדער און דעם זילבער באזונדער. ר' שמריה איז אוועק אין קאבינעט, האט ארויסגענומען פון זיך דעם שווארצען לאנגען ראק, אנגעטהון א חאלאט און האט זיך אוועקגעזעצט אין זיין ברייטען שטוהל ביים שרייב־טיש. קוסין האט איהם דערלאנגט די בריעף מיט די פאפירען, וואס האבען זיך אנגעקליבען פאר די דריי טעג יום־טוב, און באלד טאקע האט זיך פון צימער דערהערט דאס קלאפען פון גרויסען הילצערנעם „שטשאטי" און דאס סקריפען פון דער גרויסער געגוזענער פעדער ביי ר' שמריה'ן אין האנד.

חנה האט זיך אנגעהויבען איילען אהיים און געזעגענען זיך מיט מירע'ן.

— וואס איילסטו זיך, חנה'לע? — האט זי סלאווע אנגעהויבען אבצוהאלטען, ניט אבטרעטענדיג פון שאפע, וואו זי האט פארזיכטיג צושטעלט אויף דער אייבערשטער פאליצע, ארומגעשלאגען מיט רויטע פאפיר, די גלעזערנע און פארצעלייענע כלים,—

זײן נאָך אַ הײַלע: מיר האָבען זיך דאָך כמעט ניט דורכגערעדט.

— נישטאָ קײן צײַט, מײַן טײַערע; אין דער־הײם איז כמעט קײנער ניט געבליבען, און מאָרגען איז דאָך דער יריד, דו ווײסט דאָך, און איך בין נאָך גאָרניט פֿאַרטיג.

— אָבער ניט דו פֿאָהרסט דאָך אױפֿ'ן יריד?

— ניט איך, און דאָך דאַרף מען אױף אַלע׳ן אַכטונג געבען, אַלע׳ן דורכמאַכען אַלײן מיט די אײגענע הענד; אָהן מיר וועלען זײ האָרט אַלע פֿערפֿאַלען ווערען.

— איך ווײס, איך ווײס, אַז דו ביזט בײַ אונז, קײן עין הרע, אַן אשת חיל. מײַנער וואַרפֿט דאָס מיר אױך אױף: אָט, זאָגט ער, זעה, וואָסערע געשעפֿטען זי טהוט אױף, דעם גאַנצען מאַניסמיראָט פֿיהרט זי פֿאַר דער נאָז.

זי האָט צוגעמאַכט דעם שאַפֿ און צװײ מאָל אַ דרעה געטהון דעם שליסעל.

— אָט וואָס איך װעל דיר אַ בעט טהון, חנה׳לע: דו וועסט זיך אפֿשר מטריח זײן נעהמען מיט זיך יאָסעלע׳ן? בײַ מיר זענען אַלע בערנימען און איך האָב איהם ניט מיט וועמען אָבצושיקען. דערפֿיהר איהם ביז דער־הײם אָדער פֿערפֿיהר איהם גלײַך אין קראָם; רבקה איז שױן מסתמא האָרט; זי איז דאָך בײַ אונז אױך פֿון די בריות.

— נײן, די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט הײַנט אין קראָם ניט געהן, — האָט זיך יאָסעלע אַרײַנגעמישט, — אָבער איך האָב קײן מורא ניט; איך װעל אַלײן געהן, נישקשה.

— דו האָסט קײן מורא ניט? זאָג מיר אָבער, יאָסעלע, װער היט עס אָן דער ערשטער צו װײנען פֿאַר־נאַכט, אַז איהם נור מען צינדט ניט אָן אַזױ גיך די ליכט? אַ?... נו, נו, איך לאַך—האָט זי זיך אַ חאַפּ געטהון און האָט אָנגעהױבען אָנצוטהון איהם דאָס קורצע מאַנטעלע און פֿאַרמבינדען מיט אַ װאָלענע שאַלכעל.

— זעה, יאַכעלע, זאָלסט זיך ניט פֿונאַנדערשפּילען, וועסט זיך, חלילה, פֿערקיהלען. און זאָג דער מאַמען, אַז מיר זענען אויף איהר ברוגז: דעם גאַנצען טאָג האָבען מיר אויף איהר געוואַרט און זי איז ניט געקומען.

זי האָט איהם אַ קוש געטהון אין שטערן, האָט זיך צו־קושט מיט חנה'ן און האָט זיי בעגלייט ביז צו דער טהיר.

ס'איז געשטאַנען אַ העלע, קאַלטע הערבסט־נאַכט; די לבנה האָט נאָר־וואָס אַרויסגעקוקט פֿון הינטער דעם שמאָלען, שפּיציגען דאַך פֿון דער גרויסער שוהל, וואָס האָט זיך הויך געצויגען אין הימעל אַריין, האָט זיך דורכגעשלאָגען דורך די הויכע סלופּעס, וואָס מ'האָט נאָך ניט געהאַט אויעקגענומען פֿון דעם הויכען אוניאַטישען קלויסטער, פֿון דעם „הייליגען גייסט"—וואָס מ'האָט נאָר־וואָס געענדיגט בויען האַרט נעבען שוהל—און האָט אָנגע־הויבען צו שפּיעלען אויף דעם הויכען אייזערנעם שפּיץ פֿון דעם אַלטען ראַטה־הויז, וואָס איז געשטאַנען אין רעכטען מיטען מאַרק.

די טויערן זענען געווען אָפּען. גרויסע וועגען מיט סחורה, וואָס זענען צוליעב יום־טוב אָבגעשטאַנען אויף יענער זייט טויער דעם גאַנצען טאָג, האָבען אָנגעהויבען אַרויסצופאָהרען אויפ'ן הויף איינער נאָך דעם אַנדערן. דאָ איז געווען פֿלאַקס, ליין, זוימען, וואָס פֿליעגען אָנפֿילען ביז אין דער הויך די הויכע דריי־גאָרנדיגע שפּייכלער, וואָס האָבען זיך געצויגען אין צוויי שורות אויפ'ן צווייטען הויף; דאָ פֿלעגט מען עס אויסאַרבייטען, איבערפּאַקען, טיילען און צוריקפֿיהרען פֿון טויער—אָדער לינקס, אויף סמאָ־לענסקער טראַקט, קיין פּאָריעטש, סמאָלענסק און וויאַזמע, אָדער רעכטס—אויף פּעטערבורגער טראַקט, קיין נעוועל, אָפּאָטשקע, פּסקאָוו. אין הערבסט און זומער, בשעת די דווינע פֿלעגט זיך עפֿענען, פֿלעגט די סחורה געהן אויפ'ן וואַסער קיין וויטעבסק, פּאָלאָצק, דינענבורג און ריגאַ. און גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט פֿלעגען דאָ רוישען די זוימען־שיטער, און דער אָבקלאַנג פֿון דעם גערויש פֿלעגט הויך און ווייט שטעהן אַרום און אַרום; הונדערטער אַר־בייטער האָבען פֿון אין דער־פֿריה ביז אויף דער־נאַכט געטרעפּעלט

דעם פלאקם מיט גרויסע הילצערנע מעסערס, — און געריכטע וואל-קענס פון שטויב זענען געשטאנען הויך איבער זייערע קעפּ, אראפּ-געפאלען אויף זייערע האָהר, אויף זייערע פּנימ׳ער, אויף די הארטע אויסגעטריקענטע ליפּען, אויף דער פּאָדלאָגע, אויף די ווענד, אויפ׳ן באלקען, אויף די שפּינוועבס, אין די ווינקעלעך, אויף די טהירען, פענסטער און העכער, העכער אויף די קוימענס, אויף די שטאנגען, אויפ׳ן היקען פון דאך. גאנצע בערג מיט קלאָטשע פלעגט יעדע וואך בעדעקען דעם הויף און יעדע וואך אראָבגעפיהרט ווערען צום ברעג טייך, כדי אָבצוריינגען אויפ׳ן הויף אַנ׳אָרט פאר נייע בערג. די משרתים פלעגען איבערגעהן פון איין שפייכלער אין צווייטען, אומעטום געפינען, וואָס צו טהון, אומעטום געפינען אר-בייט; יעדער האָט געטהון זיינס, איינער האָט ניט געשטערט דעם צווייטען. די מאשין, וועלכע עמיצער האָט עפּים אוועקגעלאָזען, איז געגאנגען אלין פאראויס, אָהן אנ׳אויפהער, און קיינער, אפילו די, וועלכע האָבען זי אליין געלאָזט, זענען שוין ניט אימשטאנד געווען אָבצוהאלטען זי צוריק.

נור דער הייליגער טאג פון שבת איז בכח געווען אָט די גרויסע מאשין אָבצושטעלען אויף אָנדערטהאלבען מעת-לעת. און יעדען פרייטאג, ווי נור דער גרויסער שטאָדט-זייגער פון ראטה-הויז פלעגט שלאָגען פיער (ווינטער-צייט מעהר נישט ווי צוויי), פלעגט די ארבייט מיט אַמאל אָבגעשטעלט ווערען. די ברייטע טהירען פון די שפּייכלער פלעגען צוגעמאכט ווערען, ס׳פלעגען קלאפּען די אייזענס, קלינגען די גרויסע אייזערנע שליסלען; די ארבייטער פלעגען ארויסשטעלען אלע מיט איין מאָל: איינע פלעגען אוועק אין קאנטאָר נאך שכירות, די צווייטע פלעגען זיך אוועק-לאָזען אין מרחץ; די טויערן פלעגען פערשלאָסען ווערען און א יום-טוב׳דיגע שטילקייט האָט אין גאנצען הויף געהערשט ביז דער צווייטער נאכט. קוים פלעגען זיך אָבער די ערשטע שטערען בעוויזען אויפ׳ן הימעל, האָבען די גרויסע רוישענדע זוימען-שיטער ווידער אַמאָל אָנגעהויבען רוישען, און די ארבייט, וואָס איז געווען אָבגעשטעלט אויף העכער ווי דרייסיג שעה, האָט זיך ווידער אָנגע-געווען אָבצושטעלען זי צוריק.

חנה האָט אָנגעטהון איהר בורנוס אויפ'ן צווייטען אַרבעל, האָט עטוואָס אויפגעהויבען דאָס קליידעל, האָט זיך פאָרזיכטיג אַראָבגעלאָזט פון די גליטשיגע, עטוואָס צו-געפרוירענע טרעפ און איז אַוועק איבער די הילצערנע ברעטער אין הויף אַריין. פון אַלע זייטען האָבען זיך בעקאַנטע פויערים צו איהר גענויגט, אַראָב-געהמענדיג די היטלען.

— פראָהאָר, דו?

— איך.

— מיט וואָס ביזטו געקומען?

— מיט פענקע.

— סורקע?

— מוקסא!

— איינגענע?

— פריצ'ישע.

— ווי טייער?

— כ'ווייס ניט.

— נו, און דעם חוב? הא? פראָהאָר, האָסט דאָך געזאָגט, אַז צו פּאָקראָוו וועסטו בעצאָהלען.

— חנה, זיי זיכער, כ'וועל בעצאָהלען.

— נו, גוט, כ'ווייס: די דאַרפסט, חלילה, מיינע ניט... אָבער זאָג מיר, ברודער, ווי אַזוי רעכענסטו צו פאָהרען צוריק: אויף אַדאַמאָווע אָדער אויף סענטיורעס?

— אויף סענטיורעס.

— נו, וועל איך דיך בעטען אַ געלעגענהייט, זאָג אַקאָרשט וואַנקע פעסטונ'ען, ער זאָל מיר אָבבריינגען מיינע קאַרטאָפעל. נאָך „איליא פראָראָק" געקויפט ביי איהם דריי אַכטעל. ווי זעהט דאָס אויס? געלד גענומען און די סחורה ניט געבראַכט. וועסטו זאָגען?

פראָהאָר האָט אָנגעהויבען צו קראַצען די פּאָטילניצע.

— זאָגען קאָן מען, אָבער וואָס איז די פעולה? ער וועט זיך אויסרעדלען... אינב, וועט ער פאַר-טאָג אַוועק אויפ'ן יריד,

ער וועט דאך ניט זיצען אזא טאג ביי זיך אין דער-היים! מיט דעם מיידעל וועט ער אוועק: א היילינע איז זי — היילט מענשען, און פערדיענט.

— פערדיענט — און שלעפט זיך אליין ארום מיט דער טארבע, גלייך ווי זי וואלט ליידען הונגער, — האט זיך דערהערט פון הינטען עפּיס א קול.

— מיט דער טארבע? און טאמער דארף דאס אזוי זיין? טאמער האט דאך איהר די היילינע מוטער געהייסען? מיר קאנען דען וואס וויסען?

חנה האט גענומען יאמערען פאר'ן האנד, צוזאמען מיט איהם ארויס פון הויף און איז אוועק רעכטס.

אויפ'ן מארק האט זיך אומעטום געפיהלט א גרויסע בעוועגונג נאך דריי טעג רוה. אין דער פערפרוירענער לופט איז געשטאנען א געוויש פון אלערליי קולות: טהירען האבען זיך געעפענט און צוגעמאכט, וועגען האבען געסקריפּעט, רעדער האבען געקלאפּט איבער דעם דורכגעפרוירענער בלאטע, פערגליווערט און הארט ווי א שטיין. ביי די קראמען האט מען אנגעלאדען פוהרען מיט אייזען, מיט מאנופאקטור, באקאליי און נאך אנדערע. מענשען זענען אזוי ווי שאטענס ארומגעגאנגען, געשריען, זיך געביזערט, געלאכט. יעדער פון זיי האט זיך געפלייסט פריהער פון אלעמען פארטיג ווערען מיט זיין פוהר און ארויספאהרען וואס גיכער אויפ'ן וועג, וואס האט זיך געצויגען פון מארק איבער איליאינסקע גאס פארביי דעם גרויסען אוניאטישען קלויסטער פון „היילינען איליא", ווייטער איבער'ן בריק אויף דער וויעלישקע און נאך ווייטער, פארביי דעם בית-עולם אויף טאראפּעצער וועג. יעדער האט געוואלט דער ערשטער קומען צום מארגעדיגען יריד אין דערפעל טשעפלי, כדי צו פערנעהמען א בעסערע ארט און בעסער פונאנדערצולעגען זיינע סחורות.

חנה האט זיך אויף א ווײַלע אפּגעשטעלט, ווייל ס'איז געווען אונמעגליך אריבערצוגעהן די גאס, וואס איז געווען אינגאנצען פערשטעלט מיט פוהרען. זי האט אויפגעשטעלט דעם לאנגען

קרײַזען פון איהר בורנוס און האָט זיך, ניכר, געשעמט מיט איהר יום־טוב׳דיגען פּיץ, וואָס האָט אַזוי ניט געפּאַסט צום וואָכע-דיגען מאַרק־טומעל אַרום און אַרום.

ס׳איז פאַרבײַגעפאָהרען זעליג ברוכאָוואַנסקער, אַ הויכער, אַ שוואַרצער ייד אין אַ פוילערשען פּעלץ. ער האָט נידעריג אונטער-געבויגען די פיס, כדי צו לאָזען אויפ׳ן וואָגען אַנ׳אָרט פאַר צוויי קעלבער, אַ פּאָר שעפּסען און עטליכע זעק מיט קאַרטאָפעל. ער האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעהאַלטען דאָס פערד און האָט דורכגעלאָ-זען דעם קסיאָנדז טאַראַשקעוויטש׳ן, וואָס האָט זיך אויך ערגיץ זעהר געאײַלט און אונגעדולדיג געשטויסען זײַן קוטשער אין פּלײצע, ער זאָל פאָהרען וואָס גיכער. טאַראַשקעוויטש האָט דערקענט די ראַטמאַנשע, האָט זיך צו איהר פרײַנדליך אַ נייג געטהון, צוטראָ-גענדיג די שפּיץ פינגער צום ברעג פון זײַן גרויסען קײַלעכדיגען שוואַרצען הוט. איצען נאַחמאָווסקי איז דורכגעפאָהרען האַרט נאָך איהם, שטעהענדיג אויפ׳ן וועגעל, וואָס איז אויפגעשפּרונגען אויף יעדען בערגעל, און האָט געזעהן דערבײַ אויסצומײַדען די גרויסע שוואַרצע קוה, וואָס איז געגאַנגען צוגעבונדען פון הינטען צו זעליג׳ס פוהר. ס׳זענען פאַרבײַגעגאַנגען צוויי קריסטינס: דאַריאַ קאַסטאַשעווסקאַ און אַנאַטאַ איוואַנאָווא; בײַדע זענען זיי געווען הנה׳ס גוטע בעקאַנטע — ווײַל זיי פלעגען נעהמען בײַ איהר אויף באָרג זאַלץ און מעהל, מיט וועלכע זיי האָבען געהאַנדעלט אויפ׳ן מאַרק. בײַדע האָבען זיי זיך פערקוקט אויף די לאַנגע פעדערן אין בעגדער, וואָס האָבען זיך פון הנה׳ס ציפּיק געטראָגען אויפ׳ן ווינד, און האָבען זי ניט דערקענט.

הנה האָט גענומען זאָליען פאַר דער האַנד, האַסטיג דורכ-געלאָפען מיט איהם צווישען צוויי פוהרען און איז אַריבער אויף די צווייטע זײַט גאַס. פון אַנ׳אָפענעם טויער, איבערהאַקענדיג זיי דעם וועג, איז אַרויסגעפאָהרען אַ פוהר, הויך ביז אויבען אָנגע-פּאַקט מיט שוואַרצע געוועזענע קאַרטוזען און גרויסע פויערישע וואַרימע פּעלצען. גאָר אויבען, עפּיס אויף אַ ברעג פון אַ קלײן ברעטעל, איז זיך געזעסען אַ לעבעדיגער יונגער אַרבײַטער, און

א מיידעל האָט זיך אויפגעהויבען מיט איין פוס אויפ'ן ראָד פון וואַגען און האָט איהם דערלאַנגט עפּיס איינגעוויקעלט אין א ווייס פּאַפּיר'ל.

— לאה! — האָט יאָסעלע דערקענט זייער מויד.

זי איז געשווינד אַראָבגעשפּרונגען פון וואַגען און איז צו־געגאַנגען צו איהם.

— יאָסינקע? הערסט! און איך געה דאָך נאָך דיר. די מאַמע האָט מיך געשיקט... דאָס איז מיינער אַ קרוב... זיסע איז דאָס — האָט זי זיך אָנגעהויבען צו פערענטפערן, בעהאַלטענדיג דאָס פּנים, גלייך ווי זי האָט זיך פערשעמט און איז געוואָרען רויט — ער פאָהרט אויפ'ן יריד מיט'ן בעל־הבית'ס סחורה, בין איך זיך מיט איהם געקומען זעגענען.

זי האָט אַ פרעהליכען שמייכעל געטהון, האָט גענומען זאָליען און איז אַוועק צוזאַמען מיט איהם.

הנה האָט זיך פערקיהרעוועט אין פעטערבורגער גאַס, וואָס איז געגאַנגען גלייך צום טייך, און וואו, ניט ווייט פון ברעג, איז געשטאַנען איהר הויך צווייגאָרנדיג הויז צוזאַמען מיט אַ שיינק און מיט דער קראָם. דאָ איז געווען שטיל, מעהר נישט נעבען רעכטען שוועל פון שיינק, מיט'ן פּנים צום רינשטאָק, מיט ווייט־פונאַנדערגעוואָרפענע הענד, איז געלעגען דער שוסטער פּיעטקע אַזאַדקעוויטש, וואָס פלעגט דוקא אַזוי און ניט אַנדערש ענדיגען זיין אַרבייטס־טאָג.

מיט אַ מינע פול עקעל איז זי אַרומגעגאַנגען דעם אָרט, וואו ער איז געלעגען, האָט אויפגעהויבען דאָס קליידעל און האָט זיך גענומען פאַר'ן הענדטיל פון טהיר. נאָר דאָ האָט ער זי אָבגעשטעלט.

— האַנקאָ! — האָט ער אַ געשריי געטהון, אָנהאַפּענדיג זי פאַר'ן פּאָדאָל — האַ—אַ—נקאָ!

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין זיינע צוריסענע הויזען מיט'ן הוילען גוף אויף די פערפראָרענע ערד און האָט אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען מיט'ן קולאַק אין זיין פול־בעוואַקסענער ברוסט.

— האַ—אַנ—קאַ!

זי האָט זיך האַסטיג אַרום געדרייט און איז אַריין אין צימער.

אַזאַדקעוויטש איז צוריק אַנידערגעפאַלען אויף זיין אָרט נאָך מיט מער כח, קלאַפענדיג זיך אין האַרצען.

און אין דער שטילער, קאַלטער הערבסט-נאַכט האָבען זיך לאַנג אין הויט אַרום געהערט זיינע שכורע געשרייען.

דאָס פֿיערטע קאַפּיטעל.

דער פּאָקראָווער יריד אין דערפיל טשעפלי האָט בעזונדערס אויפגעלעבט פון יאָהר 1775 אָן, ווען דער פּאָלאָצקער אוניאַטישער אַרכיבישאָף אירקלי ליסאָווסקי האָט בעפוילען — פון שטאָדט אַהער אַריבערצוטראָגען דעם הייליגענעם אוניאַטישען קלויסטער פון היילינען איליאַ.

דער גרויסער, אויף אַ לאַנגען שטח פונאַנדערגעוואָרפענער אוניאַטישער דעקאַנאַט האָט געפאָדערט אַ בעזונדער השגחה אויף זיך פון די אוניאַטישע גייסטליכע — ווייל בראש פון דער בעפעלקערונג זענען דאָ געשטאַנען די רייכע קאַטוילישע פריצים, וואָס האָבען געהאַט אַ גרויסע עקאָנאָמישע ווירקונג אויף די אָרימע מאַכטלאָזע פויערים, דורכאויס אוניאַטען.

צוויי מאָל יעהרליך פלעגט כמעט די גאַנצע אוניאַטישע בעפעלקערונג פון אַלע אַרומיגע דערפער זיך צונויפזאַמלען אַהער, ברייננענדיג מיט זיך, צו די שטיינערנע טרעפ פון דעם אַלטען הייליגענעם קלויסטער, איהרע פערצווייפלונגען און דאגות, איהרע זיפצען און בקשות, און אגב אויך אַלץ, וואָס ס'פלעגט איהר ברייננען די לאַנגע שווערע אַרבייט אין יענע ווינציגע שטונדען, וואָס האָבען אָנגעהערט איהר און ניט די פריצים. דאָ פלעגען די אַרומיגע פויערים פערברייננען נור איין טאָג אין רעליגיעזער איינונג מיט גאָט און גייסטיגער איינונג צווישען זיך, כדי אומצוקעהרען זיך אויף מאָרגען צוריק צו זייער שווער לעבען פון דריקענדער קנעכטשאַפט, וואָס איז אין ערגיץ ניט געווען אַזוי

שווער, ווי אין דעם קאַנט, נאָר־וואָס אָבגעריסענעם פון פוילען און פעראייניגט מיט רוסלאַנד.

דעם 1־טען אָקטאָבער 1823 האָט דאָס קליינע דערפיל טשעפלי אויסגעזעהן ווי אַלע יאָהר אין דעמזעלבען טאָג. אַזוי ווי אַלע יאָהר אין דעמזעלבען טאָג האָט דער הויכער קלויסטער־הויף צום הימעל געצויגען זיין אייזערנעם אויסגעמאָלטען שפיץ מיט'ן שוואַרצען אייזערנעם קרייץ, אַרומגערינגעלט מיט לאַנגע שפּיציגע זיילען; ווי אַלע יאָהר אין דעמזעלבען טאָג האָט די גרויסע קופּערנע גלאָק געוואָרפען פון אויבען אַראָב איהר יום־טוב'דיג רופען, און אַזוי ווי אַלע יאָהר אין דעמזעלבען טאָג איז צו איהר אַנטקעגען אויפגעשטאַנען פון דער ערד דאָס וואַכעדיגע געריש פון טויזענדער מענשען, וואָס האָבען געקויפט, פערקויפט, גענאַרט, גערונגען זיך, געשוואָרען, געשלאָגען — געטהון אַלץ, פון וואָס עס וועבט זיך דאָס מענשען־לעבען... צוויי זאַכען זיינען געווען: איינע האָט זיך שטיל און לאַנגזאַם געטראָגען פון אויבען, דערמאָהנענדיג די ערד וועגען הימעל, די צווייטע האָט זיך אומגעהולדיג, האַסטיג געריסען פון אונטען אין דער הויך, כדי צו דערמאָהנען דעם הימעל וועגען דער ערד. און די לופט, אַ שטילע און אַ קאַלטע, האָט זיי ביידען איינגעוועבט אין זיך, ווי זי וואָלט וועלען מאַכען צווישען זיי אַ פשרה, און ביידענס קולות אונבעוועגט געהאַלטען הויך איבער די קעפּ פון דעם גרויסען רוישענדען עולם אַרום אויפ'ן פעלד, איבער דער גרויסער פערגליווערטער אָזערע אונטער'ן באַרג און דעם גרויסען פערשלאָפענעם וואַלד אויף יענער זייט טייך.

דער עולם האָט זיך, ניכּר, נאָך ניט פונאַנדערגעשאָקעלט. די בעוועגונג האָט נאָך ניט דערגרייכט איהר אמת'ן שוואונג. ס'איז נאָך געווען פריה און אין דער שוואַרצער מאַסע פון מענשען האָט מען נאָך געקאָנט מערקען איינינגע ליניען, איינינגע ריכטיג־פונאַנדערגעצייכענטע שורות, צווישען וועלכע ס'האָט זיך לאַנגזאַם געטראָגען, ווי דאָס וואַסער אין אַ נאָר־וואָס געעפענטען טייך, אַ שטראָם פון לעבעדיגע מענשען, וואָס ווייסען, אייגענטליך,

וואוהין מען טרייבט זיי, נור וויסען ניט פון וואנען מען יאגט זיי.

דער הויפט-שטראם האט זיך אנגעהויבען ערגיץ פון דעם רעכטען ווינקעל, וואו דעם פריץ'ס גארטען האט זיך שארף ארײנגעשניטען אין דער מאסע מענשען, צוטיילענדיג זיי אויף צווייען. פון דארט האט ער זיך געטראגען לינקס און צווישען ביידע שורות נאר-וואס אויפגעשטעלטע דערווײליגע ביידלעך מיט סחורה געצויגען זיך צום הילצערנעם פארקאן פון קלויסטער. דא איז ער געווארען ברייטער, האט ארײנגענומען אין זיך נאך איינציגע קלענערע שטראמען און שוין צוזאמען מיט זיי געגאנגען ווייטער ביז צום טייך. דא, שוין גאר ביים ברעג, האט ער זיך צוטיילט אויף דרייען: איין טייכעל איז אראבגעפאלען גלייך אראב צו דעם שטיל-פערגליווערטען וואסער; דאס צווייטע איז אוועק רעכטס, און איבער דעם פערפראָרענעם, אבגעשניטענעם פעלד, וואס האט אויסגעזעהן ווי א נידעריג אבגעשארען קאפ, געלאפען ווייטער ביז צום וואלד; דאס דריטע טייכעל האט זיך א נעהם געטהון גלייך צוריק, האט זיך געצויגען ביז דעם הויכען שוינק, וואס איז געשטאנען דארט נעבען פריץ'ס פארקאן, האט זיך דא אויף א ווײלע אוועקגעשטעלט פערצווייפעלט און ווידער ארײנגעגאסען זיך אין הויפט-שטראם.

דער גאנצער איבעריגער פלאץ איז געווען בעדעקט מיט איין און דערזעלבער אונבעוועגטער מאסע און מעהר נישט וואו-ניט-וואו פלעגען פון איהר ארויסשפרינגען איינציגע פארבען און שרייען מיט זייערע ווייסע, גרינע, רויטע פלאמען אויף דעם שווארצען פאן פון דעם ארומיגען לעבען.

הינטער דעם קלויסטער, אויף יענער זייט פארקאן, נעהנטער צו דער אזערע, זענען געלעגען אנגעווארפען אויף דער ערד גאנצע בערג מיט הילצערנע כלים, עמער, צעבערס, דייזשעס, לאפעטעס, מילטערס און מענשען, וואס זענען ארום זיי ארומגעגאנגען, און האבען אויסגעזעהן ווי קליינע שווארצע ווערים, וואס זענען בעפאלען א גרויסען ווייסען קעפעל קרויט. ניט ווייט פון דארט, נעהנטער צום מיטען, אויס'ן בערגעל, האט זיך ארויסגעזעהן א קליינער

פּלאַץ, ליידיג פֿון מענשען, נאָר אײנגאַנצען פֿערשטעלט מיט כּלערליי ליימענע כּלים. גרויסע און קליינע טעפּ, לאָהאַנקעס, קריגלעך, טעלער, און ווידער טעפּ, און ווידער קריגלעך, האָבען זיך געשטויסען איינע אָן די אַנדערע, און די בעל־הבית׳טע זייערע, וואָס איז געשטאַנען איבער זיי, האָט אויסגעזעהן, ווי אַ הוהן, וואָס היט איהרע קינדער. זי האָט גליכגילטיג געקוקט, ווי פֿאַרביי־געהענדער פֿלעגען זיך אָוועקשטעלען נעבען איהר סחורה, אויסקלויבען עפּיס אַ כּלי, קלאַפּען מיט די הענד אָן דעק און צוהערען זיך צום קלונג. זי האָט געקוקט, ווי קליינע קינדער פֿלעגען זיך מיט אָבשיי אַוועקשטעלען אויף אַ מינוט נעבען די אַרויסגעשטעלטע אין אַ לאַנגער שורה ליימענע פֿערדלעך, מיט קורצע אָבגעהאַקטע הויזשוצ׳ מיילער, כּדי אַ פֿייף טהון אין זיי און אַוועקשטעלען צוריק. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס זענען ניט קיין סוחרים, נור זי האָט זיך ניט געוואונדערט, וואָס זיי מאַכען זיך אַ שפּיעל פֿון דעם, וואָס האָט איהר און אַלע איהרע אייגענע געקאָסט אַזוי פֿיעל געזונד און אַרבייט.

לינקס איז געשטאַנען אַ וואַלד מיט אויפגעהויבענע האָלאָב־ליעס פֿון פֿויערישע פֿוהרלעך. דאָ זענען געווען ווענינער מענשען, ווי אַנדערס־וואו, און די אויסגעשפּאַנטע פֿערד זענען געשטאַנען צוגעבונדען הינטער די פֿוהרען. אויף איינינע פֿון די פֿוהרען זענען געזעסען פֿויערטעס, אויסגעפּוצט אין רויטע טיכלעך און אין קרעלען, אָבער מיט אומעטיגע פּנימ׳ער און אַראָבגעלאָזטע קעפּ. זיי האָבען מיט אַנגסט און מיט קנאה געקוקט אין דער ווייטען, וואו זייערע מאַנען זענען שוין פֿון אין דער פֿריה אָן געווען פֿערטהון אין האַנדעל און זיי אַליין זענען געזעהן ווי צוגעשמידט צו זייערע ערטער, צו דער פּאַסקע דויגעכץ, וואָס איז געהאַנגען הינטען, צום בינטעל היי, וואָס דאָס פֿערד האָט לאַנגזאַם און מוטלאָז געקייט, זעהענדיג אַזוי הונגעריג און אַזוי פֿערמאַטערט ווי זיי אַליין.

אין רעכטען מיטען מאַרק איז געשטאַנען די מאַרק־וואָג. אונטער אַ קליין דעכעל האָבען שטענדיג געסקריפּעט צוויי גרויסע

איזערנע שאַלען, פערהאַקען מיט סמאָלע, באַשאָטען מיט מעהל, מיט זאַלץ, מיט גרויפען. דאָ איז דער עולם געשטאַנען געדיכטער ווי אומעטום, און דאָ איז געווען לעבעדיגער ווי אַרום. די הויפּט-ראָליע האָבען דאָ געשפּיעלט יודען; זיי האָבען זיך געשטויסען צווישען די פויערים, געדרונגען זיך, געהאַנדעלט און זענען געווען דער צענטראַלער נערוו פון אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט דאָ אַרום. זיי פלעגען איילענדיג אַריבער פון איין פוהר צו דער צווייטער, אַרויסנעהמען אַ ביסעל סחורה, עס אַרומטאַפּען, שמעקען, פּראָבירען מיט די ציינער, לעקען מיט דער צונג, רייסען מיט די פינגער און קויפען פאַר זיך אָדער פאַר אַנדערע. דאָ האָבען אָפטער ווי אומעטום געקלינגען זילבערנע גאַנצע און האַלבע רובלס, און העל-פאַרבינע אַסיגנאַציעס, וועלכע די פויערים פלעגען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט טאַפּען אין די הענד, זענען אָפטער איבערגעגאַנגען פון די יודען צו די פויערים און צוריק. דער קליוטשוואָיט, סקאַרעדאַ, פלעגט זיך דאָ אויסשטעלען אָפטער ווי אומעטום, שרעקענדיג די פויערים מיט זיינע ריין-אויסגעגאָלטע וואַנגען און לאַנגען שווערד, וואָס איז איהם געהאַנגען ביי דער זייט; ער האָט געקוקט און געזוכט, צי וועט זיך עפּיס ניט טרעפען וואו-ניט-איז עפּיס אַ סקאַנדאַל, וואָס זאָל האָטש ווייפיעל ס'איז פערענטפערן זיין אומנוצליך אַרומגעהן צווישען די פוהרען.

— באַנקעס! פּיאַווקעס!... וועמען דאַרף מען שטעלען באַנקעס? — האָט זיך דערהערט אַ געשריי אין דער קליוטשוואָיט האָט אַ קוק געטהון אַהינטער.

פון אַ הויכער, שוואַרץ-אויסגעפּאַרבטער „בריטשקע", שטאַרק איינגעשמידט אין אייזען און איינגעשפּאַנט מיט אַ יונגען, גוט-אָנגעגעסענעם פערד, האָט צו איהם געגריסט מיט זיין וואַרימער, אויבגעשטעפּטער היטעל אין האַנד דער בעקאַנטער פעלדשער אָרליק פאַרליעקאַר. דער קליוטשוואָיט האָט איהם אָבגעשטעלט מיט'ן פינגער, צוגעגאַנגען צו איהם און געגעבען די האַנד.

— גוט מאָרגען, פּאַניע דעווירק... נו, ווי געהט עס?

ער האָט צו איהם נאָהנט צוגעטראָגען דריי צונויפגעדריקטע

פֿינגער, אַז אָרליק האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. אין באַלד טאַקע האָט ער אַרויסגענומען פֿון אונטער׳ן בוזעם און אונטערגעטראָגן איהם אַ קליין שוואַרצע טאַבאַק־קעסטעלע, האָט עפּיס אַ דריק געטהון אַ פּרושינע, און דאָס דעקעל איז באַלד אָפּגעשפּרונגען מיט אַ קלאַפּ. דער קלויזשוואָיט האָט מיט גרויס אַפּעטיט אַ ציה געטהון מיט דער נאָז, האָט זיך אַ ביסעל פֿאַרקרימט און אויסגעווישט מיט אַ טיכעל די לאַנג ניט געגאָלטע אויבערשטע ליפּ.

— זעה נור, שעלמיעץ, דו לעגסט אַהין גאָרנישט?

— ניין, פּאַניע קלויזשאַרוש, כמעט גאָרנישט: אַ ביסעלע אַש, עטוואָס געשטויסענעם פֿעפֿער, מעהר גאָרנישט...

ער האָט אַ ביסעל אַרויסגעריקט דעם ברעג אַרבעל, ווייט אָפּגעשטעלט דעם גרויסען פֿינגער פֿון דער לינקער האַנד, אַריינגעשאָטען אין דאָס קליינע גריבעל, וואָס איז געוואָרען דערביי אויף דער זייט פֿון דער האַנד, אַ שען ביסעל טאַבאַק, אַריינגעשלעפּט דאָס אַלץ אין נאָז און האָט זיך אפילו ניט אַ קרים געטהון.

— פֿון וואַנען פֿאָדערסטו דאָס?

— פֿון הויף. דעם סאַראָוויק אַנטיפּען בלויז געלאָזען. אַ ביסעל צו־שפּעט, נאָר נישקשה: וועט זיך אויפהויבען... זעה נור, צי האָב איך ניט פֿאַרשפּעטיגט אויפ׳ן מאַרק, אַ?

— ניט פֿאַרשפּעטיגט, דער רעכטער האַנדעל! אָן בײַט נאָך זעליג מיט די ציגיינער זײַן פֿערדיל ערשט צום דריטען מאָל, סידייכט, צוויי מאָל דאַרף ער נאָך בײַטען און סוף כל סוף קומען אַהיים אויף זײַן אייגען פֿערד... האַ־האַ!

דער קלויזשוואָיט האָט אַ שמייכעל געטהון און האָט מיט אַמאָל אַ וואָרף געטהון אַן אונרוהיגען קוק אַרום זיך. ס׳איז עפּיס געוואָרען אַן אייגלויף; מענשען זענען געלאָפען פֿון אַלע זייטען, שטויפּענדיג זיך און לויפענדיג אַרום די פֿוהרען, וואָס זענען געשטאַנען אויפ׳ן וועג. אַלע זענען געלאָפען צום קלויסטער.

— די הייליגע! די הייליגע! — האָט דער עולם אָנגעזאָגט איינער דעם צווייטען, און אַלע זענען געלאָפען פֿאָראויס.

דער קלויזשוואָיט האָט שטאַרקער איינגעצויגען זײַן גאַר־

טעל, איבערגעלעגט אויף דער זייט זיין שווערד און האט זיך אויך אוועקגעלאזען אהין, וואוהין אלע זענען געלאפען.

אחוץ דעם הויכען שטיינערנעם ארויפגאנג פון קלויסטער איז געשטאנען א גרויסע מחנה מענשען. אלע האבען געשוויגען און בעגייסטערט געקוקט אויף דער איבערשטער טרעפ, וואו ביים כאמע בחור האט זיך אין קאנוואלסיעס געצאפעלט א מיידעל פון א יאהר דרייצעהן. אידרע, ווייסע ליינענע האהר זענען געווען פונאנדערגעווארפען אין אלע זייטען אויפ'ן קאלטען שטיינערנעם בריק און דער גוף אידרער, א דינער און אנ'אויסגעדארטער, האט זיך געקלאפט אן די שטיינער, אויסגעבויגען און צונויפגעדרעהט ווי א בייגעל. די אויגען זענען געווען פערגלאצט, אזוי אז ס'האט זיך געזעהן מעהר נישט ווי די ווייסלעך און פון די ווינקלען פון דעם איבערגעדרעהטען מויל האט געשלאגען א געדיכטער שוים. א דויכער גוי, אנ'אלטער און א ביסעל פערהויקערטער, איז געשטאנען דערביי, זיך גענויגט אין אלע זייטען און האט זיך געצלמ'ט, ווי א אונגאט, מיט אלע פינף פינגער פון דער רעכטער האנד. דער עולם האט איהם נאכגעטהון, אויך געצלמ'ט זיך, ניט אראבלאזענדיג די אויגען פון דעם מיידעל.

פליצלונג האט זי זיך אויסגעצויגען אין אידר גאנצען וואוקס און איז געבליבען ליגען אונבעוועגליך. די אויגען זענען געבליבען צוגעמאכט, און די פיס, אין דינע צוריסענע שיך, זענען געבליבען אויסגעשטרעקט. זי האט אויסגעזעהן ווי א טויטע. דער עולם איז נאך נעהנטער צוגעטראטען צו די טרעפ, ניט אראבלאזענדיג די אויגען פון דער טויטער. נאר אין א מינוט ארום האבען אידרע פיס ווידער א ציטער געטהון, איבער'ן פנים איז דורכגעלאפען עפיס ווי א שאטען, זי האט זיך שטיל אויפגעהויבען און אנגעהויבען זיך ארומקוקען אין אלע זייטען מיט פול-אנגעלאפענע, בלאנדזשענדע אויגען. זי האט א ציה געטהון דעם אטעם און האט אפגעלעבט. אין די אויגען האט ביי אידר א בלאנק געטהון א פייער'ל און איבער די בלאסע, איינגעצויגענע ליפען איז דורכגעלאפען א לעבהאפטער שמייכעל. זי האט אויפגעפענט דאס

מויל און מיט אַ זינגענדיגען נגון, גלייך ווי זי וואָלט מתפלל געווען, האָט זי אָנגעהויבען דערצעהלען, וואָס זי האָט נאָר־וואָס געזעהן בנבואה: אַ מוזשיק אין אַ שוואַרצען זשיפּאָן, אַרומגעגאַרטעלט מיט אַ שטריקעל, האָט צו איהר געבראַכט צופירען עפּיס אַ קליין מיידעל, ביי וועלכען דאָס גאַנצע פּנים איז געווען בעדעקט מיט שוואַרצע קרעץ. ער האָט איהר געהייסען אָנגיהרען זיך אָן דאָס געזיכט פון קינד, זי האָט אַזוי געטהון און באַלד איז פון קינד'ס פּנים אַראָבגעפאַלען ווי אַ שוואַרצע שאָלעכץ, און זי איז ווידער געוואָרען ריין און ווייס ווי מילך.

דער עולם האָט זיך צוגעהערט צו איהרע ווערטער, האָט זיך געצלמ'ט און געוואָרפען דעם אַלטען אין היטעל קופּערנע צענדלערס, זיבענער און פיערער.

דער קליטשוואָיט איז אויך צוגעגאַנגען צום אַלטען, ניר אָנשטאָט אַריינצוואַרפען איהם אין היטעל עפּיס אַ מטבע, האָט ער ביי איהם אַ פראַגע געטהון, ווער איז ער און ווער איז דאָס קינד. האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז אַ שליאַכטיטש, פון דאָרף סעמיטורי, איוואַן פעסטון, און זי איז אַן'אָנגבעוואוסט אָרים קינד, אַנאַ יערעמייעוונאַ, וועלכע ער האָט געפונען ביי זיך ניבען פּאַרקאַן און צוגענומען צו זיך. דער קליטשוואָיט האָט זיי ביידען אַ חוף געטהון נאָך זיך און דאָרט זיי אָבגעפירט אין קאָנטאָר, וואָס איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט מאַרק.

דער יריד־טאָג האָט זיך דערווייל אָנגעהויבען נויגען צום אויסגאַנג; דער האַנדעל איז געוואָרען שטילער און די אויפלעבונג האָט זיך ביסלעכווייז אַריבערגעטראָגען פון צענטר נעהנטער צו די זייטען. דאָ אין אַ ווינקעל זענען די שטימען געווען העכער ווי אומעטום. מענשען האָבען זיך געשטופּט, געשלאָגען פאַר די ערטער און זיך געריכען אַלץ אין איין אָרט, וואו דער שיינק איז געשטאַנען. דער שיינק איז געווען פול, און די, וואָס זענען ניט אַריין, זענען געבליבען שטעהן דרויסען, בעדעקט די טרעפּ, בעלאַגערט דאָס הויז און מיט גרויס קנאה געקוקט אויף די גליקליכע, וועלכע ס'האָט זיך איינגעגעבען אַריינצוקומען אינעווייניג.

פון דארט פלעגען זיך אמאל הערען הויכע, שכור'ע קולות, וועלכע פלעגען מיט אנאומגעוועהנליכען כח צוצידען צו זיך יענע, וועלכע האבען זיך נאך ניט אנגעטרונקען, נאר זענען געווען גרייט דאס צו טהון, ווען סוועט נור זיין די מעגליכקייט. די מעגליכקייט פלעגט אבער קומען ניט אזוי גיך און ניט אזוי גרינג, און די, וועלכע פלעגען צו־לאנג בלייבען שטעהן אין דרויסען, פלעגען פערליערען די געדולד און אנגעהויבען מיט געוואלד זיך צו רייסען אינווייניג אריין, אראבשלעפען פון די טרעפ די, וואס האבען זיך שוואך געהאלטען אויף די פיס, כדי צו שטעלען זיך אויף זייער ארט, נעהנטער צו דער „סטאיקע", וואו דער שיינקער מיט זיין ווייב פלעגען קוים קאנען באפרידיגען די נאהנטסטע.

און דער עולם ארום שיינק איז געווארען אלץ מעהר אויפ־געמונטערט און אלץ מעהר לעבעדיג. די הענדלערקעס האבען אהער אריבערגעטראגען זייערע טישלעך מיט די לעקעכלעך, מיט די קאנפעטען, מיט די איבערגעפרארענע עפעל, ניס און „בעמעטשקעס".

א גארניזאנער זעלנער, א שכור'ער, א פונאנדערגעשפּילעטער און אהן א היטעל, האט הויך געזונגען עפּיס א ליעדעל, געטאנצט און געשפּיעלט אויף א „באלאלאיקע". א וויעג צווישען צוויי כלופּעס האט געסקריפּעט און עטליכע יונגע מוידען, אין רויטע טיכלעך, האבען זיך געוויעגט, געלאכט און געשריען; בחורים האבען גע־קנאקט ניס, ארויסגעשפּיגען פון מויל די שאלעכץ, מכבד געווען די פריילינס און זיך אמוזירט. די עלטערע האבען געטרונקען, גע־זונגען, געקושט און געשלאגען זיך. איינע האבען געשפּיעלט, די צווייטע האבען געטאנצט און בכלל איז אלעמען געווען זעהר פרעהליך.

און פון הימעל האט זיך אראבגעלאזען א טונקעלער פאר־נאכט. גרויסע וואלקענס זענען געלאפען נידריג־נידריג איבער'ן הימעל; פון ערגעץ האט זיך אויפגעהויבען א קאלטער שניידיגער ווינד, און א שניי — דער ערשטער אקטאבער־שניי — האט אנ־געהויבען צו פאלען פון אויבען אלץ אפטער און געדיכטער

און בעדעקט די קעפּ, די רוקענס פון די פערד, די פוהרען, די דעכער פון די בײַדלעך און די פערפרארענע ערד, פון וואגען מענשען האבען איהם) מיט די פיס פונאנדערגעטראגען ווײַט ארום און געמאכט פון (איהם פרישע בלאטע.

דער טומעל ארום די פוהרען, וואס זענען דעם גאנצען טאג אפּגעשטאנען ווי פערגעסענע, האט זיך איצט אלין מעהר און מעהר געשטארקט, מ'האט אנגעהויבען שפּאנען די פערד, צוקלויבען די איבערגעבליבענע סחורה. פון די בײַדלעך האט מען ארומגעריסען דעם לײַוואנד, פון פּארקאן, וואס ארום קלויסטער, האבען זיך אויפ-געהויבען די ארימע-לײַט — בלינדע, שטומע, הונגעריגע און זיך א לאז געטהון איינער נאך דעם צווייטען, האלטענדיג זיך איינער פאר דעם אנדערן, אלע בארג-אראב צום קליינעם האלב-צורואי-ירטען הילצערנעם בריקעל, וואס איז געלעגען טיעף איבער'ן טײַכעל.

די פוהרען זענען אוועק גלײַך נאך זיי, אויפהויבענדיג מיט די רעדער דעם פרישען נאר-וואס ארויסגעפאלענעם שניי און האבען געסקריפּעט מיט די איבערגעפרארענע אקסען. נאך א פינף-און-צוואנציג-שעהדיגען טומעל, איז דער מארק ביסלעכווייז לײַדיג געווארען. נור ארום שינק, אין די קרומע, ליכטיגע פאסען, וואס זענען געפאלען פון פענסטער אויפ'ן ווײַסען שניי, האט זיך נאך געזעהן א חברה מענשען, וואס האבען זיך גוט געקאנט צושיידען מיט דעם שינק, און א געזאנג, אויסגעמישט מיט עפּיס אונגעלומ-פערטע קולות און זידלערייען, האט זיך נאך לאנג געטראגען ארום אין דער פינסטערניש פון דער נאכט.

דאס פינפטע קאפּיטעל.

אגאטא איוואנאווא איז ארויסגעגאנגען פון דער-היים ארום זעקס א זייגער פאר-נאכט, און אין איהר קליין הויזעל, וואס איז געשטאנען אין עק סובירער גאס און האט מיט איין פענסטער'ל געקוקט אויף דעם דערבײַאיגען קליינעם טײַכעל קאניעוועץ, און מיט דעם צווייטען אנגעשפּארט זיך אין א הויכען, געדיכט-בעוואק-

מענעם בערגעל, איז מעהר נישט געבליבען ווי איהר קליינער פיער־יעהריגער זוהן, פיאדאר. זי האט איהם געלאזט שלאפען ביי איהר אין בעט. אכט דעם ווינטער אין אווענד האט געדארפט קומען אהיים איהר מאן, א סאלדאט פון שטאטנע קאמאנדע, יעמעליאן איוואנאוו. אגאטא האט אבער ניט געקאנט ווארטען אזוי לאנג — ווייל די פוהר, וועלכע זי האט געדונגען צוזאמען מיט דאריען, האט געדארפט אוועק פון שטאדט פונקט זעקס א זייגער, כדי ניט צו פערשפעטיגען דעם יריד אין טשעפלי, אויף וועלכען זי האט געווארט דריי חדשים צייט. צוליעב דעם האט זי געמוזט לאזען איהר קינד אויף צוויי שעה איינם אליין; זי איז שטיל ארויס פון צימער, זיך געהיט ניט צו סקריפען מיט די ברעטער פון פאדלאגע און ניט א קלאפ צו טהון מיט דער טהיר. זי האט די טהיר צוגעמאכט הינטער זיך און שטארק צוגעדריקט פון דרויסען מיט'ן הילצערנעם ריגעל.

א היבשע צייט איז זי נאך געשטאנען שטיל ביי דער טהיר, צוהערענדיג זיך, צי וועט זיך ניט דערהערען פון הינטען עפיס א קול. דערנאך איז זי ארומגעגאנגען ארום דעם נידעריגען האלב־איינגעפאלענעם ווינקעל פון הייזעל און איז צוגעפאלען מיט'ן פנים צום שויב פון פענסטער און האט זיך נאכאמאל איינגעקוקט אין פנים פון איהר פעדיען. ער איז, ווי פריהער, געלעגען שטיל אויפ'ן בעט מיט'ן פנים צום פענסטער און האט געשמאק געשלאפען, האלטענדיג אינטער'ן באק איין הענדטיל, דאס אנדערע איז געלעגען אויסגעצויגען איבער דער ווארימער ביטצענער קאלדרע און האט זיך שטיל געצאפעלט אין שלאף.

זי האט איהם איבערגעצלמ'ט, האט זיך אליין אויך איבערגעצלמ'ט געגען דעם צלם פון דעם נאהנטען קלויסטער פון הייליגען מיכאאיל, האט ארויפגעווארפען צו זיך אויפ'ן פלייצע איהר זאק און איז אוועק אויפ'ן באזר, ניט ארויסלאזענדיג פון זינען איהר געליעבטען בן־יחיד, מיט וועלכען זי האט זיך צום ערשטען מאל צושיידט אויף א גאנצען מעת־לעת.

ביני לביני האט זיך איהר מאן, יעמעליאן — וואס איז גראד

דעם טאָג געשטאַנען אויף קאַראַאול בײַ דער טורמע — צו אַכט אַ זייגער ניט געקאָנט בעפרײַען, און לויט דעם בעפעהל פון דעם קאַראַאולנעם נאַטשאַלניק, געמוזט בלײַבען בײַ דער טורמע נאָך צוויי „סמענעס“, כדי צו בעגלייטען גאַנץ פריה די אַרעסטאַנטען צו דער ערשטער תפילה. דעריבער האָט ער די נאַכט אויפ'ן 1-טען אָקטאָבער אויך פערבראַכט ניט בײַ זיך אין דער-היים, און פעדיאַ איז די גאַנצע נאַכט אָבגעווען אַליין.

עטליכע מאָל האָט זיך דאָס קינד אויפגעכאַפּט פון שלאָף, נור באַלד ווידער אײַנגעשלאָפען נאָך שטאַרקער, אײַנדרעהענדיג זיך אין דער וואַרימער קאָלדרע און ניט בעמערקענדיג, אַז נעבען איהם איז ניטאָ זײַן מוטער, צו וועלכער ער האָט זיך שטאַרק צוגעדריקט מיט זײַן קליין וואַרים גופ'ל, גלײַך ווי די וואָלט געלעגען מיט איהם און ער וואָלט שפירען איהר וואַרימקייט. אַזוי איז ער אָבגעשלאָפען די גאַנצע נאַכט. ערשט אין דער-פריה, בעת דער גרויסער אָבשײַן פון הערבסט-מאָרגען האָט עטוואָס בעלויכטען דעם ווינקעל פון דעם גרויסען באַק-אייוועען און דעם אויבערשטען קאַרניז פון וואַנד, האָט ער זיך אינגאַנצען אויפגעכאַפּט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן בעט.

אין די קליינע פעררויכערטע פענסטער האָט פון דרויסען געקוקט דער פערנעפּעלטער הימעל, אין ווינקעל האָט זיך געצאַפּעלט אַ קליין אייל-לעמפּעל; די קאָלדרע האָט זיך איהם אַראָבגערוקט פון די פיס און איז געלעגען מיט איין ברעג אויף דער פּאָדלאָגע. ער איז אויפגעשפּרונגען מיט בײדע פיסלעך אויפ'ן בעט און זיך געוואונדערט אויף דער אונגעוועהנליכער שטילקייט אין שטוב און האָט זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען אין אַלע זײַטען. אין צימער איז קיינער ניט געוועזען... ס'איז איהם געוואָרען אומעטיג.

— מאַ—אַמקאַ!... מאַ—אַ—מאַ! — האָט ער אָנגעהויבען צו רופען, אַראָבשפּרינגענדיג פון בעט און זוכענדיג אין אַלע זײַטען. קיינער האָט איהם נישט געענטפערט.

ער האָט זיך אַוואָרף געטהון צו דער טהיר, אָנגעשפּאַרט זיך אָן איהר מיט'ן גאַנצען קערפּער און אָנגעהויבען

שטופען; זי האט זיך ניט א ריהר געטהון. ער האט אנגע-
הויבען וויינען און זוכען אין אלע ווינקעלעך; ער איז ארונטער-
געקראכען אונטער'ן בעט, ארויסגעקלעטערט אויפ'ן אייוועו,
אריין אין קאמין, אומעטום געזוכט, אומעטום געשארט מיט די
הענדטלעך און אין ערגיץ ניט געפונען זיין מאמען. ער האט
נאך שטארקער אנגעהויבען צו וויינען, האט זיך אוועקגעשטעלט
אויף איינינע מינוט אין מיטען שטוב, ארויסגעקראכען אויפ'ן ביינקעל
אונטער'ן פענסטער און, ניט אויפהערענדיג צו וויינען, איז ער
צוגעפאלען מיט'ן פנים צו דער אונטערשטער שויב פון פענסטער.
דורך דעם פערשוויצטען שויב האט ער גארנישט ניט געזעהן;
צופעליג אבער האט ער א ווישגעטהון מיט'ן פינגער איבער'ן שויב
און ער האט דערזעהן פאר זיך א שטיקעלע גאס און די ברעט,
וואס איז געווען אריבערגעווארפען איבער'ן טייכעל. ביים ברונעם
איז געשטאנען נידעריג איינגעבויגען עפיס א פרוי, וואס האט מיט
שווערינקייט געשלעפט פון אויבען ארויף א נ'עמער וואסער; ער האט
געזעהן, ווי זי האט זיך ארויפגעווארפען אויפ'ן פלייצע א קארא-
מיסלע מיט צוויי עמער און איז אוועק מיט זיי, לאווענדיג נאך זיך
אויפ'ן זאמד גרויסע און טיפע טריט. ער האט זיך א קלאפ
געטהון מיט'ן קאפ אן שויב און האט א געשריי געטהון מיט זיין
גאנצען קול; זי האט אבער ניט דערהערט און איז פערפאלען
געווארען הינטער'ן ווינקעל.

פעדיא האט אנגעהויבען רייסען מיט די פינגער די שויב,
וועלענדיג זי אויפהויבען אין ניט וויסענדיג ווי אזוי. ער האט זיך
אנגעהאפט מיט ביידע הענדטלעך פאר'ן דולצערנעם נאגעל, וואס
האט ארויסגעשטעקט אין רעמעל פון שויב, און האט עס אנגע-
הויבען ציהען אין דער הויך. דאס רעמעל האט זיך א הויב געג-
טהון, אבגעריסען זיך פון ארט און איז אוועק אויבען ארויף.
ער האט האסטיג אונטערגערוקט אונטער איהם ביידע זיינע הענדטלעך
און אנ'איזערנע קעלט האט איהם א בריען געטהון די פלייצעס,
דעם האלז און די אפענע ברוסט, וואס האט ארויסגעשטעקט פון
אונטער דעם פונאנדערגעשפילעטען העמדעל. ער האט זיך א טריי-

כּוגעל געטהון, נאָר ניט קוקענדיג דערויף, האָט ער אונטערגערוקט אונטער׳ן שויב פריהער דעם קאָפּ, דערנאָך די פּלייצעס, דערנאָך בּיידע פיס. אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געווען אינגאַנצען דרויסען; די אויפגעהויבענע שויב איז מיט אַ קלאַפּ אַראָבגעפאַלען צוריק אויף איהר אָרט און האָט אידם שיער ניט אָבגעקוועטשט די שפּיץ פינגער. ער האָט צוגעהאַפּט די פינגער און האָט זיי אַריינגעשטופּט צו זיך אין מויל, וואַרימענדיג זיי מיט זיין אָטעם און אַרומקוקענדיג זיך מיט וואונדער און מיט שרעק אין אַלע זייטען.

אַרום איז געווען שטיל. דאָס טייכעל האָט ווי אַלע מאָל געמורמעלט אין זיינע נידריגע בּרעגען און אַ גרויער נעבעל האָט זיך געקרייכערט איבּער זיין גאַנצער לענג. אויפ׳ן בּאַרג האָבען זיך דורכ׳ן נעבעל געזעהן עטליכע קליינוואוקסיגע בּוימער און דער גרין-סאַמעטענער טאַפּעט פון די פערזייהטע ווינטער-פעלדער איז אַראָבגעפאַלען נידריג אַראָב בּיז צום וואַסער.

איבער דער זייט פון בּערגעל אויף דעם אַנדער בּרעג טייכעל האָט זיך געדרעהט אַ שמאָלינקער דורכגאַנג, וועלכער האָט זיך געצויגען אין דער הויך צווישען די קוסטען און איז דערגאַנגען בּיז די שטיערס, וועלכע זענען איהם געווען גוט בּעקאַנט. יעדען פריה-מאָרגען, אין משך פון דעם גאַנצען זומער, פלעגט ער, האַלטענדיג זיך פאַר איהר פאַרטעל, געהן מיט דער מאַמען איבּער דעמזעלבען וועג אויף די ווייטע גערטנער, וואו זי פלעגט דעם גאַנצען טאָג פּוזען עפּיס איבער די בּייטען, אַרויסרייסען פון זיי די גראָזען אין די בּלימעלעך, וואָס פלעגען אויף זיי וואַקסען, און אָבלאָזענדיג זיי אָן אַ זייט אויפ׳ן מעזשאַ. דאָס גראָז פלעגט בּלייבען טריקענען, נאָר די בּלימעלעך פלעגט ער צונויפקלויבען און שפּיעלען מיט זיי בּיז׳ן הערבסט פאַר-נאַכט, ווען זי פלעגט איהם נעהמען פאַר׳ן הענדטיל און אָבפיהרען צוריק אַהיים איבער דעמזעלבען וועג. איצט איז זי ווידער אַמאָל אַוועק אויף דיזעלבע גערטנער, נאָר איהם האָט זי עפּיס פערגעסען צו נעהמען מיט זיך, נאָר ס׳איז קיין בּייז ניט: ער וועט אַליין אַהין אַוועקגעהן און וועט זי דאָרט געפינען.

ער האט א טראט געטאן מיט די באָרוועסע פיס אויף דעם פערפרוירענעם זאמד און איז אוועקגעלאָפען צום טייכעל. אויפ'ן וואסער ביי די ברעגען האט ער דערזעהן עפּיס ווייסע שטיקער גלאָז, וועלכע זענען איהם זעהר געפעלען. ער האט אויפגעהויבען איינס פון די גלעזלעך, נאָר עס האט איהם אָפּגעברענט די פינגער און ער האט זיך ארויסגעגליטשט פון האנד. ער האט זיך אריבערגעקליבען אויף דער צווייטער זייט טייכעל און האט זיך געלאָזט לויפען ארויף. ס'איז איהם געוואָרען הייס; דאָס הערציל האט ביי איהם שטארק געקלאפּט. ער איז פארביי־געלאָפען פארביי די שייערס, און האט זיך ארויסגעקליבען אויפ'ן גרויסען וועג; ווייט פאָראויס איז עמיצער געפאָהרען, קלאפּענדיג מיט די רעדער איבער דער געפראָרענער ערד. ער האט זיך אוועקגעלאָזט לויפען איהם נאָכיאָגען, ער איז אָבער געווען מיעד און האט געמוזט אָפּשטעהן. דער וואָגען פאָראויס האט זיך א קעהר געטאָן אין א זייט און איז פערשוואונדען געוואָרען הינטער א שייער. ער איז ווידער געבליבען אליין; פון ווייטען האט זיך געוויזען דאָס וועלדיל. לינקס האט זיך געצויגען א לאנגע רייה דעכער מיט קוימענס, פון וועלכע ס'איז געגאנגען א רויך. ער האט געוואוסט, אז דאָרט, וואו עס זעהען זיך די דעכער, געפינען זיך אויך דיזעלבע גערטנער, וואוהין זיין מוטער פלעגט געהן אלע טאָג ארבייטען, און קומען קאָן מען מעהר נישט, ווי דורך דעם קליינעם וועלדיל. ס'איז אפילו אַנ'אימה, אָבער מען מוז עס: דאָרט, הינטער'ן וועלדיל געפינט זיך איצט די מאמע. ער האט זיך האסטיג א לאָז געטאָן צום וואלד־צו און איז אוועקגעלאָפען איבער די הארטע און שטעכעדיגע בוימלעך, וועלכע האָבען איהם געשטאָכען און געריסען די דוילע הויט פון זיינע באָרוועסע פיס. אָט איז דער גראָבען, איבער וועלכען די מוטער פלעגט איהם יעדעס מאָל אריבערטראָגען אויף די הענד, און וועלכען ער מוז איצט אריבערשפּרינגען אליין, און אָט זענען די קוסטעס...

ער האט זיך א לאָז געטאָן איבער'ן גראָבען און אָנשטאָט

לינקס, גענומען זיך רעכטס און איז באלד פערשוואונדען צווי-שען די הויכע און געדיכטע בוימער...

— — — — — — — — — —

פעדיא איז געלעגען אויף דער ערד, פערווארפען דעם קאפ, ווייט פונאנדערגעווארפען די הענד און נידעריג אונטערגעבויגען די צובלוטיגטע צוריסענע פיס. אויף זיין קליין ווייס, פערצווייפעלט פנימעל, איז געבליבען שטעהן עפיס ווי א מין פראגע, און די אפענע אויסגעלאשענע אויגעלעך האבען געקוקט גלייך אין הוי-כען ווייטען הימעל אריין...

די הויכע בוימער זענען ווי פערוואונדערט שטיל געשטאנען ארום איהם, האבען זיך געשאקעלט און ווי געפרעגט איינער ביי דעם צווייטען: ווער איז עס דען, אט דאס קליינע ווייסע קינד, ווי קומט עס אהער און ווער האט עס צו אונז געבראכט?

א ווינד האט א קלאפ געטהון איבער די קעפ פון די בוימער, א שפיעל געטהון מיט'ן ווייכען העמדעל פון געשטארבענעם קינד און פונאנדערגעבלאזען זיינע ווייסע ליינענע העדרלעך. א געדיכ-טער שניי האט זיך אנגעהויבען דרעהען אין לופטען און שטיל אראבפאלען, בעדעקענדיג די פערפרארענע ערד. אויף מארגען פריה איז שוין די ערד און אלץ, וואס אויף איהר, געווען בעדעקט מיט א געדיכטען, ווייסען שלייער...

דאס זעקסטע קאפיטעל.

יאסעלע האט מיט אונגעדולד ערווארטעט דעם ווינטער — ווייל מיט'ן ווינטער זענען ביי איהם געווען פערבונדען איינינע, זעהר וויכטיגע נייעסען אין לעבען. געוועהנליך, האבען די דאזיגע נייע-סען נישט געהאט קיין שום שייכות צו יענע ענדערונגען, וועלכע דער ווינטער טראגט בכלל אריין אין קינדערשען לעבען—דערהויפט נאך, ווען דער ווינטער קומט-אן, ווי דאסמאל, אונערווארטעט, ראפטום, מיט אמאל, צוזאמען מיט די פרעסט, צוזאמען מיט דער שניי-ווייסער דעקע, צו וועלכער דאס קינדערשע אויג איז נאך נישט צוגעוועהנט. ניין, פאר יאסעלען האבען אייגענטליך

קיין שום ווערטער ניט געהאַט יענע פערענדערונגען, וועלכע ס'פלעגט אריינטראָגען אין זיין קליין וועלטעל די אייביג-לעבענדע נאַטור. וויכטיג זענען געווען פאַר איהם נור יענע ענדערונגען, וועלכע ס'פלעגען אריינברינגען אין זיין לעבען די מענשען, וואָס האָבען זיין לעבען געבויט, וואָס האָבען איהם צוגעגרייט דערציו פון זיין ערשטען געבורטס-טאָג אָן. זיי אָבער האָבען בעשאַפען פאַר איהם נור צוויי יאָהרעס-צייטען, אָדער ווי ס'האָט זיך גערופען אויף זייער לשון צוויי זמנים, פון וועלכע איינער האָט זיך גערופען „זומער", דער צווייטער — „ווינטער". און דער חלוק צווישען די צוויי יאָהרעס-צייטען איז בעשטאַנען ניט אין דעם, וואָס זומער האָבען אין גאָרטען שענע שמעקעדיגע בלימעלעך געבליהט, פויגעלעך געזונגען און אונטער'ן באַרג האָט געמורמעלט דאָס קליינע וואַסערל, בעת אַז ווינטער איז אַלץ געווען טויט, ס'האָבען געבלאָזען שטאַרקע קאַלטע ווינדען, ס'האָט געגלימערט דער פראָסט און ווי אָבגעשטאָרבענע זענען געשטאַנען אין זייערע ווייסע תכריכים די פערשניטענע קוסטען ביים בערג... ניין, דער חלוק צווישען זיי איז בעשטאַנען נור אין דעם, וואָס זומער האָט מען געקאָנט אַראָבשפּרינגען פון בענקעל, אָבדאַווענען און אַוועקלויפען אין חדר בשעת די זון שיינט הויך אין הימעל און קומען צוריק אויך נאָך בשעת ס'איז ליכטיג, ווינטער אָבער פלעגט מען דאָס אַלץ מוזען אָבטהון אין דער פינסטער. אַחוץ דעם פלעגט זיך זומער בכלל ניט וועלען זיצען אין חדר, און יעדעס מאָל, ווען אויף די געלע בלעטער פון דער גמרא פלעגט אַראָבפאַלען פון פענסטער אַ פערבלאָנדזשעטער זונען-שטראַהל, פלעגט זיך דאָס הערציל אָנהויבען צאַפּלען און מיט אַ משונה'דיגען כח ציהען אַהין דרויסען, וואו די זון שיינט, וואו די בוימער שאָקלען זייערע אַלטע גרינע קעפּ. ווינטער, פערקעהרט, פלעגט זיך גאָר ניט וועלען אַברייסען פון ברייטען, קרום-פיסיגען טיש, פערוואָרפען מיט ספרים, פון דעם שוואַרצען חלב'נעם ליכטעל, וואָס שמעלצט אין היל-צערנעם לייכטער'ל אין רעכטען מיטען טיש. נאָר סיי זומער, סיי ווינטער איז די איינציגע זאַך, וואָס האָט פיל געמאַכט זיין לע-

בען, געווען דער הדר. דא האבען זיך פאר איהם אנגעהויבען און אויבגעלאזען אלע וועגען, דא האבען זיך צוזאמענגעפלאכטען אלע זיינע שטרעבונגען, אלע זיינע געפיהלען, אלע זיינע געדאנקען, דא האבען זיך אנגעהויבען און דא האבען זיך אויסגעלאזען אלע זיינע קינדערשע שמחות, אלע זיינע קינדערשע זארגען. צי האט ער איבערגעלעבט יענע פיער יאהר, וועלכע ס'זענען דורכגעגאנגען, ביז ער איז אנגעקומען אין חדר — דאס געדענקט ער גאר ניט. דאכט זיך, אז ניט. ווארום לעבען האט ער אנגעהויבען ערשט יענעם פרייד-מארגען, ווען זיין פערשטארבענער פאטער האט עפים מיט א בעזונדער פרייד, מיט א בעזונדער יום-טוב'דיגקייט גענומען איהם פארן הענטיל און אוועקגעפיהרט עפים אין א ווייט קרום געסיל, וואו ס'איז געשטאנען עטוואס אבגעטראטען אן א זייט, א קליין נידעריג הייזעל. דאס הייזעל האט זיך גערופען „חדר" און דער אלטער בייזער ייד, וואס איז געזעסען ביים טיש, געשאקעלט זיך און געשריגען אויך אויף אזעלכע קינדער, ווי ער, האט געהייסען „רבי"; און אט פון דעם דאזיגען פרייד-מארגען אן האט ער ערשט אנגעהויבען צו לעבען. צי האט געשיינט די זון ביז דעם טאג? מסתמא, ניט: ווארום שיינען שיינט זי מעהר ניט ווי צוליעב דעם, כדי צו ווארימען איהם דעם רוקען בשעת ער זיצט ביים טיש און לערנט, כדי צו שפיעלען אויף דאס גרויסע געלע בלאט פון זיין ספר און שטערען איהם פון לערנען דוקא דאן, ווען ער מוז זיך אינגאנצען אריינטהון אין דאס, וואס ער לערנט, כדי צו האפען דעם פערפלאנטערטען מיין, וואס דא איז בעהאלטען. צי האבען געבליהט ערגיץ בלימעלעך ביז דעם טאג? מסתמא, אויך ניט. ווארים ער ווייסט זעהר גוט, צוליעב וואס בליהען זיי אויפ'ן הדר'שען הויף: כדי צוציהען איהם צו זיך, בשעת ער געדט מיט'ן רבי'ן און ס'ווילט זיך איהם אברייסען איינס און בעהאלטען ווייט אונטער'ן בוזעם, און עובר זיין אויף „לא תשחית"... די פינף יאהר, וואס ס'זענען אוועק פון יענעם טאג אן — דאכן זענען, אייגענטליך, געווען נור צעהן זמנים, און אויב אין דעם משך פון די צעהן זמנים האט זיך עפים

יאָ געביטען, איז דאָס געווען מעהר נישט ווי די ספרים, פון וועלכע ער האָט געלערנט.

דער ווינטער האָט אָבער געדאַרפט איהם ברײנגען גאָר אַ בעזונדער נײעס. ער האָט געוואוסט, אַז חול־המועד־סכות איז בײ דעם פעטער שמריה׳ן געבליבען, אַז אויף דעם קומענדיגען זמן־יאָל איהם די מאַמע אָבגעבען צו אַ נײעם מלמד, צו רב חיים באַבינאָוועצער. דאָס איז געווען אַ גמרא־מלמד און איז געווען בעוואוסט אין שטאָדט פאַר׳ן גרעסטען למדן און ירא־שמים. אָנ־קומען צו איהם אין חדר האָט געהײסען אָנהויבען צו לערנען גמרא; און דערצו האָט טאַקע יאָסעלע געהאַט אַ בעזונדער חשק.

געוואוסט האָט ער, אַז פון דעם טאָג אָן, וואָס ער וועט אָנהויבען לערנען גמרא, ווערט ער אַ גרויסער, ווערט ער אַ קלײן שטיקעל חלק פון כלל־ישראל, וואָס איז דערהויפּט בעשאַפען גע־וואָרען נור כדי צו לערנען תורה. און ער האָט שוין פאָראויס בעקומען גרויס אָבשײ פאַר דעם אונבעקאַנטען רב חיים׳ן, וואָס האָט דאָס איהם, דעם קלײנעם יאָסעלען, געדאַרפט מצרף זײן צום כלל, עפענען פאַר איהם אַ נײע וועלט, צו וועלכער ער האָט נאָך ביז אַהער נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבען קײן שום צוטריט.

פונקט אין אַ וואָך אַרום נאָך אסרו־חג, אויף מאָרגען נאָך ראש־חדש מרחשון, זונטאָג 8 אַ זײגער אין דער־פריה איז יאָ־סעלע צוזאַמען מיט לאה׳ן צום ערשטען מאָל אַוועק אין נײעם חדר. ער איז מיט גרויס שמחה אַראָבגעלאָפען פון די טרעפּ און, אַרויסלויפענדיג פון טויער, האָט ער זיך אַ לאָז געטהון לינקס, ווי ער איז געוועהנט געווען צו געהן יעדען טאָג. ער האָט זיך אָבער דערמאָהנט, אַז זײן נײער חדר איז שוין אין אַנ׳אַנדער אָרט, האָט אַ קוק געטהון אויף לאה׳ן און האָט זיך אַ לאָז געטהון רעכטס. זי האָט איהם פערריכט אַ ביסעל דעם שאַל אויפ׳ן האַלז, האָט פערדרוקט די ברעגען אונטער דער פעלערינקע פון וואַרימען מאַנטעלע, האָט איהם גענומען פאַר׳ן הענדטעל און אַוועקגע־פיהרט איבער׳ן מאַרק אין דער געברענטער גאַס. דורכגעהענדיג

צווײ קוואַרטאַלען, האָט זי זיך פֿערקיהרעוועט אין אַ פֿערוואָרפֿען געסעל און איז אַוועק איבער די גערטנער עפּיס צו אַ נידעריגען הײזעל, וואָס האָט מיט זײַן אײנציגען פֿענסטער'ל געקוקט אין הויכען באַרג שנײ, וועלכען דער ווינד האָט אַהער אָנגעטראָגען, זי האָט אַ שטוים געטהון מיט'ן פֿוס דאָס קלײנע טהירעל, האָט גענומען יאָסעלען פֿאַר'ן האַנד, כדי ער זאָל זיך ניט אויסגליטשען אויף דער פֿערפֿראָרענער שוועל, און איז אַרײַן אין צימער.

אַ שווערער, אַ דריקענדער ריח האָט דערמאָהנט יאָסעלען זײַן פֿריהערדיגען חדר. דאָ איז די לופֿט געוועזן נאָך שווערער. אין דעם גרויען האַלב־פֿינסטערניש האָט מען די ערשטע עטליכע מינוטען גאָרניט געקאָנט פֿונאַנדערקלויבען. צום סוף האָט יאָסעלע דערזעהן עפּיס אַנ'אַלטען אײנגעבויגענעם יודען, געדיכט בעוואַקסען מיט באָרד און פאות, וואָס איז געזעסען בײַם טיש און זיך געשאָקעלט איבער אַ גרויסען לאַנגען ספֿר.

יאָסעלע האָט באַלד פֿערשטאַנען, אַז דאָס איז „ער“, דער נײַער רבי, און דאָס הערציל האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען.

— גוט־מאָרגען! — האָט לאה אַ זאָג געטהון און האָט צוגעפֿיהרט יאָסעלען צום טיש.

— גוט־מאָרגען! גוט־יאָהר! — האָט זיך אָבגערופֿען רב חיים, ניט קוקענדיג אויף זי און ניט אָברײַסענדיג זיך פֿון זײַן ספֿר.

— איך האָב אײַך געבראַכט רבקה'ס יונגעל... די בעל־הבית'טע האָט געהײסען, איהר זאָלט איהם די ערשטע צײַט לאַנג ניט האַלטען און אָבלאָזען פֿריהער, ביז ער וועט געוועהנט ווערען.

דער רבי האָט אַ וואָרף געטהון אַ שווערען פֿערמאַטערטען קוק אין אַלע זײַטען, אויסגעמײַדט לאה'ן, וואָס האָט אויף איהם געקוקט מיט אַ העזה'דיגען געלעכטעריל און האָט זיך אויף אַ װײַלע אָבגעשטעלט אויף יאָסעלען, אויף זײַן קורצער, בעפּוצט מיט פֿוטער, שוואַרצער פּעלערינקע און נײַע וואַרימע שיכעלעך, האָט אַ דרעה געטהון מיט די פּלײצעס און האָט זיך אָבגעקעהרט.

— אַח־חאַ־אַ־אַ! — האָט ער אַ שווערע זיפֿץ געטהון און האָט זיך ווידער אַמאָל גענומען פֿאַר זיין ספֿר.

— און אַז איהר וועט איהם אָבלאָזען אַהיים — האָט לאה ווידער אָנגעהויבען — זאָלט איהר זיך מטריח זיין איהם גוט איינשפּילען און פֿערוויקלען מיט'ן שאַרף דעם האַלז, ער זאָל זיך, חלילה, ניט פֿערקיהלען...

— הם! — האָט רב חיים אַ מורמעל געטהון און האָט אָנגעהויבען מאַכען מיט די הענד, גלייך ווי ער וואָלט װעלען זאָגען: „נאָך אַ דאגה! פֿאַרהאַן וועגען וואָס צו זאָרגען!”...

— זעלדע! — האָט ער אַ געשריי געטהון, קוקענדיג אויפ'ן װענדזייגער, וואָס האָט אָבגעצאַמט דאָס „שלאָף־צימער” און וואַרטענדיג פֿון דאָרט די ישועה.

דאָרט איז אָבער קיינער ניט געוועזען און רב חיים איז ווידער אַמאָל געבליבען איינער אַליין מיט די געסט.

— אַ גוטען טאָג, יאָסעלע! — האָט לאה אַ זאָג געטהון און איז אַרויס פֿון צימער.

יאָסעלע איז געבליבען אַליין. ער האָט אָנגעהויבען אַראָבצושלעפּען פֿון האַנד די וואָלענע האַנדשוה, געקוקט אויף דער טהיר, דורך וועלכער לאה איז נאָר־וואָס אַוועק, און האָט מיט אַ פֿערקלעמט האַרץ געוואַרט: וואָס וועט זיין ווייטער? דער רבי האָט זיך ווי פֿריהער געשאָקעלט ביים טיש, ניט אָברייסענדיג זיך פֿון ספֿר.

איינינע מינוטען איז אַזוי יאָסעלע אָבגעשטאַנען אין מיטען שטוב, ניט וויסענדיג וואָס צו טהון, דער צוגאַנגענער שניי האָט ביי איהם אָנגעהויבען צו רינען פֿון די שטיוועלעך און האָט געמאַכט אַרום איהם אויף דער פֿאָדלאָגע אַ היבש טייכעל.

ס'איז איהם געוואָרען זעהר אומעטיג און ער איז גרייט געוועזען אָנהויבען צו וויינען...

אין פֿאָרהויז האָט אַ סקריפּ געטהון די טהיר און אין צימער איז אַריין זעלדע מיט אַ הויך אונטערגעבויגענעם פֿאַרטוך און מיט אַ גרויס בינטעל אָנגעשפּאָלטענע האָלץ אויף די הענד.

— זעה! — האָט זי אַ געשריי געטהון אויפ'ן קול, ניט אַרויסלאָזענדיג פון די הענד דאָס בינטעל האָלץ, — דאָס איז דאָך רבקה'ס יונגעל, דיין נייער תּלמיד.

חיים האָט געשוויגען.

— טאָ וואָס זיצסטו, צו אַלדע שוואַרץ-יאָהר, ווי אַ חלום, — איז זי אָנגעפאַלען אויפ'ן מאַן — ע-ע-ח!

זי האָט אַ וואָרף געטהון דאָס האָלץ צום אייווען און האָט אָנגעהויבען פונאַנדערצושפּילען יאָסעלען מיט איהרע פערפראָ-רענע פינגער.

— אָ, דו ביזט דאָך שוין גאָר אַ פיינער בחור! — האָט זי אַ זאָג געטהון, בעטראַכטענדיג זיין ניי קורטקעלע מיט ווייסע ביי-נענע קנעפּ, און צוקלויבענדיג אויף אַנ'אָרט זיין מאַנטעלע, זיין שאַרף און זיינע האַנדשיכלעך — זאָג מיר אָבער, וואו זענען דיינע ציצית?

יאָסעלע האָט זיך אַ ביסעל פערשעמט און האָט אַרויסגע-נומען פון אונטער'ן לייבעל דעם אונטערגעבויגענעם ווייסען אַרבע כּנפות'ל און האָט איהם אַרויסגעלאָזען איבער די הויזען.

— אַט אַזוי, אַט אַזוי, קינד מיינס, און אַט איז דיר אַנ'אָרט.

זי האָט אַראָבגענומען פון דער הילצערנער באַנק דעם עמער וואַסער, וואָס האָט אַ ביסעל גערונען, האָט איהם טרוקען אויס-געווישט מיט'ן ברעג פאַרטוך און צוגערוקט צום טיש.

יאָסעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, האָט אַראָבּ-געהאָנגען די פיס און האָט מיט אַנ'איינגעהאַלטענער שרעק זיך אָנ-געהויבען קוקען אויף זיין נייעם רבּי'ן.

דער רבי האָט נאָך אַלץ געזוכט עפּיס מיט די אויגען איבער יאָסעלעס קאָפּ ווייט-ווייט און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט געפונען, דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער צוגעמאַכט זיין ספר, אַרויס-גענומען פון אונטער'ן בוזעם אַ קליין פושקעלע מיט שמעק-טאַבאַק, גענומען מיט צוויי פינגער און מיט גרויס געשמאַק אַריינגעצויגען עס אין נאָז און אויסגעווישט מיט אַ רויט טיכעל.

— אַ-אַ — האָט ער אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ, אַרומ-

קוקענדיג יאָסעלע'ס קורץ רעקעל — זאָג מיר, ווי רופט מען דיך?

— יאָסעלע.

— יוסף? און ווי אַלט ביזטו?

— ניין.

— ניין יאָהר?

ער האָט נאָך שטאַרקער אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ, האָט צאַראָבגענומען פון פּאָליצע עפּיס אַ גרויסען גראָבען ספר אין אַנגעלטען צוריסענעם בונד, האָט איהם אַוועקגעלעגט נעבען יאָסעלען און געעפענט דאָס ערשטע בלאַט.

ביי יאָסעלען האָט אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען דאָס הערצעל; אין די אויגען האָבען אָנגעהויבען צו פינטלען עפּיס קליינינקע ווערטערלעך אָהן נקודות, גרעסערע אין מיטען און קלענערע, רש"י־כתב, פון ביידע זייטען. נור גאָר פון אויבען עפּיס אין אַ שען אויסגעפלאָכטען שוואַרצען ראַמעל האָט זיך אויסגעטיילט איין וואָרט, וואָס ער האָט וויפיעל ניט איז פערשטאַנען.

— ארבעה, — האָט יאָסעלע איבערגעלייענט דאָס וואָרט און אָנגעהויבען זוכען דעם המשך.

— אבות נזיקין, — האָט אונטערגעזאָגט דער רבי מיט אַ נגון און האָט איהם אָנגעוויזען אויף די ווייטערדיגע שורות און האָט זיך נאָך מעהר פונאַנדערגעשאָקעלט אַהין און צוריק.

— ארבעה אבות נזיקין, — האָט יאָסעלע איבערגע'חזר'ט מיט'ן זעלבען נגון — ארבעה אבות נזיקין...

יאָסעלע האָט צונויפגעקנייטשט דעם שטערן: איהם האָט זיך געוואָלט וויסען, וואָס איז דאָס אַזוינס „נזיקין"?

— ארבעה אבות נזי—קי—ן—ן! — האָט דערוויל דער רבי אונטערגעברומט און געלייענט ווייטער, ניט לאָזענדיג איהם בעטראַכטען, וואָס דאָס איז — השור והבור, והמבעה וההבער.

— ס'איז דאָ פיער אבות נזיקין, — האָט נאָכגעזונגען יאָסעלע, פליסענדיג זיך צו געדענקען די אונבעקאַנטע ווערטער — אַנ'אָקס, און אַ גרוב, און אַ צאָהן, און אַ הבער.

דאָ האָט שוין יאָסעלע גאָר אינגאַנצען אויפגעהערט צו פער-

שטעהן, וואָס מ'איז פֿון איהם אויסען. אַנ'אָקס — דאָס פֿערשטעהט ער גראָד; פֿאַר אַנ'אָקס האָט ער תמיד מורא געהאַט; ער איז טאַקע אַ מזיק. אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס אַ „גרוב" און וואָס איז אין עצם אַ צאָהן? הײַנט ההבער וואָס קאָן דאָס אייגענטליך, בעטײַטען: ההבער?

דער רבי האָט איהם אָבער ניט געלאָזען לאַנג חוקר ודורש זײַן, און יאָסעל האָט געזאָגט ווײַטער אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, ניט זוכענדיג מעהר עס צו פֿערשטעהן. ער האָט געזעהן, ווי דער רבי האָט געפֿיהרט זײַן געלען אויסגעדאַרטען, געדיכט-בעוואַקסענעם פֿינגער פֿון איין שורה צו דער אַנדערער, און ווי זײַנע האַלב אויסגעלאָשענע אויגען פֿלעגען זיך אָנצינדען, און ווי דאָס העמד זײַנס, פֿון אונטער דעם פֿונאַנדערגעשפּליטען טלית-קטן, פֿלעגט זיך בײַ איהם אויפהויבען יעדעס מאָל, ווען יאָסעלע פֿלעגט הויך אויפ'ן קול איבער'חזר'ן נאָך איהם די ווערטער און ענדיגען אַלײַן דאָס, וואָס דער רבי פֿלעגט מעהר נישט אָנהויבען. ס'האָט זיך עפּיס אָנגעהויבען צו קײַטלען אַנ'עסק מיט אבות און מיט תולדות; יעדער אב האָט זיך געהאַט זײַנע תולדות, און יעדע תולדה איז געווען גלײַך צו איהר אב, און תולדה דשן כשן, אַ תולדה פֿון אַ צאָהן איז דאָסזעלבע ווי אַ צאָהן, און אַ תולדה דרגל כרגל, אַ תולדה פֿון אַ פֿוס איז געווען דאָסזעלבע, וואָס דער עצם פֿוס...

וואָס איז אָבער אַזוינס אַנ'אב און וואָס איז, פֿערקעהרט, אַ תולדה? פֿאַרוואָס דאַרף מען מעהר בעצאָהלען און פֿאַרוואָס און צוליעב וואָס טאַקע דאַרף ער, דער קלײנער יאָסעלע, דאָס אַלין וויסען אַזוי גענוי? — דאָס האָט ער זיך בשום אופֿן ניט געקאָנט ערקלערען. און בשעת ער איז, וואַרימעס-צײַט, אַרײַנגעלאָפֿען צו זײַן מאַמען אין קראָם אָנזאָגען איהר די שמחה, אַז ער האָט שוין אָנגעהויבען לערנען גמרא, האָט ער זיך פֿאַר איהר אָבגעשטעלט אויף אייניגע מינוט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען. דאָס ענמת-נפֿש, וואָס ער האָט געהאַט פֿון דעם, וואָס נאָך גאַנצע פֿיער שעה אַרבײַט

האט ער דאך אלין טאקע ניט געוואוסט, וואס איז פארט דער חלוק צווישען א תולדה און צווישען אן אב, אויב בעצאהלען דארף מען פאר די פאר ביידען גלייך, איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט ניט געקאנט קוקען דער מאמען גלייך אין די אויגען אריין. ער האט אריינגעווארפען דעם קאנפעקט, וואס רבקה האט איהם געגעבען, צו זיך אין קעשענע און האט זיך לאנגזאם אוועקגעשלעפט אהיים, אינגאנצען א פערלארענער, נאכדעם וואס מיט איהם האט זיך געטראפען היינט אין דער=פריה.

דאס זיעבעטע קאפיטעל.

דער פלוצלונג אנגעקומענער ווינטער האט געבראכט מיט זיך עפיס א שטיקעל איבערקעהרעניש ניט נור אין יאסעלעס וועלט אליין. דאס גאנצע שטעדטיל מיט זיינע שטענדיג פערהארעוועטע, שטענדיג בעשעפטיגטע יודישע איינוואוינער האט איצט, אז ס'איז אוועק דער זומער און ס'איז אנגעקומען דער ווינטער, אנגעהויבען צו לעבען א נייע לעבען.

די יודישע מאנופאקטור, באקאליי=און תבואה=קראמען, וואס האבען זיך געצויגען אין פיער שורות פון פיער זייטען מארק, האבען איצט געהאנדעלט מעהר און געלייזט מעהר ווי זומער. ארום דעם גרויסען מאנופאקטור=סקלאד פון רבקה בערלין („זונדעליכע") פלעגען זיך איצט שטויסען מעהר מענשען ווי פריהער. די גרויסע שיינקען און „אכסניות פאר דורכפאהרער" פון ארליק ט'צוהעליצוו אויפ'ן ראג פון מארק און סמאלענסקע גאס, פון חנה ציטלין אויף איין זייט פעטערבורגער גאס ביים טייך און ניסן בערלין פון דער צווייטער זייט גאס געגענאיבער חנה'ס שיינק, האבען איצט זעהר זעלטען צוגעמאכט זייערע טהירען, און אין ביידע זייטען, סיי אין דער פריצישער, סיי אין דער „שווארצער" האט שטענדיג געהערשט א רוישענד פערהארעוועט לעבען.

ווינטער איז דא אין שטאדט, דערהויפט ביי די יודישע איינוואוינער, געווען א צייט פון פערדיענען אויף א גאנץ יאהר — ד. ה., אויך אויף זומער, ווען די צייט איז געווען שטיל און פרנסה איז געווען ווייניגער. די גאנצע ארבייט פלעגט אויספאלען

אויף די ווייבער, וואָס פלעגען זיך קאָנען אינגאַנצען אָבגעבען דער דאגת-חיונה, בעת די מאַנסלייט פלעגען זיך צו-פיעל פערנעהמען מיט צרכי-צבור, אין קהל-שטיבעל און אין בית-המדרש.

אין אין רעכטען מיטען שטאָדט, און אין מיטעל-פונקט פון דעם גאַנצען יודישען לעבען איז געשטאַנען די הויכע שוהל.

די שוהל איז געוועזען געבויט פון אַלטע שוואַרצע דעמבעס. זי איז געוועזען העכער פון אַלע אַנדערע געביידעס אין שטאָדט; איהרע לאַנגע שמאָלע פענסטער האָבען זיך געצויגען ווייט אין דער הויך. און די פיעל-פאַרביגע שויבען, אין וועלכע די זון פלעגט זיך אָבשפּיגלען מיט אַלע זיעבען קאָלירען, האָבען פרעהליך געקוקט אין אַלע פיער זייטען.

דער הויכער דאַך האָט שאַרף דורכגעשניטען דעם ווייטען בלויען הימעל מיט זיין שוואַרצען רוקען, געדיכט בעוואַקסען מיט מאָך; ניט איין וואָלקען, ניט איין שטורם האָט ער שוין אַריבערגעטראָגען איבער זיך און איז געשטאַנען גרייט צו צונעהמען אויף זיך נייע דונערן, נייע שטורם-ווינדען. אַכצעהן בתי-מדרשים האָבען זיך געצויגען אַרום איהר אונטער דעם שוץ פון צוויי ברייטע לאַנגע פליגלען, וואָס האָבען זיך אָבגעטיילט פון איהר דאַך און געצויגען ווייט איןביידע זייטען. ווי אַ הוהן איהרע קינדער, אַזוי פלעגט די אַלטע שוהל צונעהמען און דערוואַרימען אונטער איהרע פליגלען אַלע, וואָס האָבען געזוכט שוץ... מענשען, וואָס האָבען לאַנגע יאָהרהונדערטען געלעבט דאָס איינענע לעבען, וואָס זי, האָבען זיך צוזאַמענגעוואַקסען מיט איהר, האָבען מיט איהר צונויפגעבונדען אַלע זייערע געפיהלען, זייער פרייד און זייער פיין, זייערע שמחות און זייער טרויער, זייער לעבען און טויט... די שוהל האָט אַ נאָמען געגעבען דעם ניי-געבוירענעם, זי פלעגט בענשען זיין ערשטען אַריינטריט אין חדר, זי פלעגט איהם אָבגעבען דעם ערשטען מזל-טוב צו בר-מצוה, זי פלעגט איהם חתונה מאַכען, פיהרען יעדען טריט פון זיין לעבען און בעגלייטען אין זיין לעצטען וועג—אויף דער אמת'ער וועלט... דאָ איז געוועזען דער מיטעל-פונקט, וואו ס'האָבען זיך צונויפגעפלאָכטען אַלע נער-

ווען פון דער יודישער בעפעלקערונג, דא האט געקלאפט דער דופק, וואס האט געגעבען חיות דעם גאנצען יודישען עולם, זיינע שמערצען זענען געווען אירע שמערצען, זיין פרייד איז געווען איהר פרייד. דעם ערשטען קלאפ פון א דונער פלעגט זי צונעהמען אויף איהר קאפ, דער ערשטער מארגען-שטראהל פון דער זון פלעגט בעלויכטען איהר אלט פערזארגט פנים; צווישען גאט און צווישען מענשען איז זי געשטאנען — און דעם הימעל פלעגט זי אוועקגעבען דאס, וואס זי פלעגט בעקומען פון מענשען, מענשען פלעגט זי איבערגעבען דאס, וואס איהר פלעגט שענקען דער הימעל...

און אז ס'פלעגט קומען דער פריהלינג, און די ניי-געבארענע זון פלעגט שיקען דער בענייטער ערד איהר ערשטען פריהלינגס-שמייכעל... און דער שטראהל איז געפאלען אויף די הויכע פיעל-פארביגע פענסטער, זיך צושפאלטען און צושאטען אויף פיעל-פיעל פייערלעך, וואס האבען יעדען געשענקט דאס, וואס ער פערלאנגט.

מוטערליך פערזארגט, פלעגט די הויכע שוהל בעקוקען די שטאדט, וואס האט זיך ווייט פונאנדערגעווארפען ארום איהרע פיס, אין האט געקוקט אויפ'ן הייליגען אליא, ווייט אין דעם אנדער עק שטאדט, וואס האט הויך געטראגען צום הימעל זיינע צווי אייזערנע קרייצען; זי האט געזעהן ווייט הינטער'ן שטאדט דעם בית-עלמין, געדיכט בעוואקסען מיט אלטע פערטרוימטע ביימער; דעם טייך, וועלכער האט געבלאנקט מיט זיין קאלטען שטאהלענעם שפיגעל צווישען די צוויי גרינע ברעגען און געטראגען זיינע קליינע וועלען איינעם נאכ'ן אנדערן אלץ אין איין און דעמזעלבען ארט אין וואלד, ווייט ערגיץ אהינטער דעם צווייטען עק שטאדט... אלץ האט אויסגעזעהן עפיס ווי יום-טוב'דיג, אלץ איז געווען שטיל, אלץ האט בעגעגענט דעם פריהלינג מיט א שטילער, ליעבליכער פרייד.

נור דער אלטער פוילישער קלויסטער, וואס איז געשטאנען ניט ווייט אויף דער אנדער זייט גאס הינטער דעם הויכען

אײזערנעם פּאַרקאַן, איז געװען אונצופֿרידען, האָט געקוקט בײז פֿון אונטער זײן שװאַרצען אײזערנעם דאַך און האָט ניט גע־גלױבט ניט אין פֿריהלינג, ניט אין שלום... פֿאַר־נאַכט, בשעת די זון האָט זיך שװער אַראָבגעלאָזט הינטער׳ן בערגעל, פֿלעגט דער שאָטען, װאָס איז געפֿאַלען פֿון שװאַרצען קרײץ אױף דער ערד, זיך ציהען איבער דער ברײטער גאַס גלײך צו דער שוהל,— װי ער װאָלט זיך געקליבען אױף איבּיג צו בעהאַלטען די זון פֿון איהר. אין די אַלטע שוהל האָט מיט אַ בעזונדער שרעק געקוקט אױף איהר בײזען שכן און האָט װי געבעטען די זון זיך אָבשטע־לען אין אָבטרײבען פֿון איהר דעם שװאַרצען שאָטען... די נאַכט פֿלעגט אָבער קומען און די שוהל פֿלעגט מיט שרעק און מיט פּײן װאַרטען, ביז ס׳װעט קומען דער צװײטער טאָג, און מיט שמחה פֿלעגט זי לױבען גאָט פֿאַר יעדער נאַכט, װאָס איז רוהיג פֿאָראיבער.

אױף דער צװײטער זײט, האַרט נעבען איהר, אױפ׳ן װינקעל פֿון מאַרק אין דוחאָװסקי גאַס האָט זיך אױפֿגעהױבען אַ נײַער שכן, נאָר־װאָס אַנ׳אױפֿגעבױטער נײַער, אוניאַטישער קלױסטער „פֿון הײליגען גײסט“. ער איז אױך געװען גענוג הױך, און װײל מ׳האָט נאָך אַװעקגענומען פֿון איהם די סלופּעס מיט די הילצערנע בריקלעך אַרום, האָט ער אױסגעזעהן נאָך העכער... מ׳האָט שױן אױפֿגעהאַנגען די גלאָקען און באַלד װעט זײן דער חנוכּת־הבּית... װער װײסט, װי ער, דער נײַער שכן, װעט זי אָננעה־מען און צי װעט איהר ניט װערען איצט נאָך אײנגער, װי ס׳איז געװען ביז אַהער?

איצט איז די שוהל געשטאַנען שטיל אונטער׳ן שנײ, װעלכער האָט מיט אַ שװערען װײַסען שלײער בעדעקט איהר אַלטען קאָפּ. דער װינד פֿלעגט זיך אַמאָל אָברײַסען עפּיס פֿון אַ זײַט, אונגעשטערט שפּאַצירען איבער׳ן ברײטען דאַך, אױפֿ־בלאָזענדיג פֿון דעם שנײ כל׳ערלײ פֿיגורען. די אױבערשטע שױ־בען זענען געװען פֿערפֿראָרען און אין זײ האָט שױן איצט ניט געשפּיעלט די זון מיט איהרע גאָלדענע שטראַהלען, װײט

אַרום האָבען געשלאָפען מיט זייער טויטען שלאָף די גרויסע פעלדער און נור אין עק וועלדיל, הינטער'ן שטאָדט, צווישען קבֿרים גאַס און סמאָלענסקער פאָרשטאָדט, ניט ווייט פון דער אַלטער, האַלב איינגעפאַלענער אונאַטישער קאַפליצע, איז ניט געווען שטיל. שוואַרצע קראָהען פליגען זיך שווער אַריבער-זעצען פון איין צווייג אויפ'ן צווייטען און מיט זייערע האַרטע געשרייען צושטערען די שטילקייט אַרום, און דער ווינד פלעגט זיך דורכרייסען פון צווישען די בוימער און ברענגען צוטראָגען זייערע טרויעריגע געשרייען אַהער צו דער האַלב-פערשלאָפענער אַלטער שוהל...

דאָס אכטע קאַפּיטעל.

נאָטע פחדקאָוו האָט דעם גאַנצען ווינטער פון יאָהר 1823 אָפּגעאַרבייט אַרום דערפיל סערטיוע אין אַ וואַלד, וואָס האָט געהערט צום גוט-בעזיצער הערנגראָס, וועלכען שמריה בערלין האָט אָפּגעדונגען אויף אויסצוהאַקען. דער וואַלד איז געשטאַנען צוועלף וויאָרסט פון דער דווינאַ, און דאָך איז עס געווען אַ פערוואָר-פענער, אַ פערלאָזענער קאַנט אָהן אַ וועג, אָהן אַ דורכגאַנג. וואַלד-געשעפט איז די גוט-בעזיצער אַרום גאָרניט בעקאַנט געווען, און הערנגראָס, ווי זיינע איבעריגע חברים, האָבען נאָך ניט געוואוסט, אַז דאָס איז עפּיס אַ סחורה און מ'קאָן פון דעם מאַכען געלד. אַלטע הונדערט-יעהריגע אייכען פלעגען פערפוילט ווערען אויפ'ן אָרט, פאַלען און מאַכען דעם וואַלד נאָך געדיכטער און נאָך טונקעלער, וואו ס'איז גאָר קיין סימן ניט געווען, אַז דאָ געפינט זיך ערגיץ אין דער נאָהנט אַ מענש, וואָס האָט ביי זיך אינטער'ן האַנד מעהר ווי פינף טויזענד קנעכט, וואָס ער אַליין איז געווען אויף זיי דער הערשער, דער בעל-הבית אויף זייער לעבען און טויט.

בעזונדערס פערוואָרפען איז געווען דער סערטיוער וואַלד וואוהין דער בעל-הבית פלעגט זיך ניט ווייזען אפילו אויף געיעג. איין מאָל נור, אין יאָהר 1809 האָט ער זיך פערקליבען אַהער נאָך

וואַלד-שנעפּען. אָבער וויפיעל ער האָט ניט געשאָסען, האָט ער דאָך קיין וואַלד-שנעפּען ניט בעקומען, דערפאַר אָבער האָט ער על פּי טעות דערשאָסען זיין בעליעבטען הונד מילאָרד. מילאָרד'ן האָט מען מיט גרוים פּאַראַד בעגראָבען אין פּאַרק, דאָרט, וואו עס קרייצען זיך צוויי אַלייען און אויף זיין קבר האָט מען אַוועק-געשטעלט אַ הויכע מאַרמאָרנע מצבה מיט אַן ענגלישער אויפשריפט.

אין דער כערטייער וואַלד איז פון דעמאָלט אָן אינגאַנצען פער-געסען געוואָרען. נור איין מאָל אין יאָהר, ענדע זומער, פלעגט מען אַהער צוזאַמענטרייבען אַלע מיידלעך פון הויף, קלויבען יאַג-דעס, און אויב ווער פון זיי פלעגט ברענגען ווייניגער ווי צוויי מעסטלעך יאַגדעס, פלעגט מען זיי פאַר אַלעמען אין די אויגען אויסטהון, אַוועקלעגען אויף דער ערד און שמייסען מיט ריטער אָדער מיט אַ נאַגייקע, ווי דעם בעל-הבית פלעגט וואוילגעפעלען.

שמייסען מיט אַ נאַגייקע אויפ'ן הויף אָדער אין שטאַהל פאַר'ן בעל-הבית אין די אויגען פלעגט מען אַגב, ניט נור די פערשולדיגטע הויף-מיידען אַליין. דעמזעלבען פסק האָט בעקומען יעדער, מיט וועמען איוואַן קאַרלאָוויטש איז עפּיס געווען אונצו-פריעדען. עפטער פון אַלע פלעגען דעם פסק בעקומען די יודען, וועלכע זענען ווי-עס-איז דורכגעגאַנגען אָדער דורכגעפאָהרען איבער זיין גבול.

דער גבול זיינער האָט זיך אָבער געצויגען אויף ברייטע ברעגען פון טייך און האָט פערנומען אַ שטח פון עטליכע און דרייסיג טויזענד דעסיאַטין און דערין אויך דעם איינציגען פּאָסט-טראַקט און פיעל קליינע וועגען, איבער וועלכע אַ האַלבער אויעזד פלעגט מוזען דורכפאָהרען פון שטאָדט און אין שטאָדט אַריין. און דאָך האָט איוואַן קאַרלאָוויטש אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז קיין איינציגער ייד זאָל זיך ניט טאָרען ווייזען וואו-ניט-איז אויף זיין ערד; די וואַלד-שומרים האָבען ניט געהאַט קיין אַנדער אַרבייט נור זוכען ערגיץ אויף די וועגען אַ יודען. און האָט זיך זיי איינגעגעבען צו חאַפּען ערגיץ אַ יודען, פלעגען זיי איהם באַלד ברינגען צום פּריץ. דאָ האָבען איהם ערוואַרטעט שמיץ,

וועלכע ס'פלעגט איהם מיט גרויס פאראד געבען — פאר די אויגען פון אלע הויפיגע — איוואן קארלאוויטש מיט זיינע אייגענע הענד.

לויט'ן „שלחן ערוך" נאך, וואס איוואן קארלאוויטש האט אליין געמאכט פאר זיינע אונטערטאנען, איז יעדען יודען, וואס מען האט געחאפט אין זיין גביל, געקומען: צום ערשטען מאל — 40 שמיץ, צום צווייטען מאל — 60. אמאל אבער פלעגט ער אריין אין געשמאק און שוין צום ערשטען מאל אריינשיטען 80 שמיץ, — אויב ער האט נור קיין טעות ניט געהאט אין צאהל. אין יאהר 1817 איז געווען א מעשה, אז מ'האט געבראכט איינעם א יודען לייב'ן, וואס האט געהאלטען א קרעטשמע אין סעלעזני בייַ דעם אדמיראל מארדווינאוו. מ'ווייסט ניט פארוואס, נאר דער אלטער האט זיך אפנים גוט געפיהלט, און האט עובר געווען זיין אייגענעם שלחן ערוך. לייב'ן איז „על פי הסטאטיא" געקומען מעהר ניט ווי 40 שמיץ, ער האט איהם אבער אפגעצעהלט הונדערט מיט צוואנציג, און אז ער האט געענדיגט שמייסען, איז לייבע געבליבען ליגען אויפ'ן ארט א טויטער.

צום גליק, איז דער אלטער, בייזער אדמיראל מארד-ווינאוו דעמאלט נישט געווען דא; ער איז געזעסען אין קרים און דער איספראווניק דרוצקאי-סאקאלינסקי איז געווען בטבע זעהר א גוטער מענש און האט ניט געוואלט מאכען קיין טומעל פון גארנישט.

אזוי האט איוואן קארלאוויטש ווייטער געשמיסען וועמען ער האט געוואלט. ער האט נור א ביסעל געענדערט די „סטאטיא": איצט איז שוין פון ערשטען מאל אן געקומען ניט ווייניגער ווי 60 שמיץ. אט די דאזיגע „סטאטיא" איז געווען בעוואוסט אין דער גאנצער סביבה, האט אלע יודען געהאלטען אין שטענדיגען שרעק און דאס ווארט „סטאטיא" האט מען אנגעהויבען צו בענוצען אין לעבען אנשטאט דעם ווארט: „שמיץ".

— ווייסט, בחידער, — פלעגט דער קהל'שער שרייבער פיניע טעוועלעוו שרעקען יעדערן, וואס פלעגט צו איהם קומען בעטען

אנשרייבען עפיס א פאפיר, — ווייסט, אז פאר אזא מעשה קומט דיר „פא=זאקאנו" די... „סטאטיא"?

אין דער הערשראקענער יוד פלעגט באלד גרייט זיין צו פערהערסערן דאס געצאהלט, אבי ער זאל ניט קארגען אריינצו־שטעלען אין פאפיר נאך עפיס א שטיקעל מליצה, וואס זאל איהם ווי=ניט=איז ראטעווען פון דער „סטאטיא".

אין איינעם א הערבסט=טאג אין יאהר 1822 האט מען צו איוואן קארלאוויטש'ן הערנגראס געבראכט א יודען מיט'ן נאמען נאטקע פרידקאוו. דעם יודען האט מען געפונען אין רעכטען מיטען סערטייער וואלד, דארט, וואו א מענשען=פוס האט נאך ביז דע־מאלט ניט געטראטען. ער איז געגאנגען איבער'ן וואלד גלייך צום פריץ'ס הויף, פלעגט זיך אבשטעלען ביי יעדען דיקען בוים, געמאסטען עפיס מיט א ג'ארשין און אנגעצייכענט עפיס פון אוי־בען מיט קרייד...

דער שומר, וואס האט איהם געהאפט אין וואלד, האט איהם, מיט דער הילף פון קוטשער, געבונדען די הענד אהינטער און אוועקגעשטעלט פאר'ן פריץ'ס הויכען גאניק, ביז וואנען דער פריץ וועט פארטיג ווערען און זאגען, וואס מיט איהם צו טהון.

אנטאן דעם פריץ'ס קוטשער איז דערווייל אוועק אין שטאהל און האט אנגעהויבען מאכען די נויטיגע הכנות צום שמייסען. ער האט אוועקגעשטעלט א ברייטע באנק, האט אויסגעקליבען עט־ליכע לאנגע בערעזענע ריטער, האט זיי צוזאמענגעפלאכטען, גוט אויסגעווייקט אין וואסער און אנגעהויבען מאכען מיט זיי אין דער לופט מיט גרויסער מבינות, ווי א בקי, צוהערענדיג זיך צו זייער פייף. די פויערים און די דינער פון הויף זענען זיך צוזא־מענגעלאפען פון אלע זייטען, כדי ניט דורכצולאזען עפיס א יום־טוב; האבען מיט רחמנות געקוקט אויף דעם געהאפטען יודען, וועלכען ס'האט זיך ניט איינגעגעבען ארויסצודרעהען זיך פון אונטער די הענד.

נאטקע איז געשטאנען אויף זיין ארט און זיינע שווארצע שפיציגע אויגען האבען מיט א בעהאלטענעם שמייכעל געקוקט

אויף דאָס קליינע טהירעל, אַרומגעשלאָגען מיט וואַילעק, פֿון וואַגען ס'האָט געדאַרפֿט אַרויסגעהן איוואַן קאַרלאָוויטש.

ענדליך האָט זיך די טהיר געעפֿענט און אויפֿ'ן גאַניק איז אַרויס אַן אַלטינקער, מיט אַן אויסגעוויקסטען צוקנייטשטען פּנים אין אַ גרינעם האָוזן־מיטער, אין וואַרימע שטיוועל און מיט אַ שטעקען אין האַנד.

— ווער ביזטו? אַ זשיד? — האָט זיך דערהערט זיין געשריי.

— אַ ייד, אייער עקסעלענץ! — האָט נאָטע שאַרף און גלייכגילטיג אַרויסגעזאָגט, קוקענדיג דעם פּריץ גלייך אין די אויגען אַריין.

— פֿון וואַנען?

— פֿון שטאָדט, אייער עקסעלענץ.

— אָבער ווי האָסטו זיך ערלויבט? איבער מיין נחלה?

איוואַן קאַרלאָוויטש האָט זיך פֿונאַנדערגעהוסט, האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ זיידען טיכעל און האָט זי צוגעטראָגען צו זיינע אויסגעאַלטע ליפען.

— ווי־זשע אַנדערש קאָן מען צו אייך צוקומען, ווען ניט איבער אייער אייגענער נחלה? — האָט נאָטע אַ געשריי געטהון. — פֿון אונטען, — אייער עקסעלענץ, מ'דאַרף לויבען גאָט, וואָס אַרום אייך ליגען אַלץ אייערע נחלות און ניט פֿרעמדע.

דער פּריץ האָט פֿערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף נאָטען.

— הער, ביזט מאַקע אַ זשיד, אָדער דו נאַרסט מיך? זאָג, ניט היטרעווע.

נאָטע איז צוגעגאַנגען נעהנטער צום פּריץ.

— וואָס האָב איך וואָס צו היטרעווען, אייער עקסעלענץ? איך בין דאָך געקומען צו אייך עפּיס וועגען אַ געשעפֿט.

— אַ געשעפֿט? דו? צו מיר?

— ווי־זשע אַנדערש? מיט געלד, אייער עקסעלענץ, פֿון שמריה בערלין: זעקס טויזענד אַסיגנאַציעס און ביז צוויי הונדערטער זילבער.

— וואו זענען זיי?

— אָט ביי מיר אין בוזעם. הייסט פונאנדערבינדען מיר די הענד, וועל איך דיי איך שוין אבצעהלען און א שמועס טהון העגיען געשעפט.

—וועגיען געשעפט?

איוואן קארלאָוויטש האָט א קוק געטהון אויפ'ן סטאַראָסטע, וואָס איז געשטאַנען נעבען אידם.

— המ... המ... און ווי־זשע אַנטקעגען דעם... אַנט־קעגיען דעם...

— „סטאַטיא"?— האָט נאָטע פרעהליך אונטערגעזאָגט.

— יאָ, יאָ, איך מיין טאַקע די „סטאַטיא"...

— די „סטאַטיא", איער עקסעלענץ, וועט ניט אַנטלויפען... דאָס וועט מען קאָנען שפּעטער...

— המ... האָט ווייטער געשטאַמעלט דער פריץ און האָט אָנגעהויבען קייען די הייליגע דיאַמאַנטען.

— וואַסיל קארפּיטש,— האָט ער זיך אָבגעוענדעט א קעהר געטהון צום סטאַראָסטע— אָבבינדען? הא? ווי זאָגסטו, בינדו אָב!

דער סטאַראָסטע איז לאַנגזאַם אַראָב פון די טרעפּ און ווי א מענש, וואָס איז שוין פון לאַנג אָן געוועהנט צו די קאַפּריזען פון דעם אויסגעגעלטערטען נאַרישען „דייטשעל", האָט ער אָנגעהויבען שטיל אַראָבנעהמען פון נאָטען די שטריק און זיין בעלי־בתיש צונויפדרעהען אין א רינג.

נאָטע האָט בעפרייט זיינע געבונדענע הענד און איז אַרויף אויף די טרעפּ, שטאַרק אויסווישענדיג די פּיס אָן גראָבען טוך, וואָס איז געלעגען אונטען. איוואן קארלאָוויטש האָט א דרעה געטהון מיט'ן קאָפּ, האָט אידם געעפענט די טהיר, דורכגעלאָזען אידם פריהער און אריין נאָך אידם.

וואַסיל קארפּיטש האָט א מאַך געטהון מיט די פּלייצעס, אָבגעשפּיגען מיט כעס און האָט אָבגעטראָטען אָן א זייט.

און מיט צוויי שטונדען שפּעטער איז שוין צווישען דעם „גוואַרדיע־פּאָרוטשיק" איוואן קארלאָוויטש הערנגראָס און דעם בעפאָלמעכטיגען פון צוויטער גילדיע קופּעץ שמערקע בערלין

געװען אױסגעאַרבײט אַ פֿאָרמעלער קאָנטראַקט, װעלכען נאָטע האָט אָנגעשריבען און דער אַלטער האָט אַלײן מיט זײנע אײגענע הענד איבערגעשריבען אױף בלױ הערבאָװע פּאַפּיר. לױט דעם קאָנטראַקט, האָט הערנגראָס אַװעקגעגעבען בערלינגען אױף צװעלף יאָהר דעם סערטײזער װאַלד, אַ שטח פֿון 4,248 דעסאַטינען אױף אױסצוהאַקען. לױט נאָטעס פּאָרשלאָג, האָט בערלין געדאַרפֿט דאָבען רעכט צו האַקען נאָר די שטיק, װעלכע זענען איבער 10 צאָל דיק און ניט װעניגער פֿון דרײ קלאַפֿטער הױך; דעם פֿריץ אָבער האָט אױסגעװיזען קאָמיש דאָס, װאָס ער װעט דאַרפֿען קלעטערן אױף יעדען בױם מעסטען זײן גרעב; דערום האָט ער אָבגעמאַכט, אַז מ'זאָל אָנהױבען שנײדען פֿון 10 צאָל אונטען. פֿון דעם שנוי האָט זיך די צאָהל פֿון די בױמער, װאָס װאָס זענען אַריבער צו בערלינגען, פֿערגרעסערט אױף 45,000 שטיק, נאָר דאָס האָט בײ הערנגראָס'ן נישט געהאַט קײן שום װערדע. פּונקט װי בײ איהם האָבען קײן װערדע ניט געהאַט אַלע איבעריגע זײנע װעלדער, װעלכע האָבען בעדעקט בײדע ברעגען טײך. אַלע איבעריגע פּונקטען זענען געװען אױסגעאַרבײט אַזױ װי נאָטע האָט געװאָלט. דער פֿריץ איז געבליבען העכסט צופֿריעדען פֿון דעם געשעפֿט, װאָס ער האָט אָקאָרשט געמאַכט, און אַז ער האָט בעקומען פֿון נאָטעס הענד דאָס פּעקיל אַסיגנאַציעס, האָט ער זיך ברײט אונטערגעשריבען, פֿערשװענדיג די פֿעדער אָן דעם דיקען און האַרטען פּאַפּיר און פֿערשפּריצענדיג עס מיט טינט.

ער האָט אַרױסגענומען פֿון אונטער'ן בוזעם אַ קלײן זאַמאַליעװע טאַבאַק-פּושקעלע, האָט אַ קנאַק געטהון מיט'ן דעקעל און אונטערגעטראָגען נאָטען אונטער'ן נאָז. יענער האָט מיט גרױס געשמאַק אַרײנגעצױגען אין זיך דעם אַראָמאַטישען ריח, האָט אַ הײליגען נאָס געטהון און אָבגעװישט די װאָנסען מיט'ן טיכעל.

— איך דאַנק אײך, אײער עקסעלענץ, אַ האַרציגער דאַנק...

ט, און װי, פֿריץ, װעסטו מיר האַטהען צו פֿאָהרען צוריק: מיט'ן „באָלשאַק", אָדער... װי עס איז... אָן אַ זײט?..

אַ שמייכעל איז דורכגעלאָפֿען איבער נאַטאַשאַ׳ס בעוואַקסענען פּנים און האָט זיך בעהאַלטען ערגיץ אין באָרד.

— מיט׳ן באַלשאַק, מיט׳ן באַלשאַק, פּעטעריל!... אַט הײַנט איך פֿאַר דיר שפּאַנען.

ער האָט זיך אַנאַייל געטהון צו דער טהיר; נאַטאַשאַ האָט זיך אויפגעהויבען גלײַך נאָך איהם.

דרויסען איז נאָך געשטאַנען אַ גרויסע מחנה הויף-לײַט. אַנטאָן איז געשטאַנען נעבען שטאַהל, אָנגעלעהנט אָן דעם אָפֿענעם טויער, און האָט עפּיס דערצעהלט מאַכענדיג מיט די לאַנגע געפֿלאָכטענע ריטער, וואָס ס׳זענען געווען בײַ איהם אין האַנד. אייניגע האָט דערעסען וואַרטען און זיי האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף די קלעצער, וואָס ס׳זענען געווען אָנגעלעגט דאָ ניט ווײַט.

— אַנטאָן! — האָט זיך דערהערט דעם פּריץ׳ס געשריי פֿון גאַניק — אַ טראָיקע!... די וואַרוואַרינסקע מיט די גלעקלעך... די הערסט?

— און איהר? — האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון צו די פּויערים, — וואָס שטעהט איהר?... אויף די ערטער!!

אַנטאָן האָט אָפּגעוואָרפֿען אָן אַ זײַט די ריטער און האָט זיך אַ לאָז געטהון צום שטאַהל; די דינער זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען און אַלע זיטען מיט אַ גרויס וואונדער, קוקענדיג אויפ׳ן פּריץ און אויף דעם יודעל האַרט נעבען איהם.

אַ מאַראַנטאַס אויף הויכע רעסאָרען איז מיט אַ געריוש אין אַ קלאַפּערײַ צוגעפֿאָהרען צום גאַניק. די אויסגערוהטע פֿערד האָבען הויך געוואָרפֿען די קעפּ און געטופּעט מיט די פֿיס אָן דער ערד. דאָס מיטעלסטע האָט געבײַסען די צוים און זיך געריסען געהן. אַנטאָן איז הויך געזעסען אויף זײַן אָרט, פֿערריכט זײַן רויטען גאַרטעל פֿון אויבען דעם שוואַרצען סאַמעטען קאַפֿטאַן און די לאַנגע שטרויס-פֿעדערן האָבען זיך ווײַט אַרומגעטראָגען אַרום זײַן קלײַן קײַלעכדיג היטעל.

— זעץ זיך, נאַטאַשאַ, — האָט זיך דער פּריץ געווענדעט צו

זיין גאסט און האט איהם דערלאנגט זיין קליין אויסגעדארט הענד־טיל, וועלכעס האט זיך איינגעגנצען פערלארען אין נאטעס פער־הארעוועטער האנד.

נאטע האט פארזיכטיג אבגעשפילעט די הענט, האט איני־רוהיג א קוק געטהון אויף זיינע גרויסע שווערע שטיוועל און האט זיך ארויסגעלאזט אויף דעם ווייכען לעדערנעם געזעס.

— זייט געזונד, פריץ! — האט ער א געשריי געטהון, אראבנעהמענדיג פון קאפ זיין שווערע פלישענע היטעל און האט זיך אנגעלעהנט אויפ'ן רוקען.

די פערד האבען זיך א ריהר געטהון; די גלעקלעך האבען געמאכט צווישען זיך א שמועס, פריהער שטיל, נאכדעם העכער, העכער און האבען מיט אמאל אנגעהויבען ריידען אלע צוזאמען, יעדער אויף זיין קול.

דער טאראנטאס איז ארויסגעפאהרען אויפ'ן בריקעל און האט זיך גענומען רעכטס איבער דער אלייע, וואס געהט צום באלשאק. איוואן קארלאוויטש איז געשטאנען אויפ'ן גאניקעל, איינדרעהענדיג די פאלעס פון זיין מונטעריל.

פון אהינטער די ווינקעלעך האבען ארויסגעקוקט הערשאר־קענע פנימער פון די הויף־לייט, וועלכע האבען נייגיריג און מיט שרעקענדיגע אויגען באגלייט דעם טאראנטאס.

דאס נײנטע קאפיטעל.

אין סערטיגער וואלד האט מען שוין צוויי מאנאטען געאר־בייט; ס'איז געשטאנען א לעבעדיגע מיטהיגע בעוועגונג, און דארט, וואו ס'האט זיך נאך פון אייביג אן ניט געהערט קיין מענשליך קול, איז איצט אויסגעוואקסען א גאנצע בעפעלקערונג, האט אויס־געשפראצט א לעבען. אונטער'ן בארג ביים טאמע אראבגעהן צום טייך איז אויסגעוואקסען א הויכע שטוב מיט א הויכען שינדעל־דאך מיט א רויטען ציגעלנעם קוימען, — דארט איז געווען די קאנטאר. און אויפ'ן בארג האבען זיך אויסגעצויגען אין צוויי שורות דערוויילינע ביידלעך, אין וועלכע ס'האבען געוואוינט די

אַרבײטער און זײערע העלפער. פויערים פוהר־לײט פלעגען אַלע פריה־מאָרגען קומען צופאָהרען אַהער פון דויף און אין אָווענד זיך אומקעהרען צוריק, אָבער טשעסלער און זעגער פלעגען וואוי־נען דאָ, בײ דער קאָנטאָר, אַרבײטען פון שטיק און בעקומען פאַרטיגען „האַרטשי". צום אָנהויב דעצעמבער זענען שוין געוועזען אויסגעהאַקט צוויי „אויטשאַסטקעס", און גרויסע בערג מיט קלע־צער, ברוזען, מאַקסטען, שוועלען און שניפּער זענען שוין געווען אָנגעוואָרפען אויפ'ן ברײטען נידעריגען ברעג; פון אָנפאַנגס פריה־מאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגען זיך פון דאַנען ווײט פונאַנדערטראָגען איבער דעם פערפראָרענעם טײך קלעפּ פון העק, דער סקריפּ פון זעגען און שווערע זיפצערײען פון מענשען, וועלכע די נויט האָט פון אַלע עקען צונויפגעטריבען אַהער צו'ליעב אַרבײט און ברויט. און דער פערגליווערטער, פערפראָ־רענער טײך האָט טיעף אונטער'ן אײז געטריבען די קאַלטע בעהאַלטענע וואַלען, כדי מיט'ן ערשטען אָנקומען פונ'ם פריה־לינג אַוועקטראָגען אויף זיך דאָס אַלץ, וואָס די מענשען האָבען דאָ פאַר איהם אָנגעגרײט.

דעם 6־טען דעצעמבער גאַנץ פריה איז נאָטע פרודקאָוו אין וואַרימע וואָליקעס, אין אַ שוואַרצען שאָף־פעלץ געשטאַנען אויפ'ן גאַניק פון קאָנטאָר, האָט זיך שטאַרק אײנגעצויגען מיט'ן רויטען פויערשען גאַרטעל און האָט זיך שטיל צוגעהערט צו די ווערטער, וואָס איהם האָט איבערגעגעבען דער הויפּט־פּידרחער פון שמריה'ס וואַלד־געשעפט, אַבראַם קיסין.

קיסין איז געווען אַ יונגער מענש פון הויכען וואוקס און מיט אַ לאַנג אײדעל געזיכט, וואָס איז נאָך גאָרניט געוועזען בעוואַקסען און ער האָט דעריבער אויסגעזעהן יונגער, ווי ער איז געוועזען. זײן רײן, ווי אויסגעגאָסט פנים, די גילדענע ברי־לען, דער אײראָפּעאישער קאָסטיום און דײטשישער אויסדרוק האָבען איהם געמאַכט זעהר ענהליך צו „אַ דײטש"; און זײן שאַרפער קאָפּ, גרויסע בקיאות אין תלמוד און פוסקים, זײן בע־קאַנטשאַפט מיט אַלע גײסטיגע בעוועגונגען צווישען יודען אין

דייטשלאַנד, אין געוועזענעם פּוילען און איצט אין רוסלאַנד, זיין אָבלאַכען פון דער נייער חסידישער בעוועגונג, וואָס האָט פאַרהאַפט כמעט אַלע שטעדטישע יודען,— האָבען געבראַכט דערצו, אַז מ'האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ מתנגד. ער איז געוועזען אַ זוהן פון שמריה'ס אַ ווייטער קרובה, אַן אַלמנה פון הירש קיסין, אַ מלמד אין עפּיס אַ שטעדטיל אַרום ווילנאַ. צו אַכצעהן יאָהר איז ער אַוועק קיין קורלאַנד און איז דאָרט אָפּגעזעסען עטליכע יאָהר. און אַז שמריה האָט זיך געשעפטליך פאַרבונדען מיט ריגאַ, האָט ער איהם אויסגעשריבען צו זיך און האָט איהם איבערגעגעבען דעם גאַנצען וואַלד-עקספּאָרט אויף אויסלאַנד.

פון ענדע אָקטאָבער אָן איז ער אָפּגעזעסען אין סמאָרטינע און צוזאַמען מיט נאָטען אָרגאַניזירט דאָס וואַלד-געשעפט, וואָס איז דאָ געוועזען גאָר אומבעוואוסט און וואָס האָט מיט דער צייט געזאָלט ווערען דאָס הויפּט-געשעפט פון דער גאַנצער סביבה.

— צו שקאָמערד'ן? — האָט נאָטע אַ פרעג געטהון און האָט אָנגעהויבען שנעל פאַרשרייבען מיט אַ בלייַשטיפט צו זיך אין ביכעל אַלץ, וואָס קיסין האָט איהם געזאָגט; איינינע זאַכען האָט ער אונטערגעשטריכען.

— יאָ, צום סמאָטריטעל שקאָמערד נאָך „ספּלאַווניע וועדראָמאָסטען"... און געלד צום קאָמענדירען צאָהלען ניט ווענינער פון 375 רובל זילבער.

— גוט, גוט, ר' אַברהם.

דאָס וואָרט ר' צו איהם, צום יונגען בחור'ל אָהן וואָנסען, האָט ביי נאָטען געהאַט אַן אַנדער זין: ער האָט בעדאַרפט ווייזען, אַז כאָטש ער איז עלטער, איז דאָך אָבער קיסין מעהר בעקאַנט מיט'ן געשעפט, און דאָס איז ביי איהם די הויפּט-זאַך.

—און... אָט דאָס,, בריוועלע וועט איהר מוחל זיין איבערגעבען,— האָט קיסין אַ זאָג געטהון און האָט אַרויסגענומען פון טיש-קעסטעל אַ קליינעם פאַרחתמ'עטען קאָנווערט, אויף וועלכען ס'איז געווען אָנגעצייכענט נור צוויי אותיות: „ל. ב."

נאָטע האָט אַ קוק געטהון אויף קיסינ'ען און האָט געוואָלט

איבערהאפּען זײן בליק; קיסין האט זיך אָבער אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צום פענסטער, און דער אָבשײן פון די שויבען איז געפּאַלען אויף די גלעזלעך פון זײנע ברילען, און נאָטע האָט גאָרנישט געזעהן; ער האָט מיט גרױס פּאַרזיכטיגקייט צוגענומען דאָס בריוועל און עס אװעקגעלעגט באַזונדער פון אַלע אַנדערע אין בוזעם-קעשענע.

— גוט, רב אברהם. נו... און װאָס איז מכח אַן ענטפער?

אַ ליכטער שמייכעל איז איהם דורכגעלאָפען איבער די ליפּען און ער האָט פרעהליך אַ קוק געטהון אויף קיסינ'ען.

קיסין האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט זיך אָבגעקעהרט; ער האָט געזעהן, אַז נאָטע װײסט זײן סוד; ער האָט אָבער אויך געװאוסט, אַז דער סוד געפינט זיך אין ערליכע הענד, און דאָס האָט איהם בערוהיגט.

נאָטע איז אַראָב פון די טרעפּ, צוגעגאַנגען צום פערד און האָט גוט, בעל-הבית'יש, בעטראַכט דעם שפּאַן, אַלץ איז געװען אין אָרדנונג, און נאָטע האָט זיך אַװעקגעזעצט אויפ'ן שליטען און האָט גענומען אין האַנד די לייצעס. דאָס פערד האָט אַ ריס געטהון פון אָרט, האָט דורכגעשניטען דעם שניי, האָט זיך גענומען רעכטס און איז אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן װעג. קיסין איז געבליבען שטעהן בײם פענסטער, האָט אויסגעריבען אַן אָרט אינ'ם פערפראָרענעם שויב און האָט איהם אַזוי לאַנג נאָכגעקוקט ביז ער איז פערשװאונדען געװאָרען אין װאַלד.

נאָטע איז שוין עטליכע חדשים ניט געװען אין שטאָדט און אַז ער האָט דערזעהן פון װײטען אויפ'ן שניי דעם גרױסען פונאַנדערגעװאָרפענעם בית-עולם מיט די ערשטע אײנגעפאַלענע הײזלעך פון זאַװעליזשקע, האָט ער איבערגעלעבט דאָסזעלבע געפיהל, װאָס פילעבט איבער אַ מענש, װאָס קעהרט זיך אום צו זיך אַהײם נאָך אַ לאַנגער און אַ װײטער נסיעה.

צו דער שטאָדט איז ער געװען צוגעבונדען מיט זײן גאַנצען האַרצען. אַלעמען האָט ער געקענט און אַלע האָבען איהם געקענט. ער איז ניט געװען קײן קאָבלענסקעל, אָבער דאָך

האָט אין שטאָדט ניט געפּאַסירט קיין זאַך, וואָס ער זאָל ניט זיין דער אָנפיהרער. אין קהל־שטיבעל, אין שוהל, אויף אַ סעודת מצוה — אומעטום איז נאָטיג געווען די צענטראַל־פּערזאָן, אַרום וועמען אַלץ פלעגט זיך דרעהען און ווער ס׳פלעגט אַלעמען פיהרען פאַר דער נאָז. נאָטעם אַ שטעכווערטיל פלעגט דערגעהן ביז׳ן ביין און דאָך האָט מען אויף איהם ניט געקאָנט פאַראיבעל האָבען. זיינם אַ גלייכוואָרט פלעגט אַרומשפּאַצירען ניט נור איבער שטאָדט אַליין, נור איבער די גאַנצע סביבה. מ׳האָט פאַר איהם מורא געהאַט און דאָך שטענדיג געזוכט זיין בעקאַנטשאַפט; אָהן איהם איז געווען אומעטיג אין שטעדטיל.

צוויי חדשים אָבזיצען אין דאָרף איינער אַליין מיט קמניען, וועלכען ער האָט געהאַלטען פאַר אַ שטיקעל „פּאַניטש", אַ געלערנטען, אָבער אַ „צו־טרוקענעם", האָבען איהם דערעסען, און ער האָט שוין לאַנג געוואָלט זיך „אָבפרישען" אַ ביסעל צווישען מענשען, אָנהערען זיך עפּיס נייעס, אַרויסזאָגען ביים לייענען אין שוהל עפּיס אַ נייע חכמה און הערען, ווי מ׳וועט די איהם אַליין דערנאָך דערצעהלען אַזוי איבערגעאַנדערשט, אַז ער וועט זי אפילו ניט דערקענען, זעהן זיך מיט די קינדער און עפּיס אַ טאַפּ טהון דעם דופק אין די „הויכע פענסטער" ביי נאַטשאַלסטווע — דאָס אַלץ האָט ער געמוזט האָבען און אָהן דעם האָט ער ניט געקאָנט לעבען.

ער האָט אַ טרייב געטהון דאָס פערד און איז אַרויסגעפאָהרען אויף דער ברייטער און לאַנגער איליאינסקע גאַס. אויפ׳ן ווינקעל, ביי דעם אַראָבפאָהרען צום בריקעל, האָט ער אַ קוק געטהון לינקס, וואו צווישען די הייזער, וואָס האָבען זיך געצויגען ביים ברעג טייכעל, האָט זיך פון ווייטען געזעהן זיין אייגען הויז אויך; אין די פענסטער איז געווען ליכטיג און פריידע איז, ניכר, געווען אין דער־הויך; ער איז אַריבער דאָס בריקעל און איז אַוועק ווייטער. באַלד האָט זיך בעוויזען דער מאַרק און שמריהו בערלינ׳ס מויער אויפ׳ן עק. ער האָט פערקערעוועט אַהין און איז אַרויסגעפאָהרען אויפ׳ן הויף.

דאָ האָט שוין אָנגעהויבען ווערען שטיל; דער קורצער ווינטערדיגער אַרבייטס־טאָג האָט שוין געהאַלטען ביים סוף; אין הויז, וואָס איז געשטאַנען ווייט אָבגעטיילט אויפ'ן הויף און וואו ס'האָבען געוואוינט די דיענער, איז געווען ליכטיג און פון די פענסטער האָבען זיך געצויגען לאַנגע, העלע פאַסען און אַוועק־געלעגט זיך אויפ'ן האַרטען פערגליווערטען שניי.

נאָטע האָט זיך אויפגעהויבען אויף די הויכע טרעפ און איז אַריין אין פאָרהויז. פון קיך האָט זיך געהערט אַ געשמאַקער ריח פון לאַטקעס, געפּרעגעלטע ציבעלע און פון פרישע גריבענעס. ער האָט אַ ציה געטהון מיט דער נאָז, האָט אויפגעעפענט די טהיר, אַריין אין עס־צימער און אין די אויגען האָט ביי איהם באַלד אַ בלאַנק געטהון אַ לעבעדיג פייער'ל.

אין צימער איז געווען גאַנץ שטיל; אין ווינקעלע, ניט ווייט פון טהיר, נעבען דעם ברענענדיגען קאַכעלנעם אייוועלע, איז געזעסען אין איהר ברייטער ווייכער שטוהל די אַלטע מירעל, און דער אָבשיין פונ'ם פייער האָט בעלויכטען איהר דיק קייל'עכדיג פנים און די גרויסע קרעלען פון איהר שטויביגען ציפיק. ביי דער טהיר אויפ'ן פּריטולקע, קושענדיג די אַרומגעבראָכטע אויסגעטריקענטע פאַרב, האָבען זיך נאָך געצאַפּעלט פינף פייערלעך פון פינף חנוכה־ליכטלעך. שמריה איז געזעסען ביים טיש ניט ווייט פון זיינעם אַ גוט־בעקאַנטען פּאָלאָצקער סוחר, ר' יצחק וואָלפסאָן, האָט בעדעקט מיט זיין דיקער ווייכער האַנד אַ טאַש קאָרטען, וואָס איז געלעגען דערביי אויפ'ן טיש, און האָט, ניכּר, פערענדיגט אַ „זעקס־און־זעכציג"; הענע־מיכלע איז געשטאַנען מיט אַ גרויסען ווייסען סערוועט אין די הענד און האָט געוואַרט, ביז זיי וועלען פערענדיגען דעם „קאָן" און זי וועט קאָנען אָנהויבען גרייטען צום טיש. אויף אַ קליינעם זייטיגען טישעל האָט יאָסעלע אין זיין חבר הילקע — יוזיק צייטלינ'ס אַ זהן — געשפּיעלט אין גאָרען.

— אַ—אַ, נאָטע! — האָט זיך דערהערט עמיצענס אַ געשריי און אַלע האָבען אַ קוק געטהון אויף דער טהיר.

— אהער! אהער! א דריטע האנד! — האט פרעהליך א געשריי געטהון וואלפסאן און האט זיך א הייב געטהון מיט זיין שטוהל, מאכענדיג אנ'ארט פאר נאטען.

— אבער לאזט מיר ניר אויסטהון דעם פוטער!... איך זעה: איהר ווילט מיך מאכען פאר א פלאנדערקע און דערצו נאך א געבראטענע; דאס לוינט מיר גארניט.

ער האט אנגעהויבען אויסטהון דעם פוטער און אפקלאפען אן שוועל דעם שניי פון די פיס.

אין טהיר אנטקעגען האט פאר איהם א בלאנק געטהון א בע-קאנטער פראפיל. לאנע איז געשטאנען אנגעלעהנט צו דער טהיר אין א לאנגען טונקעלען קלייד, וואס האט שטייף ארומגעהאפט איהר הויכען דינעם קערפער. זי האט געשוויגען. איהרע גרויסע שווארצע אויגען האבען געקוקט גלייך אויף איהם און אויך איהרע דינע אויסגעטאקטע ליפען איז ווי א פראגע געשטאנען...

נאטע האט זיך א צאפעל געטהון, ווי ס'פלעגט זיך מיט איהם טרעפען יעדעס מאל, ווען לאנע, מיט איהר אונגעוועהנליכער בעצויבערנדער שענקייט, פלעגט אויף איהם ווארפען איהר בליק. ער האט אויסגעטהון דעם פוטער און האט אנגעהויבען צו זוכען וואו איהם אויפצוהענגען. ער האט ענדליך געפונען א אונגע-וועהנליך ארט — צווישען טהיר און אלמער, אויף דער וויטעסטער וואנד.

לאנע האט פערשטאנען, וואס ער איז אויסען און האט זיך א ווארף געטהון צו דער טהיר; ער האט איהר שטיל, בסוד, איבערגעגעבען דעם קאנווערט; זי האט איהם שטארק צונויפ-געדריקט אין איהרע פינגער, איז געווארען רויט און געשווינד אוועקגעלאפען צו זיך, אין איבערשטען צימער.

דאס צעהנטע קאפיטעל.

אויפ'ן „הוטאראוו קריזשוי', אונטער א הויכען בארג שניי, איז שוין פינף חדשים געלעגען דער קליינער פערשטארבענער פעדיא. דער ווינד האט זיך פרעהליך געשפיעלט מיט זיין שניי-קבר און

אין די לאנגע ווינטער-נעכט פלעגט ער פון איהם אויסבלאזען אלערליי פיגורען. צוויי אלטע אנגעבויגענע אייכען זענען געשטאנען איבער איהם פון ביידע זייטען ווי צוויי שומרים, און די אלטע, האלב-צורואינירטע קאפליצע האט איהם פון ווייטען מיטערליך בעשיצט מיט איהר שווארצען אייזערנעם קרייץ, וואס האט איצט אין ארומיגען ווייסען שניי אויסגעזעהן נאך שווארצער ווי געוועזען.

און א זייט, רעכטס, האט זיך געצויגען דער וועג פון שטאדט, בעשאטען מיט היי, מיט פערדיש מיסט. און דורכגעשניטען אין אלע זייטען מיט רעדער און שליטען. דא פלעגען כמעט יעדען טאג דורכגעהן צעהנדליגער מענשען, וואס האבען מיט זייערע גראבע, שרייענדיגע קולות צושטערט די הייליגע שטילקייט ארום.

און קיינעם איז קיין דאגה ניט געוועזען, וואס דא, עטליכע טריט אן א זייט, ליעגט א קליין טויט קערפערל, וואס איז עמיצען נאהנט, עמיצען טייער און וועלכען אלע האבען שוין אינגאנצען פערגעסען. אפילו אנאטע אליין פלעגט שוין איצט אויך ניט אזוי אפט דערמאהנען איהר קינד, ווי די ערשטע טעג נאך זיין פערפאלען ווערען. איהר פערבענקט מוטער-הארץ איז ניט געוועזען צוגעבונדען צו קיין בעשטימט ארט, צו א בעזונדער קבר'ל, וואו איהר זוהן ליעגט, וואו זי קאן רעדען מיט זיין נשמה... דער ווינד האט ערניץ פערטראגען דינע ביינדעלעך, און דער ווינד האט פונאנדערגעטריבען איהר מוטער-וועהטאג... זי האט אן איהם פערגעסען.

נאר איין מענש — א פרויענצימער — האט ניט אויפגעהערט צו האלטען אין זינען, צו טראגען טיעף אין הארצען די טויטע געשטאלט פונ'ם קינד, וועלכעס זי האט קיינמאל אין לעבען ניט געזעהן. אין איהר אויפגערעגטען, קראנקען, פערשטערטען דמיון האט זיך געבילדעט א משוגע'נער פלאן — פונ'ם קליין קינדיש קערפערל אויפצוטהון אזוינס, וואס זאל א וועלט דרוב מאכען.

דאס איז געוועזען די בעטלערין, די שטעדטישע שבת-גויע, די געוועזענע וואסער-טרעגערין מאריא טערעטיעווא.

ווער, אייגענטליך, איז זי געווען, פון וואַנען האָט זי געשטאַמט — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט און ווענ'גער פון אַלעמען זי אַליין.

אויפ'ן ברעג טייך, אונטער אַן איבערגעקעהרטען שיפעל אויפ'ן זאַמד, פון וועלכען ס'האָט זיך נאָך ניט אויפגעדויבען דער פריהמאָרגענדיגער נעפעל, האָט זי צום ערשטען מאָל דערזעהן די וועלט. די זון האָט אַ בלאַנק געטהון איבער'ן שטילען וואַסער, האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אָן דעם פרישען פּעך, מיט וועלכען דער דעק פון שיפעל איז געווען אויסגעשמירט, און האָט אַ קוק געטהון אויף דעם צונויפגעדרעהטען נייגעבוירענעם קינד, וואָס ס'האָט זיך געצאַפּעלט אין די אָנגעוואָרפענע טיכער, — נור אַ קוק געטהון, אָבער ניט דערוואַרימט. און דער צוויפעל, וואָס האָט זיך צום ערשטען מאָל אָבגעשפּיעלט אין אירע קליינע, קראַנקע אויגען דעמאָלט, ווען זי האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן דעם הימעל, האָט זי שוין אויף אייביג ניט פערלאָזט. דאָס איז געווען אַ צווייפעל פון אַ מענשען אָהן אַ היים, אַ פּעריאָדיען, אַ פערטריבענעם, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואוסט, ווער ער איז, וועמ'דאַרף איהם, ווער האָט איהם בעשאַפען און אַרויסגעוואָרפען אַהער אין דער וועלט אַריין און ווער האָט איהם אָנגעוואָרפען אויף מענשען.

און זי איז אויסגעוואַקסען... אויסגעוואַקסען אַזוי, ווי קראָפּיווע וואַקסט אויס אונטער אַ שווערען פאַרקאַן, אויסגעוואַקסען מעהר נישט ווי צוליעב דעם, כדי צו פערטשעפּען די פאַרבייגעהער, אָבגיסען זיי מיט איהר ברענענדיגען סם, אָוועקגעבען זיי אַלץ, וואָס אין איהר האָט איינגעפלאַנצט יענס שטיקעל ערד, אָהן ליפט און אָהן ליכט, וואו זי איז אויסגעוואַקסען...

אויף אַ הינטער-דויף פון שיינק, אין הריגות און אין קלעפּ, זענען פאַרביי אירע קינדערשע יאָהרען, די גאַס האָט ביי איהר צוגענומען איהר יוגענד... קינדווייז פלעגט זי מיט קנאה אויסהערען דאָס וואָרט „מוטער", וועלכעס ס'פלעגט אָפט באַלד ביי איהר אַרויסרופען אַ שרעקליכע שנאה, — נאָכדעם — — — אָבער

פֿון קיין נאָכדעם האָט זי ניט געוואוסט — ווייל זי איז געוואָרען אַ גרויסע, איידער נאָך זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קינד...
און דאָס וואָרט „מיטער" האָט פֿון דעמאָלט אָן אָנגעהויבען צו קלינגען פֿאַר איהר נאָך טראַגישער, נאָך שטעכעדיגער.

זי האָט אָנגעהויבען צו זוכען טרייסט אין בראַנפֿען. די הכנסה אָבער, וואָס זי האָט געהאַט פֿון בעטלעריי און פֿון האַנדעל מיט זיך, האָט ניט געניגט אויף טרינקען — ווייל ס'איז ביסלעכווייז געוואָרען איהר שטענדיג בעדערפֿניש אי פֿאַר'ן גוף און נאָך מעהר פֿאַר דער נשמה. און זי האָט אָנגעהויבען צו גנב'ענען, גנב'ענען אַלץ, וואָס ס'פֿלעגט איהר קומען אונטער'ן האַנד, גנב'ענען, פֿערקויפֿען, פֿער'שכור'ן דאָס געלד, און ווידער גנב'ענען און ווידער טרינקען... ס'איז געווען אַ טייוועלשער נצחון איבער אַ פֿרוי, פֿון וועלכער ס'איז געווען אויסגעראָטען דער מענש, און אין דעם גופֿא פֿלעגט מערענטיעוואַ געפֿינען אַ מעגליכקייט צו פֿערגעסען, ווער זי איז און וואָס זי איז...

אַמאָל, ווען זי פֿלעגט שוין זיין איבערגעזעטיגט מיט זינד, פֿלעגט ערגיץ טיעף אין איהר קאַלטען פֿינסטערן געוויסען זיך אָנהויבען צו צאַפּלען עפּיס אַ פֿונק און זי פֿלעגט אויף אַ קורצע ווײַלע בעקומען די מעגליכקייט צו מאַכען עפּיס אַ שטיקעל "דין-וחשבון", אונטערפֿיהרען אַ סך-הכל... דאַן אָבער פֿלעגט איהר טיעפֿע פֿיינדשאַפֿט צו מענשען ווערען נאָך שטאַרקער, זי פֿלעגט זיך אָנצינדען מיט אַ העלישן פֿייער אָן אַלץ, וואָס האָט זיך אין די לאַנגע יאָהרען פֿון הונגער און פֿיין אָנגעקליבען אין דער טיעף פֿון איהר צובראָכען און פֿעראומערט האַרץ, האָט זיך מיט אַ גרויסען כח אַרויסגעריסען און אויסגעגאָסען זיך אין אַ ברענענדיגער שנאה צו די זאַטע און צו די ריינע...

פֿון די אָרימע מענשען זענען צו איהר נעהנטער זוי אַלע געווען די יודען. דאָ, צווישען יודען, פֿלעגט זי אָפֿטער ווי אומעטום געפֿינען עפּיס אַנ'אָבֿה, ריין און כשר פֿערדינען איהר שטיקעל ברויט און פֿלעגט פֿון יאָהר צו יאָהר אַלץ טיעפֿער און טיעפֿער אַריין אין דאָס יודישע היימישע לעבען. שבת פֿלעגט זי אַראָב-

געהמען פון טיש די ליכטער, הייצען די איוועלעך, מעלקען די קיה, אנטראגען וואסער און בעקומען דערפאר בראנפען, חלה און די שיריים פון טשאלענט, וועלכע זי פלעגט איינשלינגען מיט א בעזונדער התלהבות אין יעדער שטוב בעזונדער, ניט וויסענדיג קיין שיעור. שבת איז געוועזען דער איינציגער טאג אין וואך, ווען זי איז געוועזען זאט, און זי פלעגט זיך דערום פלייסען זאט צו ווערען אויף א גאנצער וואך. אבער אויך אין מיטען וואך פלעגט זי ניט דורכלאזען קיין איינציגע שמחה אדער טרויער אין א יודיש הויז, וואו זי זאל ניט זיין א מחותנ'עסטע. צו איז געוועזען אין שטוב א געווינערין אדער, חלילה, א בר-מינן, א חתונה, צו א גט, א בר-מצוה אדער א סיום התורה, — אומעטום איז זי געוועזען די ערשטע, אלעמען האט זי געקענט מיט'ן נאמען, אלעמען געזאגט „דו" און ווי א הונד פלעגט זי זיך דרעהען אונטער די פיס, האפען אלעמען פאר די פאלעס, חנפ'ענען און שילטען יענע, וואס פלעגען איהר געבען א ווינקעל, וואו איבערצונעכטיגען, א שטיקעל ברויט צום עסען.

יום-כפור פלעגט זי דעם גאנצען טאג אפזיין אין דער ווייבערשער שוהל, וואו זי האט אכטונג געגעבען אויף די ליכט. מיט גרויס פאראד פלעגט זי איבערגעהן פון איין טיש צום צווייטען, פערריכטען די ליכט און האלטען זיך אזוי ווי זי וואלט עפיס אויפגעטהון א זעהר וויכטיגע זאך פאר יודען. צו די סדרים איז זי געגאנגען פון שטוב צו שטוב אויסצוטרינקען דעם ווין פון די עשרה מכות; ביי א חתונה פלעגט זי בעגעגנען חתן-כלה מיט אן עמער וואסער; ביי א לויה איז זי געלאפען פאראויס און געמאכט א וואהע. אין ווערענדיג אלץ נעהנטער און נעהנטער צו די יודען אליין און צו זייער לעבען, האט זי די דאך פיינד געהאט מיט'ן גאנצען הארצען, מיט'ן גאנצען כח פון איהר טייוועלשען, פערדארבענעם גייסט... פארוואס? פאר זייער גייסטיגער ריינקייט, פאר זייער שלום-בית, פאר זייער שעצען די פרוי, פאר זייער טרייקייט צו פאטער-און-מוטער, צו דער פאמיליע, צו דער אמונה — פאר אלץ, פון וואס זי אליין איז געוועזען אפגעריסען פון דעם ערשטען טאג אן פון איהר לעבען.

ווינטער-צייט פלעגט זי אויך אין דאָרף. דאָס אָפּגע-שטאָרבענע גאַס-לעבען אין שטאָדט האָט זי אויף דריי חדשים פון זיך אַרויסגעוואָרפען און זי פלעגט אַוועקגעהן אין די אַרומיגע דערפער, וואוהין זי האָט געבראַכט מיט זיך אַלץ, וואָס איהר האָט געשאָנקען די שטאָדט: קאָרטען, בראַנפען און זנות. דאָ פלעגט איהר אַרבייט דורכגעהן ניט אַלע מאָל מיט גלייכען ערפאָלג: מאַנכעס מאָל פלעגט מען זי געפינען אויפ'ן שניי אונטער אַ פאַרקאַן אַ צוהרגעטע, אַ צובלוטיגטע, קוים אַ לעבעדיגע. די שטאַרקע נאַטור איהרע האָט אָבער אַלץ אויסגעהאַלטען: זי פלעגט ווידער געזונד ווערען און זיך ווידער אַמאָל נעהמען צו איהר אַרבייט, ביז זי האָט עס איבערגעטראָגען ערגיץ-וואו ווייט פון דאַנען, אין אַן אַנדער דאָרף.

אַזוי פלעגט ביי איהר דורכגעהן דער ווינטער. קוים איז אָבער געקומען דער פריהלינג און דאָס גאַס-לעבען אין שטאָדט האָט זיך צוריק אומגעקעהרט; ווי נור דער טייך האָט זיך געעפענט, אָפּגעריינינגט פון אייז, און אַלץ אויף איהם האָט אָנגעהויבען צו לעבען מיט'ן רוישענדען אַרבייטס-לעבען, — פלעגט זיך טערענטיעווא באַלד אָנהויבען צו רייסען אין שטאָדט. זי פלעגט זיך מיט אַלע כחות רייסען צום טייך, צו די פליטען, צו די באַרושעס, צו די שיינקען, איבערפולט מיט „סהאָדקע", צום הויכען און ברייטען שכור'ן געשריי, וואָס האָט זיך געריסען פון אַט די דאָזיגע שיינקען, געצויגען זיך צום טייך און צוזאַמען מיט איהר געשוואומען ווייט-ווייט הינטער די גרין-בלויע וועלדער.

דעם ווינטער פון יאָהר 1823 האָט מאַריאַ טערענטיעווא פערבראַכט 12 וויאָרסט פון שטאָדט, אין דאָרף סענטיורע, ביים פריץ איוואַן פעסטון.

דאָ, אויפ'ן הויף אין אַ בעדיל האָט ביי איהם געוואוינט דאָס „הייליגע" מיידעל, אַננאַ יערעמייעווא, וואָס איהר נאָמען איז בעזונדערס בעוואוסט געוואָרען אין דער גאַנצער סביבה אַרום נאָך איהר לעצטען נביאות-זאָגען אין טשעפלי אויפ'ן יריד, אויפ'ן אַרויפגאַנג פון קלויסטער. מאַריאַ האָט זיך בעזעצט צו-

זאַמען מיט איהר אין בעדיל אין צווישען ביידע ווייבער האָט זיך פערבונדען אַן'אונגעוועהנליכע פריינדשאַפט...

מאַריא האָט איהר יונגע חברטע בעקאַנט געמאַכט מיט'ן לעבען, וואָס איז איהר געווען זעהר גוט בעקאַנט פון קינדהייט אָן, אַננאַ האָט איהר דערצעהלט וועגען גאָט. פון צוויי פערלאָרענע נפשות, וועלכע דאָס לעבען האָט אַרויסגעוואָרפען פון זיך, ניט לאָזענדיג זיי קיין שום אָרט צווישען מענשען, האָט זיך דאָך איינע געצויגען אין דער הויך, צום הימעל, די צווייטע האָט געשלעפּט אַראָב צו דער ערד.

און גובר געווען האָט די ערד...

דעם 18־טען פעברואַר האָבען מאַריא און אַננאַ דעם גאַנצען טאָג פערבראַכט אין שטאָדט. אין דער־פריה זענען זיי ביידע געווען אויף סיבירער גאַס ביי דער סאָלדאַטקע, אַגאַטע אי־וואַנאָוואַ, און האָבען איהר דערצעהלט, אַז זיי האָבען גענויע ידיעות וועגען איהר זוהן; זיי ווייסען, וואו ער געפינט זיך. כדי צו בעשטעטיגען איהרע רייד, האָט מאַריא אַרויסגענומען פון בוזעם אַ טעשעל שוואַרצע אויסגעריבענע קאַרטען און וויפיעל זי האָט ניט געפּרובט פונאַנדערלעגען זיי, פלעגען זיי יעדעס מאָל וויזען איין און דיזעלבע זאַך: אין אַ הויכען צוויי־גאָרנדיגען מויער אויף אַ ראָג, וואו עס וואוינען יודען, געפינט זיך איהר קינד אַ בעהאַלטענער אין אַ קעלער; לעת עתה לעבט ער נאָך, נאָר אויב מ'וועט איהם ניט אַרויסראַטעווען איצט, וועט מען איהם צו פסח אויספייניגען און דערנאָך קוילען.

אַגאַטע האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. די ווערטער פון אַט דער אַלטער, אָרימער אונבעקאַנטער בעטלערין האָבען ווידער אַמאָל צורייצט אַן'אַלטע, האַלב־פערהיילטע וואונד. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהון און האָט זיי געבעטען וואַרטען ביז איהר מאַן וועט זיך אומקעהרען אַהיים; אָבער ווי נור יעמעליאַן איז אַריין אין שטוב, האָט ער באַלד דערקענט מאַריאַ'ן, וועלכע ער האָט שוין ניט איין מאָל געשלעפּט אַ שכורע אין „ביי־

זשיגי' פאר שכרות און גנבה; ער האט זיי ביידען ארויסגעווארפען פון שטוב און צוגעשלאסען די טהיר.

דער טאג איז ביי זיי שוין געווען א צושלאגענער. זיי האבען זיך ביידע אויפגעהויבען אויפ'ן בארג, זענען ארום אויף דער „סלאבאדא", ארומגעגאנגען די קארטשמעס, געקומען אונטער די „ליפקעס" און מיט'ן הויכען ברעג טייך זיך אראב־געלאזט צו דער שטאדט־צו.

דער טייך האט שטיל געשלאפען אונטער זיין גרא־בער ווייסער דעקע און נור וואו־ניט־וואו פלעגט זיך אויף איהם דערזען א פלעטשערי און א שליטען פון עטליכע וועשערינס ארום אין „פאלאנקע". ס'איז געווען קאלט, און דער געדיכטער רויך, וואס האט ארויסגעשלאגען פון די הויכע קוימענס אין ביידע זייטען פון טייך, האט דערמאהנט עפיס וועגען ווארימקייט און האט גערופען און האט געצויגען צו לעבעדיגע מענשען. זיי זענען אריבער די הויכע הילצערנע בריק, אונטער וועלכער ס'האט געמורמעלט אין זיינע שמאלע ווייסע ברעגען דער רוישענדיגער „קאניעוועץ", וואס פלעגט אין גרעסטען פראסט אויך ניט פער־פריהרען, האבען זיך אוועקגעשטעלט נעבען טויער פונ'ם קבואָרד לוקאוויטשעס און האבען עטליכע מאל אנגעקלאפט. א הייזעריג בילען האט זיי אפגעענטפערט פון יענער זייט טויער און אננא האט זיך דערשראקען, אפגעשפרונגען צוריק און זיך צוגערוקט צו מארייאן. דער טויער האט זיך ניט געעפענט, און ביידע זע־נען אבהענדיג אפגעשטאנען אויף זייער ארט אייניגע מינוטען און אוועק ווייטער; זיי זענען אוועק צום פאראם און האבען זיך אוועקגעשטעלט אויפ'ן ראג פון פעטערבורגער גאס. צווי שיינקען, איינער אנטקעגען דעם אנדערן, הנה צייטלינס און ניסן בערלינס, האבען געצויגען צו זיך מיט זייערע גרויסע שיין־אויסגעמאלטע רויטע בלעכען; די טהירען פלעגען זיך ביי ביידען עפענען כמעט יעדע מינוט און א בלויע ווארימע פארע פלעגט זיך ארויסרייסען פון אינוויינג און רופען צו זיך — צו ווארימקייט און ליכט.

מאַריאַ איז אָבער ניט אַריין ניט צו נינ'ען, ניט צו הנה'ן. זי איז אַוועק גלייך מיט דער גאַס און האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען רבקה בערלינ'ס קראָם.

— שע-ענק-ט עפּעס אַ בל-י-ינדעטשקער! — האָט זי אָנגעהויבען צו בעטען מיט אַ וויינענדיג קול און האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַנגאַ'ס פלייצע.

— גאָט וועט געבען! גאָט! — האָט דער פּריקאַשטשיק זיסע אַ געשריי געטהון, ניט קוקענדיג אויף זיי און קלאַפּענדיג מיט די פּערפּראַ'גנע פינגער אויף די ביינדלעך פון „שטשאָט".

רבקה איז אַרויס פון הינטערן טישעל, האָט זיך אָנגעהויבען גראָבען אין דער טיפער קעשענע פון איהר דאָזיגער קאָפטע, האָט אַרויסגענומען אַ גרויסען קופּערנעם צעהנער און האָט איהם דערלאַנגט אַנגאַ'ן. זי האָט צוגעכאַפּט די מטבע און אַ וואָרף געגטהון זיך צו רבקה'ן, כדי איהר אַ קוש טהון אין האַנד, נאָר רבקה האָט אויסגעריסען די האַנד און האָט זיך אָפּגעקעהרט. אין דערזעלבער מינוט האָט מאַריאַ אַראָפּגעכאַפּט פון דער נעדנטסטער פּאָליצע אַ שטיקעל האָלענדער ליוואַנד און האָט עס פעררוקט צו זיך אונטער'ן פאַלע.

זיי זענען אַרויס פון קראָם, האָבען זיך אַ ביסעל אַנ'אייל געטהין און געשווינדער ווי פריהער אַוועק איבער'ן מאַרק צו שמריה'ס מויער, וואו אין דעם אונטערשטען שטאָק האָט זיך געפינען פון איין זייט אַ „פּיטיינע קאַנטאָראַ" און פון דער צווייטער זייט, ביים אַרויסגאַנג אויף אילאינער גאַס, — אַ נידעריגער פוילישער מראַקטיר פון סטעפּאַן קאָזלאָווסקי.

זיי האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די פערפראַ'גנע טרעפּלעך און מאַריאַ, ווי אַנ'אייגענער מענש, האָט אַוועקגעפירט איהר חבר'טע גלייך אין אַ זייטיג צימער און אַוועקגעזעצט ביים טיש נעבען איוועלע; אַליין איז זי אַוועק צום בעל-הבית;

אין אַ מינוט אַרום איז שוין געשטאַנען אויפ'ן טיש אַ שמאָף בראַנפען, עטליכע הערינג און אַ גרויסער לאַבען ווייס-ברויט.

אַנגאַ האָט זיך נייגיריג אַרויסגעוואָרפען אויף דעם ברויט

און האט אנגעהויבען שטאפען אין מויל אריין גרויסע שטיקער און דאנקבאר געקוקט אויף מאריא'ן, וועלכע האט מיט ציטערדיגע הענד אנגעגאסען פון א גרויסער פלאש צוויי גלעזלעך — איינס פאר זיך און דאס צווייטע פאר אננא'ן...

דאס עלפטע קאפיטעל.

מאריא האט אנגעהויבען אלץ עפטער און עפטער צו קומען אין שטאדט מיט אננא יערעמיעווא. דעם 25-טען מערץ, אין טאג פון „בלאגאוועשטשעניע“, באלד נאך דער מארגען־תפילה, וועלכע אננא האט אויסגעהערט אין איניאטישען קלויסטער פון הייליגען איליא, איז זי ארויס פון קלויסטער און באלד געפאלען אויף דער ערד און געבליבען אין חלשות. א גרויסע מחנה האט זי ארומגערינגעלט פון אלע זייטען און געווארט ביז זי וועט קומען צו זיך און אנהויבען צו זאגען נביאות. עטליכע מינוט איז זי אזוי געלעגען א האלב־טויטע. און אז זי האט זיך אויפגעכאפט, האט זי אנגעהויבען זעהר שארף און זעהר בעדייטענד דערצעהלען מיט א תפילה־נגון, אז נאר־וואס איז צו איהר געקומען עפעס אן אונבעקאנטער אלטער מענש אין א גלהישער ריזע, וואס האט געפיהרט מיט זיך פאר דער האנד דעם שר פון מלחמה, דעם הייליגען מיכאל. די אנדער האנד האט ער אוועקגעגעבען איהר און האט זי אנגעהויבען צו פיהרען פון איין ארט אין צווייטען. ארומבלאנדזענדיג אזוי, האט זי דערזעהן עפעס א קינד, אויף וועלכען א בייזע שלאנג האט געקוקט פון צווישען די בלומען. אויף איהר שאלה: ווער איז דאס קינד? — האט דער אלטער געענטפערט: „דאס קינד איז פער־משפט געווארען צו זיין א קרבן פאר דער גאנצער קריסטליכער וועלט דא אין דער שטאדט“.

און מיט דריי וואכען שפעטער, דעם 19-טען אפריל, ביי־טאג פאר'ן קריסטליכען פסח, האט זיך מיט איהר ווידער אמאל געטראפען דאסזעלבע, אבער דאסמאל ניט ביים קלויסטער, נאר נעבען מאגיסטראט, אין מיטען מארק ניט ווייט פון שמירה

בערלינ'ס הויז. ביים אויפהאפען זיך האט יערעמיעווא ווידער דערצעהלט גאנץ געלאסען דעם עולם, וואס דאט זי ארומגע־רינגעלט, אז זי האט די פערנאנגענע נאכט ביי זיך אין דארף ווידער אמאל געזעהן דעמועלבען אלטען, אבער שוין אין פויערשע קליידער; ער האט זי דאסמאל אויך גענומען פאר דער האנד, צוגעפיהרט צום טויער און האט איהר אנגעוויזען עפים אויף א הויכער רויטער פלאם, וואס האט געפלאקערט הויך אין הימעל אנטקעגען שטאדט. דערביי האט איהר דער אלטער געזאגט: „דעם ערשטען טאג פון דער היילינער „פאסהא" וועט אומקומען פון דער וועלט יענס קריסטליכע קינד, וועלכעס דו האסט געזעהן צום ערשטען מאל, — ווי א שלאנג ציהט זיך צו איהם פון צווישען די בלומען; ער וועט געפייניגט ווערען און אומקומען אין א הויכען יודישען צוויי־גארנדיגען הויז, וואס שטעהט אויפ'ן ראג אין מארק אנטקעגען דעם פייער"...

אזוי האט אננא איבערדערצעהלט דעם עולם די ווערטער, וועלכע מ'האט איהר ארייננעלעגט אין מויל; און אין דערזעלבער צייט האט זיך אין דעם „הויכען צוויי־גארנדיגען יודישען הויז, וואס שטעהט אויפ'ן ראג אין מארק", געצויגען דאסזעלבע שטילע רוהיגע לעבען, ווי אלע מאל, וואס פלעגט מיט געוואלט אריינ־שלעפען אין זיך אלעמען, וואס האבען געהאט צו איהם א וועלכען ניט איז מגע ומשא.

גלייך ווי אלע מאל, האבען פון גאנץ פריה אן געסקריפעט די הויכע שווערע טויערן און לאנגע שורות מיט פודרען, הויך געפאקט מיט זוימען, מיט היי, מיט קארן, פלעגען זיך ציהען פון הויף אראב בארג צום זאמדיגען ברעג פון טייך, צו די הויכע פריסטאנעס, וואס זענען איצט, בעת ס'האט זיך געעפענט די דווינע, געווארען דער הויפט־פונקט פון שמריה'ס אלע געשעפטען.

דא האט מען אנגעלאדען גרויסע „לייבעס" מיט היי, וועלכע שמריה'ס ברודער ניכן האט צוזאמען מיטן עלטערן פריקאשטשיק, יאבעל מירלאס, געטריבען קיין דינאבורג, דא זענען שוין געשטא־נען צוויי בארושעס מיט האבער און גערשטען, וועלכע שמריה'ב

זינער פּחדער, מאיר קרוטער, האָט געדאַרפֿט אין אַ פּאָר טעג אַרום אָפּפֿירען קיין וויטעבסק; פֿון דאַנען האָבען אויך געדאַרפֿט זיך געהן די לעצטע פּליטען פֿון דעם גרויסען ערשטען קאַראַוואַן, וועלכען אברהם קיסין מיט נאָטע פּחדקאָו האָבען מיט צוויי וואָכען צוריק אַוועקגעפֿירט פֿון מערטיטע גלייך קיין ריגא. און אַז די גאַנצע מלוכה האָט געפֿירט, ניט אַרויסגעהענדיג פֿון זיין קאַבינעט, דער איין-איינציגער שמריה. דערביי פּלעגט ער נאָך געפֿינען צייט — אַלע אין-דער-פֿריה אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא, איבערלייענען אַ פּאָר איבערגעשריבענע חסידישע „תורות“, וועלכע מ'פּלעגט איהם כמעט יעדען טאָג צושיקען פֿון אַלע זייטען, הורכקיקען אַ פּרק תניא, וואָס דער פֿערשטאָרבענער רבי, ר' שניאור זלמן מלאַדי, האָט אייגענטליך אָנגעשריבען פֿאַר איהם און פֿאַר זיינע עטליכע מקורבים אין וועליזש.

מלאַווע איז דערווייל געווען באַשעפֿטיגט מיט איהרע זאַכען: זי האָט זיך געגרייט אַרויספֿאָהרען מיט דעם געזינד אויף זומער אין זייער אייגענעם הויף „קראַסנאָיע“, זעקס ווערסט פֿון שטאָדט. דאָס איז געווען זעהר אַ גרויסע און שווערע אַרבייט, און פֿון אין-דער-פֿריה ביז שפּעט אין דער-נאַכט איז זי געווען פֿערנומען אין פּאַקען די געפֿעס, צו-קלויבען און פֿונאַנדערלעגען די וועש און אַלע איבעריגע שטוב-זאַכען פֿון אַ הויז, וואו אין אַ וואָכעדיגען טאָג פּלעגען זיך זעצען צום טיש ניט ווייניגער ווי צוואַנציג מאַן.

פֿינף גרויסע אַרומגעשמיעדטע קאַסטענס זענען שוין געשטאַנען אין פּאָרהויז פֿאַרטיגע און נאָך אַזוי פֿיעל האָט מען נאָך געדאַרפֿט אָנלעגען, פֿערשליסען און אַוועקשטעלען אויף די פֿוהרען.

פּראַסקאָוויע איז שוין עטליכע טעג אַרומגעגאַנגען אָהן בים; הענע-מיכלע, וואָס האָט אונטער מירעלס השגחה איבער-געשאָטען פּוך פֿון איין איינשיט אין צווייטען, האָט זיך שוין אויך עטליכע נעכט ניט געלעגט שלאָפֿען, און איהר שוואַרצער געקרייזעלטער קאָפּ האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי ער וואָלט גערינט געווען באַשאָטען מיט שניי.

נור איין לאַנגע האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין דעם טומל און האָט זיך געלעבט אין איהר אייגענעם אָבגעזונדערט וועלטיל ביי זיך אויבען. אין אַ בעשטימטער צייט פלעגען זיך אָנהויבען צו דערהערען פון דאָרט איהרע „עקזערציסען" אויפ'ן קלאַוויקאָרד און אין אַ בעשטימטער צייט פלעגט זי אָנטהון איהר גרויסען, טונקעל-בלויען הוט מיט נידעריג אַראָבגעלאָזענע קאַנטען, וואָס פלעגט איהר מאַכען עלטער מיט אַ יאָהר צעהן, פלעגט אַרויפוואַרפען נידעריג אויף די פלייצעס דעם שמאָלען זיידענעם שאַל, וואָס האָט איהר געמאַכט עלטער נאָך אויף אַ יאָהר צעהן, און פלעגט מיט איהרע לייכטע טריט, אין דינע שוואַרצע שיך, מיט גרויסע מעשענע הענקערס, אַוועקגעהן שפּאַצירען. אַמאָל פלעגט זי אַוועק אונטער די גרינע, גאָר-וואָס פונאַנדערגעלאָזענע „ליפּקעס"; אָפטער אָבער פלעגט זי אַוועק צו איהרער אַ חברטע, רחל ליוועטאָן, וואָס האָט געוואוינט אין דעמזעלבען הויז, וואו ס'איז געווען די פּאָסט. אַהין האָט איהר געצויגען מיט אַ בעזונדער קראַפט — פון דער צייט, ווען קינן איז אַוועק קיין ריגאַ.

דעם 5-טען מאַי, דעם אַנדער טאָג שבועות, איז פּאַשאַ אַראָבגעלאָפען אויף אַ ווײַלע אונטען אין טראַקטיר און האָט געבראַכט פון דאָרט אין קיך אַ נייעס — אַז מיט עטליכע טעג צוריק האָט מען געפונען ערגיץ אונטער'ן שטאָרט אַ טויט קינד, וואָס איז געווען אַזוי צושטאָכען, אַז די מוטער האָט עס ניט דערקענט. צירליק פּאָדליעקאַר, וואָס האָט דער ערשטער בעטראַכט דאָס קינד, האָט בשום אופן ניט געקאָנט אַרויסזאָגען זיין מיינונג, ווייל ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס מיט'ן קינד איז געשעהן. און נור נישט אויף מאָרגען, ווען ס'איז געקומען צופאָהרען דער שטאַב-לעקאַר און בעקוקט דאָס קינד, האָט ער געהייסען איהם מקבר זיין.

די נייעס האָט אין קיך קיינעם ניט פעראינטערעסירט; מעהר נישט הענע-מיכלע האָט אַ קוק געטהון אויף פּאַשאַ'ס רויט פונאַנדערגעהיצט פנים און האָט ניט אויסגעהאַלטען:

— ווידער אַמאָל אַראָבגעלאָפען צו קאָלאָווקין? אַ?

— יאָ, געלאָפען! כ'וועל ביי דיר ניט פרעגען, — האָט זיך אָבגערופען פאַשאַ — נו, און צו פילקען קוקען אין פענסטער מעג מען?

העניע-מיכליע האָט זיך פערשעמט פאַר באַסיען און בע-האַלטען איהר פנים אין טעלער, וועלכען זי האָט אין דער מינוט געוואַשט.

— נו, ווייסטו וואָס, פאַשינקע, ניט ביזער זיך, — האָט זי אַ זאָג געטהון, ניט אָבנעהמענדיג דאָס פנים פון'ם טעלער — זיי מיר מוחל, פאַשינקע: אַ לאַך טהון מעג מען דאָך.

זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם טעלער, איז צוגעגאַנגען צו פראָסקאָוויען, ביי וועלכער עס זענען אין די אויגען נאָך געשטאַנען טרעהרען, האָט זי אַרומגענומען און איז צוזאַמען מיט איהר אַוועק צו דער טהיר.

דאָ אָבער האָט זיך געטראָפען עפּיס אַזאַך, וואָס די ערשטע מינוט האָט קיינער ניט געקאָנט בעגרייפען, וואָס דאָס בעטייט.

אויפ'ן שוועל פון קיך, פערשטעלענדיג זיי ביידען דעם וועג, איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען אַ מחנה סאָלדאַטען מיט פאָ-ליציאַנטען, וועלכע האָבען אָנגעפילט דאָס גאַנצע פאָרהויז. דער ערשטער האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען מיט זיין ברייטען רויטען אָקאָלאָשעק דער פאָליצמייסטער וואָראָנעץ, אַרום וועל-כען, קלינגענדיג מיט זיינע שפּאָרען, האָט זיך געדרעהט דער קוואַרטאַלנע-נאַדזיראַטעל, סטעפּאַנאָוו. דער סטריאַפּטשע הרוצקאָ האָט זיך בעהאַלטען אין זיינע ציווילע קליידער צווישען די מונדי-רען פון די פאָליציאַנטען. דער ראַטמאַן יודיק צייטלין איז אויך דאָ געוועזען און האָט אויסגעזעהן שטרענג און פערצאָרנט. עפּיס אַ קליינע, אַרומגעריסענע פויערטע, וועלכע האָט די ערשטע מינוט גאָרניט בעמערקט, האָט זיך אויך דאָ געדרעהט, בעהאַלטענדיג זיך הינטער די פלייצעס פון די סאָלדאַטען.

העניע-מיכליע מיט פאַשען האָבען זיך אַ ריס געטהון, ווע-לענדיג אַריבערלויפען דורכ'ן פאָרהויז און אַריינהאַפען זיך אין עס-צימער; נור צוויי סאָלדאַטען, פון וועלכע פאַשאַ האָט נור

איינעם געקענט, האָבען זיי אַריינגעשטופּט צוריק אין קיך, צוגעמאַכט די טהיר און אויסגעצויגען זיך פון ביידע זייטען ביי די ביישטידלעך.

הענע-מיכלע האָט שטאַרק צוגעדריקט פּאַשעס הענד און איז צוזאַמען מיט איהר צוגעפאַלען צו באָטעם דויך-אויפגעשלאָגענעם בעט, איינקוקענדיג זיך אין די פערשטיינטע פנימ'ער פון די סאָלדאַטען, ווי זיי וואָלטען וועלען איבערלייענען דעם שרעקליכען סוד, וואָס ס'פּאַסירט איצט דאָ אין הויז. באָסיע איז געבליבען זיצען אונבעוועגט אויף איהר שטוהל מיט אַ ניט-דערהאַקטען הערינג און דאָס האַק-מעסער, וואָס איז אַרויסגעפאַלען ביי איהר פון די הענד, איז געלעגען ביי איהרע פיס.

פּאַשע האָט זיך אָנגעהויבען שאַרף צו צוהערען צו דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט ווייט אין די פאָראַדנע צימערן. אַלץ איז געווען אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אונערוואַרטעט און האָט אויסגעוויזען אַזוי שרעקליך: אי דער גערויש פון דעם איבערדרוקען דאָס אַלטע שווערע מעבעל, אי דאָס קלאַפּעריי פון פונאַנדערגעעפענטע און ווידער צוגעמאַכטע שאַפען, דער קלאַנג פון די אַרונטערגעוואָרפענע זאַכען, און די שווערע טריט פון די פּאָליציאַנטען, און די געדיכטע, הערשענדע שטימען פון נאַטשאַלסטווע, וועלכע האָבען אָפט אָבגעהאַקט שמריה'ס שטילע, גלייכגילטיגע ערקלערונגען, און הויכע, נאָך מעהר הערשענדע געשרייען פון סלאַווען... אַמאָל פלעגט אַלע שטימען בעדעקען אַ האַרצרייסענד געשריי, אָדער אַן'אונגעוועהנליכער קראַנקער געלעכטער פון שפרה'ן, וואָס איז, ניכר, געלעגען אין היסטעריקע, און דאָס וויינענדיגע הליפּען פון דער אַלטער מירעל...

און דאָס גערויש איז דערווייל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרען און זיך אַריבערגעטראָגען פון די נאָהנטסטע צימערן אין די ווייטעסטע. אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט האָט אַ סקריפּ געטהון אַ ברעט פון פּאָדלאָגע, האָט זיך דערהערט אַ ווייטער קלאַפּ מיט דער טהיר. עמיצער האָט זיך שווער אויפגעהויבען אויף די

טרעפּ אַרויף אין שפּרה'ס אין לאַנגעם צימער, עמיצער האָט אויף אַ צוגעשטעלטען לייטער געקלעטערט אויפ'ן בוידעם...

פּאַשאַ'ן האָט פערקלעמט דאָס האַרץ און זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. לאַנגע יאָהרען איז זי געוועהנט געווען צו זעהן דאָ אין שטוב, וואו זי איז אויסגעוואַקסען, נור פרייד און הרחבה; איצט האָט זיך אַהער אַריינגעריסען פון ערגיץ עפּיס אַנ'אומרוהיגע שאַנד, עפּיס אַנ'אומגערוואַרטעטע אומגליק...

זי האָט זיך אָנגעהויבען נאָך שאַרפער צו צוהערען צום ווייטען גערויש, וואָס פלעגט דעררייכען צו אירע אויערן, און האָט נאָכ'ן קול נאָך געקאָנט גענוי זאָגען, אין וועלכען צימער געפינען „זיי" זיך איצט. אָט זענען זיי אַריין אין מירעל'ס שלאָף־צימער... אוי! איך האָב איהר היינט אַזוי הויך אויפגעשלאָגען דאָס בעט!... זיי וועלען די צוריהען. „ און זי האָט דווקא ליעב הויך... אָט האָבען זיי פונאַנדערגעעפענט דעם גרויסען אַלמער, וואוהין זי האָט ערשט נעכטען אַוועקגעלעגט די פּיקס, איינגענייהט אין ליילעכער מיט טאַבאַק און געשטויסענעם פעפער... אָט זענען זיי אין דער פינסטערער קאַמער, וואו עס ליעגט די שוואַרצע וועש... אָט געהען זיי אין פּאָדויז, צו די קאַסטענס.„ טררראַך! ס'האָט זיך געעפענט דער דעק און ס'האָבען אָנגעהויבען צו פליהען אויף דער פּאָדלאָגע די טעלער, וועלכע זי האָט ערשט נעכטען איינגעוויקעלט אין היי און אין פּאַפּיר...

פּאַשאַ האָט ניט אויסגעהאַלטען און האָט זיך אַ ריס געטהון צו דער טהיר. נאָר דער סאָלדאַט האָט זיך אַוועקגעשטעלט און איהר פערשטעלט דעם וועג. זי האָט ניט ווילענדיג זיך אָבגערוקט צוריק און האָט זיך נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו הענגע־מיכלען, וואָס איז אָהן ווערטער געזעסען אויף באַסיעס בעט.

די טיר האָט זיך ברייט פונאַנדערגעעפענט, און אין קיך זענען אַריין עטליכע בעאַמטע אין דער בעגלייטונג פון טערענטיעוו'ן.

— מאַריאַ! — האָט אויסגעשריען פּאַשאַ און אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד.

— וואָס בין איך דיר פאַר אַ מאַריאַ? — האָט זיך אָבגערופען טערענטיעווא, שטרענג קוקענדיג אויף איהר מיט אירע רויטע

רינגענדיגע אויגן — ווייז אַקאָרשט בעסער, וואו האָט איהר אַהינגעטהון דאָס בלוט?

— בלוט?! אַ, דו, סטערוועָ! אָט וועל איך דיר דיינע בעלמעס אַרויסרייסען!

זי האָט זיך אַ וואָרף געטהון צו מאַריאַ'ן, נאָר יוזיק, וואָס האָט איצט אויסגעזעהן נאָך בלאַסער און נאָך שטרענגער ווי פריהער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישען זיי ביידען און האָט אָבגעשטויסען פּאַשאַ'ן צוריק צום בעט.

צוויי סאָלדאַטען האָבען צוזאַמען מיט טערענטיעוונאַ אָנגעהויבען גראָבען זיך אונטער'ן טיש, אין די טיש-קעסטלעך, אונטער די בעטען, אויף די פּאָליצעס, הינטערן אייווען, האָבען אויפגעהויבען פון פּאָדלאָגע דאָס טהיר'ל און האָבען זיך צוזאַמען מיט'ן קוואַרטאַלנעם אַראָבגעלאָזען אין קעלער.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבען זיי זיך צוריק אומגעקעהרט פון דאָרט מיט גאָרנישט.

מאַריאַ האָט געשוויגען און האָט זיך אָנגעהויבען פערזאָרגט אַרומקוקען זיך אין אַלע זייטען, פלייסענדיג זיך ניט צו קוקען ניט אויף פּראָסקאָוויען, ניט אויף הענע-מיכלען.

פּליצלונג האָט זי דערזעהן אויפ'ן פענסטער אין ווינקעלע אַ פלאַש, פערשטאָפּט פון אויבען מיט אַ פּאַפּיר'ל, פול מיט רויטען גוט-אָנגעצויגענעם זאַפראַן.

— אָט! — האָט זי פרעהליך און צופריעדען אַ געשריי געטהון, האָט אָבגעשטויסען באַסיען, וואָס איז געשטאַנען אינגאַנצען פערשטומט פון שרעק, האָט צוגעכאַפּט די פלאַש און דערלאַנגט דעם פּאָליצמייסטער.

ער האָט עס גענומען אין האַנד, אַ טרייסעל געטהון, אַ קוק געטהון אויפ'ן ליכט, האָט אונבעגלויבט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ, האָט עס אַוועקגעגעבען דעם סטריאַפּטשע און איז צוזאַמען מיט זיין קאָמאַנדע אַוועק צו דער טהיר.

הענע-מיכלע און פּאַשאַ האָבען זיך אַ וואָרף געטהון צו באַסיען, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד אין שווערער אָנמאַכט.

דאס צוועלפטע קאפיטעל.

דער „אביסק" ביי שמריה'ן אין הויז, האט אויפגעהויבען די גאנצע שטאדט, אבער ניט אויף לאנג.

די פאליציייאישע אויספארשונג האט צו גארנישט ניט געבראכט. מאריא טערענטיעווא און איהר פריינד פיליפ ארקאדיעוויטש'ן האט דער זעמסקער סוד צוגעמשפט צו „תשובה". דאס הויפט-געריכט אין וויטעבסק האט דעם משפט בעשטעטיגט און דאס שטעדטישע לעבען, וועלכעס האט זיך אויף א קליינע ווייל אבגעשטעלט, איז ווייטער אוועק לויט זיין אלטען שטייגער און אין גיכען האט מען אין שטעדטיל די גאנצע מעשה פערגעסען.

ניט פערגעסען דערין האט מען נור ביי שמריה'ן אין הויז. פון אנהויב יוני און זענען זיי אלע געזעסען אין בערלינ'ס גוט „קראסנאיע", כדי אויסצורוהען פון דער שרעק, וואס זיי האבען איבערגעלעבט דעם צווייטען טאג שבועות.

מעהר ווי אויף אלעמען האט די שרעק געווירקט אויף שפרה'ן, וואס איז בכלל געוועזען זעהר שוואך אין געזונד, און איז שוין צוויי חדשים געלעגען אין בעט.

דער הויז-דאקטאר לעווען פלעגט איבער א טאג קומען צופאהרען צו דער קראנקער, אויסהערען זי און יעדעס מאל ביים געזעגענען זיך מיט סלאווען אין פארהויז פלעגט ער איבערחזר'ן דיזעלבע ווערטער:

— ג... נ... יא... יא! אלץ געהט אין בעסטער ארדנונג,

און זיינע טרוקענע, האלב-אויסגעלאשענע אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א בעזונדער פייערל יעדעס מאל, ווען ער פלעגט שפירען ביי זיך אין האנד סלאוועס קליין הענדטיל צוזאמען מיט א פינף-און-צוואנציג-רובל'דיגער אסיגנאציע.

און באלד נאך איהם פלעגט דער קוטשער, פילקע, פליהען רייטענדיג אין שטאדט אריין צום אפטייקער לאנגעבעק בעשטעלען דעם נייעם רעצעפט, וועלכען שפרה פלעגט זעהר ערנסט אויסטרינקען אין דער בעשטימטער צייט און — ווייטער קרענקען.

אין מיטען יולי האט די קליינע געזעלשאפט אין „קראסנאיע" א ביסעל אבגעלעבט, ווייל ס'זענען אהין צוגעקומען צוויי נייע מענשען.

פון ריגא האט זיך אומגעקערט אברהם קיסין, וועלכער איז דאמאל פארטיג געווארען מיט זיינע געשעפטען פריהער ווי ער האט אליין גערעכענט. בשעת זיינע פליטען זענען נאך געשטאנען אויף דער „רויטער דווינא" אונטער ריגא, האט ער זיי איינגאנצען פערקויפט אין איינע הענד א האלענדישער פירמע. מעהר האט ער דארט ניט געהאט וואס צו טוהן; ער איז געקומען, אבגערעכענט זיך מיט שמריה'ן און איז ארויסגעפאהרען קיין „קראסנאיע" א ביסעל אויסרוהען פון זיין לאנגער און שווערער ארבייט.

און מיט א פאר טעג שפעטער איז מיט'ן פעטערבורגער טראקט אויף נעוועל און אוסוויאט געקומען צופאהרען דוד'ש ברוידא, א פעטערבורגער פאדריאדטשיק.

ברוידא איז געווען סלאוועס א שוואגער, חער מאן פון מירעלים א יונגערער טאכטער, לאה. ער האט תמיד געוואוינט אין פעטערבורג און האט געהאט געשעפטען מיט איניגע הויכע בעאמטע, וועלכע האבען געהאט גיטער אין וויטעבסקער און פסקאווער גובערניעס. א יונגער מענש, מיט א ליעבליך לעבהאפטיג געזיכט, מיט עטוואס צו-אריסטאקראטישע מאניערען, האט ער דאך אלעמען צו זיך צוגעצויגען, סיי אלטע, סיי יונגע.

געקומען איז ער געשעפטליך צום גוט-בעזיצער מעלער-זאקאמעלסקי; ער האט אבער אבגעלעגט דעם וויזיט צו איהם און איז פריהער אוועקגעפאהרען אויף א פאר טעג קיין „קראס-נאיע", כדי הערקענען זיך און זיך מעהר פעראייניגען מיט זיינע נייע קרובים, וועלכע ער האט נאך כמעט ווי ניט געקענט.

און מיט יענעם ליכטען, ליעבליכען קבלת פנים, וועלכען ס'ווייזען ארויס מענשען, גאר אונבעקאנטע צווישען זיך, נאר פערבונדענע מיט נאהנטער קרובה'שאפט, איז ברוידא גלייך אריין

אין דער אַטמאָספערע פון פריינדשאַפט, מיט וואָס די ווייבער אין שמריה'ס הויזגעזינד האָבען זיך בכלל אויסגעצייכענט.

שענער, גלענצענדער פון אַלע איז געווען לאַנע, מיט איהר הויכען, דינעם וואוקס, מיט איהר טונקעל־מאַטען פנים, מיט איהרע קליינע, פולע ליפּען, מיט איהרע שוואַרצע, צויבערישע אויגען און מיט איהר שווערען פערפלאָכטענעם צאָפּ, וואָס איז שווער אַראָפּגעפאַלען און זיך לאַנג געצויגען איבערן רוקען. ער האָט זי נור איין מאָל געזעהן, מיט אַ יאָהר עלף צוריק, אַ זעקס־יעהריג קינד, און האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז פון אָט דעם קינד מיט גרויסע דאַרע הענד און מיט אַ דין אויסגע־צויגען העלזעל זאָל אויסוואַקסען אַזאַ זעלטענע שענהייט.

ער האָט פערוואונדערט אָבגעטראָטען איינינע טריט צוריק, ווען זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהון מיט איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען. פון דעם קליינעם אונטערהיגען פּיערל, וואָס איז דורכ־געלאָפען ערגיץ־וואו אין זייער שוואַרצען צויבערישען אָבגרונד, בשעת ער האָט — לויט דעם פעטערבורגער מנהג — צוגעטראָגען צו די ליפּען איהרע שפּיץ־פינגער און זי האָט איהם צו־גיך אַ קוש געטהון אין באָרד, — האָט ער פערשטאַנען איהר זיסען, היילינען סוד... ער האָט אַ קוק געטהון אויף קסיניען, וואָס איז געשטאַנען דאָ דערביי, ווידער אַמאָל אויף לאַנען און ווידער אויף קסיניען, עפּעס אַן'איינגעהאַלטענער זיפץ האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען פון טיפען האַרצען, און פון דער מינוט אָן איז ער געוואָרען נאָך פריינדליכער צו זיי ביידען.

בלאַווע, מיט איהר בעל־הבית'עווען, מיט'ן שטענדיגען שמיי־כעל אויף די רויטע אויסגעטאַקטע ליפּען, מיט איהרע קליינע ווייסע הענד און מיט איהר שטילען גאַנג, איז געווען זעהר עהנליך צו לאַהן. שפרה, פון איהר זייט, האָט אויך אַלע צו־געצויגען מיט איהר בלאַס בעגייסטערט פנים, מיט איהר ליידענדען שמייכעל און מיט איהר דאַנקבאַרען קוק, און וועלכען עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ מחילה בעטען ביי אַלעמען, דערפאַר, וואָס זי שטערט אַלעמען מיט איהר קראַנקהייט.

אין פאר יאָרען בעזונדער האָט ברוידאָ געבראַכט דאָס, וואָס ס'האָט איהם גענוצט. פריהער פון אַלץ האָט ער אונבעמערקט פאר אַלעמען אויסגעשטעלט אין אַ בעזונדער מחיצה לאַנגען מיט קיסנגען, און די זענען איהם דערפאַר זעהר דאַנקבאַר געוועזען און האָבען זיך אונגעשטערט איינגאַנצען איבערגעגעבען זייער גליק. די אַלטע מירעל פלעגט זער שטענדיגווייז פערנעהמען מיט דערצעהלען גענוי, ווי ביי איהם הויבט זיך אָן און ענדיגט זיך דער טאָג אין פעטערבורגער טומעל און פלעגט זי ברענגען צו טרעהרען מיט זיין בעשרייבען איהרע אייניקלעך, וועלכע מירעל האָט נאָך אין לעבען ניט געזעהן. סלאַווען פלעגט ער צורייצען מיט זיינע בעשרייבונגען פון די געריכטען, וועלכע לאַה'ן גיט זיך איין צו מאַכען אין פעטערבורג, וואו כשרים קאָסט אַזוי טייער. שפרה'ן האָט ער איינגערעדט אַוועקוואַרפען אַלע איהרע רפואות, אַוועקשטעלען זיך אויף די פיס און אַרומגעהן אויף דער וועראַנדע אָדער אויפ'ן באַלקאָן. מיט שמריה'ן פלעגט ער ריידען וועגען דויך-פּאָליטיק און וועגען יודען. מיט הירש'ן, שפרה'ס מאַן, פלעגט ער זיך רייסען פאר השכלה, וואָס אָהן איהר וועלען יודען בלייבען אייביגע קנעכט. ביים עסען פלעגט ער אָפט לאַכען פון סלאַוועס משפט און פון דער ראָליע, וואָס דאָ האָט געשפּיעלט די פלאַש זאַפראַן. ביים טהיי האָט ער דערצעהלט עפּיס אַ פּאָליטיש גלייכווערטיל, וואָס פלעגט אַרומגעהן אין פעטערבורגער העכערע ספערען.

— באַסיע, דו ווייסט? — האָט ער אַ זאָג געטהון צו דער קעכין, בשעת זי האָט דערלאַנגט צום טיש — דו ווייסט, אַז דיין זאַפראַן שפּאַצירט איצט אַרום איבער גאַנץ פעטערבורג; מרדכי ווינאַווער האָט געשיקט בענקענדאָרף'ן צום געבורטסטאָג אַ טאָרט, וואָס איז געווען בעשמירט פון אויבען מיט'ן זעלבען זאַפראַן... מ'האָט צו איהם דערנאָך געמוזט רופען דעם הויף-דאָקטאָר ווילליע.

באַסיע האָט ניט פערשטאַנען דאָס גלייכווערטיל און האָט נור אַראָבגעלאָזט די אויגען און אַ שווערען זיפץ געטהון — ווי זי פלעגט דאָס תמיד טהון, ווען עמיצער פלעגט איהר עפּיס דער-

מאָהנען פֿון דעם, וואָס האָט זיך געטראָפֿען דעם פֿערגאַנגענעם שבועות.

דינסטאָג, אין אַ וואָך אַרום נאָך זיין קומען קיין „קראַסנאָיע", האָט ברוידאָ געהייסען פֿילקען איינשפּאַנען און איז אַוועקגעפֿאָהרען קיין טשעכּלי צו מעלער־זאַקאָמעלסקי'ן. אַ גאַנצען טאָג איז אין שטיב געווען אומעטיג: כ'האָט עמיצער געפֿעהלט.

און ווען ער איז נאָך מיט אַ וואָך שפּעטער אַוועקגעפֿאָהרען צוריק קיין פּעטערבורג, האָט ער מיט זיך מיטגענומען, די פֿריינדשאַפֿט פֿון דער גאַנצער פֿאַמיליע אָהן אַנ'אויסנאַהם.

עלף יאָהר קרובה'שאַפֿט האָט זיי צווישען זיך אַזוי ניט פֿערבונדען, ווי צוויי וואָכען זיין צוזאַמען.

קיסן איז ביז איבער יום־טובים געבליבען ביי שמריה'ן אין הויז.

צווייטער טייל.

דאס דרייצעהנטע קאפיטעל.

דעם 1-טען סעפטעמבער 1825 איז דער קייזער אלעקסאנדער דער ערשטער ארויסגעפאהרען פון פעטערבורג קיין טאגאנראג, וואס איז דאן געלעגען כמעט אויף דעם אנדערן עק מדינה.

דאס איז געווען זיין לעצטע נסיעה. מעהר איז שוין איהם ניט בעשערט געווען צו זעהן זיין געבורטס-שטאדט, די הויפט-שטאדט פון לאנד, וואו ער איז געווען זעלבסט-הערשער אין משך פון פינף און צוואנציג יאהר, אין אנהויב — גליקליכע און ליכטיגע, און צום סוף — פינסטערע און שווערע. א דונקעלע המארע איז געהאנגען איבער'ן לאנד; שווער, געדריקט איז אלץ געווען פון דער קאלטער און הארטער עקשנות פון'ם גענעראל אראקטשייעוו און שווארצען בעגייסטערטען פאנאטיזם פון דעם גייסטליכען פאטי; די צוויי האבען אין זייערע אייזערנע הענד געהאלטען דעם גורל פון דער גרויסער רוסישער מלוכה.

א קאלטע, שווערע הערבסט-פינסטערניש איז געהאנגען איבער פעטערבורג, און א קאלטער אומעט האט געשוועבט איבער איהם — איבער דעם איידעלען מאן, מיט זיינע אמאליגע הויכע, איידעלע געפיהלען, מיט זיינע אמאליגע שטרעבונגען צו ליכט און פרייהייט, וואס זענען איהם נישט געלונגען דורכצופיהרען אין לעבען.

איינזאם איז ער געווען אין אט דער קאלטער, פינסטערער הערבסט-נאכט, אהן זיינע אמאליגע פריהלינגס-טרוימען, ווען מיליאנען מענשען האבען אויף איהם געקוקט, ווי אויף א בעפרייער, און צעהנדליגער נאציאנען האבען אין איהם הערזעהן זייער ערלייזער; די דאזיגע הלומות זענען פון איהם איצט געווען אפגעריסען מיט א לאנגער ריי יאהרען, שווארצע, לאנגזאמע, דריקענדע. און ס'איז ניט געווען דער מענש, וואס זאל אימשטאנד זיין איהם אומצוקעהרען זיין פרעהליכע, ליעבליכע יוגענד, דעם מארגען-שיין, וואס האט געשיינט איבער איהם און פון איהם, די האפנונגען, וועלכע ס'זענען געווען ערוועקט אין איהם, וועלכע ער האט געוועקט אין אנדערע... אליין איז ער געווען.

האַלב איינס בײַ-נאַכט איז ער איינער אַליין אַרויס פון ווינטער-פּאַלאַץ; אַ קאַלטער ווינד האָט געבלאָזן פון ים, די נעוואַ האָט גערוישט, אויפגעהויבן זיך צו די ברעגעס, זיך געריסן פאָראויס און געלאָפן צוריק. גרינגע, העל-גרויע שטיקלעך וואָלקן זענען שנעל געלאָפן איבערן הימל, און ווען די לבנה האָט ווי דערשראָקן אַרויסגעקוקט פון אונטער זיי, האָט די ברייטע און לאַנגע גאַס אַ מינוט אויסגעזען נאָך ברייטער, נאָך לענגער, און אין דער וויסטקייט פון דער נאַכט האָט ער אַליין אויסגעזען נאָך איינזאַמער, נאָך פערוואָרפענער.

ער איז געגאַנגען מיט ברייטע טריט איבער דער רעכטער זייט פון נעווסקי; דער ווינד האָט פון זיינע פּלייצעס געריסן זיין לאַנגען גרויען שינעל, און אַ שוואַרצער שאָטן איז געלאָפן איבער די קאַלטע שטיינער, נאָכיאָגט זיינע טריט, אַמאָל פער-לויפענדיג אים דעם וועג, אַמאָל בלייבענדיג הינטער אים, און אַמאָל ווידער פערלויפענדיג פאָראויס. ער איז געגאַנגען און די נאַכט האָט געצעהלט זיינע האַרטע, אייזערנע טריט איבער דעם שטיינערנעם טראָטואַר, און פון ווייטען האָט שוין אָנגעהויבען בלאַנקען דער שפּיץ פון דער הייליגער „לאַווראַ".

ער איז צוגעגאַנגען צום טויער; דער פערשלאָפענער וועכטער האָט דערשראָקען ברייט פונאַנדערגעעפענט אַ שמאָלען דורכגאַנג, און אין טיעפען, ווייטען ווינקעל פון ברייטען הויף איז געוואָרען אַ ביסעל רוישענדיג, ס'זענען בעלויכט געוואָרען עטליכע פענסטער.

מ'האָט פאַר אים געעפענט די הויפּט-טהיר און ער איז אַריין, אַליין מיט זיין אומעט, מיט זיין אַנגסט, מיט זיין שרעקליכער איינזאַמקייט, און ביז טאָג איז ער אָבגעשטאַנען פערקניהט, מיט אַ נידעריג-אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, מיט דאַרע צונויפגעדריקטע ליפּען, און קיינער האָט אים נישט געשטערט.

און נאָך אין איניגע שטונדען אַרום איז ער אַרויסגעפאָרען דורך די מאָסקווער טויערן אויף בעלאָרוסישען טראַקט,

גיך, געשווינד, ווי עמיצער וואלט איהם נאכגעיאגט, ווי ער וואלט מורא האבען וואס עס איז פערשפעטיגען.

פינף קארעטעס זענען שנעל געלאפען איבער דעם שאסע, ניט אבשטעלענדיג זיך אויף די סטאנציעס, שנעל בייטענדיג די פערד און איילענדיג זיך אלץ ווייטער, ווייטער...

באראן דיביטש, א הויכער דארער גענעראל, מיט רייך־אויסגעגאלטע ליפען און שווארצע, וויכענדע אויגען איז געפאהרען מיט'ן קייזער אין איין קארעטע; אין דער צווייטער איז געפאהרען באראן ווילע, דער הויף־מעדיק, צוזאמען מיט'ן פירסט וואלקאנסקי'ן; דער לעצטער, פון הינטען, איז געפאהרען דער קאמער־דיענער אניסימאוו. אויפ'ן דריטען טאג זענען זיי שוין געווען אין פסקאוו, אויפ'ן פינפטען — אין טאראפעץ, און דא האט דער קייזער פלוצלונג געהייסען אבקעהרען אויף טולער טראקט, און מ'האט זיך גענומען אויף סמאלענסק. דעם 10־טען סעפטעמבער האט מען געדארפט דורכפאהרען וועליזש.

ס'איז געווען א קאלטער, נאר א טרוקענער הערבסט־טאג. און די זון האט פון פריה־מארגען אן געשיינט איבער די עטוואס צוזעפראלענע גרינסען. דער קייזער האט זיך אין ערגיץ ניט געוואלט אבשטעלען נעכטיגען און האט די נאכט אבגעשלאפען ביי זיך אין קארעטע. ער האט זיך געפיהלט פריש און מונטער, און האט מיט גרויסע, פערוואונדערטע אויגען געקוקט אויף די פערארימטע דערפער מיט זייערע נידעריגע, צעווארפענע הייזלעך, וואס זענען געלעגען ביי ביידע זייטען וועג, און די פויערים הויל ווי זייערע פעלדער, און די פעלדער, הויל ווי די פויערים, און דאס מאגערע, קליין־געוויקסיגע פיה, און די דארע, קליין־געוויקסיגע און אויסגעמאטערטע נפשות פלעגען ביי איהם יעדעס מאל ארויסרופען א פערצווייפעלטען זיפץ.

אין טשעפלי, ביים ארונטערפאהרען פון בארג, איז געשטאנען א פערוואָרפענע וואסער־מיהל.

דער הויכער שטויענער דאך איז געווען צולעכערט און שווארצע ראבען האבען זיך גערעדערט איבער די הוילע.

שווארצע שטאנגען, וואס האבען ארויסגעשטעקט אין אלע עקען, ווי ביינער פון א צעפוילטען קערפער. דאס אראבגעלאזענע וואסער איז געשטאנען הויך אונטער'ן בריק, שטיל, רוהיג און אהן שוים ניט, טהיר און פענסטער זענען געווען פערשלאגען מיט ברעטער און די ראד, די גרויסע ראד, וואס האט יאהרען־לאנג געקלאפט און גערוישט, געלעבט אליין און געגעבען לעבען לייטען, איז איצט געהאנגען קרום, אבגעריסען און שטום.

יעקב מילנער, א הויכער מעהליגער יוד, מיט א לאנגער געלער בארד און לאנגע, געדיכטע ברעמען, בעשאטען מיט מעהל, האט דא פונף און דרייסיג יאהר געהאלטען די מיהל, און הונדערטער מענשען האבען, צוזאמען מיט איהם, געלעבט אין מיהל און ארום מיהל. האוואנסקי'ס גזירה דאט איהם אבער פלוצלונג ארויסגעריסען פון דעם ארט, וואו ער איז יאהרען־לאנג געווען איינגעפלאנצט, און אין א משך פון דריי טעג איז פון איהם אליין און פון זיין גוטס געווארען א תל, און א וויסטע חורבה איז געשטאנען ווי א מצבה אויף דעם ארט, וואו געכטען איז נאך געווען פיל מיט לעבען.

ארום צעהן אין דער־פריה איז דעם קייזער'ס צוג דורכגעפאהרען פאגארעליע — א גרויס גוט, וואס האט אנגעהערט צום מארשאלאק נאזימאוו'ן. הויך, אויפ'ן בארג, האט זיך פון ווייטען געזעהן דער פאלאץ, און אונטען, ביים רעכטען ברעג, האט זיך געצויגען א לאנגע, שווארצע געביידע מיט הויכע, רויטע קוימענס. די קוימענס האבען זיך ניט גערויכערט, און א טויט־שטילקייט איז געלעגען איבער דעם גאנצען בנין. דאס איז געווען אן אבגעשטעלטער בראנפען־זאוואד, וואס האט נאך גאר ניט לאנג געארבייט זעהר גוט אונטער דער אנפיהרונג פון הויפט־ברוגער ר' אברהם פאגארעליער, וועלכער האט אויך דא הערביי געוואוינט, צוזאמען מיט א גרויסער פאמיליע, מיט א מלמד, מיט א שוחט, מיט א ספר־תורה און מיט א שטענדיגער שוהל. און דיזעלבע גזירה האט אויך זיי אלע ארויסגעווארפען פון זייערע אלטע, איינגעזעסענע ערטער, און דורך נאכט איז אבגעשטארבען א גאנצער יודישער ישוב.

פון פּאַראַליע האָט זיך דער וואָגן געצויגן גלייך צום שטאָט, און די פערד זענען פרעהליכער אַוועק איבער דעם גלייכען, גלאַטען אײַנגעפּראַװעטען וועג. די זון האָט זיך אויפגעהויבען פון הינטער'ן וואַלד און מיט גרויסע, לאַנגע זײַלען באַלויכטען די הײליגע אַחים־ערטענע בוימער פון בײדע זײטען וועג, די ווייט־פונאַנדערגעוואָרפענע גרויסע און גרינע פעלדער און דעם הויכען גאָלדענעם שפּיץ פון דעם „הײליגען איליא“, וואָס האָט פּלוצלונג אַרויסגעשפּראָצט פון הינטער די פונאַנדערגעגאַנגענע בלוי־גרינע וועלדער.

לינקס, בײ דער סאַמע בריק איז געשטאַנען סעמיטשאַטער קרעטשמע — אַ נידעריג הײזעל מיט אָפענע טהיר און פענסטער, און ס'איז נוכר געווען, אַז דאָס לעבען האָט זיך נאָר־וואָס אָבגעטהון פון דאַנען. הויך אָנגעוואָרפענע קופּעס מיט שטרוי, אַ צובראָכען בעט, אַן איבערגעקעהרטער צעבער — אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ איז נאָר־וואָס געווען אַ מענש. פּוסט און שטיל איז אָבער געווען אַרום און אַז די קאַרעטעס זענען שוין אַריבערגעפאָהרען דאָס בריקעל, האָט זיך פון ווײַטען באַוויזען אַ הויכער וואָגען צו אָקסען געשפּאַנט, פול אָנגעלאָדען מיט מעבעל און הויז־זאַכען, אַ בהמה איז געגאַנגען צוגעבונדען פון הינטען, און אַ יודענע, אײַנגעוויקעלט אין אַ טוך, איז געזעסען הויך אויף די זאַכען, געקוקט אַהינטער אויף דאָס נאָר־וואָס פערלאָזענע הײזעל, געשאָקעלט זיך, געבראָכען די הענד און געקלאָגט מיט אַ האַרץ־רײַסענדער שטים.

דער איספּראַווניק דרוצקאָי־סאָקאָלינסקי, וואָס איז געפאָהרען פאָראויס, איז האַרט אַרויפגעפאָהרען אויף דעם וואָגען, אָנגעהויבען שרײַען און מאַכען מיט די הענד. דער וואָגען האָט זיך אָבגעשטעלט און דער יוד, וואָס איז געגאַנגען פאָראויס און געטריבען די אָקסען, האָט זיך אָבגעשטעלט מיט'ן פּנים צוריק.

— שלום! — האָט אַ געשרײ געטהון פון ווײַטען דער איספּראַווניק, ניט אָבשטעלענדיג זיך און פליהענדיג ווײַטער — שלום, האָלט אָב!

שלום האט הינט אראפגענומען דאס היטעל פון קאפ און דאס ווינטעל האט אנגעהויבען צו שפילען מיט זיינע גרויסע פונ- אנדערגעווארפענע פאות. באלד אבער האט ער עס אנגעטהון צוריק: הארט נעבען איהם איז געשטאנען דעם קייזער'ס קארעטע און צווי גרויסע טונקעל-בלויע אויגען האבען פון איהר א בלאנק געטהון אויף איהם מיט אן עטוואס דערשראקענעם וואונדער.

שלום האט א וויש געטהון מיט די שפיץ פינגער דאס נאסע קאלטע גראז און אנגעהויבען זאגען מיט כונה: ברוך שחלק מכבודו לבשר ודם.

א לעבהאפטער שמייכעל איז דורכגעלאפען איבער דעם קיי- זער'ס דינע צוזאמענגעדריקטע ליפען. דער קייזער האט זיך אב- געקעהרט און מיט'ן ברעג האנדשוה א ריהר געטהון דעם קו- טשער אן פלייצע.

דער קוטשער האט א שלעפ געטהון די לייצעס, און די קארעטע האט אנגעהויבען שנעלער צו לויפען איבער דעם צו- געפרארענעם זאמד.

פון ווייטען האט א בלאנק געטהון דער שפיגעל פון טייך און די שטאדט, פונאנדערגעווארפען אויף איהרע ביידע ברעגעס, האט זיך אינגאנצען אויפגעעפענט פאר די אויגען צוזאמען מיט די קלויסטערס, מיט'ן ראטהויז און מיט דער הויכער אלטער שוהל.

דאס פערצעהנטע קאפיטעל.

א יום-טוב'דיגע שטילקייט האט געהערשט איבער'ן שטאדט בשעת אויפ'ן זאמד, נעבען אלטען יודישען בית-עולם האט זיך געוויזען דער אנהויב פון דעם קייזערליכען צוג.

אויף דעם הויכען שפיץ פון ראטהויז האט שוין פון ווייטען געפלאטערט א גרויסע דריי-פארביגע פאהן, די גלאקען פון אלע קלויסטערס האבען געקלונגען און זייערע געמישטע שטימען הא- בען נידעריג געשוועבט איבער דער ערד, און די ערד האט הערויף געענטפערט מיט א רוישענד ווידער-קול.

דער בית-עלמין איז געלעגען שטיל, צוזאַמענגעדריקט אין זיין טרויעריגען, שטומען איינגעבויגענעם צאַם, אַנ'אַלטער, אַ פערטרויערטער און דאָס קליינע שטיבעל פון קברות-מאַן, האַרט נעבען איהם, מיט זיינע דריי ליכטיגע, גוט-אויסגעוואַשענע פענסטער, מיט די קורצע ווייסע געשפּיצטע שטאַכען, מיט די בלומען-טעפּ הינטער די שייבען און מיט זיינע ווייס-גרינע אויסגעמאָלטע לאָדען, האָט אויסגעוואַרט אַ בלאַנק געטהין, ווי אַ לעבּהאַפטער קינדער-שפּיעלעל אויף אַנ'אַלטען צוזאַמענגעקייטשטען שטערן.

האַרט נאָכ'ן בית-עולם האָט זיך געצויגען, פונאַנדערגעוואָרפען אויפ'ן אַ גרויסען שטח, דאָס פּאָקראָווסקי פעלד, וואו סיפלעגען אַמאָל פערקומען די מאַנעווערען, און נאָך ווייטער האָבען זיך נידעריג געבויגען צום זאַמד די ערשטע איינגעפאַלענע הייזלעך פון זאַוועליזשקער פאָרשטאָדט.

אויף די גאַנקעס פון די הייזער האָבען זיך אויסגעשאָטען די איינוואוינער — גרויסע, קליינע, מאַנסביל, ווייבער, הדר-יונגלעך, וויגקינדער. דער קייזער האָט פערוואונדערט געקוקט אויף בּיידע זייטען גאַס, צוגעהערט זיך צו די בּעגריסונגס-קולות און יעדע מינוט צוגעטראָגען די האַנד צום ברעג פון זיין דריי-קאַנטיגען שוואַרצען הוט, בעפּוצט מיט אַ הויכען ווייסען פעדער.

די גאַס איז געשטאַנען עטוואָס בּאַרג אַראָב, און פאָראויס, הויך איבער'ן טייכעל וועליזשקאַ אויף דער נייער בּריק איז געשטאַנען אַ גאַנץ געדיכט הייפעל מענשען, לאַנג און שוואַרץ געקליידעט.

דער קייזער האָט שוין פון ווייטען בעמערקט אַנ'אַלטען יודען, מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, אין אַ וואַרימען קוילעכדיגען ווינטער-הוט. ער איז געשטאַנען עטוואָס אָבגעטיילט פון די איבעריגע יודען, און דאָס ווינטעל האָט געשפּיעלט מיט זיין ווייסער באָרד און מיט די לאַנגע עקען פון זיין שוואַרצען זיידענעם גאַרטעל. דאָס איז געוועזען דער רב ר' בנימין, און אַז דער קייזער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען איהם און דערזעהן זיין בעגייסטערט פּנים, האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז דער אַל-

בעקער איז איהם עפּיס ווי בעקאַנט, אַז ער האָט איהם ערגיץ וואו געזעהן.

— אוראַ! — האָט אַ געשריי געטהאָן יזיק צייטלין, און אַלע, וואָס זענען געשטאַנען נעבען איהם: שמריה בערלין, שמריה אַראָנסאָן, בנימין יאָפ, מאיר בערלין, ראובן נאָהמאָווסקי, בערקע זאַרך און אַלע איבעריגע האָבען צוזאַמען מיט איהם אונטערגע־האַפּט: אוראַ!

דער קייזער האָט צוגעטראָגען די שפּיץ פינגער צום הוט, דיביטש האָט זיך אַ בויגעל אָפּגערוקט אַהינטער, און אין דער־זעלבער מינוט איז צו דער קאַרעטע נאָהנט צוגעטראָטען נאָטע פּרידקאָוו.

— אייער קייזערליכע האָהייט! — האָט אָנגעהויבען נאָטע לייענען פון אַ פּאַפּיר, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון אונטערן בוזעם, הויך און שאַרף אַרויסרייד־עדיג יעדעס וואָרט — אייער קייזערליכע האָהייט! צעהנדליגער טויזענד יודען, וואָס די השגחה האָט בעוויליגט צו ברייגגען געקנידט פאַר דיינע פּיס, בעטען איצט, די זאָלסט וואַרפען דיין גנעדיגען קוק אויף זייער גע־דריקטע לאַגע, געדריקט געגען דיין הייליגען ווילען און געגען די יסודות פון געזעץ.

די בקשה איז געווען געשריבען מיט דער העכסטער מליצה, וועלכע איז דעמאָלט נור געווען איינגעפיהרט אין דעם נוסח פון בקשות צו הויכע פּערזאָנען, און פיניע טעוועליעוו, דער קהל'שער שרייבער, איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסען איבער'ן פּאַפּיר, געשריבען, אויסגעבעסערט, ווידער געשריבען און ווידער געבעסערט, ביז דאָס פּאַפּיר האָט גישט אויסגענומען ביי גאַנץ קהל אָהן אַנ־אויסנאַהם.

— צווישען דיינע קנעכט, וואָס זענען בעפוילען צו טהון דיין הייליגען ווילען צום נוץ פון דיין לאַנד און צום גליק פון דיינע אונטערטאַנען — האָט געלייענט ווייטער נאָטע — זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבען זיך געשטעלט צווישען דיר און צווישען די טריי־איבערגעגעבענע קינדער פון דיין לאַנד, און טייכען טרעה־

רעדן גיבן זיך דאָרט, וואו ס'האָט געוואָלט שלאָגן דער שליסעל פון דיין אומבארעכנטער גנאָד. פּאַטער און באַשיצער! באַשיץ אונז פון קניאַז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש חאָוואַנסקי!...

ווי אַ וואָלקן וואָלט דורכגעשוועבט איבערן קינדערס פּנים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דיבּיטשן, אויף נאָטען און ווידער אַמאָל אויף דיבּיטשן, און האָט צוגענומען ביי נאָטען דאָס נישט-דערלעזענע פּאַפּיר.

דער קוטשער האָט אַ ציה געטאָן די לייצעס און די פערד האָבן זיך אַריס געטאָן פון בריק; די קאַרעטעס זענען אַוועק ווייטער איבער אילאַינסקער גאַס, קלאַפּענדיג מיט די רעדער איבער די שטיינער, און זענען אַרויסגעפאָרן אויפ'ן מאַרק. דער עולם האָט פון ביידע זייטן גאַס געשריגן „הוראַ"; דער קינדער האָט זיך לעבהאַפט געדרייט אין ביידע זייטן, די גלאָקן האָבן געקלונגען.

אויפ'ן ראָג, נעבן מירקעס אַראָנסאָנ'ס הויז איז דער עולם געוואָרן שטאַרק געדיכטער און דער קוטשער האָט געמוזט אָפּהאַלטן די פערד, כדי זיי זאָלן גיין טריט ביי טריט.

מירקעס הויז איז געווען באַפּוצט שענער ווי אַלע איבעריגע, און אויף ביידע באַלקאָנען האָבן הויך געפלאַטערט דריי-פאַרביגע פאָהנען, און פון ביידע באַלקאָנען זענען אַריבערגעהאַנגען פון אויבן אַראָפּ צוויי לאַנגע, רויטע טעפּיכער, באַפּוצט מיט גרינע גירלאַנדעס.

די פערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים ראַטהויז, און נאָך אַ „הוראַ" האָט זיך אַרויסגעריסן פון הונדערטער הערצער און זיך געצויגן צום הימעל. דער קינדער איז אַרויס פון קאַרעטע, אַ ביסעל אויסגעגלייכט די פיס, אַראָפּגעוואָרפן פון די פּלייצעס זיין שינעל און געבליבן אין איין מונדיר. ער האָט אויסגעזעהן בעמאַטערט און האָט געקוקט אויף אַלץ, וואָס אַרום איהם איז פאָרגעקומען, ווי אַ מענטש, וואָס וואָלט געוואָלט זעהר גערן צו בלייבן אַליין, נאָר וואָס וויל קיינעם ניט מצער זיין און האָב נעדמט ער אָן דעם כבוד, וואָס מענשען גיבן איהם אָפּ.

פון די ערשטע רייהען איז ארויס דער גענעראל-גובערנאַ-טאָר, קנאַז האָוואַנסקי און האט זיך אויסגעצויגען 'ס'פאַר'ן קייזער מיט א ראַפּאָרט.

— אַ—אַ, ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש! — האט איהם דער קייזער איבערגעשלאָגען זיינע רייד, אויסגעשטרעקט איהם די האַנד און א פרעהליכער שמייכעל האט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּען — דיינע פריינד האבען מיך אויף דער בריק נאָר-וואָס באַלאַגערט און שיער נישט גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

— אייער קייזערליכע האָהייט! איך בין גליקליך צו דאַ-נקען די געלעגענהייט דיך צו מאַכען אויפמערקזאַם, דאָס איך האָב נישט קיין געפעהרליכע פיינד: מיינע פיינד זענען די פיינד פון מיין קייזער, פון מיין פאַטערלאַנד און פון מיין גלויבען.

דער קייזער האט זיך אָבגעקעהרט. אין האָוואַנסקי'ס ווער-טער האט געקלונגען א צו-גרויסער און א צו-פאַלשער פּאַטאָס, און דאָס האט דער קייזער נישט ליעב געהאַט.

ס'איז נאָך פאָרגעשטאַנען אויסצוהערען די דעפּוטאַציעס. דער קייזער האט פערלעגט די רעכטע האַנד אונטער'ן קאַנט פון מונדיר און האט זיך שוין צוגעגרייט הערען.

דער שטאָדט-גאָלאָוואַ חהליעוויטש האט אונטערגעטראָגען זאַלץ-און-ברויט פון שטאָדט, סטעפאַן וואָראָפּינסקי — אין נאָמען פון די שטעדטישע קויפלייט, איוואַן מאַוויצקי — אין נאָמען פון די מעשטשאַנעם. ס'איז געבליבען אויסהערען נאָך איינציגע דע-פּוטאַציעס, און אויף דעם קייזער'ס פערמאַטערט פּנים האט אָנ-געהויבען צו שפּיעלען עפּיס אָנאָבפרישונג, ווען עפּיס פון א זייט איז צו איהם פּלוצלינג צוגעלאָפען א באַיאָהרענטע פּויערטע מיט רויטע פערוויינטע אויגען.

— פּאַטעור, ראַטעווע!...

זי איז צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צום קייזער'ס שטיוועל און באַוואַשען זיי מיט הייסע געדיכטע טרעהרען.

— פּאַטעור, ראַטעווע אַנ'אומגליקליכע אלמנה! איך בין — אַנאַטע איוואַנאָוונאַ, די מוטער פון דעם אומגליקליכען קינד פיאָדר

יעמעליאנאוו, וועלכען די זשידעס האבען פערמישפעט שוין העכער ווי צוויי יאהר, און שוין דינט צוויי יאהר, ווי איך זוך אויף זיי א משפט און קאן נישט געפינען. פאטער, דערבארים זיך!

די האט פליגק ארויסגעכאפט פון בוזעם א צונויפגעלעגט פאפיר, אוועקגעלעגט עס ביי זיך אויפ'ן קאפ און א נייער טייך טרעהרען האט זיך ביי איהר א גאס געטהון פון די אויגען.

אויפ'ן בלאבען פנים פון קיזער האט זיך אבגעשפיגעלט א געפיהל פון רחמנות און אין זיינע גרויסע בלויע אויגען האבען זיך אויך געוויזען טרעהרען. ער האט זיך איינגעבויגען צו איהר, צוגענומען ביי איהר פון קאפ דאס פאפיר און אוועקגעגעבען דיבטשען.

צוויי סאלדאטען האבען די אונטערגעהאפט אונטער די הענד און אבגעפיהרט אן א זייט. דער שוסטער זאדקעוויטש, וואס איז געשטאנען הארט נעבען איהר, האט זיך א ריס געטהון און באלד זיך צוזאמענגעמישט מיט דעם המון.

די ארעסטירטע איז געווען מאריא טערענטיעווא.

אין דעמזעלבען אווענד האט דיבטש איבערגעגעבען דעם גענעראל-גובערנאטאר צוויי פאפירען: איינס פון די זידען, וואס איז געווען אנגענומען אויף דער בריק, און דאס צווייטע פון מאריא'ן, וואס זי האט דערלאנגט ביים ראטהויז.

דאס פונפצעהנטע קאפיטעל.

ארליק פאדליעקאר איז שוין דריי טעג נישט ארויס פון צייטלינ'ס הויז. א שווערע, דריקענדע המארע איז נידעריג געהאנגען איבער דער רוישענדער, לעבעדיגער פרנסה-שטוב, וואו ס'איז געשטאנען א שטענדיגער הו-הא, סיי אין דער פויערישער העלפט, מיט דער שטענדיג אפענער טהיר צו דער גאס, מיט דער „סטאיקע", געדיכט פערשטעלט מיט גרויסע און קליינע בראנפען-פלעשלעך און גלעזער, סיי אין דער „פריצי'שער" העלפט, צום הויף, מיט דער צובער-ריינער פאדלאגע, ווייסע פארהאנגען אויף די פענסטער, הויכע בלומען-טעפ אין די ווינקעלעך און

בילדער פון דעם לעצטען פראנצויזישען קריג, אין טונקעל-ברוינע ראמען אויף די אויסגעמאלטע ווענד.

יוזיקס בן-יחיד, דער עלף-יעהריגער הילקע, יאסעלע'ס חבר, איז געלעגען אין בעט שטערבליך קראנק, און לעווען האט איהם שוין אפגעזאגט פון לעבען. ער איז געלעגען אויבען, אין הנה'ס שלאף-צימער, פון וואנען לעווען האט געהייסען ארויסטראגען יוזיק'ס בעט, דעם קליידער-אלמער, דעם גרויסען האלב-אייזערנעם קאסטען מיט צירהונג, פאפירען און געלד-זאכען, וועלכע יוזיק פלעגט שטענדיג האלטען ביי זיך נעבען צו-קאפענס.

אין ליידיגען צימער, וואס האט איצט אויסגעזעהן אומגע-וועהנליך גרויס, עטוואס אפגערוקט פון וואנד, איז געלעגען אין בעטעל הילקע, א נאו-אויסגעצויגענער, אנ'אויסגעדארטער, מיט א הויכען טרוקענעם שטערן, צו וועלכען כ'האבען זיך צוגעקלעפט זיינע לאנגע דינע געלע האהר, מיט איינגעפאלענע באקען, טרי-קענע ליפען און גרויסע טונקעלע פלעקען אונטער די טיעף איינגעפאלענע, אויסגעלאשענע אויגען. ביידע דינע, אויסגעטרי-קענטע הענד, מיט לאנגע דינע פינגער זענען כמעט אומבעוועגט געלעגען אויסגעצויגען איבער דער רויטער ווארימער דעקע, דאס ווייכע בענדיל פון העמד האט זיך לאנגזאם געצאפעלט אויף זיין שמאלער איינגעדארטער ברוסט, און וועלכער כ'האט נאך גע-שלאגען דאס אויסגעמאטערטע הערצעל.

אין צימער איז געשטאנען א געדיכטער גערוך פון אלערליי רפואות און פון ביידע פענסטער האט זיך דורך די אראבגעלאזענע ווייסע פארהאנגען דורכגעשלאגען דער אבשיין פון דער זון, וואס איז געפאלען אויף הילקעס האלב-טויט געזיכט. און פאר דעם ליכט פון דער זון האט די טויטע בלאסקייט פון געזיכט אויס-געזעהן נאך שארפער און נאך שרעקענדער.

ס'איז געווען שטיל. פון עס-צימער האט זיך געהערט דאס קלאפען פון וואנד-זייגער און פון אונטען פלעגט זיך אמאל ארויפרייסען אדער אין דער הויף א גערויש פון אייניגע קולות, וועלכע פלעגען אבער באלד פערשטיקט ווערען. נעבען בעטעל

איז געזעסן ערליק, אָהן אַ ראָק, אין אַ יאַרמאַלקע, אין איין האַנד געהאַלטען הילקעס דופק, אין דער אַנדערער אַ גרויסען קיילעכדיגען ציבעל־זייגער, וועלכער איז געהאַנגען ביי איהם אויף אַ שוואַרצער שנור איבער דער דיקער סאַמעטענער וועסט.

אין דער זייט אויף אַ טאַבורעט, מיט אַ פערזאָרגטען, פערביטערטען פנים איז געזעסן אַוודאָטיע, הילקעס אַם און ערציהערין, וואָס האָט איהם געהאָדעוועט פון זיין ערשטען טאָג אָן. תּוה'ן האָבען זיי ביידע, נאָך אַ ניט־געשלאָפענער נאַכט, אָבגעפיהרט אין וויטעסטען צימער און אַוועקגעלעגט אין בעט, איטקען האָבען זיי אויסגעריכט אויף אַ טאָג צו לאַנגען. יודיק איז אַוועק אין שוהל דאַוונען. דריי מנינים ידען זענען געבליבען אין שוהל זאָגען סליחות „על תחלואת ילדים“, זאָגען תהלים און משנה־שם זיין דעם קראַנקען קינד, און דאָס האָט זיך פער־צויגען ביז נאָך האַלבען טאָג.

אַוודאָטיע איז געזעסן פון זייטען און מיט גרויסע, פער־זאָרגטע און האָפנונגסלאָזע בליקען געקוקט אויף ערליק'ן, וואָס האָט אַלץ ערנסטער און ערנסטער געקוקט אויפ'ן זייגער.

— ערליק!... נו, וואָס, ערליק? זאָג דעם אמת, ס'איז דאָ אויף וואָס צו האָפען?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגען, מאַקסאַוונע, ס'ווענדט זיך פון גאָט. אויב ער וועט דערציהען ביז נאַכט, קאָן זיין, אַז ער וועט בלייבען אונטערער. גאָט קאָן אַלץ.

אַוודאָטיע האָט אַ טיעפען קרעכץ געטהון און אָנגעהוי־בען צו ברעכען די הענד.

— טאָ זאָג־זשע, ערליק, וואָס זאָל איך טהון? — האָט זי זיך אַ ריס געטהון צו איהם, — זאָג, איך וועל לויפען, איך וועל שרייען, איך וועל רייסען קברים!

און איהר פויערישען, אייטפאַכען און ערענטליכען הין האָט זיך די זאַך פערשטעלט אַזוי, אַז אויף איהר פאַלט איצט אַ פליכט — כאָדהאַלטען הילקען די נשמה נאָך ביזן אָוועגד, און

דאן וועט דאס קינד אין זיי אלע זיין געראטעוועט. ביז אוונט, נור ביז אוונט!

— ארליק! איך וועל לויפען צו לעווענען! איך וועל איהם צורייכען זיין דייטשען פרצוף! פאר די פאלעס וועל איך איהם ברייננען אהער.

— אימויסט די טרחא! ער וועט ניט געהן. ער האט געזאגט, אז ניטא נאך וואס. און מיט מיר איז ער איבערהויפט צוקריגט. דו ווייסט דאך!

אודזאטיע האט זיך דערמאהנט, ווי מיט דריי טעג צוריק איז צווישען ארליק'ן און לעווענ'ען ארויס א כבוד איבער א וואגע. ארליק איז בעשטאנען אויף דעם, אז דעם קינד מוז מען מאכען א הייבע וואנע מיט טרוקענע זעגעפט, לעווען איז געווען געגען דעם; און וויל ארליק איז בעשטאנען אויף זיינס, איז לעווען געווארען שטארק בייז און האט א געשריי געטהון:

— שטיל! דו ביזט נאך צו יונג צו לערנען מיך דאקטארע: לעת עתה ביזטו נאך א פעלדשער און איך בין א שטאבלעקאר און א קאלעזשיאן-ראטה!

ארליק האט אבגעשוויגען, אבער דאך ניט אבגעזאגט זיך פון זיין מיינונג.

לעווען איז צארניג אויפגעשטאנען און האט דערמאהנט ארליק'ן די מעשה מיט'ן בעטראכטען דעם קערפער פון חעם טויטען קינד, וואס מ'האט פאר-א-יאהרען געפונען הינטער'ן שטאדט. דאן איז אויך ארליק געקומען מיט איהם צו א גרויסען שטרייט: לעווען האט געטענה'ט, אז די וואונדען אויף חעם קינדס קערפער זענען געמאכט בשעת ער האט נאך געלעבט, עפיס מיט א שארף-שפיציגער חאך און ארליק האט אנגעוויזען, אז דאס זענען „טויטע", צופעליגע וואונדען, וואס זענען געקומען פון דעם, וואס דאס קינד איז שוין א טויטער געלעגען א לאנגע צייט אין וואלד.

לעווען האט געווארפען ארליק'ן דאס ווארט „זשיד", האט געחאפט דעם הוט און שטאק, א קלאפ געטהון מיט דער טהיר

און אַוועק אַזוי שוועל, אַז הנה האָט איהם ניט געקאָנט אָניאָגען, כדי אַריינצושטאָפּען איהם אין האַנד אַנאַסיגנאַציע, און פון דעמאָלט אָן געהט ער שוין ניט צו זיי אויף אַ בעזוך.

— נײן, איך מיז געהן! — האָט זי אַרויסגעוואָרפען אויף זיך אַ טוך און אַרום געטהון זיך צו דער טהיר — איך מוז!

אין פאָרהויז האָט זי פערהאַלטען אַ גרופּע יודען, מיט יוזיק'ן בראש, וואָס האָבען זיך רוישענד אַריינגעריסען אין שטוב.

— מזל־טוב! מזל־טוב! — האָבען זיך דערהערט עטליכע קולות צוזאַמען. אויפ'ן שוועל פון צימער האָט זיך בעוויזען הנה מיט אַ בלאַס פערוויינט און אויסגעמאַטערט פנים.

— איהר זאָלט וויסען זיין, הנה — האָט זיך אָנגערופען ראובן דער שמש — אַ קליין וואוקסיגער פערהויקערטער יוד, מיט אַ שמאַל בערדעל, — איהר זאָלט וויסען זיין, אַז אייער זוהן הייסט מען איצט אַלטער, און די גזרה, וואָס איז, שונאי־ישראל, געוועזען אויסגערופען אויף הלל'ן, איז איצט צוריסען! אַלטער הייסט מען איהם, לאַנג לעבען וועט ער און איהר וועט איהם, אם ירצה השם, מגדל זיין לתורה, לחופּה ולמעשים טובים, אמן!

הנה האָט זיך פונאַנדערגעוויינט און שווער אַראָבגעלאָזט זיך אויף דעם דערבייאיגען שטוהל. אַוודאָטיע האָט געוואָלט צולויפען צו איהר, נאָר זי האָט זיך אָבגעהאַלטען און מיט האַסט זיך אַרויסגעריסען פון טהיר.

ווי ווייט זי האָט פערשטאַנען יודיש, האָט זי געוואוסט, אַז די יודען האָבען עפּיס יאָ געבראַכט אַ ישועה פון זייער גאָט; הילינקע איז אָבער ניט נור זייערער, ער איז אויך איהרער: מיט איהר מילך אין בלוט האָט זי איהם ערצויגען, מיט איהרע הייסע טרעהרען האָט זי איהם געוואַשען און דאָ דאַרף האָבען און האָט אַ דעה אויך איהר גאָט.

און זי האָט זיך שטאַרק איינגעהילט אין איהר גרויסען וואַרימען טוך, וואָס הנה האָט איהר געשענקט צו ווייהנאַכטען, און איז האַסטיג אַרויס פון צימער.

זי איז אַרויס פֿון טויער און איז אַוועק אויפ'ן מאַרק. ס'איז געווען אַ ווייכער העלער ווינטער-טאָג, און דאָס לײַכטע פֿרעסטעל האָט זי אַ ביסעל אָפּגעפֿרישט; זי האָט ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל טהון, זי האָט נור געוואוסט, אַז זי מוז טהון עפּיס אַ וויכטיגע זאַך, וואָס זאָל זײַן אימשטאַנד צו פֿערהאַלטען הייליג-קעס נשמה נאָך האַטש ביז דער נאַכט. אַרום איז געווען טומעלדיג און פֿון הייליגען אליא האָט מען לאַנגזאַם געקלונגען: מ'האָט גערופֿען דעם עולם צום גאָטעס-דינסט. זי האָט זיך נאָך שטאַר-קער אײַנגעוויקעלט אין טוך און איז מיט ברייטע שפּרײַזען אַוועק איבער אילאַינער גאַס, גלײַך צום קלויסטער.

אין קלויסטער איז געווען אַ קליינער עולם. די, וואָס זענען געווען, זענען זיך שוין צוגאַנגען, און ס'זענען געבליבען נור איינציגע בעטלער בײַ דער טהיר. ס'איז געווען קאַלט, האַלב-פֿינסטער און עפּיס בעזונדער הייליג. יעדער טריט אידרער איבער דער שטיינערנער פֿאָדלאָגע האָט ווײַט אָפּגעקלונגען צווישען די ווײַסע שטיינערנע קאָלאָנעס, פֿון וועלכע ס'האָבען אַראָפּגעקוקט די מוטהיגע און בעגײַסטערטע געזיכטער פֿון די הייליגע און ווײַט, נעבען דעם „קינדערליכען טויער" האָט זיך אַ קליין פֿײַער'ל שוואַך אָפּגעשפּיגעלט אין די גאָלדערנע און זילבערנע פֿאַרבען, מיט וועלכע די זענען געווען געמאָהלט.

דער גײַסטליכער, לאַווערענטי פּערלאַשקעוויטש, אַנ'אַלטינקער, אײַנגעהויקערטער מיט אַ דוילען בלאַנקענדען קאָפּ אָהן האָהר, מיט אַ צוקנײַטשט אויסגעראַזירט פּנים, האָט נאָר-וואָס געענדיגט זײַן „דינסט" און, שווער שלעפּענדיג זײַנע אַלטע שוואַכע פֿיס, איז ער אַוועק אין אַ בעזונדער צימער'ל 'בײַם רעכטען „אַלטאַר", וואו — לויט'ן אונזאַטישען מנהג — נעהמט דער גײַסטליכער אַראָפּ פֿון זיך זײַנע ריזעס.

דער אַלטאַר איז געבליבען אָפֿען. בײַ דער טהיר רעכטס האָט זיך געזעהן דאָס ווינקעל פֿון אַ שוואַרצען טישעל מיט אויס-געגילטע ברעגען, אויף וועלכע ס'איז געלעגען אַ לאַנגער, אויסגע-נייהטער שמאָלער טישטוך מיט הייליגע פּנימ'ער אַרום אַ גאָל-

דעגעם קרייץ. אודאַטיע האָט געוואוסט, אַז דאָס טישטוך איז וועדר הייליג, אַז עס הייסט „אַנטימיס", און אויף איהם שטעלען די אונאַטישע גלחים דעם הייליגען כוס און דאָס הייליגע געבעק (יעווהאַריסטיע), נאָכדעם ווי מען נוצט זיי אויס.

— אָט דאָס! — האָט ביי איהר אַ בלאַנק געטהון אין קאָפּ אַ ווילדער געדאַנק — דעם אַנטימיס! ווען מ'זאָל מיט דעם אַרומוויקלען דאָס געזיכט, קאָן אַפילו אַ טויטער לעבעדיג ווערען. קיינער קאָן דאָס אָבער ניט אויספיהרען... אָבער איך מוז דאָס... פאַר מיין הילינקען...

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און אַ ציה געטהון דעם אַנטימים. דאָס טישטיכעל איז אַראָבגעפאַלען מיט איין ברעג און געבליבען הענגען. פון דער זייט האָט זיך אָנגעהויבען הערען דער הוסט פון פאָטער לאַווערענטי. זי האָט צוגעכאַפּט צוריק די האַנד און זיך געלאָזט לויפען צום אַרויסגאַנג. שווערע, הילכיגע טריט האָבען זיך אַ יאָג געטהון גלייך נאָך איהר. זי האָט זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט הינטער זיך, נור ס'איז קיינער ניט געווען.

אודאַטיע איז ווידער אַרויס אין דרויסען און האָט זיך אַ גועדם געטהון רעכטס, צום טייך צו. דאָס האַרץ האָט ביי איהר געקלאַפּט פון שרעק, און נאָך מעהר געקלעמט דערפון, וואָס זי האָט נאָך גאָרנישט ניט אויפגעטהון פאַר הילינקען. און דער טאָג גערט אַוועק, און ס'איז באַלד נאַכט... נאַכט... נור ביז נאַכט.

זי האָט זיך געלאָזט לויפען — ווי ווייט איהרע אַלטע פיס האָבען עס ערלויבט — איבער'ן ברעג טייך צום אַנדערן עק שטאָדט, וואו האַרט ביים סאַמע ברעג טייך איז געלעגען דער אונאַ-טישער בית-עולם, און אַן אַלט אָנגעבויגען הילצערן קלויסטער'ל אונטער איהם; אַ קוואַל פון קלאָרע, לויפענדע וואַסער האָט הילכיג געשלאָגען פון אונטער'ן קלויסטער'ל — דער הייליגער קוואַל, וואָס מאַכט זעהענדיג בלינדע און גיט קרעפטען קאַליקעס.

זי האָט זיך לאַנגזאַם אַראָבגעלאָזט פון באַרג און, קריי-כענדיג איבער שטיינער און שטיקער אייז, האָט זי זיך דערקליבען

ביז צום קוואל. ער האט אויך, אזוי ווי זומער, הילכיג געהערט עפיס, דערצעהלט פון יענע זאכען, וואס זענען ווייט באהאלטען פון דעם מענשענ'ס אויג, און א שמאל, רוישענדער טייכעל, צווישען פערפראָרענע ברעגען, איז געלאָפען פון איהם אראב צו דער דווינא.

אודאָטיע האט זיך דערמאָהנט, אז זי האט ניט אין וואס צו נעהמען דאס הייליגע וואסער, און א טיעפער פערדרוס האט ווידער צוזאמענגעדריקט איהר פערקלעמט הארץ.

אויפ'ן שניי ניט ווייט האט זיך געזעהן א דעק פון א צובראָכען פלאש. עס איז געוועזען צוגעפראָרען צו דער ערד, נאר זי האט איהם מיט כח אָבגעריסען און מיט פערגליווערטע הענד אונטערגעשטעלט צום קוואל. דאס גלעזעל איז געוואָרען פול און אריבערגעלאָפען איבער איהרע פינגער. זי האט עס פאָרזיכטיג צוגעטראָגען צום בוזעם, איינגעוויקעלט אין טוך און אוועק אין שטאָדט.

ס'איז געוואָרען טונקעל. פון דעם פערפראָרענעם טייך האט זיך אויפגעהויבען א נעבעל. אודאָטיע איז שנעל און מיט האסט ארויף אויף די טרעפ און אויפגעעפענט די טהיר. ס'איז געוועזען שטיל. פון הינטער דער צוגעמאכטער טהיר פון הייליג-קעם צימער איז געגאנגען עפיס ווי א פארע. זי האט אראב-געוואָרפען פון זיך דאס טוך, א ווארים געטהון די הענד ביים געהייצטען אייווען און איז שטיל אריין אין צוגעמאכטען צימער.

אויף דער ערד איז געשטאנען א הויך-בלעכענע וואנע, איבערגעהאנגען מיט א לייליך, און פון דעם הייסען, געדיכט-ברוינעם וואסער האט זיך קוים ארויסגעזעהן דער געלער אויסגעדארטער קערפער פונ'ם האלב-טויטען קינד. אָרליק, מיט הויך פערשארצטע ארבעל, האט איהם געהאלטען אונטער די אָרעמס, דאס קעפעל איז געווען פערוואָרפען ביי הנה'ן אויף דער ברוסט.

אודאָטיע האט ניט ארויסגעלאָזט פון מויל קיין וואָרט, געשווינד ארויסגענומען פון אונטער'ן בוזעם דאס גלעזעל מיט קאלטע וואסער, א ביסעל א פליכע געטהון אין וואנע און דאס

איבעריגע איינגעטונקט דעם פינגער און בענעצט די אויגען, די שלייפען און דאס מויל פון דעם האלב-געשטארבענעם.

אין דערזעלבער מינוט האט דאס קינד אויפגעעפענט די אויגען און א ראזע פארב האט עטוואס בעדעקט זיינע געלע האלב-טויטע באקען.

ארליך האט איהם האסטיג ארויסגעחאפט פון וואנע, איינגעדרעהט אין דעקע, אוועקגעלעגט אין בעטעל און מיט א צופרידענהייט א חאפ געטהון זיין דופק.

אודאטש האט זיך א ווארף געטהון צו הנה'ן אויפ'ן האלז און ביידע האבען זיך בעגאסען מיט פרעהליכע, דאנקבארע טרעהרען.

דאס זעכצעהנטע קאפיטעל.

לאנגע בערלין האט געשריבען צו אברהם קוהן:

18 אקטאבער 1825.

מיין ליעבער, טרייער פריינד!

דיינע צוויי לעצטע בריעף האב איך ניט ערהאלטען. דו שרייבסט מיר פער פאסט, נור דאס איז אונמעגליך. בריעף, וואס קומען-אן אויף מיין פאטער'ס נאמען, ווערען ערגיץ-וואו פערהאלטען. מען קוקט זיי איבער און פיעל פון זיי געהען פערלארען. דער פאטער מיינט, אז דאס איז א נייע גזירה פון האוואנסקי'ן און ניט אויף איהם אליין, נאר אויף אלע פון די, וואס האבען זיך אונטערגעשריבען אויף דעם פאפיר, וועלכען מ'האט דא דערלאנגט דעם קייזער.

דער פאטער ווארט איבערהויפט אויף נייע גזרות. ווארום דער פעטער הירש ברודא האט אונז געשריבען פון פעטערבורג, אז האוואנסקי איז א גרויסער יודען-פיינד, א מקורב צו אראקטשייעוו'ן און א פערברענטער חסיד פון דעם גייסטליכען פאטי. דא, ביי אונז, שטעלט מען זיך ניט פאר אזוי קלאר, וואס דאס בעדייט, נאר דארט, אין פעטערבורג, וויסען זיי דאס יא. און נאך שרייבט ער, אז, ווי מען גיט איבער אין די הויכע קרייזען,

איז האָוואַנסקי'ן אין זיין לעצטער רייזע געלונגען ווידער דער-נעהנטערט צו ווערען צו דעם באַראָן דיביטש, וואָס איז געווען אויף איהם אַ ביסעל אָנגעשטויסען נאָך זיין לעצטען דורכפאָהרען, צוזאַמען מיט'ן קייזער, איבער וויטעבסק.

דאָ איבערהויפט איז די שטימונג זעהר אַ געדריקטע; די באַבע מירעל געהט אַרום עפּיס ווי אַ דערשראָקענע, לאָזט ניט אַרויס פון האַנד די גרויסע שערי-שמים-תחינה, און בעט גאָט, הויך אויפ'ן קול, פאַר זיך, פאַר די קינדער, פאַר די אייניקלעך און פאַר'ן כלל-ישראל. און אפילו דער פאָטער, מיין קאַלט-בלוטיגער, רוהיגער און אויפגעקלערטער פאָטער, זיצט-אָב גאַנצע נעכט ביי זיך אין צימער עפּיס איבער אַלטע פּוילישע ביכער, און שרייבט בריעף, ניט קיין געשעפטס-בריעף, אין גרויסע שטעדט, צו מענשען, וואָס ער קען זיי ניט פערזענליך.

צוויי מאָל אַ וואָך פאָהרט אונזער יאָסעל אַרויס מיט די בריעף קיין וויטעבסק און גיט זיי דאָרט איבער אין רעגעלע הענד.

דורך יאָסען שיק איך דיר דעם בריעף אויך.

די געזונד און גליקליך!

דיין איבער-טרייע לאַנע.

24 אָקטאָבער 1825.

מיין געליעבטער, טרייער פריינד!

דאָס פאָריגע מאָל האָב איך זיך אינגאַנצען אַריינגעלאָזען אין פּאָליטיק און האָב דיר גאָרנישט געשריבען וועגען זיך אַליין. איך פערשטעה, אַז דאָס פערדריסט דיך; דו ווילסט וויסען, ווי פיהל איך מיך זעלבסט. וואָס זאָל איך דיר שרייבען, מיין בע-סטער פריינד? מיינע געפיהלען זענען פאַר דיר אָפען, און פאַר דיר איז מיין גליק נישט באַהאַלטען. פון זיך אַליין אָבער באַהאַלט איך עס יאָ. אַ וועג-געהער, וואָס בלאָנדזשעט אַליין אין אַ הייסער, טרוקענער וויסטע, באַהאַלט אַזוי פון זיך אַליין דעם טראָפּען פרייש, קאַלט וואַסער, וואָס ער געפינט צופעליג אין וועג, באַהאַלט, כדי ער זאָל דאָס נישט פערליערען... דאָס גליק, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף מיין גורל, איז פאַר אַ יודישער

טאָכטער מער ניט ווי אַ צימאַל, אַ פרעמדע זאַך, אַ זאַך, וואָס איז צו איהר געווען שייך. און בשעת איך טרינק מיט גליקן פון דעם קוואַל, וואָס שלאָגט נור פאַר מיר אַליין, און בשעת איך שעפּ פון דעם ליכט, וואָס האָט באַשיינט נור מיין הימעל, פיהל איך מיך, ווי איך וואָלט געטהון עפּיס אַנאַטירלעכט, אַ באַליידיגונג געגען מיינע יודישע שוועסטער, גלייך ווי איך וואָלט געהאַפט עפּיס אַ געווינס, אויף וועלכען איך האָב ניט און קאָן ניט האָבען קיין רעכט.

פון אַ שוואַרצען, פערוואָלקענטען הימעל האָט אָבגעה אויס־געשפּראָצט מיין זון. און בשעת אין דער טיפעניש פון מיין האַרצען ברענט דאָס הייליגע פייערל, איז דאָ, אַרום מיר, אַזוי טונקעל, אַזוי המאַרנע... און ווען איך געה אַמאָל פון אויבען אַראָב, וואו עס הערשט אַזאַ שטילער אומעט, פיהל איך מיך אָפט אַזוי, ווי איך וואָלט אַרויף אין אַ חופּה־קלייד אויף אַ בית־עלמן. און אָפט טהו איך אַ קלער, צי ליעגט אויף מיר ניט אַ חוב צו רואינירען מיין טעמפּעל, צו פערלעשען דאָס פייערל פון מיין מזבח, מיט יענע פערבאָרגענע, פערשטיקטע טרעהרען, וואָס האָבען מיט אַמאָל אָנגעפילט אונזער פרעהליכע, לעבעדיגע שטוב?

טרעהרען, טרעהרען, טרעהרען...

לאַטע.

6 נאָוועמבער 1825.

מיין לעהרערין, פאַננאַ יוליאַ, האָט מיך היינט געבראַכט דערצו, אַז איך האָב זי געמיהט אַרויסטאָגען פון שטוב.

איך האָב גאָר־וואָס געענדיגט מיינע איבונגען, און די קלאַוויקאָרדען האָבען געקלונגען אַזוי ערנסט און אַזוי טרויעריג, ווי בּיי מיר אויפ'ן האַרצען.

שטיל האָב איך געשפּיעלט, ווייל איך האָב ניט געוואָלט, אַז אימיצען זאָל מען הערען מיין מוזיק, און ווען איך האָב געענדיגט, האָט זי מיט איהר פאַלשער, געמאַכטער פריינדשאַפט

מיר געדאַנקט פאַר מיין פאָרשריט. נאָכדעם האָט זי זיך אַרומ-געקוקט און מיט אַן ערנסטער מינע אַ פראַגע געטהון ביי מיר:

— וואָס פאַר אַ חודש איז איצט ביי יודען?

איך האָב אַ קלער געטהון און האָב זיך דערמאָהנט, אַז ביי אונז איז איצט שבט.

— וויפיעל טעג אין שבט?

איך האָב געמיינט, אַז זי וויל וויסען, ווען איז מיין געבורטס-טאָג, און האָב זי געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכען, אַז איך בין געבאָרען געוואָרען חנוכה, אין כסלו.

— איך האָב געוואָלט וויסען, ווען איז ביי אייך דער 15-טער שבט?

— וואָס איז?

— מיין ברודער יאַן (איוואַן פעטרישטשעק איז דער לעהרער פון פאָוועטאָווער שול, וואָס האָט מיר אַמאָל געלערנט פּויליש און רוסיש) דאַרף דאָס וויסען. ער זעצט-איבער פון פּויליש אין רוסיש אַ זעהר וויכטיג היסטאָריש בוך, און דאָרט שטעהט געשריבען, אַז 15 טעג אין שבט ווערט ביי די יודען אין די סינאַגאָגען אויסגערופען, וויפיעל יעדער יוד, פון 13 יאָהר אָן אַלט, דאַרף אַריינטראָגען געלד אויף צו קויפען אַ קריסטליך קינד, כדי צו שחט'ן עס אויף פסח...

איך האָב אויף איהר געקוקט מיט ווייט-פונאַנדערגעעפענטע, דערשראָקענע אויגען און געבליבען פערשטומט.

פאַנאַ יוליאַ האָט זיך אַ ביסעל פערשעמט און אַ לייכטער שמייכעל האָט געשוועבט איבער איהרע ליפען.

— נוט איהר! ניט אַלע! אין גאַליציען... די גאַליצישע יודען...

ס'האָט מיר עפּיס אַ קלאַפּ געטהון אין קאָפּ און איך האָב זיך אינגאַנצען פערלאָרען:

— אַרוים! — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסען אַן אומענשליך קול, און איך האָב איהר געוויזען די טהיר.

זי האָט זיך דערשראָקען אַלאַז געטהון אַראָב די טרעפּ

און איך האב איהר א שלייער געטון פון אויבען איהר הויט, שאל און האנדשוה.

אינטען איז זיך צוזאמענגעלאפען דאס גאנצע געזינד...

לאנגע.

11 נאוועמבער 1825.

יעקב-הירש... די קענסט איהם, דעם „מקובל"? ער רעדט נישט אום שבת, און פון פרייטאג האלבען טאג, ביז שבת-צו-נאכט פערשפארט ער זיך פון אלעמען, אפילו פון אלטען בע-טער שעיה'ן.

מ'האט איהם מיר פארגעלעגט פאר א חתן...

היינט, באלד נאכ'ן דאוונען האט מיך דער פאטער אריינ-גערופען צו זיך אין צימער, אוועקגעזעצט נעבען זיך אין טיע-פען לעדערנעם שטוהל.

איך בין נאך קיינמאל אין איהם נישט געזעסען, און האב דערשראקען אנגעהויבען צו בעטראכטען דעם פאטער. זיין גע-זיכט איז געווען שטארק בעזארגט, די אויגען זיינען האבען אומ-געבלאנדזעט פון מיר אויף די פאפירען, וואס זענען געלעגען פאר איהם, און פון די פאפירען ווידער אויף מיר.

— די באבע מירעל וויל, דו זאלסט חתונה האבען. זי איז אלט און שוואך, און די לעצטע טעג רעדט זי נור וועגען שטארבען. זי וויל אבער פאר'ן טויט זעהן דיך אונטער דער חופה; דו ביזט איהר מיזינקע, איהר יונגסט און געליבטעס איי-ניקעל, און זי וויל, דו זאלסט איהר פערגרינגערן איהר לעצטע זייט...

— טאטע!...

— יעקב-הירש'ן... יעקב-הירש'ן רעכענט זי פאר דיין בע-שערטען. דאס איז איהר אלטער סוד מיט שעיה'ן; נאך איי-דער איהר זענט ביידע געבארען געווארען, האבען זיי צווישען זיך אפגערעדט...

ער האט מיט זיין שווארצען, נאטען דורכנעהמענדיגען בליק

אַרײַנגעקוקט צו מיר אין האַרצען אַרײַן און זײַן בעזאָרגט פּנים איז געוואָרען נאָך מעהר טונקעל און פֿערדראָסיג.

— איך ווײס, טאָכטער'ל, דו האָסט נאָך וועגען דעם ניט געקלערט, נאָר דאָס איז נישט מעהר ווי תּפֿילות... אַז דאָרט, אויבען איז מען גוזר (ער האָט אַ טיעפֿען זיפֿץ געטהון), ווערט דאָ רעכט.

— אָבער איך קען איהם ניט!

— איך קען איהם: אַ יודיש האַרץ און שעיה אַראָנסאָנ'ס אַ זוהן. און דאָס איז בכלל אַ קלײניגקײט...

איך האָב אַ קוק געטהון אויף זײַן הויכען ווײַסען שטערן, וועלכען האָט דורכגעשניטען אַ טיעפֿער, נײַ-געבוירענער קנײטש, אויף זײַנע טיעף-פֿערזאָרגטע זיכענדע אויגען, מיט וועלכע ער האָט אין דער מינוט געקוקט אַהין ווײַט פֿון דעם, וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט, אַהין, פֿון וואַנען ס'איז געגאַנגען אַן'אונגעהויערע קעלט און אַ גרויסע שרעקליכע פֿינסטערניש, וואָס געגען זײ מוזען זיך אַוועקשטעלען אַלע צוזאַמען, פֿון גרויס ביז קלײן, פֿון אַלט ביז יונג, און איך האָב זיך אַלײן אויך איבערגעצײגט, אַז דאָס איז אַ קלײניגקײט... אַ קלײניגקײט...

און קײנמאָל האָב איך דיך נאָך ניט געליעבט, אַזוי שטאַרק, אַזוי האָפֿנונגסלאָז, ווי אין דער מינוט, און קײנמאָל איז מיר נאָך ניט געווען אַזוי קלאָר, אַז איך טאָר זיך ניט צו-הערען צו מײַן האַרץ, אַז איך מוז פֿון איהם אַרויסרײַסען מײַן געפֿיהל און עס אַוועקשלײַדערן אַהין, אין דער קאַלטער פֿינסטערניש, וואָס שטעהט אויף אונז אָן פֿון אַלע זײַטען.

צי האָב איך איהם עפּיס געענטפֿערט? נײן, איך האָב איהם, דאַכט מיר, גאָרנישט געענטפֿערט, נאָר אַ היבשער קיש האָט אַ בריען געטהון מײַן שטערן, איך בין צו איהם אַרויפֿגעפֿאַלען אויף דער פּלײצע, און אַ טרעהר, אַ גרויסע, קלאָרע טרעהר, איז געבליבען הענגען אויף זײַנע לאַנגע שוואַרצע ברעמען...

דײַן דיך ליעבענדע לאַנע.

18 נאָוועמבער 1825.

מיין געליעבטער!

ניט דער פאטער, ניט די מוטער, ניט די באבע מירע, ניט שפרה האבען מיט מיר נאך א ווארט ניט גערעדט וועגען יעקב-הירש'ן... אויב זיי מיינען, אז מיין הארץ וועט עס ניט אויסהאלטען און איך וועל ניט ביישטעהן אזא קרבן, האבען זיי א טעות.

דו, נור דו אליין, ווייסט, וואס דאס איז פון מיר פאר א קרבן; נאר ווען דער קרבן וואלט געווען נאך צעהן מאל אזוי גרויס, וואלט איך איהם דאך געבראכט. ווארום מען טאר ניט!... מען טאר ניט זיין גליקליך, בעת ארום איז אזוי פיעל פיין און אזוי פיעל טרעהרען, מען טאר ניט...

ביי ארליק טעוועלעוו'ן אין גאסט-הויז, וואס אויפ'ן ראג פון סמאלענסקער גאס, האט זיך שוין פון עטליכע וואכען בעזעצט עפּיס א קליין-וואוקסיגער קריסט, מיט א שפּיציג אויסגעצאלט קעפּעל, אהן באָרד און וואָנסען, מיט קליינע שטעכעדיגע אויגען און שמאָלע, איינגעצויגענע ליפּען. דעם גאנצען טאג זיצט ער אָב פערשפּארט ביי זיך אין צימער, און ווערט נאכט — געהט ער ארויס, צוזאמען מיט זיין גרויסען בייזען הונד, און געהט ארום ביז טאג איבער'ן שטאָדט. נאָטע איז דערגאנגען, אז זיין נאָמען איז סטראַהאָוו, און ער איז געשיקט געוואָרען אהער פון האָוואַנסקי'ן עפּיס מיט א ספּעציעלען בעפעהל. די שטימונג צווישען יודען איז געוואָרען נאך מעהר געדריקט.

אונזער קריסטין, פאשא, איז פון אונז אוועק; זי האָט התונה געהאט מיט קאָלאָווסקי'ן, וואס האלט ביי אונז אונטען דעם שינק. איצט איז זי א גאנצע שליאכטיאנקע און שפּאצירט ארום זעהר שטאָלץ אין מיינע זאכען, וועלכע איך האב איהר אוועקגעשענקט ביי איהר אוועקגעהן.

פון קראסנאיע האבען מיר ארויסגערופען אהער אונזער זומערדיגע דיענסט, אגושקען.

לאנע.

2 דעצעמבער 1825.

צוויי א זייגער ביי-נאכט איז פאליציי מיט סאלדאטען בעפאלען זייק צייטלינס הויז און געמאכט א שטרענגען אבזוך. מ׳האט איבערגעקערט קאפויער דאס גאנצע הויז און צום סוף האט מען ארעסטירט און אפגעפירט אין טורמע מעהר ניט ווי זייער דינסט אודאטיען.

לאנוע.

דאס זיבצעהנטע קאפיטעל.

אין הויז פון דעם נייעם „אויפזעהער" פון אילאינסקען אוניאטישען קלויסטער, מארקעל טאראשקעוויטש, איז א גאנצע נאכט געווען פייער. דורך די צוגעמאכטע הילצערנע לאדען פלעגט זיך ארויסרייסען א שמאלער שיין און פאלען אויף דעם ווייסען הארטען שניי, מיט וועלכען דער גאנצער הויף פון קלויסטער און אלע אלטע, שווארצע, ווייט-פונאנדערגעווארפענע בוימער זיינען געווען בעדעקט.

א שמאלער, ריין-אויסגעקעהרטער וועג האט זיך געצויגען פון טויער צום נידעריגען גאניקעל, און נאך א דורכגאנג האט זיך געצויגען פון זעלבען גאניק, רעכטס צווישען די געדיכט-פונאנדערגעוואקסענע קוסטען, צום אריינגאנג פון קלויסטער.

ס׳איז געווען שטיל. פון דעם הויכען קוימען האט ארויסגעשלאגען א לייכטער, דורכזיכטיגער רויך, און דער שטילער ווינד פלעגט איהם לאנגזאם אבטראגען אן א זייט. אויף די טרעפ, צווישען די פיער הילצערנע סלופעס, איז געלעגען אויסגעצויגען א גרויסער בייזער הונד מיט קורצע שפיציגע אויערן און געהיט אלעמענס אריין-און ארויסגעהן.

אין קאבינעט, ביי א גרויסען שרייב-טיש, פערווארפען מיט ביכער און פאפירען, זיינען געזעסען איינער געגען דעם צווייטען, דער בעל-הבית פון הויז, דער גייסטליכער טאראשקעוויטש, א מענש פון א יאהר דרייסיג, מיט א פול, שען געזיכט, נידעריג-געשארענעם שווארצען קאפ, קלוגע, לעבעדיגע אויגען און מיט

א גיפטיגען שמייכעל אויף די רויט-געשטעקטע, אויסגעראזירטע ליפען, — און זיין גאסט סטראכאוו, אן אלטער, דורכגעטריבענער באאמטער, מיט א שטרענגען קוק פון זיינע שפיציגע, שטעכעדיגע אויגען, און א טרוקען, איינגעדארט קליין פנים.

ביידע זענען זיי נאך אומבעקאנט געוועזען איינער מיטן צווייטן, צוויי גייסטיגע און פאליטישע גענגער.

סטראכאוו איז געוועזען א באאמטער, א ספעציעלער פארשטעהער פון דער נייער רעגירונג, פון דער „פראוואסלאוויע" און סאמאדערזשאוויע, וואס האט געשטרעבט צו ציהען דאס נאך ניט אינגאנצען צוגעצויגענע לאנד, וואס איז געוועזען דורכאויס קאטויליש און אוניאטיש.

טאראשקעוויטש איז געוועזען אן אפענער אוניאט, נאר טיעף אין הארצען א פערביסענער קאטאליק און יעזויט.

אהער, אין שטאדט איז ער געוועזען צוגעשיקט מיט א ספעציעלער אויפגאבע אויפצוהויבען אין דער בעפעלקערונג די אוניאטישע שטימונג, וואס איז די לעצטע יאהרען געוועזען זעהר אבגעשוואכט, דערפון וואס די רוסישע רעגירונג איז געוועזען געגען דעם אוניאטישען קאטאליציזם און האט געוואלט דארט פערשטארקען דעם פראוואסלאווענעם גלויבען.

לאנג און ערנסט האט זיך געצויגען די אפענע און בעהאלטענע מלחמה, און וועלכער די אוניאטען האבען גובר געוועזען. און ווען דער קייזער אלעקסאנדער דער ערשטער האט פון זיין אייגען געלד מנדב געוועזען א גרויסע סומע אויף צו בויען א פראוואסלאווען קלויסטער, האט דער פרעזידענט פון מאגיסטראט קאראנאווסקי, אן אוניאט, צונויפגעקליבען נאך געלד און אויסגעבויט א פוילישען קאסטיאל. אין יאהר 1810 האט דער קייזער בעפוילען אבצונעהמען פון די אוניאטען איינעם פון זייערע קלויסטערס און מאכען איהם פאר א פראוואסלאווען, און דאן האבען די אוניאטען אנגעהויבען צו בויען אין רעכטען מיטען שטאדט נאך א העכערן און נאך שענערן סאבארנעם קלויסטער, וואס איז געווארען פארטיג אין יאהר 1825. דער ווייטערסטער פארקאן פון

דעם נייעם קלויסטער איז אויסגעקומען האַרט נעבען דער אַלטער רויאינירטער וואַנד פון דעם יודישען שוהל-הויף, וואָס איז אַרויס-געקומען אין דער נאָהנטסטער גאַס.

איצט זעהען זיי געזעצען איינער געגען דעם אַנדערן. דער אָפיציעלער שטיצער פון פּראַוואָסלאַוויע און דער שטרייטער פאַר דער אוניאַ, געגען דער פּראַוואָסלאַוויע; אָבער ניט אַלס געגנער זעהען זיי צוזאַמענגעקומען; פערקעהרט, זייערע אויפגאַבען האָבען זיך פעראייניגט. אַ דריטער איז געוועזען, געגען וועמען זיי האָבען ביידע געשטריטען: דאָס איז געוועזען דאָס יודענטום, און דער פערביסענער שטרייט געגען יודען האָט זיי ביידען אין איין בונד פעראייניגט.

אין צימער איז געוועזען וואַרים און שטיל; טאַראַשקעוויטש האָט פונאַנדערגעשפּולעט זיין ריפּסענע סוטאַנע, סטראַכאָוו האָט לויז געמאַכט זיין שמאָלען גרינעם מונדיר; די פּיער הלבנ'נע ליכט אויפ'ן טיש האָבען געשמאָלצען און זייערע געלע צאַפּעלנדע פייערלעך האָבען געשפּיעלט אויף די בלעטער פון דעם אַלטען פּוילישען בוך, וואָס איז געוועזען ביי טאַראַשקעוויטש'ן אין האַנד און אויף די גרויסע בויגענס העל-בלויען פּאַפּיר, אויף וועלכע סטראַכאָוו האָט מיט זיין קליינעם אויסגעדרעהטען כתב שנעל-שנעל געשריבען דאָס, וואָס יענער פלעגט איהם זאָגען, אין רוסיש.

...,,אין דעם דאָזיגען טאָג (15 טעג אין שבט) — האָט דיקטירט טאַראַשקעוויטש — מאַכט דער עלטערער פון זיי אַ השבון, וויפיעל יעדע סינאַגאָגע האָט צונויפגעקליבען געלד אויף קריסטליכן בלוט, וואָרום יעדער יוד און יודענע פון 13 יאָהר אָן מוז אויף דעם יעדען יאָהר אַריינטראָגען צו צוויי גילדען (30 קאָפּ. זילבערנע)...

מען מאַכט אַ סך-הכל, וויפיעל איז געוועזען אויסגעבראַכט אויף צו קויפען אַ קינד, וואָס דאַרף ווערען געפייניגט...

מען דינגט עטליכע אַנשטענדיגע און בעוואָרענטע יודען,

אַזוינע. ווײַזן װעמען מען איז זיכער, דאָס זיי וועלן ניט אַריבער אין קריסטלעכן גלויבן"...

... „די דאָזיגע יודישע גבאים, וואָס ווערן געוועהלט פון גאַנץ קהל — האָט געלייענט ווײַטער טאַראַשקעוויטש, אָבוואַר-טענדיג, ביז סטראַהאָו וועט פאַרטיג ווערן מיט זיין שרײַבן — האָבן קריסטליכע קינדער און זיי שהטיען. און ווען זיי קריגן אַזאַ קינד, מוזן זיי עס אַוועקזעצן אין אַ ליכטיגן קעלער, אין פערציג טעג נעהרען איהם מיט זיבען מאכלים, למשל: מיט מאַנדלען, ראָזינקעס, גיבען טרינקען זיסע מילך, כדי אין איהם זאָל זיך אָנקלויבען וואָס מעהר קלאָר, איידעל בלוט. און אין דעם משך פון די גאַנצע צייט, ד. ה. פון די פערציג טעג, כטאַרעט מען זיך איהם ניט צו שרעקען, נאָר פערקעהרט: מען טהוט איהם אָן אַלע פערגעניגען, מען שענקט איהם געלד און מען פערנעהמט איהם מיט שענע מעשיות. ווען עס ענדיגען זיך די פערציג טעג, טהוען זיי איהם אָן אַ משונה'דיגע מיתה מיט יענע אכזריות, וואָס איך וועל בעשרײַבען אין אַ בעזונדער פרק"...

טאַראַשקעוויטש האָט געהאַלטען פאַר זיך דאָס געוויסע פוילישע בוך: „די יודישע אכזריות געגען גאָט און געגען מענשען", וועלכעס ס'האָט אָנגעשריבען דער יעזויט גאַאוצענטי פיקולסקי אין יאָהר 1760 און אָבגעדריקט אין לעמבערג. טאַראַש-קעוויטש האָט דיקטירט גלייך פון בוך, אָבשטעלענדיג זיך אַמאָל אויף אַ ווײַלע און זוכענדיג אַ גענוי רוסישן וואָרט; סטראַהאָו האָט שנעל געשריבען, ניט אָברײַסענדיג זיך פון דער אַרבייט און די גרויסע אַרומגעפליקטע געגזענע פעדער האָט זיך געטרייסעלט אין זיין דינער אויסגעטריקנטער האַנד, פלעגט זיך אַמאָל פער-טשעפען און ווייט-ווייט בעשפריצען אַרום מיט טינט דאָס האַרטע רויכיגע פאַפיר.

דאָס בוך איז געווען זעהר אַ זעלטענעס; עס איז געווען זעהר שווער צו קריגען, און אַז דער לעהרער פון דער אויעזדנער שול פעטרישטשע האָט איהם געפונען אין אַנאַלטען צוגעמאַכטען בערנאַרדינישען מאָנאַסטיר אין מאָרדווינאָוס גוט-בעזיצונג סע-

גלעטונג און געבראכט צו מטראַהאָון, איז די שמחה זיינע געווען אינבעגרענצט. דעם שליסל, דעם שליסעל האָט ער געפונען צו דער שרעקליכער געהיימניס, וואָס נעהמט אַוועק דורך יודישע הענד אַזוי פיעל קרבנות! און באַלד האָט ער עם אָנגעהויבען דורכשטודירען צוזאַמען מיט טאַראַשקעוויטש'ן.

טאַראַשקעוויטש האָט איבערגעהיפּט איינינע בלעטער, וואָס זיינען, נאָך זיין מיינונג, געווען נישט אינטערעסאַנט, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן בלאַט 760.

... „די בעשרייבונג פון דעם אינמענשליכען „אָבריאַד“— האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו לייענען, האַרדענדיג ביז סטראַחאַ! וועט פאַרטיג ווערען מיט זיין שרייבען — וואָס ווערט אויסגעפיהרט ביים שחט'ען פון קריסטליכע קינדער:

1) דער רב נעהמט דאָס קינד, וואָס דאַרף זיין ניט עלטער פון 13 יאָהר, גלעט עם און שפּאַצירט מיט איהם פריינדליך אַרום הין און צוריק און אונעריכט דערלאַנגט ער איהם אַ שטאַרקען שטאָך אין דעם אָדער, וואָס געהט דורך הירכ'ן „מיזינעץ“, כדי דאָס בלוט זיינס זאָל זיך אויפהויבען ביז די אויגען (מיט זייער כשוף זעגען זיי דערלאַנגען, אַז ווען דאָס קינד ווערט געשטאָכען דורכ'ן פינגער, דערשרעקט עס זיך ניט, און פון ניט אַ דערשראָקענעם קינד געהט אַרוים מעהר בלוט, איידער פון אַ דערשראָקענעם).

2) נאָך דעם שלאָגט מען איהם צו, אָדער מען בינדט איהם צו צו אַ קרייץ און מען טראָגט אונטער דעם רב אַ מעסער, געמאַכט אין גאָלד; דאָס מעסער ווערט געהיט פון יאָהר צו יאָהר און ווערט צו קיין זאַך ניט גענוצט. מיט דעם דאָזיגען מעסער שטעכט איהם דער רב אין דער רעכטער זייט און שטעלט אונטער אַ טאַז, כדי דאָס בלוט זאָל אַראָבריגען... מיט דעמזעלבען מעסער טהוט ער איהם אַ שטאָך אין דער לינקער זייט, און איך האָב אַליין מיט מיינע אויגען געזעהן, ווי פון איין קינד איז אַרוים כמעט אַ האַלב קוואַטירעל בלוט, ווייס ווי מילך, און דאָס קינד איז אויסגעגאַנגען.

3) פריהער איידער דאָס קינד ווערט טויט, נעהמט מען איהם אַראָב פון קריין און מ׳זעצט איהם אַוועק אין אַ מעקעל, וואָו איז פון אַלע זייטען אָנגעשטעקט מיט שאַרפע נעגעל; מ׳זעהט אָבער, אַז געגען האַרצען זאָל קיין נעגעל ניט זיין (דאָס פעקעל דינט מען פון דור צו דור). און אינום דאָזיגען פעסעל קאַטשעט מען דאָס קינד ביז פון איהם וועט אַרויס דער לעצטער טראָפען בלוט"...

— מ... מ... מער—דער!! — האָט ניט אויסגעהאַלטען טראַהאָוו, אַיילענדיג זיך ניט אָבצושטעהן פון טאַראַשקעוויטש׳ן— און אַ ביז־פערצאָרנטע מינע איז דורכגעלאָפען איבער זיינע דינע אָנגעצויגענע ליפען.

אַ גנבי׳שע געלעכטעריל האָט זיך אָבגעשפיגעלט אין טאַ־ראַשקעוויטשעס שענע לעבהאַפטע אויגען, נאָר ער האָט באַלד ווידער אָנגענומען אַן ערנסטע מינע און געלייענט ווייטער:

„מען נעהמט איהם אַרויס פון פאַס, און אויב ער לעבט נאָך (דאָס טרעפט גאַנץ אָפט, ווייל דאָס קעפיל פון קינד בלייבט די גאַנצע צייט דרויסען און די נעגעל דערגרייכען ניט צום האַרצען), קרייצט מען איהם ווידער, און דער רב מאַכט אַ ברכה און שמעקט איהם דאָס דריטע מאָל אין דער לינקע זייט; נאָכדעם געהט פון איהם אַרויס דאָס לעצטע בלוט און ער שטאַרבט...

דאָס טויטע קינד וואַרפט מען אַרויס אין מיסט, אָדער מען דערטרינקט איהם אין וואַסער אָדער מען פערברענט אי׳ה אין פייער, אָבער צו קבורה ברינגט מען איהם ניט, ווייל דער תלמוד לערנט, אַז אַ קערפער פון אַ טויטען קריסט איז אַ נבלה וואָס טאָר צו קיין קבורה ניט קומען"...

טראַהאָוו האָט מיט כעס אָבגעשליידערט פון זיך די פעדער און האָט פערוואָרפען אַהינטער ביידע הענד. דאָס פנים זיינס איז געוועזען בלאַס, די קליינע שפיציגע אויגען האָבען געפלאַמט.

די דינעסט, אַ הויכע, יונגע פויערטע, מיט רויטע באַקען און לאַנגע, ווייסע האָר, צוזאַמענגעדרעהט פון הינטען אויס׳ן

קאָפּ, איז שטיל אַרײַן אין צימער און האָט צוגעטראָגן צום טיש אַ ברייטען טאַץ מיט גלעזער, שנאַפּס און צובייסען. סטראַהאָוו האָט אַ וואָרף געטהון אַ דאָרשטיגען בליק אויף איהרע הויכע ווייכע אָרעמס און הויכע פולע ברוסט. ער האָט זי אויסגעמאָסטען פון אויבען ביז אַראָב און מיט אַ לאַנגזאַמען קוק באַגלייט זי ביז דער טהיר, וואו זי איז לאַנגזאַם פערשוואונדען, געוואָרען מיט איהר יונגער, וואַקסיגער פיגור.

— מ... מ.., יאָ! — האָט ווי פערטרוימט אַרויסגערעדט סטראַהאָוו, גענומען זיך פאַר'ן פלעשיל און צוגערוקט צו זיך דאָס גלעזעל, — און ווייסט איהר, וואו זיי זענען בײַ מיר אַלע?

— ווער?

— אָט די הויכע יוהען?

— וואו?

— אָט-אָ-דאָ זענען זיי בײַ מיר! — האָט סטראַהאָוו צוגעדריקט זײַן קלײנע דאַרע האַנד צום טיש, — אָט דאָ זענען זיי בײַ מיר אַלע! נאָר איך אײַל ניט, זאָלען זיי זיך נאָך האָדעווען...

טאַראַשקעוויטש האָט נישט געענטפערט, נאָר אַן אינווייניגסטע צופרידענהייט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין זײַנע קלוגע אויגען. ער האָט געוואוסט, אַז סטראַהאָוו טהוט פאַר איהם זײַן אַרבייט, אַז ער גיסט וואַסער אויף זײַן מיהל. דאָס געפּינענע קינד יעמעליאַן איוואַנאָוו איז געווען אַ אוניאַט, זײַנע עלטערן, די הויפּט-עדות מאַריאַ טערענטיעוואַ און אַלע קרובים פון דעם פערשטאָרבענעם זענען אויך אוניאַטען, און פון דעם גאַנצען געשעפט, וואָס סטראַהאָוו פערפיהרט דאָ אין נאָמען פון דער רעגירונג, וועט אויסשפּיעלען מעהר נישט ווי די אוניאַטישע קירך און אוניאַטישע שטימונג. און ער האָט אויסגערעכנעט, אַז ער דאַרף מעהר נישט ווי לייכט אונטערהעצען סטראַהאָוו'ן און לאָזען איהם אַליין דורכפיהרען די זאַך ביז צום סוף...

„דאָס אַלץ איז באַפוילען געוואָרען דורך דעם תלמיד" — האָט טאַראַשקעוויטש, ווי נישט-ווילענדיג, נאָכאַמאָל אײַנגעקוקט

אין פּיקולסקי'ס בוך — אין טראַקטאַט גטין, פּרק א', בלאַט 28...

— גטין? — האָט זיך אָנגעכאַפּט סטראַחאָוו — ווי זאָגט איהר? גטין? גטין, גטין...

ער האָט זיך מיט אַלע כּחות געשטאַרקט איינצוהאַלטען ביי זיך אין זכרון דעם נאָמען פון דעם אכזר'ישען ספר.

— און דאָ טאַקע, מוז איך זאָגען, אַז מאַריאַ האָט נאָך עפּעס ביי זיך אויפ'ן האַרצען, וואָס זי וויל ניט אַרויסגעבען, און איך מוז עס דערגעהן ביז'ן גרונד. איך מוז!

ער האָט אַ קלאַפּ געטהון איבער'ן טיש און אַרויסגענומען פון אונטער'ן בוזעם אַ ציגאַר.

— ווייסט איהר, וואָס ביי מיר איז געבליבען? — האָט ער אַזוי געטהון, אָבבייסענדיג מיט די קרומע געלע צייהן דעם שפּיץ פון ציגאַר און אַרויסשפּייענדיג עס פון מויל — ביי מיר איז געבליבען צו צושיקען זי צו אייך פון טורמע מיט אַ קאָנוואָינעם, און איהר זאָלט מיט איהר אַ שמועס טהון איינס אויף איינס. אפשר וועט אייך געלינגען פונאַנדערשאָקלען איהר די צונג.

טאַראַשקעוויטש האָט אַ קלער געטהון און אַ מאַך געטהון מיט'ן קאָפּ.

— גוט! שיקט זי צו מיר זונטאָג האַלב צוועלף ביי-טאָג נאָך דעם צווייטען גאָטעס-דיענסט...

דאָס אַכצעהנטע קאַפּיטעל.

אַרום פיער אַ זייגער פאַר-טאָג איז סטראַחאָוו אַרויס פון טאַראַשקעוויטש'ס הויז.

דער הימעל איז געוועזען נאָך טונקעלער ווי פריהער, נאָר פון דעם ווייסען פרישגעפאַלענעם שניי האָט אָבגעשלאָגען אַ ליכטיגקייט און אַרום זיך האָט מען געקאָנט גאַנץ ווייט זעהן.

ער האָט זיך איינגעהילט אין זיין קליין פיינעם פעלצעל און צוזאַמענגעלעגט די הענד אַרבעל אין אַרבעל, צודריקענד צו זיך דעם שווערען לעדערנעם פּאָרטפּעל, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטען ביי איהם אונטער'ן אָרעם. די גרויסע לעדערנע קאַ-

לאָשען האָבען זיך שווער געשלעפּט איבער דער ערד, די שוואַרצע פעלצענע היטעל איז בּיי איהם געווען נידעריג אַנגעטהאָן איבער די אויגען.

דער הונד האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען איהם אַנט-קעגען, אויסגעצויגען אויף זיינע הויכע דינע פיס און אָנגעהוי-בּען זיך צו רייבען אַרום זיינע פאָלעס. און דער קליין-וואוקסיגער כטראַהאָוו האָט אויסגעזעהן נאָך קלענער, בשעת דער הונד האָט זיך צוזאַמען מיט איהם אַראָבגעלאָזט פון די טרעפּ און אַוועק איינער נעבען דעם אַנדערן צום גאַס-פּאָרטעל.

ער איז אַרויס אויף דער אילאינסקער גאַס און איז אַוועק צום מאַרק-צו. פון בּיידע זייטען האָט זיך געצויגען די שטאָדט, אַ נידעריגע, אַ פונאַנדערגעוואָרפענע מיט איהרע שוואַרצע איינ-געבויגענע יודישע הייזלעך, פינסטערע און שווייגענדיגע, וועלכע האָבען אין זייער עצם שווייגען ווי בּעהאַלטען אַ שרעקליכען סוד.

ער איז געקומען נעהנטער צום מאַרק. די הייזער זענען געוואָרען העכער און שטאָלצער, נאָר מיט זייערע בּלינדע פער-מאַכטע אויגען האָבען זיי אויף איהם געקוקט מיט דערזעלבער שטילקייט און מיט דערזעלבער אויפמערקזאַמקייט, ווי יענע קליינע אונבּעשיצטע הייזלעך, מיט וועלכע ס'האָט זיי שטאַרק פערבונ-דען דערזעלבער סוד.

דער סוד! דאָס שרעקליכע געהיימניס, וואָס איז הונדערטער יאָהרען געווען פערבאָרגען פון דער גאַנצער קריסטליכער וועלט, און וועלכען ער האָט דאָך אָנגעטאַפּט, וועלכען ער האָט שוין ענטפּלעקט און וועלכען ער וועט נאָך ענטפּלעקען, פונאַנדער-עפענען פאַר דעם קריסטענטום און פאַר דער גאַנצער וועלט.

ער האָט זיך נאָך שטאַרקער איינגעהילט אין זיין פעלצעל און האָט נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך דעם פּאָרטפעל מיט די פּאַפּירען. און אין דער מינוט האָט זיך איהם געדאַכט, אַז גאָט אַליין האָט איהם אַוועקגעשטעלט איינעם געגען איינעם, איהם פון איין זייט און דאָס פינסטערע בּלוטדורשטיגע יודענטום פון דער צווייטער, און ער, דער קליינער, אונבּעוואוסטער קאָלעגיען-

ראַטה סטראַהאָװ, ער װעט דאָס יודענטום גובר זײַן, ער מוז עס גובר זײַן, כּדי צו ראַטעװען די גרױסע קריסטליכע װעלט פֿון דער גיפֿטיגער, בלוטדורשטיגער שלאַנג...

אױפ'ן ראָג לינקס האָט זיך הויך געצויגען שמריה בערלינס מויער. אין אַלע פֿענסטער איז געװען פֿינסטער, נאָר אױבען, אױפ'ן שאַלקע פֿון צװײ פֿענסטער מיט דינע אַראָבגעלאָזענע שטאָרען האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ פֿײַער'ל און זיך װײַט געצויגען איבער'ן פֿערשנייטען מאַרק מיט זײַנע צװײ װײַלען הילצערנע בײַדלעך. אונטען, אױפ'ן שטײנערנעם גאַניקעל בײַם אַרײַנגאַנג אין װײַן-קעלער האָט זיך געזעהן אַ שװאַרצע צונויפגעהויקערטע פֿיגור.

סטראַהאָװ איז צוגעגאַנגען צום גאַניקעל.

— סלוש-ש-אַי! — האָט זיך איהם אַנטקעגען אױפגעהױבען אַן אַלטער, געדיכט-בעװאַקסענער יוד אין אַ שװאַרצען צוריבענעם פֿעלץ, אונטערגעבונדען מיט אַ רויטען פּויערישען גאַרטעל.

ער האָט אָנגעהױבען צו קלאַפּען מיט אַ קלײן שטעקעלע אָן אַ הילצערנעם ברעטעל, װאָס איז געװען בײַ איהם אױפ'ן גאַרטעל, און װידער אַ געשרײ געטהון: סלוש-ש-שאַי!

— װער ביזטו?

— אַ נאַכט-שומר.

— העקטאָר! — האָט אָבגערופען סטראַהאָװ זײַן הונד, װאָס האָט אָנגעהױבען צו ברומען און זיך ציהען צום שומר.

— װאָס-זשע היטסטו דאָ? — האָט אַ פֿרעג געטהון סטראַהאָװ, בעטראַכטענדיג זיך אײַנקוקען אין שומר'ס הונקעל בעװאַקסענעם פּנים.

— װאָס היט איך? אַ קשיא! װעגן איז דאָ פֿאַרהאַן גוטס?

— אָבער פֿון װעמען?

דער שומר האָט פֿון זײַן זײַט אַ שטאַרקען קוק געטהון אין סטראַהאָװ'ס פּנים.

— פון שלעכטע פערדאָרבענע מענשען. יענע זענען זיי דאָ?

סטראַהאָוו האט אַ ריף געטהון זיין הונד.

— ווי איז דיין נאָמען?

— אַברהאַם.

— פאַמיליע?

— גלושקאָוו.

ער האט זיך אָפּגעקעהרט און זיך ווידער אַוועקגעלאָזען איבער'ן מאַרק.

גלושקאָוו האט נאָך האַסטיגער אָנגעהויבען צו קלייבען אין ברעטעל.

סטראַהאָוו האט זיך געוואָלט נעהמען לינקס צו אָרליק טעוועלעווס גאַסט-הויז, וואו ער האט זיך אָפּגעשטעלט, נאָר פון הינטער דעם הויכען שפּיץ פון דעם נייעם אוניאַטישען סאָבאָר „פון הייליגען גייסט" איז אַרויסגעקראָכען דער הויכער געדיכט-פערשווימער, שפּיציגער דאַך פון דער יודישער שוהל, איינג און שטאָלץ האט זיך די הויכע פערטרוימטע און אויך שווייגענדע שוהל אַריינגעקוועטשט אין רעכטען מיטען פון די ווייסע, פרעהליכע, קלינגענדע און פאַר אַלע אָפענע קריסטליכע טעמפּלען, און נאָך שטאַרקער און נאָך מעהר פערבאָרגען ווי אַלע איבעריגע יודישע הייזער אַרום, האט זי געהאַלטען טיעף באַגראָבען אין זיך דעם דאָזיגען סוד, וואָס איז שוין פאַר איהם האַלב אָפען.

ער האט זיך ווידער אַ קערעווע געטהון רעכטס און איז אַוועק איבער דער היהאָווסקאַ גאַס צום שוהל-הויף.

די שוהל איז געשטאַנען אַ שטילע, ווי אַנ'אָנגעמאַטערטע און אַ פערטרוימטע, האַרט באַזעצט פון אַלע זייטען מיט קליינע הייזלעך; זיי האָבען זיך צוגעדריקט צו איהר ווי קליינע, פער־יתומטע קינדער דריקען זיך צו זייער מוטער — פון וועלכער נור זיי אַליין קאָנען ערוואַרטען הילף. כמעט פון יעדען שטיבעל האט זיך אַרויסגעזעהן אַ קליין פייעריל, וועלכעס האט זיך, טרע־קענדיג און האָפנונגסלאָז, געצויגען אין דער אַרומיגער פינסטער-

טיש, אָנהאַקענדיג זיך און אָנשטאַרבענדיג אין איהר אויף אייביג.

די שוהל אַליין האָט אויסגעזעהן שוואַרצער און פינסטערער ווי אַלע מאָל, און אַהער האָט זיך מטראַהאַנוק פערגלוסט אַריינצוקומען.

ער איז אַרויף אויפ'ן לאַנגען עמוד פערשנייטען גאַניקעל און האָט אָבגעהאַלטען דעם הונד, ער זאָל ווייטער ניט געהן; דער קלוגער און אָנגעלערנטער הונד האָט זיך צוועקגעלעגט נעבען שוועל, אָפּטרייבלענדיג פון זיך דעם פרישען שניי, וואָס איז צוגעשטאַנען צו זיין קערפּער. מטראַהאַנו האָט אַ שטופּ געטהאָן מיט'ן פוס די טהיר און זי האָט זיך געעפענט מיט אַ לאַנגזאַמען אי-מעטיגען קרעכץ; ער איז אַריין אין פאָרהויז, און אַ בעזונדערע, אונבעקאַנטע לופט האָט איהם אַרומגענומען פון אַלע זייטען. ער האָט געעפענט. נאָך אַ טהיר און איז אַריין אין שוהל.

אַ קליין פייער'ל האָט זיך געוויעגט ערגיץ-ווייט אין דעם אַנדער ווינקעל שוהל און אין דעם קאַלטען האַלב-פינסטערניש האָבען זיך געזעהן מעהר ניט ווי שאָטענס, שאָטענס פון טישען, פון שטענדערס, פון בענק; ווייט-ווייט האָט אַ בלאַנק געטהאָן די געגאָלדטע שוויצונג אין דער גאָלדענער פאָרהאַנג פון הייליגען אָרט, און די הויכע בימה מיט געשטאַקטע סלופּעס האָט זיך ווייט געצויגען צום קיילעכדיגען דאַך. שוואַרצע מעשענע הענג-לייכטער זענען נידעריג געהאַנגען אויף לאַנגע אייזערנע קייטען און די קופּערנע אַכט-רעהריגע מנורה איז געשטאַנען דאָרט נעבען דרום-וואַנד.

ס'איז געווען שטיל און קאַלט, און פון אַ ווינקעל רעכטס האָט זיך אַרויסגעזעהן אַ שיין פון הינטער אַ צוגעמאַכטער טהיר. ער איז אַוועק אַהין, האָט אַ שטופּ געטהאָן מיט'ן פוס, און אָבגעשטעלט זיך אויפ'ן שוועל.

אין קליינעם, נידעריגען, געדיכט-אָנגעשטעלטען צימער איז געווען ווארימער און ליכטיגער. ביי איין ברייטן טיש איז האַלב געלעגען אויף אַנאַלטען פונאַנדערגעעפענטען ספר עפּיס אַ בחור מיט אַ גרויסען שוואַרצען בעוואַקסענעם קאָפּ, וועלכער איז געלעגען

נידעריג צוגעדריקט צו די גלעזע, באַפלעקטע און אַרומגעריבענע בלעטער, אויף וועלכע ס'האָט זיך געצויגן אַ צאַפּלדיגער שוואַרצער שאָטען. ער האָט, ניכּר, שטאַרק און אָבגעמאַטערט געדרעמעלט, און סטראַהאָן האָט מעהר נישט געזעהן זיין גלאַטע אויסגענוצטע היטעל, אַרומגערינגעלט מיט שוואַרצע צושויבערטע פּאות.

גלייך געגענאיבער דעם טיש מיט'ן פּנים צו דער טהיר איז געזעסען דער צווייטער — אַ האַרער, אַ באַגייסטערטער יונגער-מאַן מיט איינגעפאַלענע באַקען און אַ קליין שוואַרץ-געקרייזעלטען בערדיל. ער האָט זיך נידעריג אָנגעבויגען איבער אויך אַזאַ גרויסען אַלטען און אַרומגעריסענעם ספר, ווי ביי זיין חבר, האָט זיך געשאָקעלט, געריבען מיט די שפּיץ דינע, אויסגעדאַרטע פינגער דאָס קורצע בערדיל און געשלעפּט עס צו זיך אין מויל, און עפּיס געזונגען מיט אַ טרויעריגער, הארצנעהמענדער שטים, ווי ער וואָלט עפּיס באַקלאָגען אַ טויטען.

פּליצלינג האָט יענער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מיט טיפע, שוואַרצע, דערשראָקענע אויגען אַ קוק געטהון אויף סטראַהאָן. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט ביי דער שוועל, צוגעטראָגען די האַנד צום היט און אַראָבגענומען פון קאָפּ; זיין היילער אויסגעדאַרטער שאַרבען האָט געבלאַנקט צווישען דעם אויפגעשטעלטען רויכיגען קראַגען, און דער, וואָס האָט באַקלאָגט דעם אַלטען, האַלב-צעריסענעם ספר, האָט זיך נאָך מעהר דערשראָקען.

— איך בעט צו פערצייהען, — האָט אַזוי געטהון סטראַהאָן, בעטראַכטענדיג די אַלטע אויסגעטריקענטע הילצערנע ווענד, פון אויבען ביז אַראָב געדיכט-פערשטעלט מיט ספרים, גרויסע, קליינע, מיטעלע, נאָר אַלע — אַלטע, אויסגענוצטע, — איך בעט אים פערצייהונג. איך שטער אייך פון לערנען?

דער יונגער-מאַן האָט, ניכּר, ניט פערשטאַנען, וואָס מ'רעדט צו איהם און האָט מיט אַ רחמנות-דערשראָקענעם בליק בעטראַכט דעם אומגעריכטען גאַסט.

סטראַהאָװ איז צוגעגאַנגען נעהנטער, האַלטענדיג אין האַנד דאָס היטעל. ער האָט אַרײַנגעקוקט אין ספר אַרײַן און אידם האָט פֿערװאונדערט דאָס אויסזעהן פֿון די אַלטע, לאַנגע געלע בלעטער מיט די דרײַ זײַלען געדיכט-בעפּערלטע מיט קלײנע אונבעקאַנטע בוכשטאַבען, װאָס האָבען אויך אויסגעזעהן אַזױ אַלט, אַזױ אונפֿערשטענדליך און אַזױ בעהאַלטען.

— װאָס איז דאָס פֿאַר אַ ספר? — האָט אַ פֿראַגע געטהון סטראַהאָװ און האָט אָנגעװיזען מיט זײַן דין אויסגעדאַרטען פֿינ-גער אויף דער גמרא .

— דאָס בוך, דער ספר! — האָט סטראַהאָװ נאָכאַמאָל אָנ-געהױבען צו טײַטען מיט'ן פֿינגער אויף דער גמרא.

— ג'מין — האָט לאַנגזאַם און פֿערצװײפֿעלט אַ ציה געטהון דער יונגער-מאַן.

— גמין??!

— יאָ, גמין.

סטראַהאָװ האָט מיט קינדערדיגע, דערשראָקענע אויגען אַ קוק געטהון אויפ'ן יונגען-מאַן, שנעל אָנגעטהון די היטעל און אַ לאָז געטהון זיך צו דער טהיר.

„העקטאָר“ האָט זיך אויפגעהױבען צו איהם אַנטקעגען און, קלינגענדיג מיט זײַן האַלז-באַנד, איז ער אַװעקגעגאַנגען צוזאַמען מיט'ן בעל-הבית אין דער פֿערשטומטער גאַס, און זײ האָבען גע-שראָקען מיט זײערע שװערע האַרטע טריט די שטילקײט פֿון דער קאַלטער פֿערגליװערטער נאַכט.

דאס נײַנצעהנטע קאַפּיטעל.

אָנהױב פֿעברואַר האָט סטראַהאָװ פֿערלאָזט זײַן צימער אין טעװעלעװ'ס גאַסטהױז און איז אַריבער אין אַ בעזונדער דירה אין מעלער-זאַקאַמעלסקי'ס הױז, אויף איליאינסקער גאַס, ניט װײַט פֿונ'ם קלױסטער „דער הײליגער איליאַ“.

אַ גרױסער הױף, װאָס האָט פֿערנומען כמעט אַ גאַנצען קװאַר-

טאַל און אַרום אין דריי גאַסען, איז געווען געדיכט פערוואַקסען מיט אַלטע קאַשטאַנען און ליפּען־בוימער, אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכען הילצערנעם פּאַרקאַן און פערבויט מיט אַ גאַנצער רייה הילצערנע הייזער אויף הויכע שטיינערנע פונדאַמענטען און גע־ווען מיט בלעך געדעקט. דער הויף מיט די הייזער האָט אויס־געזעהן, ווי אַ בעזונדער גוט אין מיטען שטאָדט, פון וועלכער עס איז אָבער געווען אינגאַנצען אָבגעזונדערט.

פריהער, בשעת דער באַראָן האָט נאָך ניט געהאַט פער־לאָזט די שטאָדט, האָט ער דאָ געפיהרט אַ פּריצישע ווירטשאַפט, מיט אַן אייגענעם פּאַרק, מיט גערטנער, וועלכע ער פלעגט אָפט פערדינגען יודען, מיט אייגענע פערד, מיט פיעל קנעכט און דיענסטען און מיט פיעל יאַגד־הינד, מיט וועלכע ער פלעגט אַמאָל אין מיטען ווינטער מיט פויקען און געפילדער אַרויס־פאָהרען — אָדער ריטענדיג אָדער אויף הויכע „טראָיקעס“ צו די אַרומיגע פּריצים מיט וויזיטען אָדער אויף געיעג.

שוין עטליכע יאָהר, ווי דער באַראָן פערנעהמט ערגיץ אַ הויכע שטעל און האָט פערלאָזט די שטאָדט. דאָס גאַנצע גוט זיינס אין שטאָדט איז געבליבען פערשפּאַרט טהיר און טויער און פערשלאָגען מיט ברעטער.

מטראַהאָוו האָט דאָס אַלץ פערנומען פאַר זיך, און באַלד נאָך „מאַבלעניצאַ“, אין יאָהר 1826, האָט זיך דאָ ווידער אָנגע־הויבען אַ לעבעדיגע בעוועגונג. מ'האָט אָנגעהויבען אָבצוקערען דעם שניי, פון איינינע קוימענס האָט זיך אָנגעהויבען צו ווייזען אַ רויך, וואו־ניט־וואו האָט מען אַראָבגענומען די לאָדענס פון די פענסטער.

נעהנטער צום גאַס איז געשטאַנען אַ גרויס הויז מיט זיבען פענסטער, מיט גרינע לאָדען און מיט אַן אַרויסגאַנג צום גאַס. דאָ האָבען געדאַרפט פאָרקומען די אויספאָרשונגס־זיצונגען, און אין גרויסען זאַל, באַלד בייס אַריינגאַנג, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ לאַנגען טיש, בעדעקט מיט אַ טישטוך פון גרין געוואַנד מיט פרענזען און אויף איהם אין רעכטען מיטען אַ גאָלדענע „זערצאַלאָ“

מיט אַ טאָרלער, בעצויגען מיט אַ גרין ציכעל, צוויי הויכע מעשענע זעקס-רעדריגע לייכטער, מיט דיקע חלב'נע ליכט און שרייב-געצייג.

אַלמערס אין די ווינקלען, צוויי גרויסע בילדער פון די קיסרים אַלעקסאַנדער און ניקאָלאַי אויף די ווענד, ווייכע מעבעל שטיהלען ארום טיש, עטליכע בייגק ביים אַריינגאַנג, — דאָס איז געווען די גאַנצע אויסשטעלונג פון זיצונגס-זאַל. אין די ווייטערסטע צימערן האָט זיך בעזעצט סטראַהאָוו אַליין. אויפ'ן הויף, אין אַ קליין הייזעל, ניט ווייט פון באָד, האָט סטראַהאָוו אַוועקגעזעצט מאַריאַ'ן, וועלכע ער האָט אַריבערגעפיהרט אַהער פון דער שטער-מישער שלאָס-טורמע — ווייל ער האָט זי קיינעם ניט געקאָנט אָנ-טרויען, הויך זיך אַליין.

איבער אַ טאָג פלעגט מען זי דורכ'ן הויף אַריינפיהרען אין „פריסוטסטוויע", און דאָ פלעגט זי סטראַהאָוו שטעלען אויפ'ן „דאָפּראָס", ד. ה. אויספאָרשען ביי איהר דאָס, וואָס ער האָט שוין לאַנג געוואוסט, און וואָס זי האָט איהם שוין מעהר ווי צוואַנציג מאָל איבערגעחזר'ט, און דאָך יעדעס מאָל געענדערט דעם נוסח פון איהר עדות-זאָגען.

ס'איז געווען אַ העלער ווינטער-טאָג. דורך די האַלב-פער-האַנגענע פענסטער האָט זיך דורכגעשלאָגען דער זונען-שיין, אָנ-געצונדען די בעגילדעטע שפּיצען פון דער „זערצאַלאַ", בעלויכטען דעם פיער-קאַנטיגע געמאָלטען פּאַרקעט, און אָבגעשפּיגעלט זיך אין די ווייכע קאַכעלנע אייוועגס פון ביידע זייטען טהיר.

טערענטיעווא איז געשטאַנען אין מיטען זאַל ניט ווייט פון טיש, שוואַרץ געקליידט, אין אַ שוואַרץ טיכעל איבער'ן שטערן און אין וואַרימע שיך.

ניט די מאַריאַ איז דאָס געווען, וואָס אַמאָל, און דער זעמסקי איספּראַווניק דזיעקאָ-מאַקאָלינסקי, וואָס איז געזעסען צו דער רעכטער האַנד פון סטראַהאָוו'ן, האָט זיך מיט אַלע כחות בעמיהט ניט צו קוקען אויף איהר, און יעדעס מאָל, ווען טע-רענטיעווא פלעגט אויף איהם אַ וואָרף טהון איהר זוכענדען אונ-רוהיגען בליק, פלעגט ער אינסטינקטיוו אָנהויבען צו קוקען אָן

אַ זייט, און אַ בעהאַלטענער שמייכעל האָט אַ קריי געטהון זיינע דיקע, צוגעגאָסענע ליפּען.

ער האָט זי געקענט: פון אַלע דריי, וואָס זענען געזעסען ביים טיש, האָט ער איינער זי געקענט שוין אַ משך פון צעהן יאָהר. ניט איין מאָל האָט ער זי דורכגעטריבען, אַ הונגעריגע, אַ פערשכורטע, אָהן שיך, אָהן אַ קלייד, פון דאָרף אין שטאָדט, פון שטאָדט אין דאָרף, און ניט איין מאָל פלעגט ער זי געפינען ערגיץ אונטער'ן שטאָדט אַ האַלב-פערפראָרענע און אָבשיקען זי אין צירקעל, צוזעמענעמען זיך און ווידער צוריק שנאָרען פון שיינק צו שיינק, פון דאָרף צו דאָרף.

— טערענטיעווא! — האָט אַ זאָג געטהון סטראַהאָוו און האָט שטרענג אַ קוק געטהון אויף דעם שטאַב-ראָטמיסטר בענקענדאָרף, זיין געהילף, וואָס איז געזעסען נעבען איהם לינקס.

דער יונגער אָפיציר, האָוואַנסקי'ס אַדיוטאַנט, איז געווען, ווי סטראַהאָוו האָט איהם חושד געווען, אַ ביסעל „אַ געהאַפּטער", און האָט זיך פון אָנהויב אָן פערהאַלטען צו מאַריא'ן און צו איהר עדות-זאָגען זעהר אונגלויבליך.

— טערענטיעווא! — דו ווייסט שוין, אַז דער פערשטאָרבענער קייזער האָט צוגענומען דיין בקשה און געהייסען דיך בעפריידיגען.

מאַריא האָט אַ שטרענגען קוק געטהון אויפ'ן פּאָרזיצענדען און האָט זיך ערגעבט און לאַנגזאַם אָנגעהויבען צלמ'ן אויף דעם הייליגען ניקאָלאַ, וואָס איז געהאַנגען הינטער אַ ברענענדיגע לאָמפּעל הויך אין ווינקעלע.

— דו האָסט געבעטען, מ'זאָל אויספאָרשען דעם „מאָרד", וועלכען מ'האָט אויסגעפיהרט אויף דעם אומגליקליכען קינד איוואַנאָוו'ן. דער גנעדיגער קייזער ניקאָלאַי איז אויך גרייט צו ערפילען דיין בקשה. דו מוזט אָבער אַרויסגעבען אַלץ, וואָס דו ווייסט, און קיין זאַך ניט בעהאַלטען. מיר ווייסען, אַז דו ביזט אויך געשטראָפט געוועלט, מ'האָט דיך פערפיהרט. גרויס איז דיין זינד געגען גאָט און געגען דעם קייזער. די קאָמיסיע וועט אָבער אַלץ פערדעקען,

זאָלען דו ווענסט זיך ערנסט מתודה זיין און קיינעם פון די טײלנעהמער ניט בעהאַלטען פון שטראָף.

מאַריאַ האָט אַ חליפּע געטהון, גלײך ווי זי וואָלט וועלען אָנהויבען צו ווײנען. דער איספּראַווניק האָט זיך אָבגעקעהרט אין אַ זײט, דער סעקרעטאַר קולאַק האָט גענומען די פעדער אין האַנד.

— וואָס זאָל איך דיר דערצעהלען, פּאַטער? אַט ווי הײנט געדענק איך, אַז אין יאָהר 1823, אַ וואָך פאַר'ן יודישען פסח, בין איך אַרײן, אַלס בעקאַנטע, צו חנה צײטלין אין שײנק. זי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ גלאָז משקה און האָט מיר געשענקט אַ זילבערנעם האַלבען רובל, בעטענדיג, איך זאָל איהר צושטעלען אַ שען קריסטליך קינד, וועלכען זי וועט, חלילה, גאָרנישט ניט טהון און וועט עם היטען ווי אַן אײגענעם...

זי האָט גערעדט שאַרף און לאַנגזאַם, האַרטע, קײלעכדיגע ווערטער, ווי זי וואָלט עפּיס לײענען פון אַ פּאַפּיר, אָדער נאָכזאָגען עמיצען, וואָס איז געשטאַנען בײ איהר און זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט, וואָס האָט זיך אַרויסגעקײקעלט פון איהר מויל.

דער סעקרעטאַר קולאַק האָט געוואָלט אָנהויבען צו פערשרײבען איהרע רייד, נאָר ער האָט זיך אָבגעהאַלטען, ווײל דאָס איז שוין בײ איהם געווען פערשריבען וואָרט אין וואָרט.

— איך האָב איהר פריהער אפילו ענטזאַגט, — האָט טערענטיעוואַ געלײענט ווײטער, שטרענג האַלטענדיג עפּיס אין זינען — נאָר אין אײניגע מינוטען אַרום האָב איך איהר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל אַזאַ קינד געפינען, וועל איך דאָס צו איהר ברינגען. אין דעם ערשטען טאָג פון אונזער הײליגער פּאַסכאַ, האַלבען טאָג, אָדער באַלד נאָך האַלבען טאָג, דאָס געדענק איך שוין ניט, האָב איך אויף דער בריק, וואָס איבער'ן קאַניעוועל, בײם ברעג דווינאַ, נעבען דעם הויז פון פּוילישען קראַנד, דערזעהן צוויי קלײנע קינדערלעך, אַ שוועסטער מיט אַ ברודער, וואָס זענען געגאַנגען פון יענער זײט וואַסער. דאָס מײדעלע האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען קראַנדס הויז און דאָס יונגעלע איז אַוועק ווײטער און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קלאָץ האַרט בײ דער

בריק. דאָ האָב איך זיך דערמאָהנט אָן הנה'ס בקשה, בין אַוועק צו איהר און האָב איהר אָנגעזאָגט, אַז דאָס קינד, וואָס זי האָט געבעטען, קאָן מען איצט נעהמען אויף דער בריק. ציטלינאָווא האָט מיר באַלד אונטערגעטראָגען אַ שנאַפּס, האָט מיר געגעבען צוויי זילבערנע רובלס, אַ שטיקעל צוקער און האָט מיר געהייסען געהן צו־לאַסטשען דאָס קינד מיט דעם צוקער און בריינגען עס גלייך צו איהר. דערביי איז געווען איהר דיענסט, אַוודאָטיאַ מאַקסימאָווא...

— ווי? מאַקסימאָווא אויך? — האָט אַ פרעג געטהון דער איספּראַווניק.

— יאָ, אַוודאָטיאַ איז דערביי געשטאַנען און אַלץ געהערט.

פאַר סאָקאָלינסקי'ן איז דאָס געווען אַ נייעס — ווייל אַוודאָטיעס נאָמען האָט זי ביז אַהער פאַר דער קאָמיסיע ניט דערמאָהנט, איהר נאָמען האָט זי דערמאָהנט נור פאַר סטראַהאָווי'ן אַליין פריוואַט, בשעת ער האָט זי בעזוכט ביי איהר אין איהר וואוינונג.

— דאָס יונגעל איז אַלט געווען אונגעפעהר דריי אָדער פיער יאָהר. ער האָט געהאַט אַ ווייס קיילעכדיג פּנים, ווייסע העהרלעך, אָנגעטהון אין אַ געוואַנטען רעקעל, אויף די פיס קליינע קינדערשע שיכעלעך, פון וועלכע ס'האָבען זיך געזעהן די ווייסע וואָלענע זעקעלעך. דאָס קינד האָב איך צוזאַמען מיט הנה'ן אַוועקגעפיהרט אין קיך; די טהיר האָט אונז געעפענט איהר דיענסט מאַקסימאָווא, וועלכע האָט גענומען דאָס קינד און אַוועקגעטראָגען אויבען, אין הנה'ס שלאָף־צימער, וואו ס'האָבען שוין געוואַרט: דער מאַן איהרער, יוזיק ציטלין, איהר טאָכטער איטקע און די קעכין רישע. הנה האָט איהם אַוועקגעזעצט אויפ'ן טיש; נאָכדעם האָט זי אונז ביידען — מיך און אַוודאָטיען — שטאַרק אָנגעשכורט, ביידען געשענקט צו צוויי רובל און געהייסען וועגען קינד קיינעם ניט דערצעהלען...

מאַריאַ האָט זיך אויף אַ ווײלע אָבגעשטעלט און אָבגעהאַפּט דעם אָטעם; זי האָט אויסגעזעהן גאַנץ מיעד, און ס'איז

קענטיג געווען, אַז איהר אַליין האָט שוין צוגעגעסען איבערצותור'ן יעדעס מאָל דאָסזעלבע.

— טערענטיעוואַ, דו ווילסט זיך צו־זעצען? — האָט אַ פרעג געטהון סטראַהאָוו — רוק־צו די באַנק און זעץ זיך אַוועק.

מאַריאַ האָט מיט'ן פוס צוגעשלעפט צו זיך דעם ברעג באַנק און האָט זיך שווער אַראָבגעלאָזט.

— דעמזעלבען טאָג אין אָוונד, — האָט ווידער אָנגעהויבען טערענטיעוואַ — האָט הנה נאָכאַמאָל אָנגעשכור'ט אונז ביידען און האָט אונז געהייסען אַוועקטראָגען דאָס קינד צו מירקען אין דויז, וואו ס'האָט אויך געוואוינט שמערקע מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. אין אָוונד, ווי נור ס'איז געוואָרען פינסטערליך, האָב איך גענומען דאָס קינד און, צוזאַמען מיט הנה'ן און אַוודאָטיען, אָבגעטראָגען צו מירקען...

— איבער'ן מאַרק? — האָט אַ פרעג געטהון בענקענדאָרף.

מאַריאַ האָט זיך אַ חאַפּ געטהון און געוואָרפען אַ בליק אויף סטראַהאָוו'ן.

— יאָ, איבער'ן מאַרק — האָט זי געענטפערט זיכער, ניט קוקענדיג אויפ'ן אָפיציר — געבראַכט צו מירקען און אַריינגעטראָגען אין אונטערשטען עטאַזש, צו סלאַווקען אין צימער, וואו, אַחוץ מירקען מיט איהר משפחה, זענען געווען נאָך פיעל יודען, מאַנסבילען און ווייבער. סלאַווקע האָט ביי מיר פון האַנד גענומען דאָס קינד, אַוועקגעזעצט עס אויף אַ שטוהל, נאָר באַלד האָט הנה געהייסען, מ'זאָל איהם פון דאַנען אַוועקנעהמען. און איך, צוזאַמען מיט אַלע מאַנסבילען און ווייבער, וואָס זענען דאָ געווען, האָבען מיר איהם אַוועקגעטראָגען אין אַ בעזונדער צימעריל. די גאַנצע הייליגע וואָך, חוץ מיטוואָך, בין איך אַלע טאָג געהען ביי הנה'ן און ביי מירקען, וואָס פלעגען מיר געבען טרינקען פיעל בראַנפען, און יעדען טאָג געזעהן ביי זיי דאָס קריסטליכע קינד. מאָנטאָג נאָך מיטאָג בין איך אַוועק מיט הנה'ן צו מירקען. ווי נור ס'איז געוואָרען פינסטער, האָבען מיר איהם אַוועקגעטראָגען צו הנה'ן, און דינסטאָג אין דער־פריה צוריק אָבגעטראָגען צו מירקען. אין

אָוועֶנד האָב איך מִיט הנה׳ן ווִידער אָבגעֶטראָגעֶן דאָס קִינד צוּ צִייטלִינ׳עֶן, אוּן מִיטוואָך דעֶם גאַנצעֶן טאָג איז עֶר אָבגעֶזעֶסעֶן בּײַ הנה׳ן...

דאָ פלעֶגט זיך טעֶרעֶנטיעֶווע יעֶדעֶס מאָל אַראָבשלאָגעֶן פוּן וועֶג אוּן פלעֶגט שטעֶנדיג טעות׳ן: וואו, אִין וועֶלכעֶן טאָג אוּן אִין וועֶלכעֶר צײַט האָט מעֶן דאָס קִינד געֶטראָגעֶן פוּן הנה׳ן צוּ מִירקעֶן אוּן פוּן מִירקעֶן צוּ הנה׳ן. סטראַהאָוו האָט זעֶהר צוּפריעֶדעֶן בעֶמעֶרקט, אַז איצט, נאָך אידרעֶ צוויי בעֶזוּכעֶן טאַראַשקעֶוויטש׳ן, איז זי געֶוואָרעֶן עֶטוואָס שטײַפעֶר. ניכר, אַז דעֶר גײַסט־ליכעֶר האָט אויף אידר גוּט געֶווירקט אוּן זי הויבט עֶנדליך אָן צוּ זאָגעֶן דעֶם רעֶכטעֶן אמת. דעֶרהויפט האָט נִיט געֶשטימט אידר בעֶווייז וועֶגעֶן מִיטוואָך, ווען ס׳איז געֶוועֶן דעֶר אָנפאַל אויף מִירקעֶס הויז, אוּן מ׳האָט דאָרט דאָס קִינד נִיט געֶפוּנעֶן.

— מִיטוואָך אִין אָוועֶנד, נאָכדעֶם ווי דאָס קִינד איז אַ גאַנצעֶן טאָג אָבגעֶזעֶסעֶן בײַ אידר אִין הויז, האָט מִיר הנה מִיט אַ געֶ־לעֶטעֶר דעֶרצעֶדלט, אַז דעֶר גאָראָדניטשי מִיט פאָליציי אוּן אידר מאַן יוּזיק, וואָס איז געֶוועֶן דעֶמאָלט ראַטמאַן, האָבעֶן בײַ־טאָג איבעֶרגעֶקעֶהרט מִירקעֶס שטוּב, געֶזוּכט דאָרט דאָס קִינד אוּן נִיט געֶפוּנעֶן...

סטראַהאָוו האָט שטאָל׳ץ געֶקוּקט אויף בעֶנקעֶנדאָרפ׳ן אוּן אוּמגעֶקעֶהרט זיך צוּם איספראַווניק, אוּן קוּליאַק האָט זיך צוּגעֶ־האַפט צוּ דעֶר פעֶדעֶר אוּן האָט אָנגעֶהוֹיבעֶן געֶשווינד צוּ פעֶר־שרײַבעֶן אידר נײַעֶס בעֶווייז, וואָס האָט געֶדאַרפט האָבעֶן אַ גרויסעֶן ווערטה: דורך אידר איז בעֶשטעֶטיגט געֶוואָרעֶן זעֶהר אַ וויכ־טיגעֶר מאָמעֶנט.

— אִין מאָנטאָג, אויף מאָרגעֶן נאָך דעֶר הײליגעֶר פּאַסחאַ־וואָך אִין אָוועֶנד, האָט הנה ווײַטעֶר גוּט אָנגעֶשיכּורט מִיך אוּן אַהדאָטיעֶן אוּן האָט אוּנז בײדעֶ אַוועֶקגעֶפִירט צוּ מִירקעֶן. מִירקעֶ איז דעֶמאָלט געֶזעֶסעֶן בײַ סלאַווען אִין צִימעֶר אוּן מִיט אידר אויך אַלעֶ מאַנסבילעֶן אוּן ווײַבעֶר, וואָס האָבעֶן זיך צוּזאַמעֶנגעֶקלי־בעֶן בײַ אידר אִין צִימעֶר דעֶם עֶרשטעֶן טאָג פאַסחאַ. די אַלטעֶ

בירקע מיט איהר טאַטטער סלאָוויקע, איך און מאַקסימאָוויטש זענען מיר אַוועק אין קליינעם צימערל, וואו ער האָט איהם אַריינגעטראָגען דעם ערשטען אָווענד פון דער הייליגער וואָך, און איך האָב איהם פון דאָרט אַרויסגעטראָגען צוריק אין סלאָוויקס צימער אין דיזעלבע קליידער, אין וועלכע ער איז געווען אָנגעטהון, בעת איך האָב איהם געגנב'עט. לויט בירקעס און חנה'ס בעפעהל, האָט אַוודאָטיע אויסגעטהון דאָס קינד אינגאַנצען נאַקעט און בּאַרוועס און איך האָב איהם אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש, וואָס איז געווען בעדעקט מיט אַ זילבער-ווייסען טישטוך. דער ברוסאָוואַקער יוד, זעליג, האָט גענומען אַ גאָלמעסער און האָט דאָס קינד מל געווען; נאָכדעם האָט שפרה, סלאָוויקס שכנה, גענומען אַ קליין שערעלע און אָפּגעשניטען איהם די נעגעל פון די פיס און די הענד, כמעט ביז'ן פלייש און איך האָב איהם צוגעהאַלטען...

דאָ איז ביי מאַריען דאָס פנים ווי בעגייסטערט געוואָרען; איהרע רויטע פערשוואָלענע אויגען זענען געוואָרען פערטרויט, זי האָט זיך אָנגעהויבען לאַנגזאַם צו שאָקלען און זינגען מיט אַ שטילען, לאַנגזאַמען בעטלערישען נגון.

— אין סלאָוויקס דינסט, פּראַסקאָוויע, האָט געבראַכט אַ גרויסען קרוג מיט וואַסער און אַ קיפּערנעם טאַז, און איך האָב גענומען דאָס קינד אונטער די אָרעמס, האָב איהם געהאַלטען איבער'ן טאַז, און אַוודאָטיע האָט איהם איינינע מאָל אָבגעוואַשען און אָבגעווישט מיט אַ ווייס האַנדטיכעל, און אַז אַלץ איז געוואָרען פאַרטיג, האָב איך איהם צוגעטראָגען צו אַ פעסעל, וואָס איז געשטאַנען אין רעכטען מיטען צימער, פון וועלכען בירקעס פריקאַשטשיק, יאָסעל בירלעס, האָט אַרויסגענומען אַ האַלבען דעק, און געהייסען מיר אַריינלעגען אַהין דאָס קינד מיט'ן קאָפּ אַראָב. אַז דאָס איז אַלץ געמאַכט געוואָרען, האָט יאָסעל צוריק אַריינגעזעצט די האַלבע דעק, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים אַנדערען דעק פעסעל, געגען מיר, און מיר ביידע האָבען געדרעהט דאָס פעסעל פון איין זייט אין דער אַנדערער. נאָך אונז האָט

בען געדרעהט דאס פעקעל פאר-וויַז אודאטיע און פאשא און נאך זיי אלע מאנסבילען און אלע וויַבער, וואס זענען געווען אין צימער, אין א משך פון צוויי שעה. יאסעל האט געהייבען אויפהערען צו דרעהען דאס פעקעל און האט אפגעשליידערט דעם האלבען דעק; איך האב ארויסגענומען דאס קינד, וואס איז געווען איינגעוויקעלט אין א פארשוויצטען רויט, ווי א נאַרמאַגרעבענער, און אודאטיע האט מיר געהאלפען איינדרעהען איהם אין א שטיק וויַסען ליַוואנד, וואס יאסעל האט אונז דערלאנגט, און אַוועקלעגען אויפ'ן זעלבען טיש, וואו מ'האט איהם געמ'לט. אזוי ווי איך מיט אודאטיען זענען ביידע געווען פערמאטערט, האט אונז הנה אונטערגעטראגען ביידען צו גלעזער זיסען בראנפען. מירקע און הנה האבען געהייסען, אז מיר ביידע זאלען זיך איבערטהון אין יודישע קליידער און איינער פון די יודען, וואס זענען הערביי געשטאַנען, האט אנגעזאגט, אז עס איז שוין צייט צו טראגען דאס קינד אין דער „זשידאווסקער שקאלע“...

דאס צוואנציגסטע קאפיטעל.

— וואו?! — האט זיך א חאפ געטהון סטראַחאַו.

— אין שוהל; אין דער הויכער זשידאווסקע שוהל, וואס אויפ'ן שוהל-גאס...

דאס איז אויך געוועזען א נייעס. ביז אהער האט זי דאס ניט דערצעהלט. סטראַחאַו האט נאך אמאל א קלער געטהון, וואס פאר א גרויסע ווירקונג אויף איהר האט געהאט איהר גייסטליכער טאַראַשקעוויטש. נאך א פאר טריט — און זי וועט זיי אלעמען ארויספיהרען אויף זאַ ריכטיגען וועג.

— פארוואס האט איהר וועגען דעם געשוויגען ביז אהער? — האט בענקענדארף א פרעג געטהון.

סטראַחאַו האט זיך אונרוהיג א דרעה געטהון אויף זיין שטוהל, נאר מאַריא האט זיך ניט פערלאָרען.

— איך האב פערגעסען, ס'איז מיר גאר פון זינען ארויס.

— נו, און איצט האט איהר זיך דערמאַהנט?

— יאָ, אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקאָנט איינשלאָפֿן, און מיר האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דאָס גאַנצע בילד, ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען, וואו דאָס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען און וואו אויסגעלאָזט — אַלץ ביז'ן לעצטן פּינטעלע.

— דערצעהל־זשע, ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען, — האָט אַ זאָג געטהון בטראַהאָוו און אַ ווינק געגעבן צו קולאַק'ן, ער זאָל זיין גרייט אַלץ צו פֿערשרייבן.

— יאָסעל האָט געזאָגט, אַז ס'איז שוין צייט צו טראָגן דאָס קינד אין שוהל אַריין, און כדי ער זאָל אין וועג ניט שרייען, האָב איך איהם פֿערבונדען מיט אַ טיכעל דאָס מויל, אַראָבגענומען איהם פֿון טיש און אַוועקגעטראָגן אין דער זשודאָווסקער שוהל, און אַלע יודען און ווייבער, וואָס זענען געווען ביי סלאַווען אין צימער, זענען נאָך מיר אַוועקגעגאַנגען אין שוהל אַריין. אַוודאָטיע האָט געטראָגן מיט זיך דעם קינד'ס קליידער און שיך, און סלאַוועס דינסט, פֿאַשאַ, האָט גענומען מיט זיך אַ ליידיגע פֿלאַש, וואָס יאָסעל האָט איהר דערלאַנגט; צוויי אַזעלכע האָט געטראָגן יאָסעל אַליין...

די רייד מאַריאַ'ס זענען געווען גאָר ניי און קולאַק האָט קוים צייט געהאַט צו פֿערשרייבן אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט. בטראַהאָוו האָט אויסגעזעהן, ווי אַ זיעגער.

— אין שוהל זענען אַחוץ די, וואָס זענען געקומען צוזאַמען מיט איהר, שוין געווען עטליכע יודען, מאַנסבילען און ווייבער. זיי זענען געשטאַנען און געוואַרט ביים הויכען טיש, וואָס שטעהט אין מיטען שוהל. אויף דעם טיש האָב איך, לויט יאָסעל'ס בעפֿעהל, אַוועקגעלעגט דאָס קינד, אויסגעוויקעלט איהם פֿונ'ם ליינוואַנד און אַראָבגענומען ביי איהם פֿון מויל דאָס טיכעל. אַ נאַקעטען האָב איך איהם אַוועקגעלעגט אין אַ ניי צעבער'ל; אָרליק פֿאָרליעקאַר האָט מיר דערלאַנגט פֿון טיש צוויי לאַנגע רימענס און האָט מיר געוויזען, ווי אַזוי איך זאָל מיט זיי איבערבינדען דאָס קינד ביידע פֿיס אונטער די קני, און צוציהען צו זיי די פֿינגער. און אַזוי ווי דאָס קינדעל, וואָס איך האָב געמאַכט,

איז געווען צו־שוואַך, האָט זעליג איהם איבערגעבונדען אין שטייפער געמאַכט. אַ געבונדענעם האָב איך איהם, לויט דעם בע־פעהל פון די יודען, די ערשטע געגעבען צוויי לייכטע קלעפּ איבער די באַקען, און נאָך מיר האָבען דאָסועלבע געטהון מיט איהם אַוודאָטיע און אַלע, וואָס זענען געווען אין שוהל.

מערענטיעווא האָט זיך אָבגעשטעלט און געבעטען, מ׳זאָל איהר געבען אַ טרונק וואַסער. דער קאָנוואָנע, יאַקימאָוו, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טהיר, האָט גענומען פון פענסטער דעם גראַפין מיט וואַסער, צוגעגאָסען איינס פון די דריי גלעזער, וואָס זענען געשטאַנען אַרום, און אונטערגעטראָגען מאַריאַן. די האָט דורשטיג אויסגעטרונקען דאָס וואַסער, אָבגעווישט די ליפּען מיט׳ן ברעג שירץ און ווייטער גערעדט.

— נאָכ׳ן שענדען דאָס קינד, האָט זעליג מיר דערלאַנגט אַ הייסען שטעך־אייזען, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרויסער נאָגעל אָדער אַ דינע נאָדעל מיט אַ ברייט קעפּיל און ער מיט אָרליקן האָבען מיר געהייסען אַ שטאָך טהון דאָס קינד אין דער לינקער זייט נעבען אָרעם און אין לינקען שלייף. איך האָב ׳ דאָס געטהון און אָוועקגעגעבען דעם אייזען אַוודאָטיען; זי האָט אויך אַ שטאָך געטהון אין פּלייצע און נאָכמאָהל צווישען די ריפּען און איבערגעגעבען פּראַסקאָוויען; די האָט אויך געשטאָכען און אָוועקגעגעבען יאָסעלען, און אַזוי ווייטער. אָרליק חאַזירין האָט דערווייל געקעהרט דאָס קינד איבער׳ן צעבערל פון איין זייט אין דער צווייטער, מיט׳ן קאָפּ אַרויף, און אַלע יודען זענען צוגעגאַנגען און איינציגווייז געשטאָכען דאָס קינד אין נאַק און אין קאָפּ, ביז ער איז געשטאָרבען.

און בשעת מ׳האָט איהם געשטאָכען, האָט דאָס קינד פריהער געשריען און דערנאָך שטיל געבליבען און מעהר נישט געקוקט אויף די יודען און אַמאָל נור אַ שווערען זיפץ געטהון. דאָס בלוט זיינס האָט דערווייל גערונען אין צעבערל. איך האָב איהם אַרויסגענומען פון בלוט, אָנגעבונדען די פיס און געהאַלטען אַ קליינע צייט איבער אַ ניי צעבערל, וואָס מ׳האָט אַוועקגעשטעלט

אויפ'ן טיש. פּאַשאַ האָט אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש אַ פלאַש מיט וואַסער, פון וועלכען יאָסעלע האָט געגאָסען איבער'ן קינד'ס גוף און צוואָדאַטיע האָט איהם געוואַשען, ביז דער גוף זיינער איז אינגאַנצען געוואָרען ווייס און ריין און אויף איהם זענען געבליבען קליינע קיילעכדיגע וואונדען, ווי אַרבעס די גרויס, מיט פערקיהלט בלוט אין זיי. נאָכדעם האָט צוואָדאַטיע איהם צוריק אָנגעטהון זיינע קליידער און אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש. דאָס טויטע קינד האָבען אונז סלאָווע בערלין, חנה צייטלין און די איבעריגע יודען געבעטען אַוועקטראָגען און אַריינוואַרפען מיט אַ שטיין אויפ'ן האַלז וואוהין-ניט-איז אין וואַסער אַריין. מיר האָבען דערויף ניט מסכים געווען, נאָר מירקע האָט מיר געגעבען צוויי רובל און צוואָדאַטיען—צעהן; חנה האָט אונז ביידען געגעבען פופציג רובל אַסיגנאַציעס. דאַן האָבען מיר געטהון, ווי זיי האָבען געהייסען...

— וואָס האָט איהר געטהון מיט'ן טויטען קינד? — האָט אַ פרעגע געטהון בענקענדאָרף.

— אָנגעבונדען אויפ'ן האַלז אַ שטיין און אַריינגעוואָרפען אין דווינאַ, — האָט טערענטיעווא שטייף אַרויסגערעדט.

בענקענדאָרף האָט אָנגעהויבען עפּיס צו פערשרייבען ביי זיך אין טאַשען-בוך. סטראַכאָוו האָט זיך אונרוהיג אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען.

דאָס וואָס מ'האָט געפונען דאָס קינד אין וואַלד, אויפ'ן קריזש, איז געווען אַלעמען בעוואוסט און פערשריבען אין ערשטען פּאָליציייאישען פּראָטאָקאָל.

ער האָט שטרענג אַ קוק געטהון אויף מאַריאַ'ן און גע-געבען אַ געשריי:

— טערענטיעווא! דערמאָהן זיך גוט, וואו האָסטו אַהינגעטהון דאָס טויטע קינד? דו טאָרסט ניט לייקענען, דאַרפסט זאָגען דעם אמת.

מאַריאַ האָט אָנגעהויבען אונרוהיג אין דערשראָקען אַרומ-קוקען זיך און ניט פערשטאַנען, וואָס ער איז פון איהר אויסען.

— צוואָדאַטיע האָט אָנגעבונדען דעם שטיין און איך האָב

איהם האַסטיג, מיט'ן גאַנצען כח אַ שלײַדער געטהון פון ברעג, און ער איז גלייך אַוועק צו גרונד.

סטראַחאָוו האָט צאָרנדיג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און האָט אָנגעהויבען בלעטערן די פּאַפּירען, וואָס זענען געלעגען פאַר איהם אויפ'ן טיש. טיעף אין האַרצען האָט ער געפיהלט, אַז אויב ניט אַליין, אָבער אַ גרויסע שטיק אַרבייט, וואָס איז געווען אַרייַנגעלעגט אין דער אויספאָרשונג, איז פערלאָרען און אַז דער יונגער „מאַסאָן" (אפשר נאָך „אַ דעקאַבריסט"?) בענ־קענדאָרף וועט דאָס אויסנוצען און זיין גאַנצע מיה וועט פער־לאָרען געהן.

בייַ איהם איז געבליבען אָנגעהויבען דאָס לעצטע מיטעל.

— ײַ... !— האָט ער אַ... געשריי געטהון צו דעם קאָנ־וואָינע, וואָס איז געשטאַנען בייַ דער טהיר — ברינג אַהער די אַרעסטירטע נומער צוויי, וואָס מ'האָט געבראַכט הייַנט פאַר־טאָג.

— איך הער! — האָט זיך אָפּגערופען יאַקימאָוו און האָט זיך אַ קעהר געטהון לינקס אַרום.

מאַריאַ האָט אָנגעהויבען אונרוהיג אין דערשראָקען אַרומ־קוקען זיך אַרום. זי האָט קיינעם ניט ערוואַרט און עס האָט זי זעהר פערוואונדערט.

פון נאָהנטען צימער האָט זיך דערהערט אַ הוסט און שווערע אָפּגעמאַטערטע טריט. אויפ'ן שוועל האָט זיך באַוויזען אַוודאָטיע, מיט לאַנגע גרויע צושויבערטע האָהר, אַנ'אַרומגעריסענע, אַ פערוויינטע.

מאַריאַ האָט אויף איהר אַ קוק געטהון, אויפגעשפּרונגען און דערשראָקען אַ וואָרף געטהון זיך אַהינטער.

אַוודאָטיע האָט זי ניט דערקענט.

איין מינוט האָט מאַריאַ געצווייפעלט, ניט פאַרלאָזענדיג די אויגען פון סטראַחאָוו'ן, און האָט גאַנץ קאַלטבלוטיג צוגעגעבען:

— יאָ, אָט זי, אַוודאָטיע מאַקסימאָוונאַ — האָט זי אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף דער אַרייַנגעקומענער — האָט צוגעבונדען דעם קינד צום האַלז דעם שטיין און איך האָב איהם אַ שלײַדער געטהון ווייט פון ברעג אין וואַסער אַרייַן.

וואַדאַטיע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט אַ קוק געטהון אויף מאַריאַ'ן און פּלוצלונג אַ געשריי געטהון:

— ווער? איך?!... אַ, די סטערוואַ!

זי האָט זיך אַ וואַרף געטהון צו טערענטיעוואַ, אַראָבגע-ריסען פון איהר די טיך און מיט ביידע הענד געקראַצען אין איהרע האָר.

אין אַ סעקונדע אַרום זענען זיי ביידע געלעגען אויף דער ערד, מיט געשרייען, מיט קללות, מיט געפּולדער.

סטראַחאָוו און בענקענדאָרף זענען ביידע אַרויסגעלאָפען פון טיש און אָנגעהויבען זיי פונאַנדערצונעהמען. סאָקאָלינסקי האָט זיך צוגאָסען מיט אַ שטילען געלעכטער, פון וועלכען סיהאָבען זיך געטרייסעלט זיין גרויסער דיקער קערפּער און די ווייסע הענד אויפ'ן גראָבען קיילעכדיגען בויך.

דאס איין און צוואנציגסטע קאפּיטעל.

די שטאָדט האָט זיך דערווייל געלעבט איהר לעבען — אויפ-געמונטערט, צוטראָגען, פערדאַרעוועט; געהאַנדעלט, געזוכט פער-פיהרט נייע געשעפטען, ליקווידירט אַלטע, געזוכט פּרנסה און געגעבען פּרנסה, צוזאַמענגעפלאָכטען די יודישע בעפעלקערונג מיט דער קריסט-ליכער, אָנגעהאַנגען איינע אָן די צווייטע, געבראַכט אַלעמען צו איין סך-הכל.

קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס פּאַסירט, וואָבער אַ קניפּעל עס ווערט פערקניפּט דאָרט, פון יענער זייט הויכען שוואַרצען פּאַרקאַן, הינטער די פעסט-פערשלאָסענע טהיר און טויער, אין די הויכע שטילע הייזער, מיט בלעכענע פערשנייטע דעכער און האַלב-צוגעמאַכטע גרינע לאָדען. און יעדער האָט זיך געלעבט אויף זיין שטייגער, יעדער האָט זיך געטהון זיינס.

אַ וואָך פּאַר פּורים האָט לייזער לאָבאָקער אָנגעהויבען צו צוגרייטען זיין קליין הייזעל ביים רעכטען ברעג טייכעל, ניט וויַט פון וועלישער בריק, צו עפענען אין איהם אַ „פּאָדריאַד“.

זינט מ'האָט איהם אַרויסגעיאָגט פון דאָרף, האָט ער, אַני-

אָנגעזעהענער בעל־הבית, אָנגעהויבּען צוּ לעבּען אין גרויסע דחקות. צוּ וואָס ער האָט זיך גענוּמען, איז איהם ניט געגאַנגען. אַ פּעקיל הויר־האָהר פלעגט ער קויפען פאַר צוויי גילדען בּיי אַ בּעקאַנטען פּויער, וואָס וואָלט איהם ניט וועלען נאַרען, און כּדי עס צוּ קריגען בּיליגער, פלעגט ער פאַר־טאָג אַוועקגעהן איהם אַנטקעגען, ווייט הינטערן שטאָדט אויף סמאָלענסקער וועג, הינטער די „ציגעלניעס", כּדי איבּערצוּהאַפּען איהם, איידער ער וועט קומען אין שטאָדט אַריין. נאָר בּיז וואַנען לייזער פלעגט קומען מיט דער געהאַנדעלטער סחורה אויפ'ן מאַרק, איז דער מקח געפאַלען אין צווייען און ער פלעגט בּלייבּען הינטערשטעליג. אַ קעלבּערן פעלכיל, אַ פּאָר גענז, אַ מעסעל פּוטער, אַ מאָס קאַרטאָפעל — אַלץ, וואָס ער פלעגט קויפען בּיים גוי, אָדער איהם פערקויפען, פלעגט ער בּדיל הדל ווערען. דאָס בּעסטע געשעפט פאַר זיך אַליין פלעגט ער מאַכען, בּשעת ער פלעגט זיך אַוועקזעצען אויפ'ן מאַרק אויפ'ן קרום־שטעקעלע, דערצעהלען עפּעס וועגען „פראַנצויז" און וועגען דעם פריץ זיינעם, קאַרל רעאוט, וואָס איז אַוועק מיט האָוואַנסקי'ן אויף מעסערס, דערפאַר וואָס יענער האָט איהם אַרויסגעזעצט פון דאָרף און דערמיט רואינירט זיין פּאַקט. דערצעהלען און קוקען, ווי לייט האַנדלען מיט די־זעלבּע הויר־האָהר און דיזעלבּע פעלכליך, האַנדלען און פערדינען.

און לעבּען פלעגט ער דערמיט, וואָס גאָר צופעליג איז ער געוואָרען דער גרעסטער מצה־בּעקער אין שטאָדט, און די גאַנצע פּני פון שטאָדט, די ראשי הקהל און די גרעסטע גבירים פלעגען לאָזען בּאַקען זייערע מצה ניט אַנדערש, ווי אין לייזער לאַבּאָקער'ס פּאָדריאַד.

פּונקט אַ וואָך פאַר פּורים האָט זיך לייזער גענומען צוּ דער אַרבּייט. אַרויסגעטראָגען פון שטוּב דאָס גאַנצע בּיסעל מעבּעל, די שירייס פון אַמאָליגער בּעל־הבּיתישקייט, אויסגעקעהרט דאָס הויז, אַרומגעדרעהט זיך מיט אַ זאַק און אַליין אויסגעקאַלכט דעם סופיט, די וועגד און דעם גרויסען רוסישען אייזען אין פאָרהויז. נאָכדעם האָט ער אויסגעהוּבּעלט די גאַנצע פּאָדלאָגע, די

פענסטער און די טהירען, אריינגעטראגען פון „שטאהל״ הילצערנע „קאלעס״, וואס זענען נאך געבליבען פון פאר־א־יאהרען, און אוועקגעלעגט אויף די נייע, ריין־אויסגעהובעלטע ברעטער.

מלכה, זיין ווייב, האט דערווייל געטהון איהרס: געוואשען, געפלעט און ווידער געוואשען די גרויסע, דיקע ליינענע טישטיכער, וואס זי האט נאך געבראכט פון דארף, און געשייערט דעם קופערנעם בעקען און דאס צוויי־האנטיגע קענדיל אזוי לאנג, ביז זיי האבען אנגעהויבען צו בלאנקען ווי גאלד. און אז דאס אלץ איז געווען פארטיג, האט זיך לייזער גענומען צו דער הויפט־ארבייט: אוועק־געשטעלט אויף א שליטעל א הויכען, א שפאגעל־נייעם אכט־עמער־דיגען צעבער, נאך ניט קיין גענוצטען, איבערגעדעקט איהם מיט א דיקען ווייסען ליילעך און אראפגעלאזט זיך פון בארג צו דער דווינא נאך וואסער. דאס וואסער פלעגט גענומען ווערען פון א ספעציעל אויסגעהאקטער „פאלאנקע״, העכער פון שטאדט, בין השמשות. צוריק פלעגט ער אבער געהן מיט דעם פולען איבער־געדעקטען צעבעריל איבער'ן שטאדט, בשעת בעלי־בתים פלעגען געהן פון מעריב, קינדער פלעגען לויפען פון חדר און בעלי־הבית'טעס איילען זיך פון מארק, און דער ערשטער דורכגאנג לייזער'ס מיט דעם מצה־וואסער איבערן שטאדט איז געווען דער ערשטער, דער אפיציעלער אנהויב פון דעם פאר־פסח. און קוקענדיג אויף זיין ערנסטער, איינגעהויקערטער פיגור, אנגעשפאנט אין שליטעל, מיט דעם הויכען נייעם צעבער, פון וועלכען ס'פלעגט זיך אמאל א פליהע טהון א טראפען קלאר וואסער, פלעגט דעם עולם ווערען עפיס ווי פרעהליכער אויפ'ן הארצען.

ווי אלע יאהר, אזוי אויך היי־יאהר, איז מירקע אראנסאהנ'ס מצה געגאנגען דעם ערשטען טאג ראש־חודש ניסן.

פון אווענד האט מען געבראכט צופיהרען פון שמריה בערלינ'ס הויף נייע, אויסגעהובעלטע ברעטער און נייע וואלגער־הילצער; יעדעס יאהר פלעגט מען עס ברייננגען ספעציעל צוליעב מירקע'ס מצה און דאס פלעגט שוין בלייבען ביי לייזער'ן ביז איבער־א־יאהר, ביז מען פלעגט ברייננגען אנשטאט זיי ווידער נייע. די וועלגערינס האבען

שוין פון אין-דער-פריה אָנגעטהון ווייסע, פריש-אויסגעוואַשענע שירצען און בונטצענע לייבלעך מיט אונטערגעהאַקטע אַרבעל.

דאָס איז געווען אַ שטיקעל יום-טוב אי פאַר לייזער'ן אַליין, אי פאַר די וועלגערינס, אי פאַר'ן זעצער, אי פאַר'ן רעדלער. אַלע פלעגען בעקומען אַ שענע מטבע און אַלע פלעגען אַוועקלעגען זייער לעצטען כח, אַבי נור מירקע'ס מצה זאָל זיך בעזונדערס איינגעבען.

ס'איז געווען אַ וואַרימער ווינטער-טאָג. פון די דעכער האָט געריננען, ביי די ברעגען פון גאַס זענען געלאָפען קליינינקע וואַ-סערלעך, ס'האָט געשמעקט מיט פריהלינג און אַ בער'ן הויכען שפיץ פון הייליגען איליאַ האָבען זיך אונרוהיג געדרעהט גרויע און שוואַרצע ראָבען.

ביי לייזער'ן אין הייזעל איז נאָך ניט געווען אַזוי היים און אַזוי אָנגערויכערט. אַ פייער'ל האָט פרעהליך געשפיעלט אויף דעם ריין-אויסגעקעהרטען גאַניק, האָט זיך אָבגעשפיעלט און בעפאַרבט די שויבען פון דעם קליינעם פענסטער'ל און געשפיעלט אויפ'ן רויט-פערבאַקענעם געזיכט פון דעם זעצער, אַ יונגען בחור'ל אָהן אַ קאַמזוילקע, מיט פרעהליכע לאַכעדיגע אויגען.

— פעטושאָק! — האָט ער אַ געשריי געטהון צו יענקעל דעם אונטער-שמש, וואָס איז געווען דער אויפזעהער אין לייזער'ס פּאָדריאַד — געניג דיר צו שאַבען! הו זעהסט ניט, אַז די ברעטער זענען נייע און נאָך ניט קיין גענוצטע? שאַב בעסער אַרום מיט'ן גלעזיל שרה-צימקען: זי האָט זיך געקושט מיט לייבעלן קאַנדיטער! זי איז אַ המצ'דיגע!...

אַ בריט, הויך געלעכטער האָט אָנגעפילט דאָס הייזעל און דורך דער אָפענער טהיר אַרויסגעריסען זיך ווייט אויפ'ן גאַס.

שרה-צימקע איז געווען די שענסטע פון אַלע וועלגערינס און דער זעצער פלעגט זי ניט צו-לאָזען צום בלעך אָהן אַ קניפ טהון איהר אונטער דעם הויך-פערקאַשערטען אַרבעל.

— אוי, זאָלסטו שוין המצ'דיג ווערען, רבונו של עולם! בל-בוניק, הוי!

— טפוי! — האָט אויסגעשפיגען יענקעל, קוקענדיג אויף

ביידען, און האָט זיך גענומען נאָך שטאַרקער שייערן מיט דעם שטיקעל גלאָז, וואָס איז געווען ביי איהם אין האַנד, אַ גראָבען וואַלגער־האָלץ, מיט וועלכען דאָס יונגעל, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון איהם, האָט זיך געגרייט האַלטען די „מירע“.

דרויסען האָט זיך דערהערט אַ גערויש און אַ פּאָר פערד, געשפּאַנט צו אַ ברייטען שליטען, האָבען זיך אָפּגעשטעלט געגען פענסטער.

לייזער מיט מלכה'ן האָבען זיך אַ וואָרף געטהון צו דער טהיר. פון אונטען דער דיקער רויכיגער איבער־דעקען האָט אָנגעהויבען שווער אַרויסצוקריכען מירקע, האַלטענדיג יאָמעלען פאַר'ן האַנד.

מלכה האָט זי גענומען אונטער'ן האַנד און די 70־יעהריגע אַלטע אין איהר לאַנגען כאַלאַט מיט צוויי קראַגענס, און וואַרימען כאַמעטענעם קאַפּאָר, בעפּוצט מיט שוואַרצען פוי, אונטערגעבונדען מיט לאַנגע אַטלעסענע שטענגעס, איז אַריינגעשוואומען אין וואַרים אָנגעהייצטען הייזעל, אַ דיקע, אַ קיילעכדיגע און אַ צו־גרויסע פאַר דאָס קליינע הייזעל.

— גוט־מאָרגען! בקאָבעל קומט! — האָט אַ געשריי געטהון דער זעצער און האָט זיך אויסגעצויגען אין ווינקעלע מיט זיין לאַנגען ווייסען שטעקען אַזוי ווי מיט אַ פּיקע, — מיידלעך, צו די כלי־זיין!

— גוט־מאָרגען, גוט־יאָהר, קינדערלעך! — האָט זיך מירקע מיט אַ שמייכעל אַ נייג געטהון, איינבויגענדיג זיך אין דער האַלב־פינסטערניש, און איהרע אַטלעסענע בענדער האָבען זיך אויך אַ טרייסעל געטהון אונטער איהר דיקען ווייכען האַלז — איך האָב אייך פערהאַלטען?

— ניין, באָבינקע, ס'איז נאָך גענוג צייט.

זי האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם כאַלאַט און לייזער האָט איהם אויפגעהאַנגען נעבען טהיר, אויסגעטהון דעם קאַפּאָר און איז געבליבען אין אַ ברייטען לוסטרינענעם קלייד, אַרומגע־

זיצט מיט שוואַרצען כאַמעט און אין אַ זיידענעם היטעל מיט שפּיצען.

— װאָס שוין נעהם איך חלה.

זי האָט פערשאַרצט איהרע ברייטע אַרבעל און אונטערגע־שטעלט ביידע הענד אונטער'ן נייעם בלעכענעם קאָן, פון וועלכען לייזער האָט זיי איינינע מאָל בענאָסען מיט וואַסער.

די קנעטער'ן רייזע האָט איהר אונטערגעטראָגען די מירקע. מירקע האָט גענומען חלה, אַ ברכה געמאַכט און אַ וואָרף געטהון דאָס טייגעל אויף די הייסע ברענענדע קויהלען און געבליבען שטעהן, זאָגענדיג עפּיס שטיל און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

אַ ליכטער רויך האָט זיך אויפגעהויבען פונ'ם טייגעל און האָט זיך צאַפּלענדיג אַ ציה געטהון אין דער הויך.

מירקע האָט זיך געשאָקעלט פאַר'ן אייווען און דער אָבשיין פון דעם פייער האָט געשפּיעלט אויף איהר פּנים, ווייס גע־זיכט און קיילעכדיגען אַראָבגעהאַנגענעם קין־באַק.

— ני, קינדערלעך, אין אַ גוטער שעה! — האָט זי זיך אָבגע־קעהרט פון אייווען — גאָט זאָל געבען אַ כשר'ן פּסח!...

זי האָט זיך שווער אַראָבגעלאָזט אויפ'ן טאַבורעט ביי דער טהיר און אין דערזעלבער מינוט האָט די מאַשין אָנגעהויבען צו אַרבייטען.

פון אַלע זייטען האָבען זיך די וועלגערקעס אָנגעהויבען ציהען צו דער „מירקע", שניידען טייגלעך, שנעל אָבטראָגען צו זיך אויף די ערשטער און 14 יונגע פריילעכע קעפּ האָבען זיך אָנ־געהויבען שנעל־שנעל, צו וויעגען איבער די לאַנגע ווייסע ברעטער און ראָנע, גיכע, דינע עלענבויגענס האָבען אָנגעהויבען צו בלאַנ־קען אין אַלע זייטען.

אויפ'ן גרויסען שוואַרצען בלעך, וואָס איז געלעגען אין ווינ־קעל אויף אַנאַיבערגעקעהרטער פאַס, האָט זיך באַוויזען די ערשטע מצה, אַ קליינע, אַ ווייסע, אַ פּעריתומטע.

דער רעדלער האָט זיך האַסטיג, ווי ער וואָלט זי קוים

דערוואַרט, אַ וואָרף געטהון אויף איהר און זי צורעדעלט אַהין און צוריק, ביז אויף איהר איז ניט געבליבען קיין גאַנצער אָרט.

און באַלד האָט ער זי אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן זעצער'ס לאַנגען ווייסען שטעקען, און באַלד האָט זי דער זעצער אַריינגעוואָרפען אין גלוט און אויסגעצויגען אויפ'ן אָנגעברענטען פאַל, און אין אַ מינוט אַרום אַרויסגעהאַפּט פון אייווען, בעטראַכט זי דורך און דורך ביים שיין פון פענסטער און קינציג אַ וואָרף געטהון זי הינטער זיך. די פרישע ווייסע מצה האָט זיך איינינע מאָל איבערגעדרעהט אין דער לופטען און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איהר אָרט, אויף דער ברייטער הילצערנער באַנק ביים פענסטער, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסען ליילעך.

און די וועלגערקעס האָבען געוועלגערט און דער מירע־האַלטער האָט געקלאַפּט מיט זיין וואַלגער־האָלץ איבער דעם גרויסען לאַנגע טייגעל, כדי עס זאָל ניט פערלעגען ווערען, און יענקעל משגיח האָט געשייערט מיט גלאָז די ברעטער, און דער רעדלער האָט גערעדעלט, און דער זעצער האָט זיך געוואָרפען צווישען אייווען און צווישען בלעך, און דער הויפען ווייסע, דינע דורכזיכטיגע, ווי פּאָסט־פּאַפּיר, קליינע קיילעכדיגע מצות אויף דער ברייטער הילצערנער באַנק איז אַלץ געוואַקסען, געוואַקסען, געוואַקסען...

יאָסעלע איז צוגעגאַנגען צום רעדלער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבען איהם ביי דער וואַנד, פערוואַרפענדיג די הענד אַהינטער. פון די אַלע, וואָס האָבען דאָ געאַרבייט, האָט ער נאָך קיינעם אַזוי ניט מקנא געווען, ווי אָט דעם דאָזיגען רעדלער.

דאַכט זיך, אַ יונגעל, ווי אַ יונגעל, מוז זיין אַ גרויסער באַר־יונג. נאָר אין האַנט איז עפּיס ביי איהם געווען אַ בעזונדערער כח און ווען ער פלעגט פיהרען די האַנד מיט דעם רעדעל אַהין און צוריק איבער דער מצה, אומישנע פערפאָהרענדיג ווייט איבער'ן בלעך און אויף דער קליינער מצה פלעגען ווערען קליינע, געדיכטע קינסטליך־אויסגעפלאָכטענע ראַנדען, איז ער, דאַכט זיך, געווען דער הערשער פון דער גאַנצער וועלט, און קיינער איז צו איהם גלייך ניט געווען.

— רעדלער — האָט מיט גרויס רעספּעקט אַ שטאָמעל געטהון יאָסעלע — גיב אַ רעדעל טהון.

— וואָס?

— אַ רעדעל טהון גיב.

— דו קאָנסט ניט.

— אָבער אַ פּרוב טהון?

— דו וועסט פּטר'ן אַ מצה.

— גיב, איך וועל דיר באַלד אוועקגעבען. . .

דער רעדלער האָט זיך געלאָזט איינבעטען און יאָסעלע האָט זיך מיט אַ שמחה אַ האַפּ געטהון צום רעדעל.

ער האָט אַ פּאָרזיכטיגען קוק געטהון אַהינטער צו זעהט איהם ניט די באָבע און האָט אָנגעהויבען פיהרען אַהין און צוריק איבער דער מצה.

דאָס רעדעל האָט זיך עפּיס פערקרימט, אוועק אָן אַ זייט און געמאַכט אין דער מצה אַ גרויסען ריס.

דער רעדלער האָט ארויסגעחאַפּט ביי איהם פון האַנד דאָס רעדעל, האָט פערדרעלט דעם הלל, וואָס יאָסעלען האָט געמאַכט אין דער מצה, און האָט זיך אַזוי ווייט צודרעלט, אַז ער האָט אויסגעדרעהט אין רעכטען מיטען מצה אַ „מ״ מיט אַ „א״, וואָס האָט געזאָלט מאַכען: מירקע אַראָנסאָהן.

יאָסעלע האָט זיך אַ פערשעמטער אַבגעטראָגען פון בלעך און צוגעגאַנגען צו דער באָבען.

— זי איז געזעסען אויף איהר פריהעריג אָרט, ניט ווייט פון טהיר, אַ פערשוויצטע, אַ צעוואָרימטע, האָט געקוקט אויף דעם בערגעל מצה, וואָס איז אויסגעוואַקסען אויף דער באַנק, און אַ צופריעדענער שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף איהר ליעבליך פנים.

זי האָט זיך אָנגעהויבען גריבלען אין דער גרויסער לעדערנער קעשענע, וואָס איז געהאַנגען ביי איהר רעכטס אונטערן גאַרטעל, בשעת אויפ'ן הויף, ניט ווייט פון דער אָפענער טהיר, האָט זיך בעוויזען די בעטלערין אַננא יערעמיעוונאַ מיט אַ גרויסער טאָרבע אויף דער זייט.

— אױ, לײזערקע, — האט זיך מירקע דערשראָקען אַ הױב געטהון פון טאַבורעט — טראָג איהר אַרױס אַ מצה און טרײב איהר אָב: זי װעט, חלילה, אַרײנברײנגען חמץ.

לײזער האט אַ חאַפּ געטהון פון באַנק אַ פרישע, נאָך אַ װאַרימע מצה און אַראָבגעלאָפען פון שװעל.

— באָג דאַסט! באָג דאַסט! — האט ער איהר פון װײטען אַ געשרײ געטהון און האט איהר אױסגעשטרעקט די מצה — געה װײטער! אַהער טאָר מען ניט!...

יערעמײעװנאַ האט גערן צוגענומען די מצה, אָבגעבראָכען פון איהר עטליכע װײכע טרוקענע שטיקלעך, אַרײנגעלעגט אין מױל און אָבגעטראָטען, אַרײנקוקענדיג טיעף אין הױז אַרײן דורך די צוגעמאַכטע, פערשװיצטע פענסטער.

דאס צװײ און צװאנציגסטע קאַפּיטעל.

אװדאָטיאַ מאַקסימאָװנאַ איז אַ קורצע צײט געװעזען צופריעדען מיט מאַריען און בײז אױף איהר. אָבער באַלד נאָך זײער ערשטער בעגעגניש אין קאָמאָטיע זענען די געװאָרען צװישען זיך די בעסטע פרײנד.

בײדען האט די סטראַחאָװ בעזעצט אין אײן הײזעל אױפ'ן װײטעסטען, פערװאָרפענסטען װינקעל פון גרױסען הױף; בײדען פלעגט מען טראָגען פון סטראַחאָװ'ס קיך עסען, טהײ און אַמאָל אױך בראַנפען.

כדי צו פערטרײבען פון זיך דעם אומעט, פלעגט זי, כמעט איבער אַ טאָג, אין אַ בעשטימטער צײט בעזוכען דער שוסטער פיליפּ אַזאַדקעװיטש; װען ער איז געװעזען ניכטער, איז ער געװעזען זעהר אַנ'אינטערעסאַנטער ערצעהלער פון װעלטליכע און געטליכע זאַכען, נאָר אפילו װען ער איז געװעזען שכור, איז אױך געװעזען זעהר אַנגענעהם צו פערברײנגען מיט איהם.

און אײן מאָל אָדער צװײ מאָל אַ װאָך פלעגט זיך אין הױף שטיל און לאַנגזאַם עפענען אַ שמאָל טהירעל עפּעס אױף אַ הינ-

מערשטער גאַס און אַ סאָלדאַט פלעגט זיי ביידען אַרויספירען פון דאָרט; ביידע זענען געווען שוואַרץ און ריין געקליידט, מיט איבערגעדעקטע פנים׳ער, און דורך אַ זייטיגען שמאָלען דורכגאַנג זיי אַריבערפירען אין טאַראַשקעוויטש׳עס הויז; דאָרט פלעגט ער צוזאַמען מיט זיי זיצען אַ פּאָר שטונדען און מיט׳ן זעלבען וועג אָבפירען צוריק.

און אויף די ווייטערדיגע אויספאָרשונגען זענען זיי שוין ביידע געווען גאַנץ איינשטימיג, און דעם שטאַב-ראָטמיסטר בענקענדאָרפ׳ן וואָלט שוין גאָר ניט אויסגעקומען וואָס צו פערשרייבען ביי זיך אין טאַשען-בוך. נאָר באַלד נאָך אַוודאָטיעס פערהאַלטען האָט איהם האָוואַנסקי גאָר אינגאַנצען אָבגערופען צוריק קיין וויטעבסק, און סטראַחאָוו איז געבליבען אין קאָמיסיע אַליין מיט דעם זעמסקען איספּראַווניק דרוצקוי-סאָקאָלינסקי.

אָנהויב מערץ זענען זיי ביידע ווידער פאַרגעשטאַנען פאַר דער קאָמיסיע, און מאַריאַ האָט זיך קודם-כל „דערמאָהנט", אַז סלאַווע בערלין, חנה ציטלין און די איבעריגע יודען האָבען טאַקע געהיימען אַוועקטראָגען דאָס קינד און עס אַריינוואַרפען אין וואַסער מיט אַ שטיין אויפ׳ן האַלז. נאָר אַזוי ווי סהאָט שוין אָנגעהויבען צו טאָגען, האָט מאַריאַ מיט מאַקסימאָוואַ׳ן מורא געהאַט, טאָמער וועט זיי ווער-ניט-איז דערזעהן אויפ׳ן טייך מיט׳ן קינד, און זיי האָבען אָבגעטראָגען דאָס טויטע קינד לעבן אַ וויאָרסט פון שטאָדט און אַוועקגעלעגט אויפ׳ן „גוטאַראָוו קריזשי" אויף אַ בערגעל.

און מיט׳ן זעלבען ניגון, מיט וועלכען מאַריאַ האָט דערצעהלט די פריהערדיגע מעשה, האָט זי אָנגעהויבען איצט צו דערצעהלען פרישע נייעסען, וועלכע זי האָט פריהער געוועזען פערגעסען און אָקאָרשט ווידער זיך דערמאָהנט מיט אַלע בריקעלעך, און דאָס, וואָס זי פלעגט איצט פערגעסען, האָט איהר דאָ גופא דערמאָהנט איהר חברטע, אַוודאָטיאַ.

— אויף מאָרגען נאָכדעם, ווי מיר האָבען אָבגעטראָגען דאָס טויטע קינד — האָט געזונגען מאַריאַ און דער סעקרעטאַר קוליאַק האָט עס זעהר נייגיריג פערשריבען אין זיינע פּאַפּירען — האָט מיך

ארליק'ס ווײַב, פראדקע דעווירץ, אנגעשכורט מיט בראנפען, אנגעטהון אין יודישע קליידער און אבגעפיהרט אין דערזעלבער יודישער שוהל, וואו ס'האבען זיך שוין צונויפגעקליבען אלע דיזעלבע מאנסבילען און ווײַבער, וואס זענען דא געווען נעכטען. אין מיטען שוהל איז געשטאנען אויפ'ן טיש דאס צעבעריל מיט דעם קינד'ס בלוט, צווי לידיגע פלאשען און א טרײַבעל ווײַסע לײַוואנד. אהער איז אויך געקומען חנה צײַטלין מיט אודאטיען, און זי האט אויך געבראכט א לידיגע פלאש, א גלעזערנעם כוס מיט א הענדטיל און א בלעכענע לײַקע און האט דאס אלץ אוועקגעשטעלט אויף דעמזעלבען טיש. יאסעל האט מיר געגעבען א הילצערן ברעטעל און מיר געהייסען מישען מיט'ן העלציל דאס בלוט, כדי ס'זאל זיך ניט אבשטעהן. נאכדעם האט ער מיט'ן גלעזעל דורך דער לײַקע אנגעגאסען א קליין פעסעלע, ארומגעשמידט מיט אײַזערנע רייפלעך און אוועקגעגעבען ארליקען. נאכדעם האט יאסעל גוט אויסגעווייקט דאס שטיקעל לײַוואנד, אנ'ארשין צווי די לענג, וואס איז געלעגען אויפ'ן טיש, געהייסען מיר אויסוואשען מיט איהם דאס צעבעריל און אויסדרעהען, און אז איך האב דאס אלץ אבגעטהון, האט יאסעל דאס צושניטען אויף קליינע שטיקלעך און יעדע שטיק ערשט בעשמירט פון אויבען מיט בלוט. די שטיקלעך פערבלוטיגטע לײַוואנד האט ער צוטיילט צווישען אלע מאנסבילען און ווײַבער און אונז געגעבען צו שטיקלעך. מיר און אודאטיען. וואהין אודאטיע האט אהינגעטהון איהר שטיקעל לײַוואנד — ווייס איך ניט, נאר מײַנס האב איך בעהאלטען אין מײַנע זאכען און קאן דאס ברײַנגען דער קאמיסיע... נאכדעם זענען זיך אלע צוגאנגען און אודאטיא האט אוועקגעטראגען נאך חנה'ן איין פלאש, און פאשא נאך איהר בעל-הביתטע — צווי; איך האב אבגעטראגען צו ארליקען דאס פעסעלע און צוזאמען מיט איהם עס אוועקגעשטעלט אין גרויסען מייער אויפ'ן ראג אין א בעזונדער צימעריל...

מאריא האט גערעדט, קילאך האט געשריבען, אודאטיא האט אלץ געזוכט א צופאל ארײַנשטעלען איהרם א ווארט, און כטראַהאוו האט עס אלץ אויסגעהערט מיט אנ'ערנסטער מינע, און אויף

זיין הויל־שפּיציג קעפּעל פלעגט זיך אַמאָל בעווייזען אַ טראָפּען שווייס, וועלכען ער פלעגט באַלד אָראָבווישען, און דאָס הוילע קעפּעל פלעגט ווידער בלאַנקען געגען ליכט פון פענסטער.

— בעקומענדיג דאָס שטיקעל פערבלוטיגטע ליינוואַנד — האָט ווידער מאַריאַ אָנגעהויבען, בייטענדיג איהר שטים אויף אַ ווייניג־געהויבענער — האָב איך אַ פרעג געטהון ביי אָהליק'ס ווייב, ביי פראַדקען, וואָס דאַרף מען טהון מיט'ן טיכעל? און האָב דערהערט פון איהר און פון נאָך אַ יודענע, וואָס איז געוועזען דאָרט אין שוהל, אַז מיט דעם טיכעל רייבט מען אויס די ניי־געבוירענע קינדער די אויגען, ווייל יודען ווערען געבאָרען בלינדע, און אַ ביסעל קריסטליך בלוט גיסען זיי אַריין אין די מעהל, פון וועלכער זיי באַקען מצה. און איך געדענק טאַקע, אַז אין אַ יאָהר אַרום נאָך דער מעשה, פאַר'ן יודישען פסח, האָט מיך פראַדקע אַרויף געטהון צו געהן מיט איהר באַקען מצה אין אַ הויז און האָט מיר געגעבען טראָגען אַ פלאַש מיט אַ רויטער שיטערער זאַך, ענליך צו בלוט. פון דער פלאַש האָב איך אַריינגעגאָסען אַ ביסעל אין בעקען, פערמישט טייג און געוועלגערט צוזאַמען מיט פראַדקען און נאָך עטליכע יונגע ווייבלעך, קוילעכדיגע ליעפּעשקעס, געשטופּעלט די מיט אַ שפּיציגען אייזען און געזעצט אין אייווען...

מאַריאַ פלעגט דערצעהלען, און קולאַק פלעגט שרייבען, און מיט צישטערדיגע הענד, אַזוי ווי ער וואָלט געפונען אַן אוצר, פלעגט סטראַחאָוו דאָס אַלץ צוזאַמענקלויבען, לעגען אַ פּאַפּיר אונטער אַ פּאַפּיר, אַ בלאַט אונטער אַ בלאַט און מיט'ן שמחה זעהן, ווי דאָס אייגענס וואַקסט. און נאָך אָפטער ווי פריהער פלעגט זיך עפענען דאָס שמאָלע טהירעל פון דער הינטערשטער זייט הויף און נאָך אָפטער ווי פריהער האָט מען פון דאָרט אַרויסגעפיהרט די צוויי ווייבער, שוואַרץ געקליידט מיט אַריבערגעדעקטע פנים'ער און אין בעגלייטונג פון אַ זעלנער אַוועקשיקען צו דעם אוניאַטישען גייסט־ליכען טאַראַשקעוויטש'ן; און נאָך יעדען בעזוך פלעגען זיך נאָך מעהר פונאַנדערבינדען די צינגער ביי ביידע פרויען.

און אַז אַלץ איז שוין געוועזען פאַרטיג, האָבען זיך מאַריאַ

מיט אוודאי'ען דערמאהנט איינע די אנדערע, אז אין דער גרוי-סער יודישער שוהל האט אהיץ דעם שעכטען פון אונשולדיגען קינד געפאסורט עפים נאך וואס, אן וואס זיי ביידע האבען שוער-שוער ניט פערגעסען.

— די יודען האבען ניט געגלויבט, אז מיר, קריסטינס, וועלען קאנען בעהאלטען דעם סוד וועגען דעם קינד'ס בלוט, — האט זיך מאריא אין א פאר טעג ארום דערמאהנט — און זיי האבען אבגע-משפט, אז מיר מוזען אויך אריבער אין זשידאווסקען גלויבען. און דעמזעלבען מיטוואך פון דער הייליגער וואך האט מיך ארליק דעווירץ אריינגערופען צו זיך, אנגע'שכור'ט און אנגעהויבען אויפצעווייזען, אז יודישע ווייבער טהוען גארניט אין לעבען גוט, און געהען שען געקליידט, אז איך מוז אויך ווערען א יודיש קינד, און אויב איך וועל דאס ניט טהון, וועל איך, פאר'ן גנב'ענען דאס קינד, פערפאלען ווערען אין סביר. איך האב זיך געלאזט איינריידען, און ארליק האט מיך געבראכט אין שוהל, וואס איז שוין אויך געווען פול מיט יודען, און דער רב האט מיר אונטערגעטראגען א גלאז רויטען וויין, פון וועלכען איך בין באלד געוואָרען שכור, און באלד האבען דריי יודישע ווייבער מיך אויסגעטהון א נאקעטע, אראבגע-נומען די שיך און אוועקגעזעצט אויף דער ערד, ארומגעוואשען מיר דעם גאנצען גוף מיט וויין, צי מיט עפים אנ'אנדערע זאך, וואס פון דעם האט געשמערצט די הויט. מ'האט מיך ארומגעוואשען און מ'האט אויף מיר ארויפגעוואָרפען א מאנסביל'שען איבער-בגד און מ'האט מיך אוועקגעפיהרט טובל זיין זיך אין וואסער. דארט האבען מיך ווייבער אבגעגאסען מיט ווארים וואסער, וואס מ'האט געבראכט פון שוהל, און מ'האט מיך צוריק געבראכט אין שוהל אין דעמ-זעלבען שינעל, און דארט האט מיך דער רב ווידער אויסגעטהון, מודיע געווען, אז איך מוז דורכגעהן דעם זשידאווסקי פייער. און האט מיר געהייסען אוועקשטעלען אויף אנ'אנגעברענטע סקאָוואראדקע פרי-הער דעם לינקען, דערנאך דעם רעכטען פוס...

זי האט גערעדט... פון אלץ, וואס אין איהר פער'שכור'טען מח האט זיך אבגעשפיגעלט פון איהר יוגענד אן, פון אלץ, וואס

זי האָט, דערהערענדיג זיך אַרום יודען, געזעהן אַליין, אָדער געהערט פון אַנדערע, אַלץ האָט זי צוזאַמענגעמישט און פון אַלץ גע־פלאָכטען און אויסגעפלאָכטען אַ נעץ, און וועלכער ס'האָט גע־זאָלט אַריינפאַלען כטראַהאָוו, און וועלכער ס'זענען אַריינגעפאַלען אַ שוואַרם מיט יודען.

— צום אָרון האָט מען מיך צוגעפיהרט, אָבגעריקט דעם פּאָרהאַנג, אונטער וועלכען עס זענען באַהאַלטען די עשרת הדברות, און דער רב האָט מיר געהייסען פאַלען מיט'ן פנים אַראָב אויף די גראָבע פינגער פון די הענד און פון די פיס... און מ'האָט מיר געהייסען שפּייען אויף אונזער גאָט... און יענקעל פּעטושאָק האָט מיך אַ קוש געטהון און האָט מיר אַ נאָמען געגעבען שרה...

אַוודאָטיע האָט פאַר די ניינצעהן יאָהר, וואָס זי איז אָב־געוועזען אין צייטלינ'ס הויז, געזעהן מעהר ווי מאַריאַ, און צו איהרע מופתים איז זי געווען ביכולת צו צוגעבען אייגענע:

— מיך האָט געמאַכט פאַר אַ יודענע דער וועלכער „פּעטושאָק" צוזאַמען מיט זיין ווייב אסתר'ן... ער האָט מיך צוגע־פיהרט צום אָרון און אַרויפגעוואָרפען אויף מיר אַ ווייס טוך מיט שוואַרצע פּאַסען און פראַנזן ביי אַלע פיער עקען... געהיי־סען שפּייען אויף אונזערע היילינע און איך האָב געשפּיגען פּינקט ניין מאָל. דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט אין איין האַנד אַ לאַנג בעזימעל פון געלע טרוקענע בלעטער, מיט ווערבעס אַרום, און אין דער צווייטער — אַ האַרטע לימענע, וואָס ער האָט אַרויס־גענומען פון אַ שעכטעל, אויסגעלעגט מיט בוימוואָהל און האָט מיר געהייסען טרייסלען... און האָט מיר געהייסען צולייגען דעם גראָבען פינגער — איך געדענק ניט, צי פון דער לינקער, צי פון דער רעכטער האַנד, צו די צוויי מיטעלסטע און אַ קוש טהון... און אַ נאָמען האָט מען מיר געגעבען רישע, ווייל ביי אונז אין שטוב איז שוין געווען איינע אַ רישע... און מ'האָט געטרונקען וויין און געשריען מזל־טוב!...

ענדע מערץ האָט כטראַהאָוו געפונען פאַר נויטיג צו מאַכען אַ קליינע הפסקה.

ער האָט שוין געהאַט גענוג שטאָף, האָט עם אַלץ פונאַנדערגעלעגט, סיסטעמאַטיזירט, צוגעלעגט זײנע אײגענע פירושים, אונטערגעפֿיהרט דעם סך־הכל, אָבגעשיקט צו האָוואַנסקי׳ן און געוואַרט פון איהם אויף אַנ׳אַנטוואָרט.

דאָס דרײ און צוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

אַ פּאָר טעג נאָך פּורים האָט זיך ר׳ ישעיה אַראָנסאָן אָנגעהויבען קלויבען קײן ליבאַוויטש צום רבי׳ן.

אַלע יאָהר פֿלעגט ער פֿאָהרען קײן ליובאַוויטש עטוואָס שפּעטער, אַרום ראש חודש ניסן, און צוריק קומען אַהײם ערב פּסח. דאָסמאָל אָבער האָט מען געמוזט אַ ביסעל צואײלען, — װײל אַ וואָך פֿאַר פּסח האָט געדאַרפֿט זײן יעקב הירש׳ס חתונה מיט לאַנען, און ר׳ ישעיה האָט זיך אָנגעהויבען קלויבען אין וועג אַרײן מיט צוױי וואָכען פריהער.

געפֿאָהרען איז ער צוזאַמען מיט׳ן חתן — יעקב הירש האָט געוואָלט געהן צו דער חופּה ניט אַנדערש, ווי מיט׳ן רבי׳נס ברכה, די כלה, מיט וועלכער ער האָט געוואָלט אין צוױי וואָכען אַרום חתונה האָבען, האָט ער זעהר ווייניג געקענט און האָט זי כמעט ניט געזעהן. ער האָט נור געוואוסט, אַז זי איז אַ בת תלמיד חכם, אַנ׳אָרענטליך קינד און פון זעהר שענע עלטערן; גאָר אינערליך, בײ זיך אין האַרצען, האָט ער געפֿיהלט, אַז זײ בײדע זענען גאָר בעזונדערע מענשען און אײנער פֿונ׳ם אַנדערן גאַנץ װײט; אַז זי איז פון די „הײנטיגע”, אינטערעסירט זיך מיט וועלטליכע זאַכען, טאַנצט, זינגט, שפּיעלט מוזיק און איז בכלל װײט פון יענער התבודדות, פון יענער התדבקות מיט גאָט, אין וועלכער ער איז אײנגאַנצען אַוועק, פון זינט אָן ער האָט זיך אַרײנגעלאָזט אין נסתר, אין קבלה און חסידות. און אפשר קאָן ער דורך איהר, חס ושלום, קומען צו בטול תורה?...

— דו בענקסט נאָך ר׳ בער׳ס ברכה? — האָט אַ שמײכעל געטהון ר׳ ישעיה — זעהר שען; דאָס וועט דאָך אָבער זײן אַ „ברכת־הדיוט”...

יעקב הירש איז בלאס געווארען. ער האט געוואוסט, אז זיין אלטער פאטער איז ניט קיין פערביסענער חסיד ר׳ בער׳ס דעם מיטעלען זיבינ׳ס; ער האט איהם ניט געהאלטען פאר אזא הויך אין נגלה און פאר קיין בקי אין נסתר. פערקעהרט, ער האט אלע מאל געזאגט, אז דער ממלא מקומו פונ׳ם אלטען רבי׳ן האט, לויט זיינע פעהיגקייטען נאך, געקאנט זיין נור איינער פון זיינע דריי זיהן: משה, דערזעלבער, וועמעס נאמען ער האט אפילו ניט געטארט דערמאהנט ווערען, נאך דער מכה, וואס ס׳האט זיך מיט איהם געטראפען, און האט איהם אבגעריסען ניט נור פון רבי׳נס הויז, נאר פונ׳ם גאנצען יודענטום... אפילו זיין שוועסטער, פריידען, האט ער אויך געשטעלט העכער פון איהם אי אין נגלה, אי אין נסתר. דאס אלץ האט יעקב הירש געוואוסט זעהר גוט, דאך האט ער ניט ערווארט, אז זיין פאטער זאל אזוי פוגע בכבוד זיין דעם רבי׳ן.

— טאטע, אבער די פאהרסט דאך אהין אלע יאהר!

— איך פאהר? צו מיין רבי׳ן פאהר איך! צו דעם אור הגנוז, צו דעם ידיד עליון, צו דעם צלם אלקים, וואס מיט זיין השפעה לעבען מיר נאך אלע. הבל על דאבדין ולא משתכחין! נאך אזוינעם וועלען מיר שוין ניט האבען! נאר ווען איך געה אריין אין חדר המיוחד, וואו דער רוח הקודש רוהט נאך אויף זיין שטוהל, אויף זיין טיש, אויף זיינע ספרים; ווען איך געה אריין אין שטיבעל, ווען מיר טהוט אמאל אקלונג אין די אויערן זיין נגון, ווען מיר שטעלט זיך אמאל פאר זיין קלסתר פנים מיט׳ן זיו השכינה, וואס שיינט אויף איהם און פון איהם, זעה איך ערשט דעמאלט, וועמען מיר האבען פערלארען... צו סטער׳ן פאהר איך, צו דער אשה צדקנית, מיט איהר פרישער וואונד אין הארצען, וואס נור א פאטער קאן מיטפיהלען; צו דבורה־לאה׳ן, צו איהר זוהן, ר׳ מענדעלען, וואס ער וועט אפשר זיין דער אמת׳ער יורש פון דעם כתר כהונה ומלכות, וואס יתומ׳ט...

ר׳ ישעיה האט זיך צוהיצט; אונטער זיינע ווייסע געדיכט־

בעוואַקסענע ברעמען האָט זיך אָנגעצינדען אַ פֿײַערל, די דאַרע הענד האָבען אָנגעהויבען נערוועז צו שפּיעלען מיט די פֿרענז פֿון זײַן בריטען ווידענעם גאַרטעל.

— אָבער ווי זאָגט מען עס? — האָט ר' ישעיה אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד — אַל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך... מיר פֿאָהרען!

אין אין דעמזעלבען אָווענד האָט זיך נעבען ר' ישעיה'ס הויז בײַם ברעג דווינאַ אָבגעשטעלט אליה קאַלפאַק'ס הויכע בויד מיט אַ פּאָר געזונדטע שווערע פֿערד, און אליה, אַ וואַקסיגער יוד מיט אַ רויטען קאַרק אין אַ פֿויערישען וואַרימען היטעל מיט אויערן און אין אַ וואַרימען קאַפּטאַן, אונטערגעבונדען מיט אַ רויטען פֿוי־ערשען גאַרטעל, האָט צוזאַמען מיט דער דינסט אָנגעהויבען צו־טראָגען פֿון שטוב און לעגען אין בויד פּעק, קישענס, איבער־געבונדענע קערב, פּעלצען, אויבער־דעקען און מזונות. עס האָט געשמעקט היי, געשמירטער לעדער, פֿרישע גריבענעס, געפּעקעלטע גענז און בײַ אליה'ן האָט זיך שוין פֿאַראויס פֿונאַנדערגעשפּיעלט דער אַפּעטיט: רחל אַראָנבאָנ'ס גענז האָבען געהאַט אַ שם אין גאַנץ שטאָדט.

ענדליך האָבען זיך ר' ישעיה און יעקב הירש, ביידע קלײַ־נינקע, דאַרינקע, אין גרויסע וועלפֿען־פּעלץ מיט אויפֿגעשטעלטע קראַגענס, פֿון וועלכע ס'האָבען זיך קוים אַרויסגעזעהן זייערע נע־זער, אָבגעשטעלט נעבען שליטען, און אליה האָט זיי אײַנעם נאָך דעם צווייטען אַרײַנגעזעצט טיעף אין בויד אַרײַן און איבערגעדעקט מיט וואַרימע דעקעס. אין פֿענסטער מיט אַ ליכט אין האַנד האָט זיך געוויזען די אַלטע רחל און דער אָבשײַן פֿון ליכט איז גע־פֿאַלען אויפֿ'ן שניי און אויפֿ'ן ברעג בויד.

אליה איז אַרויף אויף דער קעלניע.

— י־י־יאָ־אָ! — האָט ער אַ געשריי געטהון עפּיס מיט זײַנעם אַנאייגענעם ניגון און אַ שמיץ געטהון די פֿערד.

דער שליטען האָט זיך האַסטיג אַ ריס געטהון פֿון אָרט און שנעל זיך אַ לאָז געטהון באַרג־אַראָב.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען זיי שוין געווען אויף דער הויכער הילצערנער בריק איבער'ן קאַניעוועץ נעבען ליקאָוויטשיס הויז און נאָך אין אַ פּאָר מינוטען אַרום אַרויסגעפֿאָרען אויף וויטעבסקער וועג.

קיין ליבאַוויטש זענען זיי געקומען ערשט אויף דעם פֿינפֿטען מעת-לעת, אָבגעמאַטערטע, צובראָכענע און האָבען זיך אָבגעשטעלט אין אַנ'אַלמנה'ס געגענאיבער דעם רבי'נס הויז. און אַז ר' ישעיה האָט זיך אויסגעטהון, אַ ביסעל דערוואַרימט, צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און האָט דערזעהן דעם רבי'נס נידעריגע הויז. מיט דעם פֿערשנייטען טשערעפּיצענעם דאַך, דעם הילצערנעם בית-המדרש אין מיטען הויף, די באָד מיט דער מקוה פֿון הינטען, דעם נידעריגען גרין-געמאָלטען פּאַרקאַן אַרום און דעם ברונעם אָן אַ זייט, האָט ביי איהם באַלד פֿערקלעמט דאָס האַרץ. אַלץ איז געשטאַנען אויף דעמזעלבען אָרט און געהאַט דאָסזעלבע אויסזעהן, ווי אַלע מאָל. ער איז אָבער ניט געווען. און יעדעס מאָל, ווען ער פֿלעגט עס דערזעהן, פֿלעגט זיך איהם דאַכטען, אַז ער זעהט אַני'ארון קודש, פֿון וועלכען מ'האָט אַרויסגענומען די תורה...

דער משרת פֿון אַלמנה האָט פֿונאַנדערגעבונדען די פּעק, אָבגעטרייסעלט די פּעלצען פֿון שניי און אויפֿגעהאַנגען זיי אויפֿ'ן וואַנד, אַיינגעהייצט דעם אייוועץ און דערלאַנגט צום טיש צוויי גלעזער טהיי מיט קיכלעך; ר' ישעיה האָט אָנגעהויבען פֿונאַנדערלעגען די זאַכען, יעקב הירש האָט אַוואַש געטהון די הענד און האָט זיך באַלד אַוועקגעשטעלט דאַווענען מנחה. אין טהיר האָט זיך בעוויזען אליה — אַ גרויסער, אַ שווערער, מיט אַ רויט-אָנגעפֿראָרען פּנים און אַ צושויבערטער באָרד, אָנגעשטעקט מיט היי; פֿון איהם האָט געשמעקט לעדער און שטאַהל.

— רבי, איהר ווייסט, אַז מיר האָבען געהאַט קפֿיצת הדרך?

— וואָס איז?

— געקומען מיט זעקס שעה פֿריהער, ווי אַלע מאָל. נאָך מיין רעכענונג נאָך, האָבען מיר געדאַרפֿט אַריינפֿאָהרען טיעף אין

נאַכט אַריין. אמת, דער בולאַנער איז געוואָרען אַ שטיקעל, ווי זאָגט מען דאָס, צולע על ירך — הינקט-אונטער; מ׳וועט איהם מוזען איבערשמידען.

דער בעל-עגלה האָט אַרויסגעלעגט דאָס גאַנצע ביסעל תורה, וואָס ער האָט „אָנגעטאַשט״ ביי זיינע „פּאַרשוינען״, זינט ער פאָהרט אַרום, האָט אַ קראַץ געטהון דעם קאַרק און אַ וואָרף געטהון אַ שטרענגען קוק אויפ׳ן טיש, פון טיש אויפ׳ן קאָמאָר און פון קאָמאָר אויפ׳ן טיש.

ר׳ ישעיה האָט פערשטאַנען זיין וואונק, האָט אַרויסגענומען פון רייזע-זאַק אַן אָנגעהויבען פלעשעל משקה, אָנגעגאָסען אַ גלעזעל און אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן ברעג טיש. פון פונאַנדערגעבונדענעם קערבעל האָט ער אַרויסגענומען אַיינגעוויקעלטע אין אַ פּאַפּיר שיריים פון אַ גאַנז.

אליה איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט גענומען דאָס גלעזעל, געמאַכט אַ ברכה, אויסגעקעהרט זי בנשימה אחת און אַרומגעווישט די וואָנסען מיט׳ן ברעג אַרבעל, אַריין מיט די הענד אין פּאַפּיר׳ל, אַרויסגענומען אַ גרויסען גענזען-פּופּיק, געדיכט איהם איינגעטונקט אין זאַלץ און אַריינגעשפּאַרט אין מויל.

— אַ געזונד טאַקע אין דער מיהמע רחל׳ען, לאַנג לעבען זאָל זי! — האָט ער הויך אין צופרידען אַ זאָג געטהון מיט אַ פולען מויל. איך האָב אַלאָ מאָל געזאָגט, אַז מיט אונזערע וועלישער פופקעס מעגען מיר זיך בערימען! יאָ, בערימען מעגען מיר זיך, האַ-האַ-האַ, ווי איך בין אַ ייד!

יעקב הירש איז אויפגעשטאַנען שמונה עשרה און האָט שטרענג אַ קוק געטהון אויפ׳ן בעל-עגלה, וואָס שטערט איהם אין דאַוונען.

ר׳ ישעיה האָט אָנגעהויבען צו קלייבען די זאַכען, מנחה האָט ער נאָך געדאַוועט אין בויך.

אויפ׳ן טיש איז געשטאַנען יעקב הירש׳ס אַנאויסגעקוועלט גלאָז טהיי.

דאָס פֿיער און צוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

דעם רבינ'ס שמש איז אַרײַן און איבערגעגעבן ר' ישעיה'ן, אַז דער רבי וויל איהם שוין זעהן.

ר' ישעיה האָט זיך פֿערוואונדערט; אַלע מאָל פֿלעגט ער דעם ערשטען שלום אָבגעבען דעם רבי'ן אין מנין, פֿאַר קבלת שבת, און פֿון דאָרטען שוין אַוועק צום רבי'ן אַהיים אויף קידוש און אָבהאַלטען בײַ איהם שבת. פֿרײַטאָג פֿלעגט ער זיך אַ ביסעל אויסרוהען, געהן אין מרחץ, טובל זײַן זיך, און פֿאָרשטעלען זיך פֿאַר'ן רבי'ן אַ „שבת'דיגער". דאָסמאָל אָבער האָט איהם דער רבי אַרויף געטהון פֿאַר דער צײַט, און דאָס האָט איהם אפילו אַ ביסעל דערשראָקען.

ער האָט אויף זיך אַרויפֿגענומען דעם פעלץ, אָנגעטהון אויף דער יאַרמאָלקע דאָס שטרײַמעל און אַוועק איבער'ן גאַס. דער שמש האָט איהם מיט אַ גרויסען הילצערן לאַמטערן בעלויכטען דעם וועג.

ער איז אַרויף אויף דעם זײַטיגען גאַניקעל פֿון הויף (דער גאַס־הויכגאַנג איז ווינטער געווען פֿערשלאָגען); די טרעפּ זענען געווען, ווי אַלע מאָל, רײַן אָבגעקעהרט און אויסגעשאָטען מיט זאַמד; אַרײַן אין וואַרימען, ליכטיגען פֿאָרהויז, אַ ציה געטהון צו זיך די שווערע טהיר, און ס'האָט איהם באַלד אַרומגעהאַפּט יענע שטילע וואַרימקײַט, יענע יום־טובדיגע זיכערקײַט, וואָס האָט דאָ געהערשט נאָך פֿון די פֿאַרצײַטיגע יאָהרען, ווען די רביצין סטערנע איז נאָך געווען יונג און פֿון קײַן זאַך ניט אַראָבגענומען איהר אויג.

אַ קײַלעכדיגער שטרויענער מאַטראַץ איז געלעגען אויף דער ערד בײַ דער שוועל, און ר' ישעיה האָט ניט ווילענדיג אָנגעהויבען אָבצעווישען זאָן איהם די פֿיס און אַראָבשלאָגען פֿון די שטיוועל דעם שניי; לינקס פֿון דעם צימער איז געווען דאָס גרויסע, עס־צימער. דאָרט איז איצט געווען פֿינסטער, און ר' ישעיה האָט דערקענט דאָס קלאַפּען פֿון דעם גרויסען, אַלטען וואַנד־זייגער, וועלכען, ווי מ'האָט געזאָגט, אַ פּוילישער פּריץ האָט געשענקט דעם אַלטען רבי'ן.

רעכטס האָט זיך געצויגען די „עזרת-נשים״ — צימערן פאַר די ווייבער, מיט די קליינע קינדער, און ר׳ ישעיה׳ן האָט זיך געוואָלט פריהער אָבקערהרען אַהער, דורכריידען זיך מיט דעם אַלטער, שלום געבען „רב שפרה׳ן״, ווי ער און נאָך איינינע תלמידים פון אַלטען רבי׳ן האָבען זי גערופען.

— שלום-עליכם, ר׳ ישעיה, — איז צו איהם פון נאָהנטען צימער אַרויס אַ בחור׳ל פון אַ יאָהר פופצעהן מיט אַנגעצונדען ליכט אין האַנד, — דער רבי איז ביי זיך און וואַרט אויף אייך.

— עליכם-שלום, לייבעל, וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט דער פאָטער?

— געזונד, דאַנקען גאָט, אַלע געזונד.

לייבעל האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קליינע ליכטעל אויפ׳ן גרויסען עס-טיש. און אין צימער איז געוואָרען נאָך טונקעלער, ווי פריהער.

ר׳ ישעיה האָט גאַנץ צופריעדען בעטראַכט דאָס פלינקע בחור׳ל מיט די ווייסע בעקעלעך, געלע פאות און שוואַרצע, לעבעדיגע אויגען; ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז דאָס איז הערצעלבער לייבעל, ר׳ מענדעלי׳ס זוהן, וואָס איז אַרויסגעפאַלען פון שליטען, בעת דער רבי איז מיט זיין גאַנצער חברה געלאָפען פון פראַנצויז, און צוליעב איהם האָט מען זיך געמוזט אומקעהרען צוריק, זיך פערהאַלטען אויף איינינע שטונדען, ביז מ׳האָט איהם געפונען אויפ׳ן וועג אַ פערוויקעלטען, אַ וויינענדיגען און האַלב אַ דערפראָרענעם.

ר׳ ישעיה האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם פעלץ, וועלכען לייבעל האָט אונטערגעכאַפט, אויפגעהאַנגען ביי דער טהיר, און איז אַריין אין רבי׳נס צימער.

דער גרויסער טיש, אָנגעוואָרפען מיט ספרים, איז געווען גוט בעלויכטען. צוויי ליכט האָבען געברענט אויפ׳ן טיש און צוויי האָבען געברענט אין די וואַנד-לייכטער צווישען ביידע פענסטער. דער רבי איז געזעסען אויף זיין ברייטען, האַרטען הילצערן שטוהל מיט געשניצטע הענטלעך, אין זיין שפיציגער יאַרמאַלקע, מיט זיינע ברייטע, צושויבערטע פאות, לאַנגער, גרויער באָרד, און אויף זיין הויכען צוקנייטשטען שטערן און אין זיינע טיפע, פערדאַרטע און

באַגייסטערטע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ טיפֿע, נישט אויס־געשפּראָכענע זאָרג. אַנטקעגען איהם זענען געזעסען צוויי יודען שוואַרץ געקליידעט, איינער, דער עלטערער, אויך אין אַ יאַרמאָלקע, נור אַ בלויע, אַ קאַנטיגע און מיט אַ קנעפּל, דער צווייטער — אין אַ „רייסישען" קאַפּעליוש.

ר' ישעיה האָט זיי ביידען דערקענט. דער עלטערער איז געווען ר' בינוש לאַפּקאָווסקי פון וויטעבסק, דער יונגערער איז געווען ר' מרדכי פּיטעלסאָן פון לעפּעל. ר' בינוש איז געווען אַ מפורסם ווייט אַרום, אַ „קייזערליכער דעפּוטאַט פון יודישען פאָלק", ער האָט שוין אָבער פון איניגע יאָהר אָן אינגאַנצען פערלאָזט פּעטערבורג און זיך בעזעצט ביי זיך אין וויטעבסק. ערשטענס, דערפאַר — ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די דעפּוטאַטען האָבען בכלל קיין שום מאַכט ניט און יודען האָבען קיין זאַך ניט צו ערוואַרטען פון זיי. ר' מרדכי לעפּלער איז געווען מעהר נישט ווי אַ ממלא מקומו, אַ „קאַנדידאַט", אָבער יונגער, מיט מעהר ענערגיע און מיט מעהר בטחון; און ער איז שטענדיג געזעסען אין פּעטערבורג, געלעגען אין „טובת הכלל" און געאַרבייט וועגען יודען, און לויט זיין פאַרשלאָג, האָבען זיי זיך איצט צוזאַמענגעקליבען ביים רבי'ן, כדי אַנ'עצה האַלטען וועגען אַ זעהר וויכטיגען ענין.

דער רבי האָט זיך עטוואָס אַ הויב געטהון אַנטקעגען ר' ישעיה'ן, האָט איהם דערלאַנגט די האַנד, און געגעבען שלום. דאָזעלבע האָבען געטהון זיינע ביידע געסט. דער לעצטער איז צו איהם צוגעגאַנגען רב מענדעלע, וואָס האָט זיך, ניכּר, זעהר דערפרעהט פון זיין קומען, ער האָט איהם אָבגעגעבען זיין שטוהל, און צוגערוקט פאַר זיך אַנ'אַנדערן.

— דער גרויספירסט קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש איז געגען דעם — האָט ר' מרדכי ווייטער פאָרגעזעצט דאָס איבערגעריסענע געשפּרעך — און דער סענאַטאָר נאָוואָסילצאָוו, וועלכען ער האָט אַרויסגעשיקט ספּעציעל, כדי אויסצופאָרשען די זאַך אויפ'ן שטעל, צווישען יודען גופא, איז, לויט די ידיעות, וואָס איך האָב, אויך דערצו ניט מסכּים...

דער רבי האָט איהם איבערגעהאַקט.

— איך בעט אייך, אָבער מיר מוזען דאָך געבען צו פער־שטעהן ר׳ ישעיה׳ן, וועגען וואָס מען רעדט.

ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט און האָט זיך אומגעקעהרט צו ר׳ ישעיה׳ן.

— מיר רײדען וועגען אַ נײַער גזירה, רחמנא לצלן, וואָס מען גרייט זיך אין פּעטערבורג גוזר צו זײַן אויף אחינו בני ישראל. דאָרט רעדט מען וועגען צונעהמען, חלילה, יודישע קינדער און דאָס איז פאַר אונזערע צאן קדשים זעהר אַ האַרבער ענין, און וועגען דעם דאַרף מען זיך זעהר גוט מישב זײַן.

ער האָט נידעריג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ; אין צימער האָט געהערשט אַן ערנסטע שטילקייט.

— רבי, — האָט דער ערשטער איבערגעריסען די שטילקייט ר׳ מרדכי לעפלער, — ביי אונז אין פּעטערבורג הערשען אין דעם פרט צווישען די יודישע כלל־טוער צוויי דעות. ס׳זענען דאָ אַזוינע, וואָס מיינען, אַז דאָס איז גאָר קיין גזירה ניט. מיר, די, וואָס פיהרען אַזאַ פערביסענעם שטרײַט מיט אונזערע שונאים פאַר אונזערע מענשליכע רעכט, מיר דאַרפען האָבען אַ פונדאַמענט, אויף וועלכען מיר זאָלען קאָנען בויען אונזערע תביעות, און קוים זענען מיר נאָך אָפיציעל ניט פערגלײַכט מיט די איבעריגע רוסישע בירגער אין אונזערע פפליכטען, טאָ ווי קאָנען מיר פאָדערן גלײַכע רעכט מיט אַלע בירגער?

ר׳ מרדכי האָט ניט אויסגעזאָגט, אַז ער איז איינער פון די אָנהענגער פון דער מיינונג און אפשר אויך זייער אָנפיהרער. אַלע אָבער האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס איז זײַן מיינונג, פאַר וועלכער ער וועט שטעהן פעסט.

— וואָס וועט איהר זאָגען, ר׳ בײניש? — האָט דער רבי אָבגעשטעלט אויף איהם זײַן פערזאָרגט בליק פון אונטער די שוואַרצע, האַלב־צוגעמאַכטע ברעמען.

— וואָס זאָל איך זאָגען, רבי? איהר ווייסט דאָך, און דער הער פיטעלסאָן ווייסט, אַז איך גלויב בכלל ניט, אַז אונז, יודען,

זעט מען וואס עס איז גענומען, געהמען פון אונז — יא, פארוואס ניט? אלץ, וואס מיר האבען און וואס מיר האבען ניט: אונזער געלד, אונזער מיה, אונזער רוה, אונזערע קינדער. אבער געבען אונז עפּיס? — ניין, דערויף האבען מיר גארניט וואס צו ווארטען.

פייטעלזאָן האט איהם געוואלט ענטפערן, נאר ר' ישעיה האט איהם איבערגעשלאגען.

— זאגט מיר, ר' מרדכי, איך וועל ביי אייך פרעגען, — האט ר' ישעיה אזוי געטהון, — ווי אין מיט די איבעריגע אומות, וואס געפינען זיך אין רוסלאנד און זענען פטור פון דעמזעלבען חוב, וועלכען מ'וויל אויף אונז ארויפלעגען איצט, דהיינו: קדרים, קאראאימער, ארמענער. זיי זענען אויך בעגרענצט אין זייער רעכט, דערפאר וואס זיי זענען פריי פון דעם גרעסטען און הארבסטען בירגערליכען חוב, אזוי ווי מיר, אדער זיי האבען גלייכע רעכט מיט די רוסען?

ר' ישעיה האט זעהר גוט געוואוסט, וואס פאר אַן ענטפער פייטעלזאָן קאן איהם געבען אויף זיין שאלה, נאר ער האט טאקע געוואלט, אז דער פעטערבורגער גאסט, וואס האלט זיך אליין פאר א שטיקעל מקורב אין די הויכע פענסטער, זאל ארויסלעגען דאס, וואס ער ווייסט, און וואס ער רעכענט אפשר פאר א חוב צו בעהאלטען ביי זיך אין הארצען צוליעב „פאליטיק".

— איהר דארפט ניט פערגעסען, ר' ישעיה, — האט זיך אפגערופען פייטעלזאָן, — אז די האבען שוין דאס, וואס מיר דארפען נאך ערשט פערדינען. און כדי ארויסראטעווען יזהען פון זייער איצטיגער שפלות, פון דעם אבנעהמען ביי זיי פרנסה, פון דעם ארויסטרייבען זיי פון איין ארט אויף דעם צווייטען, צוליעב אלץ איז אפשר טאקע ניטא קיין קרבן, וואס זאל זיין צו-גרוים?

— זענט איהר אבער זיכער, אז דער קרבן וועט אנגענומען ווערען? — האט א פרעג געטהון ר' בינוש — איך בין אין דעם ניט זיכער.

— אל תבטחו בנדיבים, מ'טאר ניט האפען אויף קיין בשר

דם, אָבער איך מוז זאָגען, רבותי, אַז די לאַגע איז נאָך גאָרניט אַזוי ערנסט, ווי איהר אַלע מיינט. מיר האָבען גוטע פריינד און האָבען זיי דאָרט, וואו סוואָלט גאָר זיין שווער צו גלויבען, אַז זיי זענען דאָ. מיר האָבען אַ מאָרדווינאָוו, וואָס איז ביידע זאַכען: אי אַ כּל יָכוֹל, אי אַן אמת'ער אוהב ישראל; מיר האָבען אַ נאָוואָסילצעוו, וואָס איז נאָך צעהן יאָהר צוריק אַרוים מיט אַ פּלאַן שענקען יודען גלייכבערעכטיגונג אין פּוילען, מיר האָבען אַ גראַף פּאַנין...

— אָבער מאָרדווינאָוו שטעהט דאָך הויכאויך פאַר דעם, אַז די גזירה זאָל יאָ אָנגענומען ווערען! — האָט גאַנץ געלאַסען אַריינגעשטעלט זיין וואָרט ר' מענדעלי.

ער איז געווען דער יונגסטער פון די נאספים און האָט זיך געהאַלטען מיט גרויס אָפּשײַ צו די עלטערע.

— יאָ, וויַיל ער מיינט, אַז פון דעם וועט אַרויס פאַר יודען אַ טובה.

אין צימער איז געוואָרען שטיל. דער רבי האָט בעדעקט מיט דער האַנד זיינע צוגעמאַכטע אויגען און האָט זיך פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען. אַלע האָבען געשוויגען און געוואַרט ביז דער רבי וועט אויפוואַכען פון זיין דבקות. עטליכע מינוט האָט די ערנסטע שטילקייט געדויערט; ס'האָט זיך געהערט, ווי אין דריי- טען הדר קלאַפּט דער זייגער און ווי דאָס ווינדטעל שפּיעלט ערגיץ וויַיט דרויסען מיט אַן אָפּענעם לאָדען.

ענדליך האָט ער אַ שווערען זיפץ געטהון, אַראָפּגענומען די האַנד פון די אויגען און האָט פריינדליך בעקוקט אַלע אַרומיגע.

— ברידער, איך מוז אייך זאָגען, אַז דאָס, וואָס מיר לעבען איבער איצט, האָט דער אדמו"ר, נשמתו יגן בעדנו, געזעהן נאָך מיט פערצעהן יאָהר צוריק, בשעת דער גרויסער מלחמה, און ניט לאַנג פאַר זיין פּטירה האָט ער געשריבען צו איינעם פון אנשי שלומנו, אַז דעם ערשטען טאָג ראש-השנה, פאַר מוסף, איז איהם נתגלה געוואָרען, אַז „אם ינצח באָנאַפּאַרטאַ ירבה העושר וירום קרן ישראל — אַז אויב דער בעזיגער וועט זיין דער מלך צרפת,

וועלען יודען ווערען רייכער און קריגען מעהר שטאלץ, אבל יתפרד ויתרחק לבן של ישראל מאביהם שבשמים — אבער די יודישע הערצער וועלען זיך, חלילה, דערווייטערן פון זייער פאטער אין הימעל. ואם ינצח אדוננו אלכסנדר, אם כי ירבה העוני בישראל וישפל קרן ישראל, אבל יתקשרו, ויתחברו ויתעקדו לבן של ישראל לאביהם שבשמים. ווען דער בעזיעגער וועט בלייבען אונזער קייזער, וועלען אחינו בני ישראל אפילו ווערען ארימער און דער גלות וועט ווערען שווערער, אבער זייערע הערצער וועלען ווערען נעהנטער צו גאט און זיי וועלען בלייבען ערהליכע יודען. וזה לך האות — שרייבט ער ווייטער, — אט וועסט האבען א סימן: שבקרב הימים יקח מחמד עיניכם — ס'וועלען קומען טעג, ווען מ'וועט ביי אייך צונעהמען דאס שענסטע און דאס בעסטע, וואס איהר האט, ובקרב הימים יתחילו ליקח לאנשי חיל מאחינו בני ישראל, און ס'וועט קומען א צייט, אז מ'וועט אנהויבען נעהמען יודישע קינדער אין סאלדאטען. ברידער, איך זעה טאקע, אז פון דער נייער גזירה „ירבה העוני בישראל" — וועלען יודען, חלילה, פערארימט ווערען, וואָרום מ'וועט צוועקנעהמען קינדער פון עלטערן, מאנען פון ווייבער, די, וואס זענען מפרנס געווען, די, וואס זענען אימשטאנד צו פערדיענען א שטיקעל ברויט, די וועלען אפגעריסען ווערען פון זייערע הייזער, וישפל קרן ישראל און יודען וועלען איבערהויפט זיין זעהר געפאלען, אבער מיין דעה איז, אז מיר מוזען פארט די גזירה אננעהמען, אויב נור זי איז פון גאט; און ניט וויל, ווי ר' מרדכי מיינט, אז דערפון קען עפיס ארויס גוטעס פאר יודען, פאר זייער מצב החומרי, פאר זייער בירגערליך רעכט וכדומה, ניין: אדרבא, נאה עניותו לישראל, ארימע און געדריקטע זענען זיי און דאן זענען זייערע הערצער נעהנטער צום בורא עולם און דאס איז דער עיקר.

און צימער איז געווארען נאך שטילער. דער זייגער אין דריטען צימער האט אנגעהויבען צו קלאפען נאך שטארקער ווי פריהער, דער אבגעריבענער לאנגען אונטערן פענסטער איז אינ-

גאַנצען אַריינגעפאַלען אין רשות פון קאַלטען, בייזען ווינד.

פייטעלסאָן האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אונטערגעבען.

— רבי, אויב „יאה עניותא לישראל“ — איז דאָך דאָס אַ רמז, אַז מ'דאַרף לטובת הכלל לחלוט'ן גאָרנישט אָנהויבען צו טהון. און אומזיסט טאַקע האָבען יודען געוועהלט דעפוטאַטען, אומזיסט האָבען זיי אַראָבגענומען די עטרות פון זייערע קיטלען, געמאַכט געלד און טהוען אויך איצט דאָס אייגענע. און אויב אונזער ישועה קאָן, חלילה, ניט קומען פריהער, איידער „קרן ישראל יושפל“, דאַרפען מיר דאָך זאָגען, אַז דער אמת'ער גואל אונזערער איז, חלילה, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר חאָוואַנסקי!

דער רבי האָט צוגעמאַכט די אויגען און שטרענג צונויפגעקנייטשט דעם שטערן.

— די גזירות הסאָלדאַטען איז געקומען מעהר נישט ווי פון ביטול תורה. די גמרא זאָגט: כל הפורק ממנו עול תורה, נותנין עליו עול דרך ארץ — ווער עס וואַרפט פון זיך אַראָב דעם יאָך פון תורה, יענער מוז אויף זיך נעהמען דעם עול פון דרך ארץ. און, פערקעהרט, כל זמן אויף דעם כסא המלוכה זיצט דער מלך — אונזער יונגער קייזער ניקאָלאַי, ירום הודו, וועלען מיר צו ביטול תורה, איה"ש, ניט קומען. און תורתנו היא חיינו, אונזער תורה הקדושה איז אונזער לעבען.

ער האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגען און אין צימער איז געוואָרען נאָך שטילער.

דער זייגער האָט געשלאָגען צוועלף.

שטיל זענען די נאספים אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער, שטיל זיך אָבגעזעגענט מיט'ן רבי'ן און שטיל אַרויס פון צימער. ר' מענדעלי האָט זיי בעגלייט ביז'ן פאָרהויז.

אויף די טרעפ האָט ר' ביינוש אָנגעיאָגט ר' ישעיה'ן.

— וואָס הערט זיך ביי אייך אין ווילנע? טהוט איהר עפּיס וועגען דער עלילה?

— לעת עתה טהוען מיר נאָך גאָרנישט און האָבען ניט וואָס צו טהון. דערווייל זענען אַרעסטירט נור צוויי קריסטינס און

עס קאן זיין, אז דאסמאל זאל זיך דאס אויך צו זיי אליין אויסלאזען. ביי שמריה בערלין איז דא א קאפיע פון דעם קייזערליכען בעפעהל פון 6-טען מערץ 1817 יאהר, אז אויף יודען טאר מען קיין בלוט-בלבולים ניט מאכען. מיט צוויי יאהר צוריק האט זיך דאס אויסגעלאזען מיט גארנישט.

ר' ביינוש האט א שווערען זיפץ געטהון.

— מיט צוויי יאהר צוריק... אבער דעמאלט האבען מיר נאך אונזער „גואל“ ניט געהאט.

ער האט זיך אבגעזעגענט מיט ר' ישעיה'ן און איז צוזאמען מיט ר' מרדכי פייטעלסאן אוועק לינקס און אריין אין גרויסען פריצישען גאסטהויז אויפ'ן ראג.

דאס פינף און צוואנציגסטע קאפיטעל.

ביי סלאווע בערלין האט שוין פון צוויי וואכען דאס גאנצע הויז געקאכט ווי א קעסיל.

ס'איז געוועזען ערב-חתונה. יעדער, וועր עס האט נור געהאט פיס און יעדער, ווער עס האט נור געהאט הענד, איז געוועזען פערנומען. אין דעם גרויסען דריי-גארנדיגען הויז איז מיט אמאל געווארען אייננג און ס'איז זיך ניט געוועזען וואו אהינצוטהון. אונטען, אין פארהויז, ביים אריינגאנג, איז געוועזען אזוי פיעל אנגעשטעלט, אז מ'האט ניט געקאנט דורכגעהן. אין גרויסען עסצימער זענען געוועזען אבגערוקט די טישען, און אברהם קאטסאן, בערלינ'ס הויף-שניידער, האט זיך פונאנדערגעלעגט אויף דער פארלאגע, ווי א פעלד-מארשאל אויפ'ן שלאכט-פעלד. פון איין זייט צימער איז געוועזען אויסגעצויגען אויף דער ערד רויכווארג. אברהם, א הויכער יוד מיט א לאנגער צושויבערטער בארד, אין א יארמולקע און מיט גרויסע קיילעכדיגע שפאקולען אויף די אויגען, איז ארומגעקראכען איבער דער פארלאגע אויף אלע פיער, צוגעלעגט א פעלכעל צו א פעלכעל, אבגענומען צוריק און ווידער צוזאמענגעשטעלט און ווידער אבגעטיילט. אמאל פלעגט ער אויפשטעהן,

אַרויסחאַפּען איינס פון די פעלכלעך, צוטראָגען צום פענסטער, פונאַנדערבלאָזען די האָר, אײַנקוקען זיך גוט דורך די גרויסע גוטאויסגעווישטע גלעזלעך און ווידער אַוועקלעגען אויף דעם פריהערדיגען אָרט.

אין אַנדערן עק צימער זענען אַראָבגעהאַנגען פון טיש און געצויגען זיך ווייט איבער דער ערד לאַנגע שטיקער סאַמעט, אַטלאַס, שוואַרצע און ווייסע זייד, לאַנגע, אַטלעסענע בענדער, שפּיצען, קינסטליכע בלימעלעך, פעדערן — אַלץ איז געלעגן אָנגעוואָרפען אויף די טישען און אויף די פענסטער, אין אברהם איז דאָ אויך אַרומגעגאַנגען ווי אַ זעלבסט-הערשער, וואָס אויף זיין איינציג וואָרט איז אָנגעהאַנגען די גאַנצע וועלט. אָט האָט ער אַראָבגעשלעפּט ביי זיך פון אַקען די לאַנגע פּאַפּירענע מאָס מיט אָנגעריסענע צייכענס, גענומען אין האַנד מיט לאַנגע, דאַרע און אויסגעקרימטע פינגער אַ שטיקעל קרייד, אויסגעצויגען איבער'ן לאַנגען טיש אַ שטיק טונקעל-גרינעם סאַמעט, אַרויסגענומען פון אונטער'ן בוזעם אַ גרויסע קאָרענע טאַבאַק-פּושקע, אָבגעריסען דאָס דעקעל און אַרײַנגעשלעפּט אין נאָז אַ גוטען שמעק-טאַבאַק און אויף דעם גרינעם סאַמעט האָבען זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען קינסטליך אויסגעמאָלטע פיגורען אין די שווערע שטאָהלענע שער האָט אָנגעהויבען אברה'ש פונאַנדערצושניידען דעם גרויסען שטיק סאַמעט אויף קליינע אומגעלומפּערטע שטיקלעך, וועלכע די געהילף-אַרבייטער פלעגען אונטערקלויבען, אָבטראָגען צום פענסטער, אַוועקזעצען זיך אויף דער נידעריגער הילצערנער באַנק, צוזאַמענשטעלען זיי און פלינק אָנהויבען צו נייהען. און אברהם פלעגט ווידער מעסטען, ווידער פיהרען מיט זיין האַרטען שטיקעל קרייד איבער דעם ווייסען טונקעלען סאַמעט, ווידער שמעקען טאַבאַק און ווידער שניידען.

אין סלאַוועס צימערן האָט מען געשאָטען בעטגעוואַנד, און גרויסער ווייסער פוך איז געשטאַנען אין דער לופט, ווי פרישע שניי אין אַ העלען ווינטערדיגען שניי-טאָג.

אויבען, ביי לאַנען אין צימער, האָט מען געניידט וועש.

און צווישען דעם געריוש און צווישען דעם געפילדער פון צעהנד־ליגער שטימען, פערזאָרגטע, אונרוהיגע און איילענדע, איז לאַנגע אַרומגעגאַנגען ווי אַ פער׳חלומ׳טע, אַ שטילע, מיט איהר טיעף־בע־האַלטענער וואונד אין האַרצען, מיט איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען אונטער די לאַנגע אַטלעסענע ברעמען, מיט וועלכע זי האָט איבער די קעפּ פון די אַלע אַרומיגע געקוקט עפּיס ווייט־ווייט, אַזוי ווי זי וואָלט ערוואַרטען פון דאָרט עפּיס אַנ׳ענטפער אויף איהר פער־צווייפלונג, אַנ׳ערקלערונג אויף אַלץ, וואָס אַרום איהם פּאַסירט.

ס׳איז געווען דער לעצטער שבת פאַר דער חתונה, דער שבת פון „אויפרופעניש“. לאַנגע האָט געזעהן, ווי יאָסע מירלעס האָט נאָך נעכטען פאַר קבלת שבת אַוועקגעטראָגען אין שוהל אַ זעקעלע מיט נים,, מאַנדלען, ראָזינקעס. זי האָט געוואוסט, אַז היינט וועט מען „איהם“ אויפרופען צו דער תורה און ווי נור „ער“ וועט ענדיגען די ברכה, וועלען אויף „איהם“ פון אַלע זייטען אָנהויבען צו רעגנען די אַלע גוטע זאַכען, און די נים און די מאַנדלען, און די „צוקערקעס“ אין אַלערליי פּאַפּירלעך, איינגעוויקעלט אין דינע גאָלדענע פּאַרעס, מיט לאַנגע „בערד“ אין ביידע זייטען, וועלען הויך פליהען איבער דער בימה און פאַלען אויף דער ערד אין אַלע עקען שוהל; און קליינע קינדערלעך וועלען זיך אַרויפוואַרפען אויף דעם ווי הינשעריקען; מ׳וועט זיך שטופען, מ׳וועט שרייען, מ׳וועט לאַכען; ס׳וועט זיין פרעהליך ווי דעמאָלט, ווען זי האָט די־זעלבע סצענע אָנגעקוקט פון קליין פענסטעריל אין דער ווייבער־שער שוהל, בשעת מען האָט אויפגערופען הירש׳ן. יאָ, אָבער ביי וואָס איז זי דאָ?

און זי האָט געקוקט דורכ׳ן פענסטער אויף דעם אָבגעשטאָר־

און זי האָט געקוקט דורכ׳ן פענסטער אויף דעם אָבגעשטאָר־

בענעם מאַרק, אויף וועלכען ס׳איז געלעגען אַ טויטע, שבת׳דיגע שטילקייט, אויף די צוויי רייהען צוגעשלאָסענע קראָמען מיט גרויסע שווערע הענג־שלעסער אויף די אייזערנע אַרומגעשמידטע טהירען, אויף די צוגעמאַכטע קליינע „אַלמערלעך“ אין מיטען, אויף די ליידיגע ביידלעך נעבען ראָטהויז. אין איינעם פון זיי איז געזעסען די

פאַלדאַטקע, אַגאַטאַ איוואַנאָוונאַ, דיזעלבע, ביי וועלכער ס'איז פער־פאַלען געוואָרען דאָס קינד. אַנ'אָנגעדרעהטע אין אַ גרויסער טוך, מיט טיעף־פערדוקטע הענד אין די לאַנגע וואַרימע אַרבעל, איז זי געזעסען נעבען גרייסע, ווייסע, ניט קיין אָנגעהייבענע קוילעטשען, נעבען אַ הויכען שוואַרצען טאָפּ מיט קאַלטע לאָקשען. איין קונה איז מעהר נישט געשטאַנען נעבען איהר: דער שוסטער אַזאַדקע־וויטש; אָבער ער איז געשטאַנען זעהר שוואַך איף די פיס, און אַגאַטאַ האָט איהם, ניכר, נישט געוואָלט באָרגען.

און אין העל־בלויען פריהלינגס־הימעל איז שוין גאַנץ הויך געשטאַנען די זון און פון הויכען נייעם קלויסטער אויפ'ן ראָג האָט זיך געצויגען איבער'ן מאַרק אַ לאַנגער שאָטען, און פון די דעכער האָבען גערונען די לעצטע ווינטער־טרעהרען, און שוואַרצע קראָהעס האָבען זיך געדרעהט איבער'ן הויכען דאַך פון ראָטהויז אַרום דעם גרויסען שטאָדט־זייגער מיט'ן שוואַרצען קיילעכדיגען ציפער־בלאַט, וואָס האָט שטרענג און קאַלט געקוקט אין אַלע פיער זייטען, און פרישע, לעבעדיגע וואַסערלעך האָבען דורכגע־שניטען דעם טונקעלען, האַלב־צוגאַנגענעם שניי און האַסטיג, מיט אַ קלינגענדיגען „גוט־שבת!" געלאָפען פון דער הויך אַראָב, צום שטילען פערטרוימטען טייך, כדי אויפצוועקען איהם פון שלאָף, איפהויבען איהם, העלפען איהם אַראָבוואַרפען פון זיך די קאַלטע, איסגעטראָגענע, שוואַרצע דעקע און אויפלעבען מיט אַ נייע פרעה־ליך לעבען.

— גוט־שבת! גוט־יאָהר!... אָבער ביי וואָס איז זי דאָ?

רעכטס, פון קלויסטער־געסעל, פון אַ הינטער רחל ליוועכאָנס מויער מיט'ן הויכען גרינעם דאַך, האָט זיך בעוויזען אַ קליין מחנה'לע יונגלעך, און באַלד נאָך זיי — גרויסע. ס'האָט זיך געענדיגט דאָס דאַווענען און יודען זענען געגאַנגען פון שוהל; דער פערשטאָר־בענער מאַרק האָט איף אַ ווילע אָבגעלעבט; מאַנסביל און ווייבער פלעגען זיך איף אַ ווילע אָבשטעלען נעבען זייערע הייזער, אָב־זעגענען זיך איינער מיט דעם אַנדערן און אַריין אינווייניג, אָדער אַוועקגעהן ווייטער, און נייע גרופען פלעגען אַרויס פון געסעל,

צושיטען זיך איבער׳ן מארק און פונאנדערגעהן זיך אין בעזונדערע עקען.

פון געסעל האט זיך ארויסגעשאטען א נייע מחנה יודען, בעקאנטע: הירש, אין זיין הויכען בלאנקענדען צילינדער־הוט, לאנגען שווארצען פעלץ מיט א פעלעריגע, אין נעבען איהם — זיין שוועהר, זעליג זעליגסאן, שפרה׳ס פאטער, א בעיאהרענטער יוד אין א גרויסען ווארימען שטריימעל, מיט א לאנגער, געדיכטער באָרד, ער איז ערשט נעכטען געקומען צופאהרען פון וויטעבסק צו איהר אויף התונה און איז געווען „איהר" גאסט; דער פאטער מיט זיינע געלאסענע, לאנגזאמע טריט, דער רב ר׳ בנימין, יוזיק צייטלין, ר׳ ישעיה — א לעבעדיגער, א פלינקער ווי אלע מאל, און „ער" אין מיטען — א קלייניקער מיט זיין ווייס־אויסגעדארט פנימ׳ל, וואס האט אויסגעזעהן נאך קלענער אונטער זיין גרויסען שווערען שטריימעל, אין זיין לאנגער ווארימער זשופיצע, וואס האט געפענטעט זיינע דארע, דינע פיסעלעך, אין צוויי דינינקע אויסגעדרעהטע פאות׳ן, וואס פלעגען ביי יעדען טראט זיך ביידע איפהויבען און צוריקפאלען אויף זיינע בלאסע, איינגעצויגענע באקען.

די עלטערע האבען איהם איינג ארומגערינגעלט פון אלע זייטען אין ערנסט צוגעהערט זיך צו דעם, וואס ער האט זיי דערצעהלט, מאכענדיג מיט די הענד.

זי האט געוואוסט, אז זיי, אט די אלטע אויפגעקלערטע יודען, וואס זענען אזוי ווייט פון לעבען אין זענען שטענדיג פערטראגען נור אין אייבוכען פשרות אויף אייביגע נישט־פערענטפערטע פראגען, האט ער, אט דאס יונגע בחור׳ל, מיט פערטיעפטע, בעגייסטערטע אויגען אין צארטען פלוטלאזען געזיכט, יא וואס צו זאגען. נעהנטער צום הימעל ווי צו דער ערד, ווייסט ער, מיט וואס צו דערנעהנטערן די שווארצע זינדיגע ערד צום הויכען לויטערן געזעם פון גאט. מיט מצות, מיט מצות וועט ער פעראייניגען דעם הימעל מיט דער ערד, מיט מצות וועט ער אומקעהרען גאט צו זיינע קינדער און די קינדער צו זייער גאט; און אלץ, וואס ער טהוט, איז א מצוה; א מצוה איז דאס, וואס ער שלאפט ניט

ביי־נאכט און שטעהט־אָב איבער דער גמרא ביז טאָג אויף די פוס, כדי ניט איינצושלאָפען, און דאָס, וואָס ער עסט ניט ביז וויט נאָך האַלבען טאָג, ביז ער ענדיגט ניט דאָס דאַוונען, איז אַ מצוה, און זי אַליין איז אויך אַ מצוה, זיין מצוה... יאָ, דאָס אַליץ איז טאַקע זעהר שעהן, און טאַקע פאַרוואָס ניט? אָבער ביי וואָס איז זי דאָ? זי, מיט איהר קערפּערליכען פּוישען ווי־לען, מיט איהר זינדיגער שטרעבונג צום לעבען, צו דער ערד און צו איהם... צו איהם... צו איהם!...

זי איז צוגעפאַלען מיט איהר וואַרימען בלאַסען שטערן צו דער קאַלטער שויב; פון האַרצען האָט זיך עפּיס איפּגעהויבען צום האַלז און געשטיקט; די אויגען האָבען בעגאָסען צוויי גרויסע וואַרימע טרעהרען, און אין דערזעלבער מינוט האָבען זיך פון אונטען אַרויף דערהערט גיכע, לעבעדיגע טריט און אַ פרעהליכער, קלי־נגענדיגער געלעכטער.

— לאַנע, לאַנינקע מיין טייערע! מיין גאָלד! איך האָב איהם געזעהן!

איטקע צייטלין, יוזיק'ס זעכצעהן־יעהריגע בת־יחידה, האָט זיך גלייך פון שוועל אַ וואָרף געטהון צו לאַנען, אַרומגעכאַפּט זי מיט איהרע קורצע, ווייסע הענד, צוגעצויגען צו זיך און אָנגע־הויבען קושען, קושען שטאַרק, מיט אימפּעט, אָהן אַנ'אויפהער.

— לאַנינקע, איך האָב איהם געזעהן!

— וועמען?

— איהם! דעם חתן דיינעם!

אַ לעבעדיגע, אַ פלינקע, מיט צוויי געדיכטע ווייסע צעפּ, אַרומגעדרעהט אַרום איהר שעהנעם קאָפּ, מיט צוויי גרויסע בלויע לאַכענדיגע אויגען, מיט קורצע, ווייסע, געדיכט־אויסגעפּערלטע ציינער פון הינטער די פולע, רויט־פאַרביגע ליפּען, — האָט זי מעהר אויסגעזעהן קריסטין, ווי יודין. איהר געזונדטע, פּויערשע שעהנהייט איז געווען פּונקט דער היפך פון לאַנעס ביבלישען פּנים און גאַנצען אויסזעהן.

— געזעהן! געזעהן! געזעהן!

זי האָט זיך געדרעהט איבער'ן צימער, און די שווערע רויטע קרעלען האָבען געטאַנצט אויף איהר פולען, ווייסען האַלז; פון אונטער די קרעלען־רויטע ליפען האָבען געבלאַנקט צוויי רייהען פערל־ווייסע צייהנער און די שווערע קרעלענע אויירינגלעך האָבען געשפיעלט אין איהרע קליינע אויסגעטאָקטע אויערן.

— געזעהן! געזעהן!

זי האָט געפאַטשט בראַוואָ, צוגעטופעט מיט די פיס און איהרע בריטע, קוילעכדיגע פלייצעס האָבען זיך געוויעגט צוזאַמען מיט איהר הויכען ברוסט, איינגעשפילעט אין איינגען סאַמעטענעם לייבעל.

לאַנע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן פענסטער. אויף איהרע ליפען האָט זיך בעוויזען אַ טרויעריגער שמייכעל, פון איהרע פערוויינטע אויגען האָט זיך, ווי פון אַ פערוואָלקענטען הימעל אין אַ זומערדיגען טאָג, דורכגעשניטען אַ ליכטיגער לעבהאַפטער שטראַהל.

— איטינקע, אַ געזונד אין דיר, וואָס? ביזטו אַזוי נתפּעל?

מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ער קוקט ניט אויף ווייבער. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט אָט דאָ, אונטען, אויפ'ן ראָג, אײנגעדרעהט זיך אין שאַל און געוואַרט ביז זיי וועלען אַלע צוגעהן נאָהנט: דער טאַטע, ישעיה, רב־בנימין; און דאָ געה איך צו, וואַרף אַראָב פון קאָפּ דעם שאַל, טהו זיך אַ נויג און זאָג:

— גוט־שבת, ר' יעקב־הירש! מזל־טוב! איך האָב דערזעהן, ווי ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט זיינע טיעמע דערשראָקענע אויגען און אויף זיינע בלאַסע בעקעלעך האָט זיך בעוויזען אַ רויטע פאַרב. דער טאַטע האָט זיך אויף מיר פון ווייטען אָנגעבייזערט, און רבי ישעיה האָט מיר געענטפערט, אַ שענעם „גוט יאָהר!" הער, ער איז דאָך גאָרניט אַזאַ מיאוס'ער; אויף מיין וואָרט! מעהר אָט דאָס, אָט דאָס. זי האָט אַ דרעה געטהון מיט די קורצע ראָזעווע פינגער פון ביידע זייטען געזיכט און אַ ציה געטהון זיי אַראָב — צו וואָס דאַרף ער דאָס? דער טאַטע זאָגט, אַז ער איז אַ תּלמיד־חכם: און דו ביזט אַ בת־תּלמיד־חכם, איז דאָס פון גאָט, איז דאָס אַ גלייכער שידוך... אַ מערכה, מיינסטו, איז צו זיין אַ בת־תּלמיד־חכם?

זי האָט געהערט און איהר יונגע הילכיגע שטים האָט גע־קלונגען ווי אַ קוואַל צווישען שטיינער אין אַ שטילען זומער־טאָג. און מיט גרויסע ליכטיגע אויגען האָט לאַנע געקוקט אויף איהר און זיך געקוויקט מיט איהר פרישער אונפערשוועכטער קינדערישער צופרידענקייט.

— איטעלע, טייערינקע, ער איז אויך אַ תלמיד־חכם...

זי האָט געוואוסט, ווער איז דער ער און האָט זיך גלייך אָבגערופען:

-- ועהסט דאָך: אַ תלמיד־חכם, אַ תלמיד־חכם און שרייבט נישט...

לאַנע האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, אויף די טרעפּ האָבען זיך דערהערט לאַנגזאַמע טריט.

— הירשע! — האָט זיך לאַנע פרעהליך אַ וואָרף געטהון אַנטקעגען דעם ברודער.

איטקע האָט זיך אָבגעקעהרט און אַ געדיכטע רויטקייט האָט בעגאָסען איהר פּנים.

פון אַלע אַרומיגע איז הירשע די לעצטע טעג געוואָרען נעהנטער צו לאַנען ווי אַלע; ער האָט איהר אָפען מיטגעפיהלט.

— נו, וואָס מאַכסטו, כלה?

ער האָט צוגעדריקט צו זיך איהר גרויסען שענעם קאָפּ מיט די שוואַרצע לאָקען אַרום און האָט זי אַ קוש געטהון אין שטערן.

— אַ כלה טאָר ניט בלייבען אַליין און איך האָב ניט געוואוסט, אַז איטע איז דאָ.

ער האָט נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צום האַרצען לאַנען און איבער איהר קאָפּ אָבגעשטעלט זיין פערליעבטען, זיין פרעגענדען קוק אויף איטקען.

איטקע איז געשטאַנען אונבעוועגט אויף איהר אָרט, מיט נידעריג אַראָבגעלאָזענע אויגען און מיט איהרע קליינע ראָזיגע פינגערלעך איבערגעקליבען די שוואַרצע רויטע קרעלען, וועלכע האָבען זיך אונרוהיג געצאַפּעלט אויף איהר שטיף־איינגעשפּילעטער ברוסט.

———

דאס זעכס און צוואנציגסטע קאפיטעל:

און דינסטאג איז געווען די חתונה.

לאנע האט זיך דאס לעצטען מאל איפגעהאפט פון שלאף ביי זיך אין איהר קינדערשען צימער, וואו זי איז אויסגעוואקסען, וואו ס'איז פארבייגעגאנגען איהר גאנץ קינדערש לעבען.

די זון האט זיך דורכגעשלאגען צווישען די טונקעל-בלויע פארהאנגען פון פענסטער און געפאלען אויף דעם געוועהנליכען ארט צווישען אייוועלע און צווישען טהיר. די קלאוויקארדען, בעדעקט מיט א ליינענער איבערדעקע, פוילישע און דייטשע ביכלעך אויפ'ן פאליצע — אלץ איז געווען אויף דעמזעלבען ארט, ווי אלע מאל. אין ווינקעלע אויפ'ן קיילעכדיגען טישעל, איז געשטאנען אין וואסער א בינטעל פרישע רויזען.

— איטקע! — האט לאנע א קלער געטהון. זי איז אראבגעגאנגען פון בעט צוגעגאנגען צום פענסטער און פונאנדערגערוקט די פארהאנגען. די זון האט נאך שטארקער בעלויכטען זי, דאס צימערל, דעם קאכעלנעם אייווען אין ווינקעל און די צוקנייטשטע ווייסע קישען, אויף וועלכע זי האט נאך ניט לאנג פונאנדערגעשלייערט איהרע געדיכטע שווארצע האאר אין שווערען אינרוהיגען שלאף.

אינטען האט זיך געהערט א גערודער; נאהנטע, גוט-בעקאנטע; סלאווע האט געקאמאנדעוועט אין הענע-מיכלע מיט אנושקען האבען עפים איבערגערוקט פון איין ארט אויף דעם אנדערן שווערע זאכען, פון וועלכע די גאנצע פארלאגע האט זיך געטרייסעלט און געציטערט. ערגיץ-וואו האבען געקלונגען גאפעל-מעסער און גלאז-געשיר.

לאנע האט אויף הינטען פערווארפען איהרע פולע הענד, האט אנגעהויבען צו צוקלויבען איהרע פונאנדערגעלאזענע האאר און אויף איהר בלאס פנים האט זיך ארויסגעוויזען אנ'אונטערעניגע-בענגע צופריעדענקייט.

— גענוג, — האט ווי געזאגט איהר ערנסטער, בערוהיגטער בליק — טהוט מיט מיר, וואס איהר ווילט.

נעכטען אין אָװענד איז בײַ איהר דער דאָזיגער געדאַנק בעשטימט געװאָרען. װײַבער אײגענע און פרעמדע, נאָהנטע און װײַטע, בעקאַנטע און אומבעקאַנטע זענען פלוצלונג אַרײַן צו איהר אין צימער, אָנגעטהון זי אין לאַנגען סאָלאָפּ, אײַנגעהילט אין אַ ברײמען װאַריכען שאַל און אַװעקגעפיהרט װײַט אַרום „ראָג" אין אַ נידעריג, האַלב־אײַנגעפאַלען, פעררױכערט הײַזעל, װאו ס'האָט געשמעקט איבערגעקאָכטער בעזים און פערשװיצטער מענשען־לײַב. אײדעלע, אַ נידעריגע, ברודנע װײַבעל מיט װײַסע פערשטאָכענע אױגען אָנגעהױבען אַרומצוטאַנצען אַרום איהר, װי אַרום אַ בר־מינן, אױסגעטהון זי אַ נאַקעטע, פונאַנדערגעלאָזט איהר די האָהר, געטהון עפּיס מיט איהרע נעגעל און איבער קרומע, גליטשיגע טרעפּ אַראָבגעפיהרט זי אַראָב אין אַ טיעפען ברונעם, בעלױכטען מיט עטליכע גראָשענע ליכט...

אינמיטען איז געװען פינסטער און ברודנע און אַ פערשטיקטער גערוך איז איהר אַנטקעגען געשטיגען. אױבען איז זי געשטאַנען מיט איהר װײַסען, געטאָקטען קערפער, װעלכען זי אַלײן האָט צום ערשטען מאָל אַזױ ערנסט בעטראַכט. זי האָט זיך געשעמט מיט איהר נאַקעטקײַט און דאָס פערשטיקטע פינסטערניש אונטען האָט געשראָקען װי אַן׳אָפענער קבר. אױבען, אין דער הױך, איז געשטאַנען די מוטער, די מוהמע דבורה, די מוהמע רבקה, חנה צײטלין — פרעהליכע, יום־טוב'דיגע, מיט אָנגעגרײטען כבוד אױף אַ טאַץ.

פלוצלונג האָט זי זיך אַ ריס געטהון אַראָב און טובל געװען זיך ביז איבער'ן קאָפּ. דורך דאָס געדיכטע, גרינע װאַסער האָט איהר װײַסער קערפער דורכגעלײַכט, װי אַ שײַן פון אַ ליכט שלאָגט זיך דורך פון אַ געדיכט פעררױכערטען לאָמטערן. אײן מאָל, דאָס צװײטע מאָל, דאָס דריטע מאָל. אײדעלע האָט זי אונטערגעהאַפּט אונטער'ן האַנד און אַרױפגעשלעפּט אױף די טרעפּ, און די װײַבער אױבען האָבען געשריען, געפּאַטשט מיט די הענד און אָפּגעגעבען דער מוטער „מזל־טוב".

— קינדערלעך, װײַטער שטרײַטען האָב איך קײן כח ניט, טהוט מיט מיר, װאָס איהר װילט.

און ווי אַ פֿאַר'חלומטע האָט זי זיך אײַנגעוואַשען בײַם קלײַנעם וואַש-טישעל, ווי אַ פֿאַר'חלומטע האָט זי זיך געלאָזט אַוועקזעצען אין מיטען צימער, אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ אַנושקען און געלאָזט איהר פֿונאַנדערקאַמען איהרע שוואַרצע פֿערפּלאָנטערטע האָהר און דאָס לעצטע מאָל פֿערפֿלעכטען צוויי לאַנגע דיקע צעפּ.

די זון איז דערווײַל געוואָרען נאָך העכער, אויפֿ'ן ראָטהויז האָט דער זייגער געשלאָגען צוועלף און דער גערודער אונטען איז געוואָרען נאָך שטאַרקער. ס'האָט זיך געהערט, ווי מען קושט זיך, און שנעלע פֿלינקע פֿיס האָבען אָנגעהויבען אַרויפֿלויפֿע צו איהר אויף די טרעפּ.

איטקע איז געשטאַנען אין אַ לײַכטען, ווײַסען בעזשען-קלייד, מיט העל-בלויע בענדער און מיט אַ ווײַסער בלום אין די הויך-אויפֿגעשלאָגענע בלאָנדע האָהר. פֿון אונטערן קלייד האָבען זיך אַרויסגעזעהן קליינע ווײַסע שיכעלעך.

זי איז צוגעלאָפֿען צו לאַנען, אַרומגענומען זי, אָנגעהויבען קושען און אָפּגענומען בײַ אַנושקען דעם גרויסען האָרן-קאַם אין אָנגעהויבען זי באַרשטען, פֿלעכטען צעפּ, צוזאַמענלעגען זיי אויפֿ'ן קאָפּ און אונטערבינדען מיט שמאָלע, ווײַסע סטענגעס.

— לאַנינקע, ווי געהט דיר דער תענית?

— נישקשה, איך וועל אפשר דערציהען.

— ווייסטו, ווער זענען דײַנע אונטער-פֿיהרער?

— ווער?

— הירשע מיט שפּרה'ן.

— און זײַנע?

— נתן מיט דבורקה'ן. דײַן קלייד? וואו איז דײַן חופּה-קלייד?

— אָט!

לאַנע האָט אָנגעוויזען מיט דער הוילער האַנד אין ווינקעלע אויף דער וואַנד אויף אַ ווײַס לײַלעך, מיט וועלכען ס'זענען געווען אַרומגעהאַנגען עטליכע ווײַסע, נאָר-וואָס אויפֿגענייהטע זאַכען.

איטע איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף אַ שטוהל און האָט פֿלינק

אראבגעהאפט פון וואנד א ווייס זיידען קלייד, גלאט געניהט, אהן בעפוצונג. זי האט עס אנגעהויבען ארויפציהען אויף לאנגען און מיט דערזעלבער מינע פון „טהוט מיט מיר, וואס איהר ווילט", האט זי אונטערגעשטעלט איטקען דא אין האנד, דא די צווייטע.

דאס קלייד איז געווען צו-לאנג געניהט און צו-הויך גע-שפילעט; עס האט לאנגען ניט געקליידט און דאס בלאסע פנים איהרס האט געקראגען נאך א בלאסער אויסזעהן. אנושקא האט זיך אראבגעלאזען אויף דער פאדלאגע און אנגעהויבען אויסגלייכען דעם אונטערשטען ברעג פון קלייד.

אונטען האט זיך דערהערט מוזיק און עטליכע מענשען האבען זיך שנעל א לאז געטהון אויף די טרעפ. די ערשטע איז ארויף סלאווע. הינטער איהר איז געשטאנען שפרה און רבקה זונדעלס.

— מזל-טוב דיר, מיין טאכטער, — האט זי ארומגעהאפט סלאווען און שטארק צוגעדריקט צום הארצען, — גאט זאל געבען גליק און מזל אויף לאנגע יאהר!

אין די אייגען האבען זיך איהר געשטעלט טרעהרען; זי האט זיי פלינק אראבגעווישט מיט איהר ווייסען באטיסטענעם טיכעל און אנגעהויבען בעטראכטען לאנגען פון אלע זייטען.

די ווייסע רויז אין די געדיכטע עכט-שווארצע האהר האט אויסגעזעהן צו-שרייענד און צו טרויעריג; זי האט זי ארויסגענומען און פערביטען מיט א העל-בלויער. דאס האט ניט זעהר גע-פאסט צו לאנע'ס געזיכט, אבער דאך האט זי אויסגעזעהן זעלטען שען און אויף איהר בלאסען, צארטען פנים איז געווען אויסגע-גאסען עפיס א געטליכקייט. פונ'ם קליינעם שאכטעל, וואס איז געשטאנען איפ'ן טיש, האט זי ארויסגענומען א גאלדענעם מע-דאליאן, בעשאטען מיט פעריל, אויף א מאסיווער גאלדענער קייט. דאס איז געווען דעם חתן'ס מתנה און דערצו אויך דער בראסלעט, א גרויסע געפלאכטענע בראש, לאנגע בריליאנטענע אויינגלעך און א פיער-עקענדיגער פערמואר, אויסגעזעצט מיט דימאנטען אויף א שווארץ זיידען בענדעל. דאס אלץ איז געשטאנען אנגעגרייט אין אפענע שאכטלעך, נאר סלאווע האט פון זיי גארנישט ניט גע-ריהרט.

—נו, טאָכטערקע, לאָמיר געהן, ס'איז שוין האַלב צוויי.

זי האָט גענומען לאַנען אונטער'ן האַנד און לאַנגזאַם און פאַרזיכטיג זי אַראָבגעפיהרט פון די טרעפ. אונטען, אין עס־צימער, איז שוין געוועזען פול מיט אויסגעפּראַנטעוועטע ווייבלעך און מיידלעך.

לאַנע האָט מיט איין האַנד אונטערגעהאַלטען דאָס שווערע לאַנגע קלייד און מיט דער אַנדערער צוגעדריקט צו זיך דעם ווייסען טשערעפּאַכענעם פאָכער, וואָס איז געהאַנגען ביי איהר אויפ'ן האַלז אויף אַ לאַנג שנירעל.

די אָנגעצונדענע ליכט האָבען זיך צוזאַמענגעמישט מיט'ן שיין פון דער זון, און לאַנע האָט די ערשטע מינוט קיינעם פון די באַקאַנטע ניט דערקענט.

— סקאָצעל קומט! סקאָצעל קומט!... כלי־זמר, צו די כלים!

שלום־שואל דער מאַרשאַלעק, אין זיין בלויער אַכט־קאַנטיגער יאַרמולקע און לאַנגען שוואַרצען סורטוק, איז שוין געשטאַנען אין מיטען שטוב מיט זיינע הויך־אויפגעהויבענע ווייסע הענד, וועלכע האָבען ווייט אַרויסגעשטעקט פון זיינע צו־קורצע אַרבעל.

— צוליעב דער שענער, טייערער כלה, דומה למלכה, אַ שענעם, פיינעם „דאָברי־דזיען!“.

מאיר דער געלער האָט אויפגעהויבען די פידעל, אַ קוק געטהון צוריק אויף זיין קאַפעליע און אַ מאַך געטהון מיט'ן סמיטשיק. יענקעל באַק, אַ הויכער, אַנ'אויסגעדאַרטער יוד, מיט צוויי צושויבערטע פאות, האָט זעהר פריינדליך אַרומגענומען זיין באַס; הירשעל דער זאַק האָט זיך מיט ביידע הענד אַרויפגעוואָרפען אויף זיין צימבעל. און אַנ'אַלטער פוילישער מאַרש, אַ מיליטער־מאַרש, מיט וועלכען דער מלך סאָביעסקי האָט געפיהרט זיין חיל אויף אונגאַרן, האָט אָנגעפילט די שטוב מיט הויכע, שרייענדיגע אומגעלומפּערטע טענער.

לאַנע איז געשטאַנען אַ הייכע, אַ בלאַסע, מיט טיעפע, שוואַרצע, פערוואָלקענטע אויגען, פון וועלכע ס'האָט זיך אַרויסגעשלאָגען

אַ ליכטיגע װײַל, און אידר אָבגעמאַטערטער, צופרידענער בליק האָט, איך אַזוי װי פריהער, געזאָגט:

— קינדערלעך, טהוט אײך, איך דאָס איז נויטיג, און איך דאָס טהוט אייך הנאה; מיר איז אַלץ אײנס...

— שאַט! עד כאן!

שלום-שואל האָט אַ מאַך געטהון מיט'ן האַנד און די כלי-זמר האָבען אָבגעהאַקט.

— מיידלעך טאַנצט!

די כלי-זמר האָבען זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש בײַם אײװען און האָבען זיך צוגעגרייט שפּיעלען.

די אַלטע מירעל, אין איהר העל-ברוינעם אַלט-מאָדישען ראַ-צעמאַרענעם קלײד, מיט זילבערנע „פּליטערלעך“, איז צוגעגאַנגען צו לאַנען, אָהן װערטער צוגעצויגען די צו זיך, צוגעדריקט צום האַרצען איהר שענעם קאָפּ און דעם גרויסען שװאַרצען ראַהם פון די צוגעקליבענע האָדר, און ביידע האָבען זיך שטיל צעווײנט.

מיידלעך האָבען פונאַנדערגערוקט די שטוהלען און זיך גע-פּאָרט צום טאַנצען.

מאיר האָט אָנגעהויבען סטראָיען זײַן פידעל.

שלום-שואל איז אַװעק צום התן.

דאָס זיעבען און צוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

און בײַם „בעזעצענס“, בשעת בתיה, די קאַלע, האָט גע-בראַכט פון ערגיץ-װאו צושלעפּען אַ דײַזקעלע, אַװעקגעשטעלט אין מיטען שטוב, איבערגעדעקט די מיט אַ לאַקשען-בערעט, אַרויפגע-לעגט אַ קישען, פערהאַנגען מיט אַ טאַפעט און אַװעקגעזעצט אויף איהם, לאַנען, האָט לאַנע צום ערשטען מאָל אַזוי נאָהנט דער-זעהן פאַר זיך יעקב הירש'ן, מיט זײַנע לאַנגע געלע באַקען, טרוקענע, אײַנגעצויגענע ליפּען און שפּיציגען גאָרגעל, װאָס האָט אַרויסגעשמאַרצעט פון זײַן דינעם, דורכזיכטיגען האַלז. און אינ-טער דער חופּה און אומעטום האָט זי געשפּירט דאָס זעלבע גע-פיהל: מענשען, װעלכע זענען איהר נאָהנט, װעלכע זי האָט ליעב,

און פאַר וועלכע זי איז גרייט אַוועקצוגעבען ניט איינס, נור צוויי איהרע לעבענס, ווילען, דאָס זי זאָל אַזוי טהון, זיי דאַרפען עס; און זי טאָר זיי ניט מעיז זיין און זי וויל זיי נט אָנטהון קיין פערדרוס...

און ווי טויט, גלייך ווי מ'וואָלט זי פיהרען צו איהר אייגענער לויה, האָט זי זיך איינגאַנצען איבערגעגעבען שפרה'ן און דבורקה'ן אין די הענד, בשעת זיי האָבען איף איהר אַ וואָרף געטהון איהר נייעם פּליושענעם פוטער אויף שוואַרצע פיקס מיט'ן הויכען סוי־בעלנעם קראַגען און אַראָבגעפיהרט זי פון די טרעפּ, צוגעפיהרט זי צו דער חופה אין מיטען ברייטען הויף, אָנגעפולט מיט מענשען.

יאָסעלע און הילקע האָבען מיט רויטע, אָנגעמראָרענע הענד געהאַלטען די געמאָהלטע שטאַנגען פון דער זיידענער אויסגענייה־טער חופה און „ער“ איז געשטאַנען אין מיטען, אין גרויסען פוטער, פון אונטער וועלכען ס'האָט זיך אַרויסגעזעהן זיין נייער ווייסער קיטעל, געשטאַנען און זיך געשאָקעלט מיט צוגעמאַכטע אויגען, גלייך ווי ער וואָלט געשטאַנען שמונה־עשרה, און אַז מ'האָט די אַוועקגעשטעלט צוזאַמען, האָט זי ערשט דערזעהן, ווי פרעמד זיי זענען איינער פון דעם צווייטען.

— הרי אַת מקודשת!...

זיין פערקיהלטער, הייזעריגער קול האָט צום ערשטען מאָל געקלונגען אַזוי נאָהנט פון איהר און איז איהר געווען פרעמד.

— כדת משה וישראל...

און ווידער געשאָקעלט זיך, און ווידער געשטאַנען שמונה־עשרה און ווידער געדאַוונט.

הויף האָט געפלאַקערט דאָס הבדלה־ליכט ביים פאָטער אין האַנד; דאָס ווינדטעל האָט געבויגען דאָס פייער, דער פונאַנדער־געבלאָזענער וואַקס האָט געטריפט און געראָנען איבער זיינע ווייסע פינגער, און אין זיינע שוואַרצע אויגען, בשעת זיי פלעגען זיך אָבשטעלען איפ'ן פייער, פלעגט בלאַנקען אַן אָנגעלאָפענע טרעהר. די מוטער האָט געהאַלטען איהר טיכעל נעבען די אויגען; ר' בנימין האָט געלייענט פון אַ פאַפיר עפּיס משונה'דיגע תרגום־ווערטער, און

„ער" איז געשטאַנען נעבען איהר, צוגעהערט און געשאָקעלט זיך אַ ווילד-פרעמדער.

— מזל-טוב!

ראובן דער שמש האָט אַ וואָרף געטהון יעקב הירש'ן אונטער די פיס דאָס וועלבע גלאָז, פון וועלכען זיי האָבען נאָר-וואָס ביידע אָבגעטרונקען אַ שלוק וויין, דאָס גלאָז האָט זיך צובראָכען און אין דערזעלבער מינוט האָט שלום שאול אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד, די כלי-זמר האָבען אַ ריס געטהון זייערע סטרונעס, און פון אַלע זייטען האָבען זיך אַ שאָט געטהון פרעהליכע, לעבעדיגע:

— מזל-טוב! מזל-טוב! מזל-טוב!...

די חופה-וועטשערע האָט שוין געהאַלטען ביים אויסגעהן, חוץ אין קיך האָבען געקלונגען גאָפּעל-מעסער, די כלי-זמר זענען געזעסען אָבגעמאַטערטע, אין יאַרמולקעס, געווישט די פערשוויצטע שטערענס און געצויגען זיך צום ווייכען האַלב-אויסגעליידיגטען פלע־שעל. ביים אָרימען טיש האָט זיך געהערט אַ געפּילדער: שלמה'קע דער בעדער און יאָסקע שלעפּער האָבען זיך געהאַלטען ביידע פאַר איין לאַנגער געלער קיטקע אָנגעקעצט מיט ראָזינקעס, און דער האָט געשלעפּט צו זיך, דער האָט געשלעפּט צו זיך. יאָסקע מירלעס האָט זיך געשטאַרעט מאַכען צווישען זיי אַ פשרה.

אין צימער איז געווען הייס, ביים מאַנסבילשען טיש איז געווען אַ געהודער, מ'האָט געמאַכט „לחיים" און געצויגען איינער צום אַנדערן די גלעזלעך. ביים ווייבערשען טיש איז געווען גע־לאַסענער, אָבער די קולות — העכער און געדיכטער.

מ'האָט אָבגעגעסען דעם זופּ און מ'האָט געוואַרט אויף די אינדיקעס.

דער חתן האָט נאָר-וואָס געענדיגט זיין דרוש, אַ שטיקעל פערטיעפט חסידי'יש וועגען די עשרה בחינות, וואָס זענען כנגד די עשרה ספירות העליונות; וועגען שכל און וועגען די מדות השכל, וואָס ווערען צוטיילט אויף חכמה, בינה און דעת, און פון דעם פערבאַנד פון חכמה מיט בינה ווערט געבוירען יראה; יראה אָבער

קומט פון מה, פון פערשטאַנד, אהבה אָבער קומט פון האַרצען, פון געפיהל, און דאָס ברייִנגט צו כלות הנפש כמה שכתוב, ווי אין פסוק שטעהט: נכספה וגם כלתה נפשי — מיין זעעל האָט זיך צוזאַמענגעזאָמעלט מיט „אין-סוף“, וכתיב: צמאה נפשי לאלהים — מיין נשמה דורשט צו גאָט . . .

ער האָט גערעדט, געמאַכט מיט די הענד, און לאַנגע האָט געזעהן פון ווייטען, ווי די אויגען זיינע וועהרען אַלץ מעהר בעגייסטערט און אָנגעצינדען, און זיין קליין שפּיציג גאָרגעל געהט אַרום, אַרויף און אַראָב, אין זיין הייליגען דורכזיכטיגען האַלז.

ער האָט געענדיגט און יודען האָבען מיט גרויס התפעלות אָנגעהויבען פּאַטשען מיט די הענד, און ווייבער האָבען זיך אָנגעהויבען צודרעהן צו לאַנגען פון אַלע זייטען טיש, אַרומנעהמען זיי, קושען און האַלטען מיט אַ ליעבליכער, פריינדליכער קנאה אין האַרצען.

פון פאָדערשטען צימער האָט זיך דערהערט אַ געוויש; די כאַרוועד האָבען אָנגעהויבען טראָגען פון קיך גרויסע טעלער מיט געבראָטענע עופות, אינדיטשקעס, גענז, ענטלעך. הויך איבער די קעפּ פון די געסט האָבען זיי צושטעלט איבער די טישען די טעלער, אַזוי, אַז קיינעם זאָל ניט אויסקומען ווייט צו קריכען, אָדער אַנ-איבעריג מאָל וועמען-ניט-איז צו בעמיהען; דער עולם האָט זיך גענומען פאַר די גאָפּלען; שלום שואל איז אַרויף אויף אַ שטוהל, און אַנ'אויסגעקעהרטען שעפּקענעם פּעלץ, אויסגעשמירט דאָס פּנים מיט כאַזשע. ער האָט זיך געמאַכט פאַר אַ ציגייִנער, גערעדט ציגייִנעריש און זיינע געדיכטע ווייסע ציינער און די ווייסאַפּעל פון די אויגען האָבען געבלאַנקט. ער האָט גערעדט, און דער עולם האָט געגעסען און קיינער האָט אויף איהם כמעט ניט געקוקט. העכער האָבען געקלונגען די גאָפּעל-מעסער, געהויבענער איז גע-וואָרען די שטימונג, אָפטער איז געהאַנגען אין לופטען דער פרעה-ליכער „לחיים!“

אין פּלוצלונג האָט זיך אַלץ איבערגעריסען.

פון מיטען מאַנסבילישען טיש האָט זיך אַרויסגעריסען אַ שטים, אַ טרויעריגע, אַ זיסע, אַ בעצויבערטע.

דער בלינדער שטאָדט־חזן ר' ראובן האָט ניט מיט די אויגען (זיי זענען ביי איהם געווען צוגעמאַכט), נור מיט די אויערן געזוכט עפּוס אין גרויסען צימער, אָנגעפּילטען מיט טומעל, געזוכט עפּיס — און געפונען. ער האָט אָבגעשטעלט זיין פינסטערן בליק דורך די צוגעמאַכטע אויגען אויף דער כלה, און זיין צויבערליכע שטים האָט אָנגעהויבען קלינגען נאָך הארציגער.

— שכולה, אכו—או—או—או—ל—לה, למה תי—י—י—יבכי?

ער האָט געזונגען אַ מתנגדישען פּזמון וועגען אַ פערוואָרפענער, וועגען אַ פעריתומטער, וואָס וויינט, וויינט אויף איהר געליעבטען און וויל זיך ניט טרייסטען.

— תכי מעט ויבוא אורך — וואַרט, נאָך אַ קליין ווײַלינקע וואַרט־אָב — און דיין ליכט וועט ווידער אויפשיינען.

דורך זיינע צוגעשלאָסענע אויגען האָט זיין זעהענדיגע נשמה טיעף אַריינגעקוקט אין לאַנגעם פערקלעמט הארץ און האָט דאָרט געלעזען אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען אויסגעקריצט. אַלץ, וואָס ס'האָט איהר געקרענקט.

— ועל הר ציון אֶ—אֶ—אצוק נצחי — אויף דעם פעריתומטען, אויף דעם אויסגעטראָטענעם באַרג פון ציון וועל איך אויסגיסען מיין פרייד, און אַ ניי לעבען וועט אויפשפּראָצען דאָרט, וואו ס'האָט געשוועבט דער שטילער טויט, און פערטריבענע וועלען זיך אומקעהרען צו זייערע געליעבטע, און ס'וועט ניט זיין מעהר קיין טרויער, און ס'וועט ניט זיין מעהר קיין פּיין...

הויך און זיכער האָט געקלונגען זיין שטים, פול מיט בטחון, פול מיט גלויבען.

— הנה מלכך יבוא, יבוא לך!...

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און אַ קעהר געטהון צו דער טהיר, אַזוי ווי דער מלך איהרער וואָלט שוין שטעהן ביי דער שוועל און אַלע האָבען נישט ווילענדיג אומגעקעהרט זייערע פּנימ'ער צו דערזעלבער טהיר.

ס'איז געווען שטיל, מאיר דער כלי־זמר איז געשטאַנען ביי זיין טישעל און מיט פערטרוימטע פונאַנדערגעעפענטע אויגען געקוקט

אױפ'ן בלינדען חזן. בײם אָרימען טיש, װי אין גאַנצען צימער, האָט געהערשט אַ הײליגע שטילקײט.

— ה' מֶלֶךְ! — האָט ער אָרױסגעריסען זײן בלינדען קוק פון דער אָפענער טהיר אין הױף, װי אַ העראָלד, אָנגעזאָגט דעם עולם מיט אַ שטים פון אַ תקיעה גדולה — ה' מֶלֶךְ! ה' יִמלֹךְ לְעוֹלָם וָעֶד!

ער האָט זיך שװער אַװעק געזעצט אױף זײן אָרט און אין דערזעלבער מינוט האָט די כלה אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד, אָבגעװאָרפען זיך אַהינטער אױפ'ן שטוהל און בעגאָסען זיך מיט הײסע שטיקענדע טרעהרען.

אַנ'אױפגערודערטער געפילדער האָט זיך אָנגעהױבען אין זאַל. שלום שואל האָט אַ מאַך געטהון צו די כלי-זמר און זײ האָבען באַלד אָנגעהױבען צו שפּיעלען אַ פרעהליכס.

— אַ רעדעל! אַ רעדעל!

די װײבער זענען אַרױס פון טיש, זיך גענומען פאַר די הענד און אָנגעהױבען זיך דרעהען אין מיטען צימער, טופּענדיג מיט די פיס. מאיר דער געלער האָט זיך מיט אַלע זײנע כחות אַרױסגעװאָרפען אױף זײן פידעל, כדי אַרױסצוצײכען פון איהר דאָס בעסטע און דאָס פרעהליכסטע, װאָס זי האָט; הירשעל האָט מיט בײדע זײנע האַמערלעך געקלאַפּט אין צימבעל, און די װײבער, מאַכענדיג אַלץ גרעסער און גרעסער די ראָד, האָבען געטופּעט און געטאַנצט, געטאַנצט און געטופּעט...

אין מיטען טאַנצען האָט זיך חנה צײטלין אַרױסגעריסען פון ראָד און זיך אַװעקגעשטעלט אין מיטען, װאַרטענדיג אױף אַ חברטע. עטליכע מינוט האָט זי געקוקט אַרום זיך מיט איהרע קײלעכדיגע קלוגע אױגען, געהאַלטען בײדע הענד אױף די לענ־דען און געװאַרט.

אַנטקעגען איהר איז אױסגעװאַקסען רחל ליװענסאָן, אַ הױ־כע, געװאַקסיגע ייִדענע מיט אַ פולען רױטען פנים. באַלד האָט זיך דאָס גאַנצע רעדעל אָבגעשטעלט און מאיר האָט אָנגעהױבען צו שפּיעלען „אַ ברוגז-טאַנץ".

מאיר האָט געשפּיעלט, אַלע אַרומיגע האָבען געפּאַטשט

מיט די הענד און רחל מיט חנה׳ן, איינע אַ הויכע און אַ שוואַרצע, די צווייטע אַ קורצע און אַ פּלינקע, האָבען געטאַנצט איינע אַנטקעגען דער אַנדערער, אומגעקעהרט זיך איינע צו דער צווייטער מיט די רוקענס, ווידער אַרייַנגעקוקט איינע די צווייטע אין די אויגען און ווידער אומגעקעהרט זיך איינע צו דער צווייטער פֿריהער מיט די רוקענס, נאָכדעם מיט די פּנים׳ער. און ווען ביידע האָבען זיך פֿערמאַטערט און אַרויס פֿון ראָד, האָט זיך אין מיטען זאַל בעוויזען סלאַווע.

זי האָט זיך אָבגעשטעלט, אַרומגעקוקט, אַרויסגענומען איהר טיכעל, אַרומגעפּאַקט זיך, עטוואָס אויפגעהויבען דעם ברעג פֿון קלייד און אַ מאַך געטהון מיט׳ן קאָפּ צו מאיר׳ן.

— די מיזינקע!

יאַכעלע איז אַרויסגעשפּרונגען מיט די פֿיס אויפ׳ן שטוהל און אָנגעהויבען פּאַטשען מיט די הענד און שרייען הויך איבערן גאַנצען זאַל.

— די מיזינקע! קינדער אַהער, די מיזינקע! די מיזינקע!

מאיר האָט אַ ריס געטהון מיט די פֿינגער אַלע פֿיער סטרונעס; סלאַווע איז דורכגעגאַנגען דעם זאַל און האָט אויפגעהויבען אין דער הויך די רעכטע האַנד מיט׳ן טיכעל.

בריַיטער, בעסער.
מאַכט דאָס רעדעל גרעסער...

העכער, בעסער האָט זי געזונגען, בריַיטער, גרעסער איז געוואָרען אַרום איהר דער עולם און העכער שטאַרקער האָט זי געפּאַטשט מיט די הענד, געטאַנצט. און צוזאַמען מיט איהר האָט געטאַנצט דער בריליאַנטענער פֿערמואַר אויף איהר ווייַסען פֿערשוויצטען שטערן און די צוויי פּאָר דימענטענע אוירינגלעך, — איינס אין די קליינע אויסגעטאָקטע אויערן און דאָס צווייטע אויף די שלייפֿען ביי ביידע ברעגען פֿון איהר שוואַרצען אַטלעסענעם האָהר=באַנד.

עס איז איהר געבליבען דורכגעהן דעם לעצטען טור, זי האָט פערוואָרפען הינטער זיך דעם קאָפּ, אונטערגעהויבען ביידע ברעגען פון קלייד און איהרע ווייסע לאַסטיקענע שיכעלעך האָבען זיך אַרויסגעזעהן אינגאַנצען.

מאיר האָט דאָס לעצטע מאָל אַריב געטהון די סטרונעס און זיי האָבען אַלע מיט אַמאָל דערלאַנגט אַ פרעהליכען, אַ יום־טוב'דיגען קרעכץ.

און אין דערזעלבער מינוט האָט זיך הורך דער טהיר אַריינגעריסען אין צימער העניע־מיכלע און איהר ווילדער פערטומענער קול האָט בעדעקט אַלעץ.

— סאָלדאַטען!!...

און פאַרהויז האָבען זיך דערהערט געדיכטע, שווערע טריט און אַ קלאַנג פון שטאָהלענע שפּאָרען און אויסגעשטעלטע ביקסען.

———

אין דער קאַלטער פינסטערניש פון דער נאַכט האָבען זיך געהערט אָבגעהאַקטע אייזערנע טריט; סלאַווע בערלין און הנה צייטלין זענען שטיל געגאַנגען איינע נעבען דער צווייטער אַרומגערינגעלט מיט אַ „קייט“ פון זשאַנדאַרמען מיט סאָלדאַטען. ביידע זענען די געגאַנגען אין זייער יום־טוב'דיגער ציהרונג און רייך בעפוצטע ציפּיקלעך. עמיצער האָט אַרויפגעוואָרפען אויף סלאַווען אַ וואַרימען סאָלאָפּ מיט אַראָבגעהאַנגענע אַרבעל; זי האָט אויפגעהויבען איהר העל־זיידען קלייד און איהרע ווייסע שיכעלעך האָבען זיך אויסגעטיילט אויף דעם טונקעלן עטוואָס דורכגעפראָרענעם שניי. הנה איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ גרויסען וואַרימען טוך. זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם מאַרק און אָבגעקעהרט אויף סמאָלענסקער גאַס. פון הינטען איז שטיל און דערשלאָגען נאָכגעגאַנגען אַ געדיכטע, שוואַרצע לויה.

פון יענער זייט בריקעל אויפן ראָג איז אויסגעוואַקסען אַ שוואַרצער פערשטומטער טורם פון אָסטראָג.

אַ שרעקליך, אוּנמענשליך געשריי האָט דורכגעבויערט די שטילקייט פון דער נאַכט און אַ ריס געטהון זיך צו די וויטע פערשטומטע הימלען — איטקע יוזיק'ס האָט בעקלאָגט איהר מוטער.

———

אין פינסטערן אויסגעלאָשענעם התונה־צימער, הינטער דעם איבערגעקעהרטען טיש, צווישען צובראָכענע געשיר און ביז האַלבּ־אָראָבגעשלעפּטע טישטוכער און אַ העל־ברוינעם ראַצעמאָרענעם קלייד מיט אָנגענייהטע זילבּערנע פליטערלעך איז געלעגען מיכאל.

זי איז געווען טויט...

———

דריטער טייל.

דאס אכט און צוואנציגסטע קאפיטעל.

ניקאלאי דער ערשטער איז געוועזן איינער פון די גרעסטע און מעכטיגסטע זעלבסט-הערשער, וועלכע רוסלאנד האט נור געקענט.

ביי זיין ארויפטרעטען אויף דעם רוסישען טראָהן, איז רוסלאנד, די „רעטערין פון איירָאפּא", געשטאנען אין די ערשטע רייהען אין דער וועלט-פאליטיק; דער פאליטישער צושטאנד אין רוסלאנד, נאך דעם דורכפאל פון די „דעקאבריסטען", האט אוועקגעשטעלט דעם יונגען בעזיעגער פון דער העכסטער רוסישער אריסטאקראטיע — וועלכע איז אויך געוועזן די איינציגע קולטור-טרעגערין אין לאנד — בראש פון יענער געוואלדיגער מאכט, וואס האט געפודערט א וועלט-מדינה. און די נאטור האט איהם בעשאנקען מיט אזעלכע גייסטיגע און קערפערליכע אייגענשאפטען, וועלכע האבען איהם נאך אלס קינד אויסגעצייכענט פון אלע ארומיגע.

אן אייזערנער ווילען, וואס ברעכט און ווארפט אב אלץ, וואס ער בעגעגענט אויפ'ן וועג צו זיין אנגעמערקטען ציעל; א העלדישער

זאַקם און אַ קיק, פֿון וועלכען נערוועזע מענשען פֿלעגען פֿאַלען אין אָהנמאַכט,— דאָבן אַלין האָט איהם פֿון דעם ערשטען טאָג אָן פֿון זיין רעגירונג אַרומגעוועבט מיט אַ לעגענדע. אויף זיין וויעגעלע, בעת ער איז נאָך געווען אָנדערטהאַלבען יאָהר אַלט, האָט זיין באָבע, יעקאַטערינאַ די גרויסע, נביאות געזאָגט, אַז ער, דער יונגסטער פֿון די דריי גרויספֿירסטען,— וועלכער האָט זיך גאָר ניט געגרייט צו זיין קיין „צעסאַרעוויטש“,— וואַקסט אַ קינפֿטיגער זעלבסט-הערשער, וואָס וועט אין פֿעסטע הענד האַלטען די גרעסטע מדינה אין דער וועלט.

צום וואָרט פֿון רוסישען זעלבסט-הערשער האָט זיך צוגעהערט אַ האַלבע וועלט. יאַפּאַן און טערקיי האָט ער געדיקטירט זיין ווילען, מאַדיאַרען און סאַרדיניער זענען געווען גרייט צו טהון דאָס, וואָס ער וועט הייסען, פּערסיען און חינאַ האָבען געוואַרט אויף זיין גוט-וואָרט, אַמעריקאַ — דאָס לאַנד פֿון לעבען און פֿרייהייט — האָט געזוכט זיך צו פֿעראייניגען מיט איהם אין אַן עקאָנאָמישער און האַנדעלס-פֿערבינדונג. נור אין איין לאַנד איז זיין אונבעגרענצטע מאַכט געווען אָבגעהאַקט, זיין אייזערנער ווילען האָט נישט געהאַט קיין ערפֿאָלג: אין . . . רוסלאַנד.

אין דערין איז געלעגען דער סוד פֿון דער אונבעגרענצטער מאַכט, פֿון דער זעלבסט-הערשענדער רעגירונגס-מאַשין. דאָרט, ווייט, ביי דעם ווייטעסטען און קלענסטען רעדעל פֿון מאַשין, איז געשטאַנען עפּיס אַ סטראַחאָוו, אַ קליינער קאָלעגיען-ראַטה, איינער פֿון יענע פֿערציג טויזענד „סטאָלאָנאַטשאַלניקעס“, וואָס זענען — לויט דער אייגענער מיינונג פֿון ניקאָלאַי — געווען די איינציגסטע הערשער איבער'ן לאַנד. און ניט דער קליינער, אונבעוואוסטער בעאַמטער האָט זיך צוגעהערט דערצו, וואָס ס'האָט געהייסען טהון דער וועלט-הערשער, ניקאָלאַי, ניין, דער זעלבסט-הערשער ניקאָלאַי האָט געטהון דעם ווילען פֿון דעם אונבעוואוסטען קאָלעגיען-ראַטה.

אין דער נאַכט פֿון 7-טען אויף דעם 8-טען אַפּריל 1826, אַ וואָך פֿאַר פּסח, האָט סטראַחאָוו ברייט פֿונאַנדערגעעפֿענט די

טהירען פון דער פינסטערער טורמע פאַר כלאַווע בערלין און חנה צייטלין און פון דערזעלבער מינוט אָן איז ער געוואָרען דער איינ-ציגסטער בעל-הבית אויף דאָס לעבען און שטאַרבען פון דער גאַנ-צער יודישער בעפעלקערונג אין שטאָדט, פון דעם גאַנצען יודישען פאָלק אין רוסלאַנד.

ווייט ערגיץ-וואו, איבער צעהנדליגער וויאָרסט פון דעם אָרט, וואו ער האָט מיט קונסטיגע ווי פערכשופטע הענד געפלאָכטען די נעץ, אין וועלכע — ער איז געוועזען זיכער — דאַרפען אין גיכען אַריינפאַלען די קריסטום-און מענשען-פיינד, וואָס טרינקען קריסטליך בלוט (און דערין איז ער אויך געוועזען בעגלויבט), איז געזעסען זיין אָפיציעלער בעל-הבית, דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָוואַנסקי. נאָר דעם האָט ער פון דער ערשטער מינוט אָן געמאַכט פאַר זיין קנעכט, מיט וועלכען ער האָט זיך בענוצט נור דאַן, ווען ער האָט זיך געדאַרפט צוזאַמענבינדען מיט די ווייטערסטע רעגירונגס-ספערען, וואָס אָהן זיין געהילף האָט מען עס ניט געקאָנט אויספיהרען. נאָך ווייטער איז געוועזען דער „הערשענדער סענאַט"; ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון געזעץ. אָבער דעם סענאַט האָט ער ניט גע-פאָלגט. נאָך העכער איז געשטאַנען דער יוסטיץ-מיניסטער, אָבער מיט דעם מיניסטער האָט דער קאָלעגיען-ראַטה סטראַכאָוו ניט גע-האַלטען פאַר אַ חוב זיך צו רעכענען אין אַ פראַגע, וואָס איז אינ-גאַנצען געוועזען אָנגעטרויט איהם, און נור איהם אַליין. נאָך העכער און נאָך ווייטער איז געשטאַנען אויף די ביוראָקראַטישע טרעפ דער פערוואַלטער פון הויפט-שטאַב פון קייזערליכען הויף. איהם האָט ער מעהר געגלייבט, אָבער ערנסטער ווי אַלעמען האָט ער געגלייבט (אין די מודעות וועגען דער אויספאָרשונג, וואָס ער פלעגט צושיקען דורך האָוואַנסקי'ן) דעם, וואָס איז געשטאַנען ווייטער און העכער פון אַלעמען: דעם קייזער אַליין. דער קייזער האָט איהם געגלויבט, און נאָכדעם האָט זיך שוין סטראַכאָוו מיט קיינעם ניט געדאַרפט און ניט געוואָלט מעהר רעכענען: די איבעריגע האָבען זיך אַליין גע-לאָזט נאַרען און גענאַרט די אַנדערע.

ערב-פסח זענען אונטערן שווערען שטיינערנעם סופיט פון דער

גראָסער אַלטער טורמע אַריין צוויי יודישע ווייבער: סלאַווע און חנה און צו די אַנדערע טעג פּסח איז שוין די יודישע בעפעלקערונג אין טורמע געווען פערגרעסערט. מירקע אַראָנסאָנ׳ס שכן, יצחק נאָחימאָווסקי, אַ הויז־און געטריידע־הענדלער, אברהם גלושקאָוו און יאָסע טורנאָווסקי, ביידע נאַכט־שומרים פון שמריה׳ס הויף, „שמריה דער גראָבער” און זיין נייער איידעם, יעקב־הירש — אַלע זענען זיי, איינער נאָכ׳ן צווייטען, אַריין אין דעמזעלבען טורם. און אויב די איבעריגע יודען פון שטאָדט זענען נאָך אַרומגעגאַנגען פריי, איז דאָס געווען דערהויפּט דערפאַר, וואָס אין דער גראָסער אַלטער טורמע זענען שוין ניט געווען מעהר קיין בעזונדערע אָפּטיילונגען, נייע טורמעס זענען נאָך ניט געווען אָנגעריכט און סטראַכאָוו האָט זיך בכלל ניט געהאַט וואָס צו איילען: די יודען — האָט ער געוואוסט — וועלען פון איהם סיי־ווי־סיי ניט אַוועקגעהן.

לויט געזעץ, האָט די אויספאָרשונג געדאַרפט זיין געפיהרט דורך דעם אָרטיגען סטריאַפּטשי. סטראַכאָוו האָט געזעהן, אַז אויף איהם קאָן ער זיך ניט פערלאָזען, האָט ער איהם ניט צוגעלאָזט צו דער אויספאָרשונג, כאָטש דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט, ער זאָל אָבהיטען דאָס געזעץ. האָוואַנסקי׳ס צווייטער אַדיוטאַנט, וואָס איז געקומען אויף בענקענדאָרפ׳ס אָרט, דער קאַפּיטאַן וואָלאָסענקאָוו, איז פון דער ערשטער מינוט אָן אַוועק מיט בענקענדאָרפ׳ס דרך. ער האָט קריטיקירט דאָס עדות־זאָגען פון די קריסטינס און אויפגעוויזען אין קאָמיסיע, אַז זיי זאָגען ליגען. און וואָלאָסענקאָוו׳ן האָט ער אָבגעטהון דאָסזעלבע, וואָס ער האָט געטהון מיט זיין חבר: אויסגעשלאָסען איהם פון קאָמיסיע און אָבגעשיקט צוריק קיין וויטעבסק. דער קרימינעלער קאָדעקס פון יענער צייט האָט געפאָדערט, אַז דער הויפּט־אויפזעהער איבער דער אויספאָרשונג, אין וועלכער ס׳איז פערמישט אַ טויט־פערברעך, זאָל זיין דער „גובערנסקער סטריאַפּטשי” פאַר קרימינעלע פערברעכענס; סטראַכאָוו האָט איהם געקענט פּערזענליך און האָט געוואוסט, אַז ער וועט איהם נישט זיין קיין העלפער, און ער האָט געפועל׳ט ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז ער זאָל איהם צושיקען אַנדערע צוויי בעאַמטע. די דאָזיגע

בעאמטע האבען גאר קיין שום שייכות ניט געהאט צו אויספארשונגס־פראצעסען. ער האט אבער געוואוסט קלאר, אז מיט די וועט ער מאכען, וואס ער וועט וועלען. און דוקא די האט ער ארויסגעפאדערט פון וויטעבסק צו נעהמען מיט איהם אנ'אנטייל אין קאמיסיע. לויט די גרונד־געזעצען פון יענער צייט, האט אין יעדער אויספארשונגס־קאמיסיע בעדארפט אנ'אנטייל נעהמען א פארשטעהער פון מאגיסטראט, און דער דאזיגער פארשטעהער איז כל ימיו געוועזען איינער: דער ראטמאן יודיק ציטלין. און אויף דער פאדערונג פון פראקורער, אז צו דער ארבייט אין קאמיסיע זאל צוגעלאזען ווערען יודיק, האט סטראכאוו געענטפערט דערמיט, וואס ער האט יודיקין אליין אויך ארעסטירט און אריינגעזעצט אין טורמע. עס איז אבער געווען נאך א געזעץ, לויט וועלכען ביי אנ'אויספארשונג האט זיך בעדארפט געפינען, אחוץ דעם פארשטעהער פון מאגיסטראט, אויך ווער־ניט־איז פון דער יודישער בעפעלקערונג. סטראכאוו האט אויסגעוויזען האוואנסקי'ן, אז ביי יודען איז ניטא קיין שבועה, אז די שבועה, וואס זיי גיבען צו זיין טריי־אונטערטעניג דעם קייזער, ווי אלע איבעריגע בירגערליכע און געזעלשאפטליכע התחיבות, האט אין זיך אזעלכע בעהאלטענע פעלשונגען, וואס גיבען זיי פאר־אויס די מעגליכקייט צו טהון און זאגען, וואס זיי ווילען, וואס זיי לוינט און וואס זיי נוצט, צום שאדען פון רוסישען קייזער און רוסישען פאלק...

ראיות — קיין ראיות האט מען ניט געדארפט אויף א זאך, וועלכע איז נוגע געווען דעם יודישען גלויבען, דעם יודישען רעכט, דער יודישער עהרע. אחוץ מענשען־פרעסער, זויפער פון קריסטליכען בלוט, געגנער פון קריסטליכען גלויבען, זענען יודען פעררעכענט געווארען אויך פאר שבועה־ברעכער, פאר פערביסענע פיינד פון דעם רוסישען טראָן; און ניט נור וועליזשער יודען אליין, נאר יודען בכלל, די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין רוס־לאנד, דאס גאנצע יודישע פאלק.

אין דעם זין האט האוואנסקי, לויט סטראכאווס מאטעריאלען, וואס ער האט איהם צוגעשיקט פון וועליזש, צוגעשטעלט אנ'אלער־

העכסטען דאָקלאַד דעם קייזער און אויף דעם דאָזיגען דאָקלאַד האָט ניקאָלאַי מיט זיין אייגענער האַנד אָנגעצייכענט: „...אַזוי ווי די וועלישער מעשה בעווייזט, אַז די זשידעם ניצען־אויס די גלייכגילטיגקייט צו זייער גלויבען ניט אָרענטליך, איז כדי אַנדערע זאָלען דערפון אַראָפּנעהמען אַ מוסר, זאָל מען די זשידעשע שוהלען אין וועליזש צוהתמ׳ענען ביז אַ בעזונדער בעפעהל און ניט דערלויבען קיין גאָטעס־דיענסט ניט אין די שוהלען גופא, ניט אויסער זיי״...

און ערב ראש־השנה (אָנהויב סעפּטעמבער 1826) איז די הויכע שוהל און אַלע מנינים אַרום איהר פּלוצלונג בעלאַגערט גע־וואָרען פון אַלע פּיער זייטען מיט פּאָליציי, סאָלדאַטען און זשאַנ־דאַרמען.

ס׳איז געווען באַלד נאָכ׳ן דאַווענען. אין שוהל איז שוין געווען ליידיג — וויל די מתפללים האָבען זיך היינט מעהר ווי אַלע מאָל געאיילט אַהיים צוליעב ערב־יום־טוב. ראובן דער שמש האָט אָנגעשטעקט גאַנצע ליכט אין די ריין־אויסגעשייערטע לייכ־טער און די הענג־לאָמפּען; ער האָט אויפגעהאַנגען פאַר׳ן אָרון־קודש אַ נייעם ווייסען פּרוכת מיט אַנ׳אויסגענייהטען מגן־דוד און אַ „לפ״ק״, וואָס די פערשטאָרבענע מירע אַראָנסאָהן האָט אַריינ־געטראָגען אין שוהל צוליעב לנעם התונה, אָנגעגאָסען אין נר־תמיד אייל און אַוועק אָנשלאָגען די גרויסע קאָרענע פּושקע מיט שמעק־טאַבאַק. און אין דערזעלבער מינוט האָט זיך אין שוהל אַריינגעריסען אַ משונה׳דיגער גערודער און פיעל מענשען זענען צוזאַמען אַריין דורכ׳ן טהיר. ער האָט צוגעשטעלט צו די אויגען זיין טחקענע, דאַרע האַנד. און האָט דערזעהן נעבען זיך סאָלדאַטען, זעהר פיעל סאָלדאַטען. עטליכע פון זיי האָבען זיך געצויגען צו איהם, נור ער האָט זיך אויסגעדרעהט און איז געשווינד אַוועקגעלאָפען צום ארון־קודש. ער איז אַרויפגעלאָפען אויף די טרעפּ, אומגעקעהרט זיך מיט זיין קרומען אויסגעבויגענעם רוקען צום ארון און מיט ביידע הענד אָנגענומען זיך פאַר די פאַרע־צעם, כדי צו בעשיצען מיט זיין קליינעם דאַרען קערפער די הייליגע תורות. צוויי סאָלדאַטען, וואָס האָבען איהם נאָכגעיאָגט, האָבען זיך

אַ ווילדע אָפּגעשטעלט, קוקנדיג אויף זיינע אויסגעפּלאַקערטע אויגען און לאַנגער גרויער באָרד, וואָס האָט זיך געטרייסעלט אויף זיין פאַנאַנדערגעשפּליטען האַלב־הוילען האַרץ. דער „קוואַרטאַלנער" לוקאַשעוויטש האָט זיי אַ וואונק געטהון און זיי האָבען איהם אַראָפּגעשלעפּט פון די טרעפּ און פערדרעהט די הענד אַהינטער. דער פּאָרוטשיק סטעפּאַנאָוו האָט געהייסען עפענען דעם ארון און אַרויסנעהמען פון דאָרט די תורות. עטליכע מינוט האָט אַ סאָלדאַט געשלעפּט אין אַלע זייטען דעם פרוכת און האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי איהם צו עפענען. ענדליך איז איהם געלונגען אָפּצורייסען איהם אַ ביסעל פון אַ זייט און עפענען איין טהירעל. די איבעריגע סאָלדאַטען האָבען אָנגעהויבען אַרויסצונעהמען די ספרי־תורות איינציגווייז, אַרויסטראָגען זיי אין דרויסען און לעגען אויף אַ הויכען וואָגען, אויף אַ פאַנאַנדערגעשפּרייטע ראָגאָזשע. איינע נאָך די צווייטע האָט מען אַרויסגעטראָגען אַלע ספרי־תורות פון שוהל און די מגינים פאָרום און אַז אַלץ איז געוואָרען פאַרטיג, האָט סטעפּאַנאָוו געהייסען ראַבינען געהן נאָך איהם. ער איז געשטאַנען ווי אַ פערהלומטער, ניט אַרויסרעדענדיג אַ וואָרט, און די סאָלדאַטען, וואָס האָבען איהם געהאַלטען פאַר די הענד, האָבען איהם פריהער אַ טרייסעל געטהון און דערנאָך אָפּגעפירט צו דער טהיר.

ער האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ און האָט צום לעצטען מאָל בעקוקט די שוהל, זיין שוהל. דער ארון־קודש איז געבליבען האַלב אָפען, דער ווייסער פרוכת אָפּגעוואָרפען אָן אַ זייט; אין די לייכטער אויף דער בימה האָבען קוים געשטאַרצעט צוויי ווייכע ליכט, דער שופר האָט זיך פעריתומט געוואַלגערט אויפ'ן ברעג טיש, און נר־תמיד האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון דאָס קליינע פייער'ל און דאָס לעצטע מאָל בעלויכטען זיין לאַנגען און שווערען וועג.

די שוואַרצע געשמידעטע טהיר האָט זיך שווער צוגעמאַכט און סיהאָט זיך דערהערט אַ קרעכצענדער געראויש פון אַ פערזשאַווערטען אייזערנעם ריגעל.

ווייט פאָרום דעם הויכען אָנגעלאָדענעם וואָגען זענען די צ־

שטאנען מענשען, יודען און קריסטען, מיט טויט-דערשראקענע פנימ'ער.

דער פודרמאן האט א טרייב געטהון די פערד, און די תורות האבען זיך אנגעהויבען צו ווארפען און קלאפען איינע אן דער צווייטער. ראובנ'ען האבען צוויי סאלדאטען געפיהרט פון הינטען.

דער וואגען האט א קעהר געטהון פון שוהל-האף אין קלויסטער-געסעל, ארום אויפ'ן מארק און אפגעשטעלט זיך ביי די צוגעמאכטע טויערן פון פאליציי-הויף.

ווייט ארום איז געשטאנען נאך א גרעסערער עולם, ווי פריהער, און האט געשוויגען. עמיצער איז געגאנגען עפענען דעם טויער.

פלוצלונג האט ראובן ארויסגעריסען איין האנד, אנגעהאפט זיך פאר זיין לינקען לאץ און מיט כח א ריס געטהון זי אראפ.

ער האט צוגעמאכט די אויגען, צוזאמענגעשטעלט די פיס און זיך א נויג געטהון:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא! — האט זיך הויך איבער'ן מארק פונאנדערגעטראגען זיין הארט הילכיגער קול — בעלמא דברא כרעותיה וימליך מלכותיה ויצמח פורקניה...

די סאלדאטען האבען איהם דערשראקען ארומגעהאפט פון ביידע זייטען, אריינגעשטופט אין אפענעם טויער און צוגעמאכט עם הינטער איהם.

דער עולם איז ווייט געשטאנען ארום און לאנג זיי פערשטיינערט זיך פון ארט ניט געקאנט רירען.

דאס ניין און צוואנציגסטע קאפיטעל.

קלאוען האט מען א לאנגע צייט ארומגעפיהרט עפעס איבער הויכע שווערע טרעפ און די טרעפ זענען געווען קאלטע, הארטע און גליטשיגע און האבען זיך געדרעהט אלץ העכער און שמעלער.

זי האט ניט געזעהן וואוהין זי געהט און האט ניט געזעהן, וואס בלייבט הינטער איהר. זי האט נור געפיהלט א האנד, א שווערע מענשליכע האנד ביי זיך אויף דער פלייצע, — א האנד, וואס דריקט, וואס בעפעהלט און מען מוז פאלגען.

אין דאס האט זי געקרענקט מעהר ווי אלץ.

זי איז ניט געוועהנט געווען, מען זאל איהר בעפעהלען, זי זאל דארפען מיט געוואלט טהון וועמעס עס איז ווילען. זי איז געוועהנט געווען, מען זאל זי פאלגען, מען זאל זיך צוהערען צו איהר ווילען און טהון, וואס זי הייסט. און ווען א קליינע, שווערע טהיר האט זיך אין דער פינסטער געעפענט פאר איהר און מיט א געוואלדיגען גערויש צוגעמאכט אהינטער איהר, איז איהר די ערשטע מינוט געווארען גרינגער: זי איז געבליבען אליין אין די האנד, די שווערע, פרעמדע האנד, איז פון איהר אראב־געפאלען, און אין דער מינוט האט זי מעהר קיין זאך נישט גע־דארפט.

א קאלטער, פערשטיקטער גערוך האט זי ארומגעכאפט פון אלע זייטען. זי האט א פאאר טריט געטהון איבער די שטיינערנע דילען און די הויכע קנאפעל פון איהרע שיך האבען הילכיג אבגעקלונגען ביי יעדען טריט. זי האט נאך א פאאר טריט געטהון און האט זיך אנגעשטויסען אן א וואנד, א קאלטע און א פייכטע; זי האט זיך שטארקער איינגעוויקעלט אין איהר פעלץ, האט זיך אנגעשפארט מיט'ן רוקען אן דער וואנד, צוגעמאכט די אויגען און געבליבען שטעהן אונבעוועגט, ווי א פערגליווערטע. אין די אויערן איז נאך ביי איהר געשטאנען דער התונה־טומעל. זי האט צוגעדריקט איהרע קאלטע פינגער צו די שלייפען; זיי האבען געברענט און ווי צוויי האמער־לעך האבען אין זיי ביידען געקלאפט הארט, אפט און ערנסט.

זי האט זיך נאך שטארקער צוגעדריקט מיט'ן רוקען צו דער וואנד; איהרע אנגעמאטערטע פוס זיינען געווען כמער חלשותע, די פינ־גער האבען געברענט, די איינגע, צו־הויכע טאנץ־שיכעלעך, דאס איינגעצויגענע לייבעל האט געדריקט די ברוסט און דער גארטעל פון קליידעל האט געשניטען דאס לייב. נור מעהר ווי אלץ האט זי געמאטערט דער שווערער פאנצער־בראכלעט מיט די אראבגע־האנגענע שנירעלעך, וואס האט הילכיג געקלונגען ביי יעדען אויפ־הויבען די האנד.

אין די שטילקייט ארום איז געווען א שווערע, א דריקענדע, א

הילכיגע, און די פֿינסטערניש איז געוואַקסען פֿון מינוט צו מינוט;
און אין דער פֿינסטערניש האָט זיך איהר מיט אַ בעזונדער קלאָר־
קייט פֿאָרגעשטעלט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר־וואָס פֿערלאָזען בײַ זיך
אין שטוב, און אין דער אינגעוועניגער שטילקייט האָבען בעזונדערס
דײַטליך אָבגעקלונגען די צוזאַמענגעמישטע קולות, וואָס האָבען זי
בעגלייט...

די מוטער... אָט וויעגט זי זיך אַנגעמאַטערטע אויף איהר
שטוהל, און די זילבערנע, אָנגעגייהטע פֿליטערלעך אויף איהר יום־
טובדיג קלייד בלאַנקען געגען דעם פֿײַער. זי געדענקט ניט, וואו
האָט זי זי איבערגעלאָזט אין טוכעל: צי איז איהר געלונגען אַרויס־
צוקלויבען זיך פֿון צימער, צי איז זי געבליבען זיצען? און שמריה.
וואו איז געווען שמריה? און פֿאַרוואָס האָט לאַנגע אַזוי געוויינט?
און פֿאַרוואָס האָט בתיה איבערגעוואַלצען די ענטלעך?

אַ מין פֿײַפֿען האָט זי פּלוצלונג דערהערט.

דאָס איז דאָ פֿון ווינקעלע. עמיצער פֿײַפֿט. אַ בעקאַנט פֿײַפֿען;
וואו האָט זי דאָס געהערט? דאַכט זיך, אַלס קינד, אין דער אַל־
טער באָר... אָדער אין קראַסנאָיע, זומער בײַ דער קוה־מעלקערין
אין דעם קליינעם, האַלב־פֿינסטער־געמאַלענעם הײַזעל.

און נאָכאַמאָל הערט זי דאָס פֿײַפֿען.

דאָ מוז ערגיץ זײַן אַנ'אייזעלע און מען הייצט עס. וואָרום
ער, אָט דער פֿײַפֿער, האָט ליעב אַנ'אויסגעהייצטען אייוען... פֿאַר־
וואָס־זשע איז דאָ אַזוי קאַלט?

אויף דער ווײַטערסטער וואַנד, אויבען, האָט זיך שטיל דורכ־
געשלאָגען עפּיס אַנ'אָבשײַן פֿון ליכט; נידעריגער־נידעריגער, העל־
לער־העלער — און פֿון דער האַלב־פֿינסטערניש האָבען אַרויסגע־
טראָטען פֿיער הויכע, גלאַטע ווענד, אַ שמאָל טהירעל פֿון פֿאָרנט,
אַ קליין טישעל בײַ איין וואַנד און אַנ'אָראָבגעהאַנגען ברייט ברעט,
צוגעשמידט צו דער צווייטער וואַנד. אויבען, הויך איבערן טישעל,
האָט זיך דורכגעשניטען אַ קליין פֿענסטעריל, געדיכט דורכגעפֿלאָכטען
מיט אַנ'אײַזערנער גראַטע און דורך זײַנע פֿערשנייטע און פֿער־
רויכערטע קליינע שײַבעלעך האָט זיך קוים דורכגעשלאָגען דער
אָבשײַן פֿון ווײַטען דונקעלען פֿריה־מאָרגען.

כּלאַווע האָט זיך אָפּגעריסען פון וואַנד, אַוועקגעשטעלט זיך אין מיטען צימער און בדאָט אידר מיט אַלע כּחות אַ ציה געטהן צום פענסטעריל. זי האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דאָס סאַלאָפּ, אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן טיש, אַוועקגעשטעלט זיך אין קליינעם פאַסליכט, וואָס איז געפאַלען פון אויבען, און האָט מיט פערוואונדערונג בעטראַכט זיך אַליין. די קליינע טאַנץ־שיכעלעך האָבען זיך אַרויסגעזעהן פון אונטער דעם אונטערגעקליבענעם ווייסען קליידעל, און דערו פערמאַר אויפ'ן שטערן, און ביידע פּאָר אַראָפּגעהאַנגענע אוירינגלעך, פון די אויערן און פון האַלז־באַנד, און די פיער שנירלעך גרויסע שוואַרצע פערל אויף דעם צו־פיעל געבלויזטען האַלז, און די רינגען אויף די פינגער, און דער בראַסלעט אויפ'ן האַנד — אַלין האָט דאָ אויסגעזעהן אַזוי ניט אויפ'ן אָרט, אַזוי ווילד.

זי האָט זיך אויפגעהויבען אויף די שפּיץ פינגער און האָט דאָך דאָס פענסטעריל ניט געקאָנט דערגרייכען. זי איז ווידער אַראָפּ אויף דער ערד, אויפגעהויבען דאָס שווערע הילצערנע טאַבורעט, אַוועקגעשטעלט איהם אויפ'ן טיש און מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן טאַבורעט און דורשטיג צוגעפאַלען מיט'ן הייסען אָנגעשוויצטען שטערן צו דער קאַלטער שויב.

דרויסען האָט זיך גאַרניט געזעהן.

זי האָט אָנגעהויבען אַרומפירען די אויגען אין אַלע זייטען און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין פינטעל. די גאַנצע שויב איז אויף דעם אָרט געווען אויסגעשלאָגען און דורך די אייזערנע גראַטעס האָט זיך דורכגעזעהן אַ שטיקעל הימעל. זי האָט זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען אויף די שפּיץ פינגער און האָט דערזעהן דעכער, אַ גאַנצע רייה שוואַרצע דעכער; דאַך, לינקס און אַ זייט איז געשטאַנען דער נייער אוניאַטישער סאָבאָר, רעכטס האָט זיך געצויגען צום הימעל דער הייליגער איליאַ, און מיטען האָט זיך געזעהן דער שוואַרצער, בלינדער שפּיץ פון ראָטה־הויז; און צווישען ראָטה־הויז און צווישען איליאַ, כמעט גלייך ווייט פון ביידען, האָט זיך געזעהן דער הויכער ווינקעל דאַך פון זייער הויז... דער ווינקעל, דער קיילעכדיגער הלל עמודאָם נידעריגער, בעזעצט מיט

טויבען, דער קאַרניז, און אַ האַלב פענסטער, לאַנגעס פענסטער, מיט דער ווייסער אויפגעהויבענער פאָרהאַנגקע... לאַנגע!... לאַנ—גע!!

זי איז צוגעפאַלען מיט'ן שטערן צו דער קאַלטער שויב, פון הארצען האט זיך ביי איהר עפּעס אויפגעהויבען און אונטערגעקייקעלט צום האַלז, און פערשטיקטע טרעהרען האָבען זי אָנגעהויבען צו וואַרפען.

זי האט געוויינט. דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט האט זי זיך פונאַנדערגעוויינט מיט הייסע, מיט קינדערשע טרעהרען.

פון יענער זייט טהיר האט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי פון שווערע אייזערנע שליסלען. עמיצער האט אָבגעריקט דעם אייזערנעם ריגעל. סלאַווע האט געשווינד אָבגעווישט די טרעהרען, אַרויפגעשפּרינגען אויפ'ן טיש, פון טיש אויף דער ערד און האט געשווינד אַראָבגעשטעלט דעם טאַבורעט.

— מיינע טרעהרען? — האט זי זיך אַליין פעסט גענומען אין האַנד — ניין, מיינע טרעהרען וועלען זיי ניט זעהן!

אויף דער שוועל איז געשטאַנען דער אויפזעהער, אַ מיטעל־וואַקסיגער קריסט, מיט אַ ריין־אויסגעראַזירט טהיקען געזיכט און מיט קאַלטע האַרטע אויגען. אויף דער זייט איז ביי איהם געהאַנגען אַ לאַנגעס שוואַרצעס שווערד. אין איין האַנד האט ער געהאַלטען אַ בינטעל פאַפּירען, און דער צווייטער — אַ בלייַשטיפט.

אַ נידעריגע, בעיאָהרנטע קריסטין איז געשטאַנען נעבען איהם אין אַ בלוי־קורצען זשאַקעט מיט מעשענע קנעפּ און מיט אַ קיילעכ־דיגען בלעך אויפ'ן האַרצען. אין האַנד האט זי געהאַלטען אַ פּאַק מיט זאַכען.

— פרעסטאַנטין, — האט ער זיך אַ קעהר געטהון צו סלאַווען און צוגעגרייט זיך שרייבען — דיין נאָמען?

— סלאַווע.

— סלאַווקע?

— ניין, סלאַווע.

— נאָכ'ן פאָטער?

— מאַיראָווא.

ער האט פערצייכנט.

— פאמיליע?

— בערלין.

— יארען?

— אכט און פערציג.

— גלויבען?

— יודישען.

ער האט פלינק געשריבען צו זיך אין פאפיר אריין.

— נעהמט אראב דאס צודהונג.

די קריסטין מיט דעם בלעכעל אויפ'ן הארצען האט געוואלט צוטרעטען צו מלאווען, נור די האט אליין אנגעהויבען פלינק אבשפילען דעם בראסלעט, די אויררינגלעך, אבבינדען דעם פערמואר, די פערל, אויסטהון די רינגען און לעגען אלץ אויפ'ן טיש.

דער אויפזעהער האט עס אלץ איבערגעקוקט, פערשריבען ביי זיך אין בוך, איינגעוויקעלט אין א פאפיר און אוועקגעלעגט צו זיך אין בוזעם.

— אוקסענטיעווגא, טהו די קארשט איבער.

די קריסטין מיט'ן בלעכעל האט אנגעהויבען פונאנדערבינדען דעם פאק, וואס זי האט געבראכט מיט זיך.

מלאווען האט שטרענג א קוק געטהון אויפ'ן אויפזעהער.

— איבערטהון זיך? גלייך. אבער איהר וועט מוחל זיין פריי־ דער ארויס פון צימער.

ער האט פערוואונדערט א קוק געטהון אויף מלאווען און איז געבליבען שטעהן.

מלאווע האט אויפגעהויבען פון דער פאלאגע איהר פוטער, ארויפגעווארפען אויף זיך, איינגעוויקעלט זיך מיט די ארבעל און צוגערוקט זיך צו דער וואנד.

דער אויפזעהער האט אנגעשטעלט אויף איהר זיין קאלטען הארטען קוק, האט זיך אבגעקעהרט, ארויס פון צימער און אוועק־ געשטעלט זיך אויף יענער זייט טהיר.

מלאווע האט אראבגעווארפען דעם פעלץ און האט אנגעהויבען

גיך-גיך אָבגעשפּילען איהר זשאַקעטעל, אַראָבגעוואָרפען פון זיך דאָס ווייסע קלייד און געבליבען שטעהן אין אונטער-קליידעל; זי האָט פונאַנדערגעשפּילט דאָס שטייף-איינגעצויגענע לאַסטיקענע לייבעל און האָט טיעף אָבגעאָטעמט: ס'איז איהר געוואָרען לייכטער.

די קריסטין מיט'ן בלעכעל האָט אַרויסגענומען פון איהר פּאַק אַ לייווענטען קליידעל מיט אַ שוואַרצער „נומער", אַ ברייט יאַקעל און אַ העמד, אַ שווערעס און האַרטעס ווי אַ בלעך, מיט לאַנגע ברייטע אַרבעל און צוויי שנירלעך ביים האַלז, אויך מיט אַ שוואַרצען שטעמפּעל.

סלאַווע האָט אַ קוק געטהון אויף דאָס העמד און האָט אָנגעשטעלט אויף דער אויפזעהערין אַ לאַנגען און ערנסטען בליק.

— מ'וועט מיר אפשר ערלויבען בלייבען אין מיין העמד? — האָט זי פערצווייפעלט אַ פרעג געטהון און האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון פון דער קעלט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט איהר האַלב-נאַקעטען קערפּער.

— כ'ווייס ניט, מען דאַרף אַ פרעג טהון ביי זיין בלאַגאָראָדיע.

זי האָט אַ וואונק געטהון אויפ'ן טהיר.

— וואָס? בעטען? — האָט סלאַווע אַ געשריי געטהון — ניין!

זי האָט האַסטיג אַראָפּ געטהון פון זיך איהר דין באַטיסטען העמד און אַ הייסע רויטקייט האָט בעדעקט איהר ווייס-אַנגעצאָבענעם גוף. אין אַ מינוט אַרום איז זי שוין געשטאַנען אין דעם טורמע-העמד מיט דער חתימה, האָט פערשאַרצט אויף די הענד די צו-לאַנגע אַרבעל און אַרומגעבינדען אַרום האַלז די לאַנגע דינע שנירעלעך, אַרויפגעוואָרפען אויף זיך דאָס קליידעל און יאַקעל, וואָס די קריסטין האָט איהר דערלאַנגט, און געבליבען שטעהן אין שוואַרצען שטערן-טיכעל מיט דעם אַראָבגעהאַנגענעם הייבעל פון הינטען.

די קריסטין האָט זיך אָנגעבויגען צו איהרע פיס, צוזאַמענגעקליבען איהרע זאַכען, און אויף איין מינוט האָט זיך סלאַווען פאָרגעשטעלט, אַז זי איז ביי זיך אין דער-היים אין באָד-צימער, האָט זיך נאָר-וואָס געבאָדען, און פאַשאַ העלפט איהר זיך אָנטהון.

וואָקזענטיעווא—פאַשאַ האָט פון איהר אַראָבגעצויגען די שיך

אין די לאַנגע דינע זאָקען און כאַיז איהר געוואָרען אויף אַ ווײַלע זעהר אַנגענעהם, וואָס איהר דריקט ניט אין די פֿיס. די קריסטין האָט איהר אונטערגעשטעלט צוויי גרויסע לעדערנע טופֿליעס, שוואַרצע און קאַלטע, און סלאַווע האָט ניט ווילענדיג צוריק אַרויסגעהאָבט פֿון זיי איהרע קליינע באָרוועסע פֿיס.

אוקסעניטיעווא האָט איהר אָנגעטהון אַ גרויסען האַלאַט מיט לאַנגע אונטערגעקעהרטע אַרבעל און דער האַרטער וואַליקענער קראַגען האָט איהר אָנגעהויבען רייבען די הויט פֿון איהר קורצען ווייכען האַלז.

— פֿאַרטיג? — האָט זיך דערהערט פֿון יענער זייט טהיר אַנ־אונגעדולדיגע שטים.

— יאָ, אַייער בלאַגאָראָדיע!

דער אויפֿזעהער איז ווידער אַריין אין צימער און, ניט קוקענדיג אויף סלאַווען, אַ געשריי געטהון צו אוקסעניטיעוואַ'ן:

— זעקסטע נומער. וועסט געדענקען? זעקסטע.

— זעקסטע?

— יאָ, זעקסטע.

ער האָט נאָך עפּעס פֿערשריבען ביי זיך אין בוך און אַרויס פֿון צימער. אוקסעניטיעווא האָט צוזאַמענגעקליבען אַלץ, דאָס קלייד מיט'ן כאַלאַט, מיט די ווייסע שיך, מיט דעם צוריסענעם ווייסען העמד און איז אַרויס נאָך איהם.

ס'האָבען זיך דערהערט צוויי ריצען פֿון דעם פֿערזשאַווערטען שליסעל און די „זעקסטע נומער“ איז געבליבען אַליין.

זי האָט אַריינגעשטעקט די פֿיס אין די טופֿליעס און איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צימער.

דריי טריט אַהין, דריי טריט צוריק.

דער קבר איז ניט געוועזען קיין גרויסער, אָבער אַ הויכער.

און דורך דעם אויבערשטען ווינקעל פֿון פֿענסטער האָט זיך געזעהן אַ קליין שטיקעל ריינער, פֿריהלינגס־בלויער הימעל...

דאָס דרייסיגסטע קאַפּיטעל.

קלאָוגע בערלין איז געוועזען די „זעקסטע נומער", אָבער אַחוץ דער זעקסטער זענען געוועזען נאָך „נומערן" — אַ ביז זעקס און נאָך זעקס. יעדע פון זיי איז, פריהער איידער ווערען אַ „נומער", געוועזען אַ מענש, אַן אַלטער אָדער אַ יונגער, אַ רייכער אָדער אַן אָרימער, אַ שלעכטער אָדער אַ גוטער, אַן אמת'ער אָדער אַ פאַלשער — אַ מענש מיט אַלע מענשליכע געפיהלען, נאָר אָט האָט איהם דער אומגערוואַרטער צופאַל אַרויסגעכאַפּט פון לעבען און אַריינגעשליידערט אין אַ שטיינערנעם אָדער הילצערנעם קבר מיט אַ פערשלאָגענעם פענסטער, מיט אַ פערגיטערטער טהיר; און אין דערוועלבער מינוט איז דער מענש, אַלס מענש, אָבגעשטאָרבען; אָנשטאָט איהם פלעגט איבער דער דריי-איילענדיגער האַלב-פינסטערער פערשטיקטער קאַמער אומגעהן הין און צוריק עפּיס אַ „נומער", — האָט כטראַחאָוו וועט עס ווען-ניט-איז בענוצען, ווי מען בענוצט אַ כפרה-הינדעל, ווען עס קומט איהר צייט, און וועלכע מען לאָזט „פריי" אַרומגעהן אַ געפּענטעטע און אַ צוגעבונדענע צום פיסעל פון טיש, איידער די צייט קומט.

כפרה-הינער... פיעל זענען זיי געוועזען די כפרה-הינער. פיעל האָבען זיי געדאַרפט זיין. לויט כטראַחאָו'ס מיינונג, האָט די צאָהל זייערע געדאַרפט זיין אַזוי גרויס, ווי די צאָהל יודען אין שטאָדט אָדער גאַנצען לאַנד — כפרות פאַר דאָס פערגאָסענע אומשולדיגע קריסטליכע בלוט. טערענטיעוואַ'ס בעשכ'רטער קאָפּ האָט אָבער ניט אַלעמענס נעמען פון די יודען, וואָס האָבען צוזאַמען מיט איהר „געשטאָכען דאָס קינד אין דער גרויסער שוהל'", בעהאַלטען ביי איהר אין זכרון; און די, וואָס האָבען איהר געהאָלפען צו „דערמאָהנען" די נעמען פון די אַנטייל-נעמער (אַזאַרקעוויטש, פעטרישצע און איהר גייסטליכער פאָטער טאַראַשקעוויטש), האָבען ניט אַלע יודען געקענט און ניט אַלעמען געוואוסט מיט זייערע נעמען. און מיט אַלע מאַטערנישען האָבען זיי אין משך פון די ערשטע מאָנאַטען מעהר ווי פיער-און-פערציג נעמען ניט געקאָנט אָנקלייבען; און פיער-און-פערציג „נומערן", פיער-און-

פערציג געשטעמפּעלטע כפרה-הינער זענען אַהינגעהאַנגען אין פיר-און-פערציג קברים, דריי טריט אַהין, דריי טריט צוריק, אָפּגעריכטע פון לעבען — פיר-און-פערציג לעבעדיגע מתים.

נאָכדעם, ווי חנה ציטלין און דער מאַן איהרער יוזיק זענען יעדער בעזונדער פון מענשען „נומערן" געוואָרען, איז ממילא געוואָרען אַ „נומער" אויך זייער זעכצעהן-יעהריגע בת-יחידה, די לעבעדיגע און פרעהליכע איטקע. דער בן-יחיד זייערער, הילקע, איז ניט געוואָרען קיין „נומער", — ווייל ער איז נור עלף יאָהר אַלט געווען, און מיט איהם וואָלט מען כיי-ווי-סיי גאָרנישט געקאָנט מאַכען. דערפאַר אָבער איז געוואָרען אַ נומער און פערנומען אַ בעזונדערען קבר („נומער 4") זייער קעכין „רישע יענקעלעווא". „נומערן" זענען, אחוץ כלאַוועץ, געוואָרען אַלע בערלינס (שמריה, הירשע, שפרה, מאיר, נתן, רבקה), „נומערן" זענען געוואָרען זייערע קעכינס: כלאַוועס — הענע-מיכלע און רבקה׳ס — לאה רודניאַקאָווא; און ממילא זענען שוין געוואָרען דאָסזעלבע אויך לאה׳ס מאַן זוסיע און איהר קליין אַנדערטהאַלבען-יעהריג קינד לייזער, וועלכען כדאָס דער יונגער מוטער ערלויבט צו נעהמען מיט זיך אין קבר אַריין. די דריי-און-צוואַנציגסטע איז געווען יאָסעל מירלאָס בערלינ׳ס הויפּט-פּריקאַשטשיק. די זיעבען און צוואַנציגסטע איז געווען יענקעל צערנאָמאָרדיק (פּעטושאָק), דער שמש פון ישעיה אַראָנסאָנ׳ס חסיד׳ישער קלויז און דאָסזעלבע איז, נאַטירליך, געשעהן אויך מיט זיין ווייב חייקען און זיין טאָכטער אסתר׳ן די זיעבען-און-דרייסיגסטע נומער איז געווען חיים הריפּין, יאָסעלעס רבי, רב-חיים באָבּנאָוועצער: ניט ווייט פון זיין הייזעל האָט עטליכע מאָל אַ שכור׳ע גענעכטיגט עפּיס ביי אַ קריסטין מאַריאַ טערענטיעווא, און זי האָט געוואוסט זיין נאָמען און האָט איהם אָנגערופען. די איין-און-פערציגסטע איז געווען אָרליק הענוירין. פאָדליעקאַר, צוויי-און-פערציגסטע — זיין ווייב, פראַדעל, פיר-און-פערציגסטע — זעליג ברוסאַוואַנסקי; ניט טערענטיעווא, ניט איהרע „דערמאָהנער" האָבען זיין אייגענעם נאָמען ניט געוואוסט, און זיי האָבען איהם גלאַט אַ נאָמען געגעבען „פּאָסעלעניק".

זעהר שטאַרק האָט איבערגעפּעדלט סטראַהאָון'ן מירקע פראַנ־
קאָן, אָבער מאַכען פון איהר זיך אַ „נומער" האָט איהם ניט גע־
גאַלטען, ווייל מירקע איז געשטאָרבען איידער מען האָט זי אַרע־
סטירט. ס'האָט איבערגעפּעהלט ישעיה אַראָנסאָן, ער איז אָבער
געלעגען שטערבליך קראַנק און מ'האָט איהם נישט געקאָנט נעה־
מען. נאָך האָט איהם איבערגעפּעדלט לאַנע און נתנ'ס ווייב, דבורה.
ביידען האָט מען זעהר שטאַרק געזוכט, און ביידען נישט געפונען.

די צעהנטע נומער איז געווען — „דער וועלישער מעשטש־
נין יענקעל־גירש שאַיעוו פראָנסאָן, ניינצעהן יאָהר אַלט, יודישען
גלויבען, אַ בעוויבטער".

איהם איז זעהר לייכט געווען צו נעהמען, ווייל ער האָט
געוואוסט, אַז ס'איז ניטאָ וואָס זיך צו בעהאַלטען, און פון
גאָט איז איבערהויפּט ניטאָ קיין בעהעלטעניש. מ'האָט איהם
אַוועקגעזעצט אין אַ קליין פינסטער צימעריל מיט פערשלאָגענע
לאַדענס, דורך וועלכע ס'האָט זיך ניט געזעהן דער הימעל און
מ'האָט נישט געקאָנט וויסען גענוי, ווען איז די צייט פון שחרית,
ווען איז די שקיעה. און דעם איינציגען פון אַלעמען האָט זיך
איהם געדאַכט — דאָס ער ווייסט יאָ, וואָס מען איז פון איהם
אייגענטליך איסען און וואָס ער דאַרף טהון, אום צו ראַטעווען
ניט דעם גוף, נאָר די נשמה. און בשעת מ'האָט איהם, באַלד
נאָכ'ן אַריינברינגען אין דעם דאָזיגען צימער, איבערגעטהון עפּיס
אין משונהדיגע, ניט־יודישע קליידער, אַוועקגעזעצט עפּיס אויף
אַ קלאָץ און אַ בעיאָדרענטער סאָלדאַט מיט דורכזיכטיגע אויגען האָט
אָנגעהויבען פונאַנדערפיהרען אין אַ ליימען שיסעלע זייף, און מען
האָט איהם איסגעשמירט אַ האַלבען קאָפּ, איין שלייף און אַ
האַלבע באַק און ביים ליכט פון אַ דין טהייגען שפּענדעלע אָנגע־
הויבען מיט אַ שמאָלען טעמפּען האָר־מעסער ווי שינדען די הויט
פון קאָפּ, פון שלייף און פון האַלז — האָט ער זעהר גוט געוואוסט,
וואָס דאָס בעדייט.

ער האָט געוואוסט, אַז באַלד נאָך דעם האָרען קומען די
„מסריקות" פון רבי עקיבא און די „ספוגין של צמר" פון רבי

הנינא בן תרדיון און האט געוואוסט, אז דאס וועט „ווײ״ נישט העלפען, ווארום דעם גלויבען זיינעם וועט ער אוועק־געבען ניט אנדערש ווי צוזאמען מיט׳ן לעבען...

מעהר האט מען איהם אבער גארנישט ניט געטהון. נור נאך א סאלדאט, אויך א בעיאהרענטער, מיט אן אבגעמאטערט־פער־שלאפען פנים, האט געבראכט עפיס צושלעפען פון דרויסען שווערע אייזערנע קייטען מיט שווארצע אייזערנע רינגען, און נאך פיעל שווערער מיה איז עסביידע סאלדאטען געלונגען צו צופאסען די דאזיגע קאלטע רינגען צו זיינע דינע טרוקענע הענד און פיס, פון וועלכע זיי פלעגען אבער שווער אראבפאלען צוריק און בלייבען הענגען אויף די קייטען. און דעם טעם פון די דאזיגע קייטען האט ער אויך געוואוסט: אויף א געשמידטער האנד וועט ער ניט קאנען לעגען קיין תפילין און מיט צוזאמענגעבונדענע הענד און פיס וועט ער זיך ניט קאנען איינוויקלען אין טלית, — און דאס זענען „ווײ״, אפנים, אויסען. עס וועט זיי אבער דאס אויך ניט העלפען.

ס׳איז אבער געווען פרייטאג־צו־נאכט, ווייט נאך קבלת שבת, און בשעת ער האט געוואלט צוגעהן צום טישעל, וואו ס׳איז געבליבען שטעהן א קליין קריגעל וואסער מיט א גרויסען שטיק שווארץ גויאיש ברויט פון אייבען, וואשען די הענד, אבמאכען קדוש און מאכען המוציא, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די קייטען קלינגען צו־הויך, זענען, הייסט עס, „משמיע קול בשבת״. א קליינע ווילע האט ער זיך געשלאגען אין דער דעה — די מצות־עשה פון קדוש האט זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגען דעם לא־תעשה פון חלול־שבת. מכריע האט געווען דער קדוש און, קלינגענדיג מיט די קייטען, איז ער צוגעגאנגען צום טישעל, אבגעוואשען די הענד, אבגעווישט זיי מיט׳ן ברעג פאלע, אבגעמאכט קדוש, אבגעבענשט און שווער זיך א שליידער געטהון אויף דאס שמאלע הילצערנע בעטיל, בעדעקט מיט פרישע הארטע שטרוי, וואס איז געשטאנען ביי דער וואנד. די קייטען האבען צום לעצטען מאל קורץ און פרעהליך א קלינג געטהון און

שטיל אַוועקגעלעגט זיך האַרט נעבען איהם. ס'איז געוואָרען שטיל און רוהיג און ס'דאַט איהם אָנגעהויבען ניגען צום שלאָף: ער האָט זיך שטיל אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבען צו לייענען קריאת-שמע...

איין מאָרגען האָט מען איהם געפיהרט צום „דאָפּראָס":

ס'איז געווען אַ ליכטיגער פריהלינגס-טאָג, אויף דעם גרויסען, געדיכט-באַוואַקסענעם הויף האָט פון דער דערוואַרימטער ערד אַרויס-געשלאָגען אַ פריש גרעזיל און פייגעלעך זענען געווען שטאַרק פאַר-טהון אין זייער אַרבייט אויף די שוואַרצע, נאָך ניט פונאַנדער-געלאָזענע צווייגען און אונטערן קאַרניז פון דאַך.

ער איז געגאַנגען איבערן הויף מיט צוויי סאָלדאַטען ביי די זייטען. די קייטען האָבען אין דרויסען ניט געקלונגען אַזוי הילכיג, ווי ביי איהם אין קאַמעריל. ס'איז אָבער געווען שווער צו געהן און די אייזערנע רינגען האָבען געשניטען די הויט פון די הענד און פון די פיס. אַרויפגעהן אויף די טרעפּ איז געווען נאָך שווע-רער, — ווייל די טרעפּ זענען געווען צו-ווייט איינע פון דער צווי-טער און די צו-קורצע קייטען האָבען געשטערט צו מאַכען ברייטע טריט. די סאָלדאַטען האָבען איהם אָבער געהאָלפען אַרויפקלעטערן און אין עטליכע מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען פאַר דער קאָמיסיע.

— דאָס היטעל! — האָט איהם בעגעגענט עמיצענס אַ געשריי. איידער נאָך ער האָט געקאָנט בעמערקען, ווער עס זיצט ביים גרויסען גרינעם טיש.

ווי ווייט די קייטען האָבען עס ערלויבט, האָט ער אויפגעהויבען די האַנד, כדי צו ערפילען דעם בעפעהל פון דעם קליינעם מענשעלע מיט שטעכעדיגע אויגען, שפּיציגען הוילען קאָפּ און מעשענע קנעפּ אויפ'ן גרינעם סורטוק.

ער האָט אָבער ניט געקאָנט דערגרייכען מיט דער האַנד ביז'ן קאָפּ און האָט צוגעבויגען דעם קאָפּ ביז צו דער האַנד און אַראָפּגענומען דאָס קליינע אַרעסטאַנטען-היטעלע.

אין דעם אויסגעגאָלטען האַלבען קאָפּ איז איהם געוואָרען

משונה־דיג קאלט, בעת אין דעם בעוואקסענעם האלבען קאפ מיט דער לאנגער אויסגעדרעדטער פאה אינטערן שלייף איז איהם מיט אמאל היים געווארען. זיינע טיעפע בעגייסטערטע אויגען האבען געקוקט אויף סטראהאוו'ן, און איהם האט זיך ניט געגלויבט, אז אט דאס קליינע מענשעלע אין גלאטען, איינפאכען מונדיר איז דער עלטעסטער און אז די, וואס זיצען ביי זיינע ביידע זייטען, הויכע, רייך־בעפוצטע בעאמטע, מיט מעדאלען און צלמים אויף די הערצער און געפלאכטענע עפאלעטען אויף די אקסלען, זענען זיינע צוהערער.

— יענקעל־גירש שאיעוו אראנסאהן! — האט צו איהם א געשריי געטהון סטראהאוו און האט צוגערוקט צו זיך די פאפירען, וואס זענען געלעגען פאר איהם אויפ'ן טיש, — דאס ביזטו?

יעקב־הירש האט א מאך געטהון מיט'ן קאפ פון אויבען אראב, און זיין איין־איינציגע פאה אויף זיין לינקער באק האט זיך א טרייסעל געטהון.

— די ווערסט בעשולדיגט אין דעם, — האט ווידער סטראהאוו אנגעהויבען, ארייננקוקענדיג אין יעקב־הירש'ס בלאס געזיכט מיט ברענענדיגע בעגייסטערטע אויגען, — דאס דעם זעקס־זיבען־און־אכט־און־צוואנציגסטען אפריל 1823 יאהר האסטו, צוזאמען מיט נאך פיעל יודען, מאנסבילען און ווייבער, פריהער אין מירקעס הויז און נאכדעם אין דער זשודישער שוהל שווער געפייניגט און דערנאך געשאכטען דאס דריי א האלב־יעהריג קינד פיאדאר יעמעליאנאוו איוואנאוו, כדי צו בענוצען זיין בלוט צו רעליגיעזע צוועקען. צי ביזטו זיך מודה אין דיין פערברעכען?

יעקב־הירש האט זיך שטארק איינגעהערט אין סטראהאוו'ס ווערטער און האט צו איהם צוגעבויגען זיין גרויסען אויער אויף דער הוילער, ארומגעראזירטער העלפט קאפ; ער האט ניט פערשטאנען דעם תוך פון זיינע רייד און האט זיך מעהר נישט געוואונדערט: צו וואס האט ער געדארפט אזוי לאנג ריידען, בעת ער האט, לויט זיין מיינונג, געדארפט זאגען מעהר נישט צוויי ווערטער: „שמד זיך!"

ער האט געקוקט אויף סטראַטאָון, אויף די פונאַנדערגעשפּרייטע פליעגלען פון דעם גאָלדענעם אָדלער אויפן „ווערצאַלאַ“, אויף וועלכען ס׳איז געפאַלען די שיין פון דער זון, און האט געשוויגען. זיינע דינע בלוטלאָזע ליפּען זענען געווען צוזאַמענגעדריקט, דער אויער אויף דעם געגאָלטען קאָפּ האט געברענט.

— ביזט זיך מודה?

יעקב-הירש האט אַ דרעה געטהון דעם קאָפּ פון לינקס אויף רעכטס און זיין פאה האט זיך ווידער אַ צאַפּעל געטהון און געבליבען הענגען ביי דעם געדיכט-באַוואַקסענעם לינקען אויער. די אויגען זיינע זענען אַוועק נאָך טיעפער אונטער זיינע געלע ברעמען און האָבען זיך אָנגעצונדען עפּיס מיט אַ באַזונדער פייער.

סטראַטאָו איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, האט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענד אָן ברעג טיש און האט זיך נאָך שטאַרקער צוגעקוקט צו יעקב-הירשעס בלאַס פּנים.

— יענקעל, זיי זיך מודה!

איצט איז שוין סטראַטאָוון געווען קלאָר, אַז פאַר איהם שטעהט אַ ווירקליכער מערדער, פיליכט דער אָנפיהרער פון אַלע איבעריגע און דער שליסעל צום שרעקליכען יודישען געהיימניש איז שוין ביי איהם אין האַנד.

— זיי זיך מודה!

יעקב-הירש האט זיך אַ צאַפּעל געטהון, כדי אַריבערצופיהרען די אייזערנע רינגען פון די פיס עפּיס אויף אַנאַנדערע נאָך ניט אַזוי אָנגעוועדטאָטען אָרט, האט זיך לאַנג און פערמאַטערט אָבגעהוסט און איז געבליבען שטעהן, קוקענדיג איבער סטראַטאָוו׳ס קאָפּ, עפּיס ווייט-ווייט אַליין אין איין און דעמועלבען פּונקטעל.

— הערר קילאַק, — האט זיך סטראַטאָוו אַ קעהר געטהון צום סעקרעטאַר, — לייענט-איבער די באַווייזען פון די עדות-זאָגערינס.

קילאַק האט אַרויסגענומען פון דעם באַרג פּאַפּירען, וואָס זענען געלעגען פאַר איהם, אייניגע געדיכט און שוואַרץ פערשריבענע בויגענס און האט אָנגעהויבען צו לייענען, הויך און שאַרף

אַרויסרייַדענדיג יעדעס וואָרט און אונטערשטרייַכען דאָס, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יעקב־הירש'ן.

ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין לייענען, האָט זיך בעמיהט האַפּען עפּיס אַ וואַסער־ניט־איז אינהאַלט און די פּרעמדע, אומבעקאַנטע ווערטער און האָט זיך אויך אַזוי ווי פריהער געוואונדערט דערויף, וואָס מען רעדט און מען לייענט איהם אַזוי לאַנג און דעם עיקר, וואָס מ'איז פון איהם אויסען, זאָגט מען איהם פּאָרט ניט.

קולאַק האָט געענדיגט לייענען, האָט צונויפגענומען די בלעטער און אַוועקגעלעגט אויף זייער אָרט.

— נו, איצט זעהסטו שוין, אַז מיר ווייסען אַלץ? היינט וואָס לייקענסטו? זיי זיך מודה!... מודה זיי זיך! וואָס שווייגסטו?

יעקב־הירש האָט עפּיס געוואָלט זאָגען, נאָר און האַרצען האָט בייַ איהם אָנגעהויבען ווי צו זעגען און דער גאַנצער קערפּער זיינער האָט זיך אָנגעהויבען צו צאַפּלען פון אַ קורצען אָבגעהאַקטען פערשטיקטען הוסט; די אויגען זענען בייַ איהם געוואָרען גרוים און קיילעכדיג, אויף די בלויע צושפּאָלטענע ליפּען האָט זיך בעוויזען אַ רויט־בעשפּריצטע שוים; קלינגענדיג מיט דער קייט, האָט ער זיך אָנגעהאַפּט מיט דער רעכטער האַנד פאַר דער ברוסט, און האָט מיט כח אַרויסגעשפּיגען אויף דער ריין־אויסגעמאָלטער פּאָדלאָגע.

ער האָט עם געוואָלט פערווישען מיט'ן פוס, נאָר די שווערע קייט האָט ניט געלאָזט. סטראַזשניק האָט אַ קוק געטהון אויף זיין בלאַס געזיכט מיט רויטע פלאַמען אויף די אייַנגעפאַלענע באַקען, און האָט זיך אַוועקגעזעצט. קולאַק האָט עפּיס גיך־גיך געשריבען בייַ זיך אין בוך און, פערענדיגענדיג דאָס שרייבען, דערלאַנגט יעקב־הירש'ן די פעדער, אייַנגעטונקט אין טינט, כדי ער זאָל אונטערשטרייַכען זיינע ווערטער.

— אָט, אָט איצט ערשט הויבט זיך דאָס אָן! — האָט איהם ווי אַ בליץ דורכגעשניטען אַ געדאַנק — פריהער חלול שבת, דערנאָך עבודה זרה...

עֶר האָט טיעף פערהיקט ביידע הענד אין די אַרבּעל, האָט זיך אָנגענומען מיט די פינגער אָן די אײַזערנע בראַזלעטען פון די קייטען און איז געבליבען שטעהן.

קולאַק האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנד מיט דער אָנגעגרייטער פעדער.

— שרייב זיך אונטער, אַז די בעשטעטיגסט ניט דיין שולד! — האָט איהם סטראַהאָוו אָנגעוויזען אויף דאָס פּאַפּיר.

יעקב-הירש האָט אַ דרעה געטהון דעם קאָפּ.

— הייסט עס, בעשטעטיגסטו יאָ, אַז דו האָסט געשטאָכען דאָס קינד, און געצאַפּט פון איהם דאָס בלוט?

יעקב-הירש האָט ווידער אַ דרעה געטהון מיט'ן קאָפּ.

— שאַ שרייב! — האָט אַ געשריי געטהון סטראַהאָוו און איז ווידער אויפגעשפּרונגען פון זיין שטוהל.

יעקב-הירש איז געשטאַנען מיט די הענד אין די אַרבעל און האָט זיך ניט גערירט.

— שרייב, זאָגט מען דיר, דו ביזט עס מחויב צו טהון!

יעקב-הירש האָט געשוויגען. סטראַהאָוו האָט אַ קוק געטהון אויף די איבעריגע בעאַמטע און האָט אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס.

אַלע האָבען שטרענג געקוקט אויף יעקב-הירש'ן, נאָר ער איז געשטאַנען אונבעוועגט אויף זיין אָרט און האָט געשוויגען.

— אײַער וויסאָקאָראָדיע, איהר וועט מיט אַט די דאָזיגע נפשות גאָר נישט מאַכען, — האָט זיך אָפּגערופען דער מיטגליעד פון קאָמיסיע זאַיקאָווסקי, וועלכען סטראַהאָוו האָט צוליעב דעם ספּעציעל אויסגעשריבען פון וויטעבסק, — איך קען זיי, מ'וועט מוזען אָפּלעגען ביז צום צווייטען מאָל.

סטראַהאָוו האָט אַ קלער געטהון, אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און אַוועקגעזעצט זיך.

— דישלעווענקאָ! — האָט ער אַ רוף געטהון פון פאָרהויז דעם קאָנוואָינעם, — פיהר איהם אָב צוריק.

דער סאָלדאַט איז צוגעגאַנגען צו יעקב-הירש'ן, גענומען איהם

פאַר'ן פליִצע, אומגעקעהרט צו דער טהיר און אַ ציה געטהון פאַר'ן אַרבעל.

יעקב-הירש האָט אָנגעהויבען שווער צו שלעפּען די פיס, קלינגענדיג מיט די קייטען.

סטראַחאָוו האָט שטרענג אַ קוק געטהון אַהין, פון וואַנען ער איז אַקאָרשט אַוועק.

אויף דער פּאָדלאָגע, דאָרט, וואו ער איז געשטאַנען, האָט געבלאַנקט געגען דעם ליכט פון פענצטער אַ קליינער טראָפּען בלוט...

דאס אין און דרייסיגסטע קאפיטעל.

הנה ציטלין האָט ערשט אין זעקס וואָכען אַרום, נאָך איהר אַריינקומען אין טורמע, צום ערשטען מאָל בעקומען די מעג־ליכקייט צו זעהן אַ ווײַלע דעם רײַנעם, בלויען הימעל און עטהמען מיט אַ ביסעל פרישער לופט.

זעקס וואָכען צייט האָט סטראַחאָוו געדאַרפט האָבען, ביז ער וועט אײַנאַנצען פאַרטיג ווערען מיט טערענטיעוואַ'ן און מאַקסימאָוואַ'ן און וועט זיי ביידע קאָנען אַוועקשטעלען מיט הנה'ן אויג־אויף־אויג, און זעקס וואָכען צייט האָט זי קיינער ניט געריהרט, נישט גע־שטערט איהר רוה און זי געלאָזט אין איהר האַלב-פערשטאַרבענעם אומעט.

און אין די זעקס וואָכען האָט זי זיך אַזוי צוגעוועהנט, צו־געקוקט צום פינסטערנישׂ, וואָס האָט שטענדיג געהערשט אין צי־מעריל, דאָס זי האָט שוין דאָרט כמעט אַלץ געזעהן. ווען זי פלעגט שטאַרק צונויפדריקען די ברעמען, בלייבען שטעהן אַ ווײַלע מיט צוגעמאַכטע אויגען און נאָכדעם זיי עפענען צוריק, פלעגט זיך איהר דאַכטען, דאָס אין צימער איז בכלל געוואָרען זעהר ליכטיג. פון ווייטעכטען ווינקעל פלעגט אויף אַ ווײַלע זיך בעווייזען די צושפּאָלטענע, פערוויכערטע זייט פון אייזוועלע און אויף דעם טונקעל, אָבגעריבען ווענדעל פלעגט אַרויסשפּרינגען אַ גרויסער,

קיילעכדיגער פלעק; אין די לאנגע ווינטער-נעכט האבען זיך דא געווארימט יענע, וואס זיינען געזעסען אין זעלבען צימעריל פאר איהר, אפשר אויך אזעלכע אינשולדיגע ווי זי. און ווען זי פלעגט זיך אוועקשטעלען נעבען אייוועלע מיט די הענד אהינטער און צודריקען זיי צום קאלטען ווענדטעל, פלעגט זיך איהר האכטען, דאס זי גיט עס שלום יענע אומגליקליכע, וואס זיינען, אויך אזוי ווי זי, געוועזען אבגעריסען פון דער ליכטיגער וועלט, פון דער ווא-רימער היים, פון קרובים און פון קינדער. און די פיער פינסטערע ווינקעלעך ארום, און די קיילעכדיגע, האלב פערשטעלטע לאך ערגיץ אויבען, אונטערן סופיט, פון וואנען ס'פאלט אראב, צו דער קאל-טער שטיינערנער פאדלאגע, ביים שוועל, א קיילעכדיגער האלב-טונקעלער פאס, און דאס קליינע טהירל מיטין דורכגעשניטענעם דריי-קאנטיגען „אויגעלי" אין מיטען — אלץ איז איהר אין די זעקס וואכען געווארען ווי אייגען. נור די „פאראשע", דער שווארצער, אונרייניגער צעבער אין ווינקעל, פון וועלכען ס'האט זיך געטרא-גען אזא שווערער גערוך — מעהר נישט דאס פלעגט זי שטענדיג קריינקען.

אן אלטע בעל-הבית'טע, האט זי ליעב געהאט, אז אלץ ארום איהר זאל זיין אין ארדנונג, אלץ זאל שטעהן אויף אן ארט. און דאס טישעל געגען טהיר, דער טאבורעט, די הילצערנע „נארע" ביי דער וואנד, מיט אנגעווארפענע שטרוי, בעדעקט מיט א זאק — אלץ איז ביי איהר געווען ריין און צוגעקליבען, גלייך ווי זי וואלט דא געווען ביי זיך אין דער-היים. מעהר נישט דער צעבער, דער שווארצער צעבער אין ווינקעל, פלעגט אלץ צושטערען און איהר מאכען איבעריגע עגמת-נפש.

און ווען זי האט זיך געלעגט שלאפען, פלעגט זי אבטרייסלען דעם זאק פון די שטרוי, גלייך ווי ס'וואלט געווען א לייליך, אראבציהען פון זיך די שווערע וואלאקענע קאפטע, דאס הארטע ליינענע קליידעל, און ארדנונג אוועקלעגען זיי אויפן טאבורעט, ווי זי פלעגט עס טהון ביי זיך אין דער-היים, און די שווארצע

הארטע ,,טשאָבאָטעס״ פלעגט זי אַוועקשטעלן נעבן בעט, אַזוי ווי אודאַטיאַ האָט געוואָלט קומען, אויספוצן זיי און אַוועקשטעלן אויפ׳ן פריהערדיגען אָרט. און אַוועקלעגענדיג זיך, איז די שטרוי און אַרויפציהענדיג אויף זיך דעם וואָלאָגענעם חאַלאַט, אַזוי אַז די אַרבעל זאָלען אויסקומען צו דער וואַנד, פלעגט זי גאַנץ אָפט ניט ווילענדיג זיך אָברוקען אַ ביסעל צו דער וואַנד, כדי צו לאָזען אַן אָרט פאַר׳ן בן־יחיד אידרען, פאַר הילינקען. ער איז נאָך גאָר שוואַך, נאָך זיין לעצטער קרענק, און גאָט ווייסט, צי קוקט ווער אויף איהם איצט, בשעת יוזיק מיז גאַנצע טעג אַרומלויפען ביי גאַטשאַלסטווע, כדי אַרויסצוראַטעווען זי פון טורמע. איטעלע איז פערטראָגען אין אידרע זאַכען און אודאַטיאַ איז ניטאָ.

און אַ טאָג איז געקומען און אַ טאָג איז אַוועק, און דאָס ,,אויגעלי״ פלעגט זיך שטיל עפענען דרויסען, אַן אָבגעמאַטערט פערשלאָפען געזיכט פלעגט זיך אויף אַ ווײַלע באַווייזען, אָבטרעטען צוריק, און דאָס ,,אויגעלי״ פלעגט זיך ווידער שטיל צומאַכען פון יענער זייט טהיר.

ס׳איז געווען שטיל, און די הענד, וואָס זענען געווען צוגעוועהנט עפּיס צו טהון, האָבען געזוכט אַרבייט, דאָס האַרץ האָט געצויגען צום שומעל, צום רעשו, צו מענשען, דאָס אויג האָט געזוכט עפּיס פרישעס, נייעס...

און פלוצלונג האָט זיך הינטערן טהיר דערהערט אַ גערויש, ניט אַזאַ ווי אַלע מאָל; די טהיר האָט זיך געעפענט און אויפ׳ן שוועל האָט זיך באַוויזען דער אויפזעהער פון טורמע, הנה׳ס וועכטער׳ן און צוויי הויכע סאָלדאַטען מיט ביקסען.

— טהו זיך אָן! — האָט באַפוילען דער אויפזעהער.

הנה איז צופריעדען אויפגעשפרונגען פון אָרט און האָט זיך אָנגעהויבען אָנטהון, גלייך ווי זי וואָלט זיך ערגיץ קלויבען מיט אַ ווײַזיט. זי האָט פערשוואַרצט די האָאָר און זיי באַהאַלטען אונטער׳ן היטעל, אָנגעטהון אויפ׳ן קאָפּ דאָס טיכעל אַזוי, אַז פון אונטער די ברעגען האָבען זיך אַרויסגעזעהן אידרע ריין־אויסגעוואַשענע, דורכזיכטיגע ווייסע אויערן, אַרויסגעוואַרפען אויף

זיך דעם האַלאַט, פערשאַרצט די אַרבעל, אַריינגעלעגט אַ האַנד אין אַ האַנד און זיך אַלאָז געטהון צו דער טהיר.

— מיר געהען!

הינטערן טהיר האָט זיך דערהערט אַ ליאַסק פון ביקסען. צוויי קאָנוואָינע האָבען זיך פונאַנדערגערוקט און געלאָזט צווישען זיך אַנ'אָרט פאַר הנה'ן.

— פיעדקאַ! — האָט זי דערקענט איינעם פון זיי, אוסטינ=צאָוו'ן — דו?

אוסטינצאָוו האָט שטרענג אַ קוק געטהון אויף איהר און אויפ'ן אויפזעהער.

— שאַגאָם! — האָט אוסטינצאָוו אַ זאָג געטהון צו זיין חבר, דעם קאָנוואָינעם, וואָס איז געשטאַנען פאָראויס, פון איין האַנד אין דער צווייטער האָט ער איבערגעלעגט עפּיס אַ בוך מיט אַנ'אַרויסגעקלעפּט בעשריבען פאַפּיר'ל.

אַלע האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ און הנה האָט גערן אַריינגעצויגען אין זיך די פרישע לופט פון די נאָר=וואָס פונאַנדערגעבליהטע בוימלעך, וואָס אויף יענער זייט הויכען שטיי=נערנעם צאַם און פון די פריש=אויסגעראָטע קלומבען אַרום דעם אַרויסגאַנג.

זי האָט אַ קוק געטהון אויפ'ן העל=בלויען הימעל, וועלכען זי האָט שוין אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזעהן, אויף די ווייטע שטילע גאַסען, און האָט זיך, לויט איהר חילות, אַנ'אַייל געטהון, גלייך ווי זי וואָלט געהן אין אַ געשעפט=זאַך. די סאָלדאַטען האָבען אָבער געטראָטען רעגעלמעסיג און לאַנגזאַם, און זי האָט ניט ווילענדיג זיך געמוזט צופּאַסען צו זיי און איז אַוועק צווישען זיי אין מיטען, קוקענדיג מיט גרויסע אויגען אויף ביידע זייטען.

זי האָט זיך געוואונדערט, וואָס אין די גאַסען זעהט מען כמעט קיין מענשען ניט, וואָס אויפ'ן מאַרק איז קיינער ניטאָ, וואָס די שטאָרט איז ווי אָפּגעשטאָרבען. ווען=ניט=ווען פליעגט זיך

זייען עמיצער פון אונטער א האלב אפענעם טויער, א קוק טהון אויף איהר פון ווייטען און באלד זיך בעהאלטען צוריק.

מ'האט זי ארומגעפיהרט ארום „ראוו", דורכגעפיהרט דורך דער געברענטער גאס און געבראכט צו מעלער־זאקאמעלסקי'ס הויף, וועלכען זי האט גוט געקענט, און וואו — זי האט עס אויך גע־וואוסט — סטראהאוו מיט זיינע העלפער האבען זיך בעזעצט. א וועכטער האט שטיל געעפענט דאס טהירעל און האט איהר אריינגעקוקט אין פנים אריין. אוסטינצאוו און זיין חברה האבען זייערע ביקסען אראפגעלאזט פון די אקסלען, כדי דורכצוגעהן דורכ'ן טהירעל. אין א מינוט ארום זענען שוין אלע געווען אין האלב־פינסטערן פארהויז פון דער קאנצעלאריע.

מ'האט זי אוועקגעזעצט אויף א הילצערנער באנק און גע־הייסען ווארטען. אוסטינצאוו איז אריין מיט זיין בוך אין דעם ווייטעסטען צימער. אין עטליכע מינוט ארום איז ער ארויס צוריק, אויפגעעפענט פאר איהר די טהיר, אריינגעלאזט זי אינווייניג און ווידער די טהיר צוגעמאכט.

חנה האט געמאכט עטליכע טריט, האט זיך אפגעשטעלט און בעקוקט די גאנצע חברה ארום טיש. אלע זענען איהר געווען אומ־בעקאנט — אחוץ דעם שטארט־גאלאוא הוליעוויטש. פאר איהם האט זי זיך א נויג געטהון.

סטראהאוו האט אויפגעהויבען זיין קאפ און האט שארף בע־קוקט חנה'ן פון אויבען ביז אראפ. און די גלייכגילטיגקייט און דער שטאלץ, מיט וועלכע זי, די הויפט־פערברעכערין און די אנפיהרערין פון דער גאנצער רציחה, האט געקוקט אויף איהם און אויף אלע איבעריגע מיטגליעדער, האט איהם אויפגעבראכט. די הענד האט זי געהאלטען טיעף פערוקט אין די ארבעל: מסתמא — האט סטראהאוו געטראכט — איז נאך אויף זיי ניט פערטריקענט דאס אונשולדיגע, קריסטליכע בלוט.

— הנ־קע! — האט ער א געשריי געטהון — פאר דער קאמיסיע דארף מען שטעהן מיט אפשיי און מיט אראפגעלאזענע הענד.

חנה האט די ארבעל פונאנדערגענומען און איהרע קליינע

ווייכע הענד האָבען אויף אַ ווײַלע אַ פּלאַנק געטהון און ווידער זיך בעהאַלטען אין די לאַנגע האַרטע אַרבעל.

אַ גלעבהאַפטער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהרע פולע, געטאָקטע ליפּען און איז גלייך פערשוואונדען אין די ווינקעלעך פון איהרע אויגען.

סטראַחאָוו האָט בעמערקט דעם שמייכעל און איז געוואָרען נאָך מעהר אויפגערעגט.

— קולאַק, לייענט! — האָט ער אַ געשריי געטהון צום סעקרעטאַר, כדי אַכוף צו מאַכען צו איהר גלייכגילטיגקייט.

קולאַק האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, אַוועקגעלעגט פאַר זיך אַ גרויסען הויפען פּאַפּירען, האָט זיך אָנגעהויסט — ווי ער וואָלט זיך גרייטען צו לייענען וועהר אַ לאַנגע מגילה, און האָט אָנגעהויבען צו לייענען פון פּאַפּיר פריהער שטיל און לאַנגזאַם, דערנאָך אַלץ הייציגער און העכער:

„יאָהר — 1823, צייט — גרויסער פאַסט, — האָט ער געלייענט פון פּאַפּיר — אַ וואָך פאַר דעם יודישען פסח. איז מאַריאַ טערענטיעוונאַ, אַלס בעקאַנטע, אַריין צו הנה ציטלין, וואָס האָט געהאַלטען אַ שיינק, הנה האָט זי מכבד געווען מיט אַ גלאָז ווײַן, איהר געגעבען אַ זילבערנעם היבל און געבעטען קריגען פאַר איהר אַ שען קריסטליך קינד“...

ער האָט געלייענט און זי האָט געקוקט דאָ אויף איהם, דאָ אויף סטראַחאָווין, דאָ אויף די איבעריגע, און ווידער אויף סטראַחאָווין, און ווידער אויף איהם.

„געהאַפּט, געפיהרט פאַר'ן האַנד, בעהאַלטען ביי זיך אין שלאָף-צימער, געגעבען געלד, געצאָגען בראַנפען, אַרומגעטראָגען זיך מיט'ן פרעמדען קינד איבער'ן מאַרק, ווי מיט אַ הקפה, פון זיך צו סלאָוען, פון סלאָוען צו זיך, און געשטאָכען, געבראָכען, געצאַפּט בלוט אין אַ קליין צעבעריל, געטונקט לייוואַנד“... זי האָט געוואָלט אַריינקוקען דעם לייענער אין די אויגען אַריין, זיך צו איבערצייגען, צי ער רעדט ערנסט, צי ער טרייבט שפּאַס. און יענער האָט אַלץ געלייענט און געלייענט.

,,ציטערט די בלוטיגע שטיקער ליינוואנד צווישען די מאנסבילען און ווייבער, און נאך דעם איז מען זיך צוגאנגען און מ'האט אוועק־געטראגען צו הנה׳ן צייטלען אין פלאש, צו די בערלינס — צוויי פלעשער און צו ארליקן — א פעסעלע מיט בלוט"...

הנה האט נאכאמאל א קוק געטהון אויף דעם ליינער, דער־נאך אויף סטראהאן און ווידער אויפ'ן ליינער. די אויגען איהרע זענען געווארען קלענער, די ווינקלען פון מויל האבען אנגעהויבען צו שפיעלען.

— הא־הא־הא! — האט זי אויסגעשאסען א געלעכטער, אפגע־ווארפען אהינטער דעם קאפ און צוגעדריקט מיט ביידע הענד דאס הארץ, וואס האט שטארק אנגעהויבען צו קלאפען — הא־הא־הא!... הא־הא־הא! אי, הא־הא־הא!...

זי האט א לאנגע צייט נישט געקאנט קומען צו זיך, פון די צוגעמאכטע אויגען האט זיך ארויסגעקייקעלט א טרעהר, פון הינטער די רויטע ליפען האבען ארויסגעשיינט צוויי רייהען ווייסע, געדיכטע צייהן.

— איז אט־א־דאס — האט זי מיט'ן פינגער אנגעוויזען אויף קיילאק'ס פאפירען — איז אט־א־דאס האט מען אייך דערצעהלט, אט־א־דאס האט איהר פערשריבען און פאר אט־א־דעם האט איהר געצאהלט געלד?... הא־הא־הא! אבער פאר אייער געלד האט איהר דאך געקאנט אויספיהרען, מ'זאל אייך אויסקלערען עפעס א שענערע מעשה... הא־הא־הא!

סטראהאן איז ביז אויפגעשפרונגען פון זיין הויכען שטוהל און האט דורכדעם אויסגעזעהן נאך נידעריגער.

— הנקע! מיר האבען זיך צוזאמענגעקליבען אהער ניט צום שפאס! דו זאלסט זיך מודה זיין! אלע, וואס האבען צוזאמען מיט דיר געפייניגט און געשאכטען דאס קינד, האבען זיך שוין מודה געווען. און דיר וועט קיין זאך ניט העלפען! מ'האט דיך גע־האפט ביים פערברעכען.

הנה האט א ווארף געטהון אויף סטראהאן א נערבעסען בליק.

— די, וואָס האָבען זיך מודה געווען, זענען געווים שולדיג; איך בין אָבער דערביי ניט געווען.

— אַט וועלען מיר באַלד זעהן, צי ביזטו דערביי געוועזען, צי ניט? דישלעווענקאָ, אַהער טערענטיעווהאַ'ן!

הנה האָט אַקוק געטהון אַהינטער, אויף דער טהיר, און דאָס פנים איהרס איז עטוואָס בלאַס געוואָרען.

מטראַהאָוו האָט אָנגעוויזען דער קאָמיסיע אויף דער פערענדערונג אין חנה'ס געזיכט און האָט גיך־גיך פערצייכענט עפּיס ביי זיך אויף אַ פּאַפּירל.

די טהיר האָט זיך געעפענט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזען אַ הויכע קריסטין, שוואַרץ געקליידט, מיט רויטע, ניט גאַנץ געזונדטע אויגען און מיט אַ שוואַרץ טיכעל איבערן קאָפּ.

חנה האָט זיך אָנגעהויבען שטאַרק איינקוקען אין איהר.

— וואָס, חנק'ע, דו דערקענסט מיך ניט? — האָט זיך חנה'ן דערהערט אַ באַקאַנטע פערשכורטע שטים — און אַז מ'האָט מיך גערופען שרה, האָסטו מיך יאָ געקענט, ניט אמת?

— איך דערקען דיך זעהר גוט, און דערפאַר טאַקע האָב איך ניט מיט דיר וואָס צו ריידען.

— אַהאַ! איצט האָסטו גיט וואָס צו ריידען, און דעמאָלט... דעמאָלט (זי האָט אָנגעהויבען צו הליפּען און פון די אויגען האָבען זיך ביי איהר אַ גאַנץ געטהון טרעהרען), ווען איך האָב צוזאַמען מיט דיר געשטאָכען דאָס אונשולדיגע קינד, ווען דו האָסט צוגע־האַלטען זיין קליין ווייס הענדטיל און איך האָב איהם מיט'ן שאַר־פען, קיילעכדיגען אייזען, וואָס דו האָסט מיר דערלאַנגט, אַ שטאָך געטהון טיעף אונטער'ן לינקען אָרעם, דערנאָך אין שלייף, און ווידער אונטער'ן אָרעם, דעמאָלט האָסטו מיט מיר יאָ גערעדט?

זי האָט זיך בעגאָסען מיט נאָך אַ גרעסערן טייך טרעהרען און אָנגעהויבען ווישען די אויגען מיט'ן ברייט שירץ.

— נו, חנק'ע, וואָס ועסטו זאָגען? — האָט מטראַהאָוו אַ זאָג געטהון צו איהר, און אַריינגעלאָזט זיינע צוויי שטעכעדיגע אויגען אין איהר בלאַס דערשראָקען פנים.

— זי איז שכור!

מאַריאַ האָט אויפגעהערט צו וויינען און האָט זיך אַוואָרף געטהון צו הנה'ן.

— און דו קאָנסט מיר נאָך שטעכען די אויגען, — האָט זי אָנגעהאַפּט הנה'ן פאַר'ן וואָלאָקענעם לאַץ פון חאַלאַט, — און דו קאָנסט מיר נאָך שטעכען די אויגען, אַז דו האָסט ניט געשטאָכען דאָס אָרימע אומשולדיגע קינד צוזאַמען מיט מיר אין דער זשידישער שוהל; אַז דו האָסט ניט צוזאַמען מיט מיר אָבגעצאַפּט זיין ריין־קינדיש בלוט אין אַ צעבעריל, און געטונקט אין איהם נייע, ווייסע ליינוואַנד?

הנה האָט געקוקט אויף איהר מיט גרויסע אָפענע אויגען און אויף איהר בלאַס געזיכט האָט אָנגעהויבען צו שפּילען אַ העל־רויטע פאַרב.

בטראַהאַן מיט אַלע מיטגליעדער האָבען ניט אַראָבגעלאָזען אַן אויג פון הנה'ס געזיכט און פערשריבען ביי זיך אַלע פאַרענדערונגען, וועלכע זיי האָבען אין איהר נור בעמערקט.

— מיינע הערען! — האָט זיך מאַריאַ מיט אַמאָל אַוואָרף געטהון אויף די קניה און פון די אויגען איהרע האָט זיך ווידער אַגאַנץ געטהון אַ טייך טרעהרען — איך זעה שוין איצט קלאָר, אַז ווי הנה און אַלע איבעריגע זשידעס האָבען געוואוסט דעמאָלט אין שוהל ביי דעם קליינעם קערפעריל פון דעם געשאָכטענעם קינד, אַז זיי וועלען אַלץ אָבלייקענען און מיר אַליין וועלען בלייבען די שולדיגע, אַזוי טהוט זי! אָבער גאָט אין דער קייזער — זיי זעהען און ווייסען דעם אמת, אַז ניט מיר, נאָר זי, זיי, די זשידעס, האָבען אונז איינגערעדט, אַז מיר זאָלען צוזאַמען מיט זיי אומברענגען פון דער וועלט אַן אומשולדיגען קדוש. איך בין שוין פערפאַלען, אָבער זאָלען זיי אויך אָננעהמען אויף זיך די שטראָף!...

זי האָט געוויינט, זיך געשלאָגען מיט'ן שטערן אָן דער פאָר־לאָגע און פון איהרע רויטע, אָנגעוועדטאָנטע אויגען האָבען זיך געגאָסען אמת'ע טרעהרען...

— גענוג, טערעטיעוואַ, דו קאָנסט געהן.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע און האָט זיך לאַנגזאַם געלאָזט צו דער טהיר, אַרומגעהענדיג אַרום הנה'ן און האָט אויף איהר אַ וואָרף געטהון אַ צאָרנדיגען בליק. הנה האָט זיך אָפּגעקעהרט.

— נו, איצט זעהסט שוין, אַז פאַר אונז איז אַלץ אָפען, — האָט בטראַהאָוו זיך ווידער געווענדט צו הנה'ן, ווי נור די טהיר האָט זיך צוגעמאַכט הינטער מאַריאַ'ן — און ווייטער לייקענען איז שוין אומזיסט.

הנה האָט געשוויגען.

— דו שוויַיגסט? דו האָסט ניט וואָס צו זאָגען.

הנה האָט אויפגעהויבן אויף איהם איהר פערוואָרגטען, גע-וואָם דערשראָקענעם קוק.

— איהר ווייסט אַליין זעהר גוט, אַז דאָס, וואָס זי האָט דאָ דערצעהלט, איז ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, ס'איז ליגען פון אָנהויב ביז'ן סוף, און די איבערגעווייפענע בעטלערקע נאַרט איך. איהר לאָזט זיך אָבער אָפּנאַרען, מסתמא דאַרפט איהר דאָס. איך בין אָבער דערביי ניט געווען, און מיך לאָזט צו־רוה.

בטראַהאָוו האָט אַרויסגענומען פון דעם פּאַק פּאַפּירען עפּיס אַ נייע פּאָר בלעטלעך און האָט ווידער אַ קוק געטהון אויף הנה'ן.

— נו, הייסט עס, מודה זיין זיך ווילסטו ניט?

— איך האָב זיך ניט אין וואָס מודה צו זיין.

בטראַהאָוו האָט אַ קלונג געטהון.

— מאַקסימאָוואַ'ן אַהער!

ווידער האָט אַ קלאַפּ געטהון די טהיר, און שווערע טריט האָבען זיך דערהערט הינטער הנה'ן. זי האָט זיך קיין ריהר ניט געטהון.

— גוט־מאָרגען, בעל־הבית'טע!

הנה האָט דערהערט אַ גוט בעקאַנטע שטים און האָט אַ קוק געטהון אַהין, וואו ניט לאַנג פאַר דעם איז מאַריאַ געשטאַנען.

— אַוודאָטיע!

— יאָ, אַוודאָטיע, דיין לאַנג־יעהריגע דינסט, וואָס האָט דיר

זיִהר טריי געדיענט, און פערדארבען איהר נשמה צוליעב דיר, און צוליעב דיר און דיינע פריינד אומגעבראכט א אונשולדיגען נפש.

זי האט אויך א הילפע געטהון, אבער די אויגען זיינען ביי איהר געבליבען טרוקען און הארט, ווי געווען.

— דוניאשא, וואס האסטו צו מיר?

— וואס האב איך צו דיר? דו פרעגסט נאך?! דו האסט פערדארבען מיין די וועלט און יענע וועלט. דאס טויטע קינד, וואס מיר האבען צוזאמען געשאכטען, לאזט מיך ניט רוהען. עס שטעהט מיר שטענדיג פאר די אויגען... הנה, דאס בלוט!

— ביי איהר איז דאס אויסגעקומען טראגישער, אבער קונסט-ליכער, מעהר געמאכט, ווי ביי מאריא'ן, און הנה'ן האט זיך געדאכט, אז ביי איהר אין הארצען איז נאך דא א סטרונע, וואס ווען מען זאל זי אנריהרען, וועט זי ארויסלאזען דעם אמת.

— אוודאטיע, געדענקסט, איך האב דיך אויפגעהויבען פון גאס א האלב-דערהרגעטע פון דיין מאן דעם סאלדאט, וואס האט דיך אוועקגעווארפען, דיך, צוזאמען מיט דיין קליין טעכטעריל. איך האב זי ערציהגען ביי זיך אין שטוב ווי א נאייגענע און התונה געמאכט. אוודאטיע, דערמאהן זיך אן אונזער הילונקען... דו האסט איהם אויסגעהארעוועט מיט דיין ברוסט.

הנה האט ניט געקאנט מעהר רייִדען, גרויסע, קלארע טרעה-רען האבען פיל געמאכט איהרע אויגען. אוודאטיע האט זיך אויך אבגעקעהרט און איבער איהרע אקסלען איז עפּיס ווי איבערגעלאפען.

— טא זיי זיך מודה, — האט זי זיך אבגערופען, ניט אומ-קעהרענדיג זיך אהינטער, — זיי זיך מודה: ביידענס זינד.

הנה האט אראבגעווישט מיט'ן ברעג ארבעל די טרעהרען, און האט שטאלץ אויפגעהויבען דעם קאפּ.

— אויב אזוי, — האט זי א געשריי געטהון צו סטראחאוו'ן, — האב איך מעהר ניט וואס צו רייִדען. שרייבט, וואס איהר ווילט, און מיך לאזט אב צוריק.

קילאק האט געשווינד געקריפּעט מיט זיין גענזענער פעדער

איבער'ן פּאַפּיר. סטראַהאָוו האָט צופרידען געריבען איין האַנט אָן די צווייטע.

— שרייב זיך אונטער.

— אויף וואָס?

— אַז די האָסט געשטאָכען דאָס קינד.

— קיינער האָט איהם ניט געשטאָכען.

— טאָ שרייב, אַז די לייקענסט עס.

— יאָ, איך לייקען, עס און וועל דאָס אייך אויפווייזען.

זי האָט גענומען ביי קולאַק'ן פון האַנט די איינגעטונקטע פעדער, האָט שוין געוואָלט אונטערשרייבען, און האָט זיך אָפּגעהאַלטען.

— לייען פאָראויס דורך, וואָס די האָסט דאָרט אָנגעשריבען.

קולאַק האָט איבערגעלייענט זיין פערפלאָנטערט פערשרייבען און דערלאַנגט הנה'ן דאָס פּאַפּיר. זי האָט צוריק אַוועקגעלעגט די פעדער.

— די שרייבסט ניט דאָס, וואָס איך האָב בעוויזען, דאָס וועל איך ניט אונטערשרייבען.

אַרום טיש איז געוואָרען אַ לייכטע בעוועגונג.

סטראַהאָוו האָט אַ קוק געטהון אויפ'ן זייגער און האָט מיט כעס אַ מאַך געטהון מיט דער האַנט.

— גוט! קאָנסט געהן; מיר וועלען זיך נאָך זעהן... אויסטינצאָוו!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי שוין געגאַנגען צוריק איבער דיזעלבע גאַסען, וואָס פריהער, מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד, טיעף־פערדריקטע אין די אַרבעל, צווישען צוויי סאָלדאַטען מיט ביקסען.

זיי האָבען פערקירדעוועט פון דער געברענטער גאַס אויפ'ן „ראָוו" און האָבען זיך גענומען צו דער טורמע.

פון הינטער'ן ווינקעל האָט זיך אויף דער ליידיגער, פערשלאָפענער גאַס בעוויזען אַ קינד און נאָך איהם — אַ דערשראָקען ווייבעל אין אַ כּוֹצען־קלייד, וואָס דער ווינד האָט איהר פונאַנדערגעבלאָזען אין אַלע זייטען.

— מאַמ... מע! — האָט הנה'ן אָנגעיאָגט אַ דורכדרינגענד געשריי.

זי האט אקעדר געטהון אהינטער דעם קאפ און האט זיך אצאפעל געטהון: הילינקע איז געלאפען נאך איהר, צוהאלטענדיג מיט'ן הענדטיל דאס היטעל, און די פאלעס פון זיין מאנטעלע האבען זיך ווייט פונאנדערגעווארפען אין ביידע זייטען.

זי האט זיך געוואלט אויף אווילע אבשטעלען, נאר איבטינג־צאו, וואס איז געגאנגען הינטער איהר מיט'ן זעלבען בוך אין האנד, ווי אין דער־פריה, האט זי אשטוים געטהון אין פליצע מיט'ן „פריקלאד" פון ביקס און זי איז אוועק ווייטער.

און הילינקע איז געלאפען אן אזייט, אין בעגלייטונג פון דער אונבעקאנטער יודענע, אין דין כיצען־קליידעל, און האט מיט דעמזעלבען קול ווי פריהער געשריען:

— מאמ...מע!

דער ווינד האט אינטערגעהאפט זיין געשריי. און אבגעשליי־דערט צוריק, נור הילינקע האט געווארפען די צוויי אונבעקאנטע גוים מיט ביקסען, וואס האבען ביי איהם אבגענומען זיין מאמען, נאך אהעכערן געשריי:

— מאמ—מע!

דאס קליינע טהיר'ל פון טורמע האט זיך געעפענט און ווידער צוגעמאכט, אריינשליגענדיג אין זיך די מאמען, מיט די גוים, מיט זייערע ביקסען. און דאס קינד איז געשטאנען פון ווייטען אויף איין און דעמזעלבען ארט, געטראטען פון איין פיס אויף דעם צווייטען, געקעהרט דעם קאפ אין אלע זייטען און מיט אהארצרייסענד קול געשריען:

— מאמ—מע!...

דאס צוויי און דרייסיגסטע קאפיטעל.

אין ערשטען טומעל האט לאנגע ניט בעמערקט, ווי זי איז געבליבען איינע אליין הינטער דער געעפענטער טהיר פון קיך, פון וואנען אלע זענען זיך צולאפען. עטליכע מינוט איז זי געשטאנען אין איהר בעהעלטעניש און האט זיך שטארק צוגעהערט צו דער מורא'דיגער שטילקייט, וואס האט געהערשט ארום איהר. אליין

אַרום איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבען, ווי אַ שוואַרצער שלייער איז געהאַנגען אַרום דעם געדיכטען פינסטערניש, צו וועלכען איהר אויג האָט זיך נאָך ניט צוגעקוקט.

זי האָט צוגעלעגט די האַנד צום האַרצען. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרק, אָפט און אונרוהיג. אין די אויערן איז נאָך געשטאַנען דער געמישטער טומעל פון אַלערליי געשרייען. עפּיס אַ פידעלע האָט טרויעריג געשפּיעלט. עמיצער האָט געטאַנצט, עמי-צער האָט געדאַווענט און ערגיץ ווייט-ווייט איז געשטאַנען אַ יאָמער, זי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט, די טהיר האָט מיט אַ לאַנגזאַמען, אומעטיגען קרעכץ צושטערט די אַרומיגע שטילקייט און לאַנגע האָט זיך דערשראָקען אַ וואָרף געטהון צוריק. ס'איז אָבער ווידער גע-וואָרען שטיל. לאַנגע האָט זיך אַרויסגעקליבען פון קיך און איז אַריין אין פּאָרהויז, דורך דער האַלב-אָפענער טהיר האָט געבלאָזען אַ לייכט ווינדטעל, און לאַנגע האָט אָנגעטאַפּט אויף דער וואַנד עפּיס אַ בגד און האָט איהם אַרויפגעצויגען צו זיך אויף די פּלייצעס. דאָס איז געווען הירשעס אַרבייטס-מאַנטעל מיט לאַנגע פּאָלעס און אַראָפּגעהאַנגענע אַרבעל. ער איז געווען שווער און האָט זיך גע-שלעפּט איבער דער פּאָדלאָגע. ס'איז אָבער ניט געווען פון וואָס צו קלויבען און זי האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אויפ'ן גרוי-סען הויף האָט אויך געהערשט אַזאַ פינסטערניש, אַזאַ שטילקייט, ווי אין הויז; נור פון אונטער דעם צוגעשלאָסענעם טויער האָט זיך דורכגעריסען פון דרויסען אַ פּאַס ליכט פון דעם לאַמטערן, וואָס אויפ'ן גאַס, און אַ שאָטען פון עמיצענס פיס פלעגט אַמאָל דורכלויפען אַהין און צוריק און פערשוואונדען ווערען הינטערן פּאַרקאַן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די טרעפּ און נאָכאַמאָל זיך צוגעהערט צום צווייטען טומעל, אין וועלכען זי האָט געוואָלט, אָבער ניט געקאָנט געפינען קיין שום זין. אַלץ איז געווען אַזוי אונערוואַרטעט, אַזוי אומגעלומפּערט, אַזוי אונפערשטענדליך. אין אַ געפיהל פון לעבען, אַ שטרעבען זיך צו רעטען און אויסמיידען די צרות, וועלכע האָבען זיך מיט אַמאָל אומגעגאָבען אויף דיזעניגע

אַלעמענס קאָפּ, האָט פּלוצלונג פיל געמאַכט איהר האַרץ. און אַנשטאָט אַוועקצולאָזען זיך רעכטס, דורכ'ן טויער, אַהין, וואוהין מ'האָט נאָר־וואָס פאַרטריבען אַלעמען, ווער ס'איז איהר נור טייער אויף דער וועלט, — איז זי אַוועק לינקס, אין דעם טיפסטען ווינקעל פון הויף, דאָרט, וואו די הויכע שפּייכלער זענען געווען האַרט צוגעדריקט צו דער האַלב־פאַרפוילטער וואַנד פון נאָדימאָווסקי'ס הויף. זי איז האַסטיג אַראָב פון די טרעפּ, און שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, כדי ניט צו שטערען די שטילקייט אַרום, איז זי דורכגעלאָפען דעם הויף און אַריין אין איינעם ווינקעל פון יענער זייט שפּייכלער.

אַמאָל, ווען זי פלעגט, אַלס קינד, נאָך זיך שפּיעלען מיט איטקע יוזיק'ס אין בעהעלטעניש, פלעגט זי זיך גאַנץ אָפט פאַרקלייבען אַהער און דאַן פלעגט זי שוין איטקע ניט געפינען, ביז זי פלעגט זי אַליין ניט צורופען. דעמאָלט איז אָבער דאָ געווען גאַנץ געראַום, און זי פלעגט גאַנץ גרינג דורכקריכען דעם שמאָלען דורכגאַנג. איצט איז דאָ געוואָרען איינג, און אַ שווערער געריך איז דאָ געשטאַנען. זי האָט זיך צוזאַמענגעדריקט, מיט דער זייט דורכגעשטופּט צווישען ביידע ווענד און איז געבליבען שטעהן.

עמיצער איז נאָכגעגאַנגען איהרע טריט, און די טריקענע אָנגעוואָרפענע שפּענער האָבען געראַוישט אונטער עמיצעס שטילע פאָרזיכטיגע טריט.

גלאַנע האָט אײַנגעהאַלטען דעם אָטעם און געבליבען שטעהן אומבעוועגט, שטאַרק צודריקענדיג זיך צו דער וואַנד.

— באַרישניאַ, איהר זענט דאָ? — האָט זי דערהערט אין איהר בעהעלטעניש עמיצענס אַ פאַרשטיקטע און אַ פריינדליכע שטים.

— אַנושקאַ? — האָט גלאַנע שטיל אויסגעשעפּטשעט.

— איך!

גלאַנע האָט זיך אַוואָרף געטהון צו דער קריסטין און אַריינגעהאַפּט אין איהר קליין הענדטיל אַנושקאַ'ס האַרטע אַרבייטס־האַנד.

— באַרישניאַ, מיר מוזען לויפען; דאָ איז קיין אָרט ניט:

מען בעלאַגערט דעם הויף פון אַלע זייטען; אויפ'ן מאַרק און אויף אילאַינסקער גאַס שטעהט שוין אַ קויט. קומט!

זי האָט זי אַצינד געטהון פאַר'ן האַנד און לאַנע האָט זיך אינגאַנצען איבערגעגעבען אין איהר רשות. זי האָט זי אַרויסגעפיהרט פון הינטערן שפּייכלער, אַרויסגעוואָרפען אויף איהר אַ גרויס וואַרים טוך, וועלכעס זי האָט געבראַכט מיט זיך, האָט זי גענומען אונטער'ן אָרעם און געשווינד דורכגעפיהרט דורכ'ן אַנדערן הויף, אַהין, וואו ס'האָט זיך געצויגען דער צאַם פון גאָרמאָווסקי'ס גאָרטען. עטליכע פלעקער פון צאַם זענען געוועזען אַרויסגעראָבען און האָבען געלאָזען אַ שמאָלען דורכגאַנג. אַנושקאַ האָט דורכגעלאָזען פאָראויס לאַנען און איז אַליין אויך דורכגעגאַנגען. זי האָט נאָך שטאַרקער צוגעדריקט לאַנען צו זיך, — ווייל אין דער פינסטער איז געווען זעהר שווער צו טרעטען איבער די האַלב-צעוואָרפענע ביימען. דאָ איז אָבער געווען זיכערער און אַנושקאַ האָט אויפגעהערט אַזוי צו אײַלען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען זיי צוויש אויף דער געברענטער גאַס און פון דאָרט — אויף דעם לאַנגען זאַמדיגען ברעג פון „ראָוו". דער פערשטיקטער גערויש פון אַלערליי קולות איז געבליבען ערגיץ ווייט הינטען און לינקס האָט זיך אָנגעהויבען צו ציהען דער ווייט-פונאַנדערגעוואָרפענער בית-עולם.

לאַנע האָט זיך צוגעדריקט צו אַנושקען. דער שוואַרצער בית-עולם האָט געשוויגען, אָבער אין זיין שווייגען האָט זיך געהערט עפּיס אַ בעהאַלטענע און אַ טרויעריגע פערצווייפלונג. לאַנען האָט פערקלעמט דאָס האַרץ און אַ שטיל געוויין האָט צושטערט די שטילקייט.

אַנושקע האָט נאָך שטאַרקער צוגעדריקט לאַנעס האַנד און האָט זיך אָנגעהויבען צו אײַלען. ווייט, ערגיץ פון הינטער די שוואַרצע וועלדער האָט זיך אָנגעהויבען זעהן די רויטע שיין פון דעם נאָהנטען פריה-מאָרגען. דער צוגעפראָרענער זאַמד איז געוואָרען טיעפער, און אונטען האָט אַרויסגעקוקט דאָס געדיכט אַרומגעוואַקסענע טייכעל, וואָס האָט הילכיג געקלונגען אונטער'ן בריקעל. אויפ'ן אַנדערן ברעג, ביי דער זייט פון וועג, האָבען זיך אויפ-

געהויבען פֿון זאַמד און אויסגעצויגען זיך פֿון ביידע עקען, ווי צוויי וועכטער, צוויי הויכע שוואַרצע, נאָך ניט פֿונאַנדערגעלאָזענע טאָפּאָלען. פֿון הינטער אַ געדיכטער אַקאַציען-אַלעע האָט אַרויסגעקוקט אַ הויך צוועלף-פֿענסטערדיג הויז מיט אַרומגעשלאָגענע לאָדען. ביי לאַנגען האָט שטאַרקער אָנגעהויבען צו קלאַפּען דאָס האַרץ: זי האָט דערקענט איהר בעליעבט זומער-וואוינונג, אין קראַסנאָיע.

אַנושקאַ האָט זי אַרומגעפֿיהרט אַרום דעם לאַנגען הויף מיט'ן גרויסען געדיכט-בעוואַקסענעם פּאַרק און האָט זי צוגעפֿיהרט צו אַ קליין טהיר'ל. אַרום איז געווען שטיל. פֿון ווייטען האָט זיך נור געהערט דער געריש פֿון דער דווינאַ, וואָס איז נאָך ניט אַריין אין איהרע ברעגעס און האָט זיך ווייט פֿונאַנדערגעלאָזען אונטער'ן באַרג, און די פֿערשלאָפֿענע גראַטשען האָבען נאָר-וואָס אָנגעהויבען זייער אַרבייט צווישען די הויכע ווייטע צווייגען פֿון די נאָך ניט פֿונאַנדערגעלאָזענע בוימער, וואו זיי האָבען אויף דעם אָרט פֿון די אַלטע צוריסענע נעסטען געבויט נייע. זי האָט דאָ געוואוסט אַלע גענג און דורכגענג, ווייל זי האָט ערשט דעם ווינטער פֿערלאָזען דאָ די שטעל פֿון אַ שטענדיגער דיענערין און האָט זיך נאָך געפֿיהלט דאָ ווי אַ בעל-הבית'טע. זי האָט צוגעפֿיהרט לאַנגען צום בעדעל, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זייט צווישען די שטאַהלען, און צווישען פּאַרק, האָט אַ ציה געטהון עפּיס אַ שטריקעל, אַ שטופּ געטהון מיט'ן פֿוס און אַריין אינעווייניג צוזאַמען מיט לאַנגען.

די ליפֿט איז דאָ געווען צו-פֿיעל געשטיקט, און אַנושקאַ האָט גלייך צוגעמאַכט נאָך זיך די טהיר. זי האָט אַוועקגעזעצט לאַנגען אויף אַ באַנק, און איז אַוועק קלייבען האָלץ, כּדי דורכצוהייצען דאָס אייוועלע. לאַנגע האָט שווער אָבגעאָטעמט און אָנגעהויבען אַראָבצוציהען פֿון זיך דעם אויבער-בגד. אין דאָס קליינע פֿענסטעריל האָט אַריינגעקוקט די שיין פֿון דער אויפֿגעהענדער זון.

אין בעדעל איז געווען וואַרים און ליכטיג, אויף דער ברייטער באַנק איז געווען גוט צו שלאָפֿען און דאָס ריין-אָבגעוואַשענע בענקעל האָט געדיענט פֿאַר אַ טישעל. אַלע אין-דער-פֿריה איז אַנושקאַ

אַוועק אין נאָהנטען דאָרף, ברענגען מילך, אייער, פּוילישע ברויט און דאָס גאַנצען טאָג ניט אָבגעטראָטען פון איהר „באַרישניא“. בײַנאַכט פלעגט זי זיך אויסבעטען נעבען איהר אויף דער פּאָדלאָגע, אין־דער־פריה זיך שטיל אויפהייבען, כדי זי ניט אויפצוזועקען. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפען — ווייל לאַניע האָט די גאַנצע דרײַ נעכט, וואָס זי האָט דאָ פערבראַכט, ניט געפּרובט צו צומאַכען אַן אויג: דאָס הארץ האָט אין איהר תמיד געוויינט. פון שטאָדט האָט זי קיין שום ידיעה ניט געהאַט און ניט געקאָנט האָבען. אַנושקאַ האָט זיך ניט ערלויבט צו פערלאָזען לאַניען אַליין אויף אַ פּאָר שעה, כדי אַריבערצולויפען אין שטאָדט און עפּיס דערהערען, און פאַר לאַניען איז אין קראַסנאָיע אַלץ געווען צוזאַמענגעבונדען מיט זיסע זכרונות — אַלץ: יעדער קוסט, יעדעס ביינקעל אין אַלטען פערוואַקסענעם פּאַרק, דער טיעפער שפּיגעל פון טייך און ראָם פון די הויכע, גרינע ברעגען, דער אַלטער פערשלאָפענער אייכען־וואַלד אויפ'ן באַרג, די קליינע, געפלאָכטענע בעסעדקע אונטערן איינגעבויגענעם, ווייט־פונאַנדערגעוואָרפענעם דעמב — אַלץ האָט נאָך געטראָגען אויף זיך זיין גייסט, זיין געשטאַלט. פערבלייבען דאָ אַליין איז פאַר איהר געווען אונמעגליך און זי האָט שוין איינינע מאָל געפּרובט איבעררײדען אַנושקאַן, זי זאָל איהר ערלויבען אומצוקעהרען זיך צוריק אין שטאָדט און איבערגעבען זיך אין די הענד פון גאָט'ס השגחה. די טרייע קריסטין האָט זיך אָבער ניט געלאָזט איבעררײדען און נאָך מעהר ווי פריהער פלעגט זי זעהן, אַז זי זאָל ניט אַוועק צו־ווייט אין פּאַרק, אָדער צו־נאָהנט צום טייך.

און אויפ'ן פיערטען טאָג, מיטאָג־צייט, האָט זיך אונטערן באַרג צווישען די ביימער דערהערט עפּיס אַ גערויש, און פון הינטער די קוסטען האָט זיך עמיצער אָנגעהויבען שטיל און פאָרזיכטיג דערנעהנטערן צום בעדעל. אַנושקאַ איז געוואָרען בלאַס און האָט זיך מיט אַ טויט־שרעק איינגעצייגען ביי איהר שוועל, פערשטעלענדיג די טהיר פון דרויסען. דער אונבעוואוסטער האָט זיך אָבער ניט אָבגעשטעלט און איז געגאַנגען גלייך צום בעדעל.

אנושקא האט זיך שארף איינגעקוקט אין זיין פיל, קיילעכדיג פנים מיט דער ברייטער באָרד, און ער האט איהר אויסגעוויזען ווי עפּיס א בעקאנטער. זי האט זיך עטוואס אָבגערוקט פון טהיר און אין דערזעלבער מינוט האט זיך דערהערט לאנגעס א געשריי:

— נאָטע!

זי איז איהם ארויסגעלאָפען אנטקעגען, אָנגעכאפּט פאר ביידע הענד און האט איהם טיעף אריינגעקוקט אין די אויגען אריין. זי האט מורא געהאט צו פרעגען און האט געוואלט פון זיינע אויגען זיך דערוויסען דעם אמת. ער האט אויך איהר געקוקט ערנסט און פערזאָרגט, אָבער מיט יענער גלייכגילטיגקייט, וועלכע וועקט האָפנונג און גלויבען.

ער האט איהר דערלאנגט די האנד, און וועלכער איהר קליין הענדטיל האט זיך איינגעגצען פערלאָרען; זי האט אָבער ניט געוואָלט זי ארויסצונעהמען און, ניט ארויסלאָזענדיג איהר האנד, האט ער זיך צוזאמען מיט איהר אוועקגעזעצט אויף א נידעריג בענקעל אונטערן פענסטער פון בעדעל. אנושקא איז אוועק פארזאָרגען א פייער און אויפקאָכען וואסער.

— נו, לאנע, די מעשה איז אזוי, — האט נאָטע לאנגזאם און רוהיג אָנגעהויבען, — איך זעה: דו וואַרטסט פון מיר נייעס. קיין נייעס איז אָבער, לעת עתה, ניטאָ און קאָן נאָך ניט זיין; עס וועט אָבער קומען. ס'הויבט זיך אָן א שטרייט, א לאנגער און א שווערער, טייכען טרעהרען און אפשר טייכען בלוט, יודישע טרעהרען און יודיש בלוט, וועלען זיך גיסען, — ס'איז אָבער קיין ספק ניט, ווער וועט בלייבען דער בעזיעגער. יודען האָבען שוין איבערגעלעבט אזעלכע אָנפאלען און וועלען איבערלעבען דעם אויך, האָטש אפילו דאָסמאל איז די זאך פיעל ערנסטער. אָבער נישקשה: ווי זאָגט ה' חיים? לא אלמן ישראל. גאָר גלאט אראָבשלינגען אונז געהט אויך ניט אַלע מאָל אָן. מען מוז אָבער ארבייטען, און ביי דער ארבייט האָב איך ליעב, אז מ'זאָל מיר ניט שטערען, מ'זאָל מיר ניט צושלאָגען די רעיונות, מ'זאָל זיך ביי מיר ניט דרעהען אונטערן האנד.

לאַנע האָט אויף איהם אַ קוק געטהון מיט איהרע גרויסע צויבע־ רישע אויגען און פון אונטער די טרעהרען האָט דער בליק איהרער דורכגעבלאַנקט ווי אַ זון, וואָס רייסט זיך דורך דורך אַ בעוואָלקענטען הימעל.

— איז וואָס דאַרף איך טהון?

— איך האָב שוין אַלץ בעזאָרגט: דו פאָהרסט קיין פעטערבורג. צו לאַהן, דאָ, אויף יענער זייט טייך, וואַרט שוין אויף דיר אַ פוהר, מ'וועט דיך אָפּפיהרען ביז נעוועל, און דאָרט וועט דיך איבערנעהמען מיינער אַ בעקאַנטער קריסט, אַ סטאַראָווער, מיט וועלכען מיר האָבען געשעפט. דער וועט דיך צושטעלען צום אָרט.

לאַנע האָט בעקוקט אויף זיך דעם לאַנגען רעגען־מאַנטעל, וואָס איז פון איהר פאַראָבגעהאָנגען ביז דער ערד. אויף איהרע דינע קאַלטע שיך און אַרומגעריבען קלייד, וואָס אַנושקאַ האָט געפונען ביי לאַנען אין צימער, וואו עס איז געבליבען הענגען נאָך פון זומער.

— שוין? אַט אַזוי ווי איך בין?

— אַזוי ווי דו ביזט. לאה, מיט איהר מאַן וועלען דיך צו־ נעהמען אין וואָס דו וועסט קומען, און מיר געפעלסטו דוקא אַזאַ, מעהר ווי אין שלייער...

לאַנע איז בלאַס געוואָרען און רויטע פלעקען זיינען אַרויס אויף איהרע באַקען. זי האָט געוואוסט, פאַרוואָס נאָטע איז ניט געווען אויף דער חתונה און איז אומישנע געבליבען זיצען אין כערטייע. זי האָט אָבער ניט ערוואַרט פון איהם אַזאַ האַרטקייט צו יעקב־הירש'ן אין זיין איצטיגער לאַגע. נאָטע האָט בעמערקט איהר אויפרעגונג.

— נו, — האָט ער אַ זאָג געטהון און אויפגעהויבען זיך פון באַנק, — וואָס איז געווען האָט געדאַרפט זיין און וואָס ס'וועט דאַרפען זיין וועט קומען. מ'דאַרף ניט פערליערען קיין צייט. וואָרום מען זוכט דיך.

— און די מאַמע? די באָבע? דער פאָטער?

נאָטע האָט אָנגעהויבען מאַכען מיט די הענד:

— אַלץ, אַלץ וועט זײַן אין אָרדנונג, נור ניט דרעה זיך בײַ מיר אונטערן האַנד.

עֶר האָט איהר אָנגעהויבען ציהען פֿאַר'ן אַרבעל צום טײַך צו. לאַנגע האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ צום בעדעל:

— אַנושקאַ! — האָט זי אַרויף געטהון די קריסטין — זײַ געזונד!

אַנושקאַ איז אַרויסגעלאָפֿען אַ דערשראָקענע און טרעהרען זענען געשטאַנען בײַ איהר אין די אויגען.

— באַרישניאַ, איהר פֿאָהרט אַב?

— יאָ, איך פֿאָהר אַוועק.

אַנושקאַ איז צוגעפֿאַלען מיט די ליפּען צו איהרע הענד.

— זאָב טוך, נעהמט דאָס טוך! — האָט זי אַ געשריי געטהון אין עטליכע מינוט אַרום בשעת לאַנגע מיט נאַטען האָבען זיך שוין אָנגעהויבען אַראָפּצולאָזען פֿון באַרג און האָט אַרויסגעטראָגען פֿון בעדעל דאָס צונויפֿגעלעגטע וואַרימע טוך און אַנגעלאָטען שטריקענעם זון-הוט, מיט בלויע בענדער, וועלכען זי האָט איך געפֿונען בײַ לאַנגען אין צימער אויף דער שאַפֿע.

נאַטע האָט גענומען לאַנגען אונטער'ן האַנד און האָט זי פֿאָר-זיכטיג אַראָפּגעפֿיהרט איבער דעם שמאָלען אַראָפּגאַנג, וואָס איז געווען אין איינגע ערטער דורכגעריסען פֿון דעם לעצטען געוויטער, צום טײַך. בײַם קאַמע ברעג האָט זיך געוויזען, אויף די קליינע און קורצע חוואַליעס, אַ קליין שיפֿעל. ער האָט איהר געהאָלפֿען אַרײַן אין שיפֿעל, האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ די וויאָסלעס און האָט שוין געוואָלט אָבשטופּען פֿון ברעג.

— באַרישניאַ, באַרישניאַ! — האָט זיך דערהערט פֿון באַרג אַ געשריי: און אַנושקאַ האָט זיך בעוויזען מיט אַ קליין קאָשיקעל אין האַנד. פֿון קאָשיקעל איז געגאַנגען אין דער דויך אַ קליין וואָלקענדעל פּאַרע; זי איז צוגעלאָפֿען צום שיפֿעל און דערלאַנגט נאַטען דאָס קאָשיקעל מיט עטליכע אָבגעקאָכטע קאַרטאָפֿעל, אַ פּאָר אייער און אַ שטיק שוואַרצען פֿרישען ברויט. ער האָט עס אַלץ אַוועקגעשטעלט נעבען זיך אין שיפֿעל און האָט אַ מאַך געטהון

מיט די וויצלעס. דאס שפּעל האט זיך אפּגעריסען פון ברעג און איז אוועק ארויף איבען אויף דאס וואסער.

אויף דעם אנדערע ברעג האט זיך פון אונטערן געפעל שארף אויסגעצייכענט א גרויסע בריטשקע, אין פאר געשפאנט, און א יונגער פויער, וואס האט צוגעהאלטען די פערד. פון הינטען איז געשטאנען אנושקא צוגעדריקט צו די אויגען דעם ברעג שירין, און דער ווינד האט געווארפען איבער איהרע פלייצעס איהרע ווייסע לייגענע האהר.

דאס דריי און דרייסיגסטע קאפיטעל.

די אויספארשונג האט זיך געצויגען שטיל און לאנגזאם, ווייל די יודען האבען זיך בשום אופן ניט געוואלט מודה זיין און בעשטעטיגען זייער פערברעכען; סטראחאוו האט געהאט געדולד, ער האט גוט געוואוסט, אז זיי וועלען סיי־ווי־סיי פון זיינע הענד ניט אוועקגעהן. דאס, וואס זיי לייקענען און האלטען זיך אויפ־שטייף אין זייער ליגען, מאכט נור שווערער זייער שולד און הארט פערגרעסערן זייער שטראף. דעם אמת אבער ווייסט ער דאך גוט, און, פריהער אדער שפּעטער, וועלען זיי זייער פערברעכען מוזען בעשטעטיגען, און דערויף האט ער געווארט.

די פערברעכער האט ער פון אנהויב אין צוטיילט אויף צוויי טיילען: די, פון וועלכע ס'איז כמעט קיין האפנונג ניט געווען צו דערגעהן א וואכער־עס־איז אמת; די, וואס זענען צו־שטעלן געשטאנען אויף זייערע רייה און וועלכע ס'איז קיין שום מעגליכקייט ניט געווען ארויסצושלאגען פון זייער שטאנדפונקט; צו דעם טייל האבען אנגעהערט אזעלכע ווי יוזיק צייטלין, הירש און נתן בערלין, ארליק דעווירץ, יאסעל מירלעס און נאך אייניגע. זיי האבען ניט גענומען קיין גרעסערן אנטייל אין פערברעכען, ווי אלע אנדערע, אין דעם פרט־ זענען, לויט סטראחאווס מיינונג, געווען אלע גלייך און אלע זענען געווען גלייכע פערברעכער: אז די עטליכע צערנדליג מאן, וועלכע איהם איז געלונגען ארייזצוזעצען

אין טורמע, אַז די טויזענדער איבעריגע יודען, וואָס געזעסען נאָך אַרום פריי. און וואָס זייער אָרט איז אייגענטליך, דאָ, הינטער די אײַזערנע גראַטעס. די זענען אָבער שטייפער געשטאַנען אויף זייער דעה; מיט די האָט די מלחמה געדאַרפט זיין אַ לענגערע און אַנ׳ערנסטערע. און די האָט ער דערווייל געלאָזט צופריעדען: די צייט וועט זיי פונאַנדערבינדען די צינגער, דאָס זיצען ביחידות וועט זיי ביסלעכווייז ברענגען צו דעם, דאָס זיי וועלען מוזען זאָגען דעם אמת. צו דער קאַטעגאָריע האָט סטראַחאָוו צוגערעכענט סלאַווע׳ן אויך. ער האָט זי נאָך איינמאָל ניט אַרויסגערופען און האָט נאָך מיט איהר גאָרנישט גערעדט. ער האָט זי נור געזעהן אין טורמע ביים בעזוך, און לויט דעם שטאָלץ, מיט וועלכען זי האָט איהם מיט די אויגען פערהאַלטען אויפ׳ן שוועל פון איהר קאַמער און ניט געלאָזט איהם אַ טראַט טהון ווייטער, און פון דער געלאַסענער גרויסקייט, מיט וועלכער זי האָט אפילו ניט אַ נייג געטהון דעם קאָפּ אויף זיין בעגריסונג ביים אַריינגאַנג און ביים אַוועקגעהן, האָט ער פערשטאַנען מיט וועמען ער האָט דאָ צו טהון.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע האָבען אָנגעהערט די, אויף וועל־כע ס׳איז יאָ געווען אַ מעגליכקייט צו ווירקען, דאָס זענען געווען די עלטערע און די שוואַכערע, וועלכע האָבען, אפשר איצט אויך אַזוי ווי די קריסטינס חרטה אויף דעם, וואָס זיי האָבען זיך געלאָזט איבעררײדען און דורכדעם געקומען צו אַנ׳אומגליקליכען פערברעכען: הירש׳ס ווייב שפרה, פראַדע דעווירץ, שמריה בערלין, יעקב־הירש, און אָט דער, דער אַלטער בעוואַקסענער יוד מיט דער צושויבערטער באָרד און לאַנגע געקרייזעלטע פאות, וואָס זיצט אין ווינקעלע אויפ׳ן צווייטען גאָרן מיט דעם פערשלאָגענעם פענסטער צום הויף. ער האָט ניט געוואוסט גענוי זיין נאָמען, אָבער אין ערשטען גע־שפרעך מיט איהם האָט ער זיך שוין ערקונדיגט, אַז דער וועט, דאַכט זיך, ניט לייגען.

און פון די האָט ער אָנגעהויבען.

ס׳איז געשטאַנען אַ הייסער זומער־טאָג און דורך די אַראָבגע־לאָזענע דונקעל־בלויע שטאָרען האָט זיך דורכגעשלאָגען אַ שוואַכער

שיין פֿון דער זון און געפֿאַלען אויף דעם לאַנגען גרינעם טישטוך, אויף דער גאָלדענער „זערצאַלע" און אויף די הילע גלענצענדיגע קעפּ פֿון סטראַחאָוו'ן, פֿון זיין מיט־געהילף זאַיקאָווסקי'ן און פֿון שטאַרק־גלאַווא חוליעוויטש'ן. ס'איז געווען היים און סטראַחאָוו האָט אָפּט מיט זיין נאָז־טיכעל אָבגעווישט די שלייפֿען און דעם פֿאַרשוויצטען שטערן. אַ גלאָז דורכזיכטיגע קריסטאַל־וואַסער מיט אַ פּאָר שטיקלעך אייז און ציטרין זענען געשטאַנען פֿאַר איהם אויפֿ'ן טיש. ער האָט געמישט מיט אַ לאַנג זילבערנעם לעפֿעליג אין גלאָז און עס האָט דין און הילכיג געקלונגען.

— נו! וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג?

ער האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ און מיט כעס אַ קוק גע־טהון אויף דער צוגעמאַכטער טהיר, וואוהין ס'איז נאָר־וואָס פֿאַר־שוואונדען דער קאָנוואָינע, וועלכען ער האָט אַוועקגעשיקט ברענגען דעם אַרעסטירטען.

עטליכע מינוט איז געווען שטיל און ס'האָט זיך נור גע־הערט ווי קולאַק בלעטערט זיינע פּאַפּירען, וואָס זענען פֿאַר דער צייט אויסגעוואַקסען אין הויכע בערג.

ערגיץ־וואו האָט אַ קלאַפּ געטהון אַ טהיר, און ס'האָט זיך דערהערט אַ שווערער ליאַסק פֿון קייטען. ס'האָט זיך ווידער גע־עפֿענט די טהיר און שווער אַריבערשלעפּענדיג די פֿיס איבער'ן שוועל איז אין צימער אַריין שמריה בערלין.

סטראַחאָוו האָט איהם ניט באַלד דערקענט. פֿאַר דער צייט, זינט ער האָט איהם דאָס ערשטע מאָל געזעהן, האָט ער זיך שטאַרק געענדערט: זיין עכט־שוואַרצע, געדיכטע און גוט־פֿונאַנדערגע־קאַמטע באָרד האָבען זיך באַוויזען פֿיעל ווייסע זילבערנע האָר, דער האַלב־אויסגעגאָלטער קאָפּ האָט געבלאַנקט אַזוי ווי די פֿולע קיילעכדיגע באַקען, וואָס האָבען אויסגעזעהן איצט נאָך ווייסער אין דעם ראַהם פֿון דער שוואַרץ־גרויער באָרד און האַלב־באַוואַקסענעם קאָפּ. דער אַרעסטאַנטען־חאַלאַט איז אויף איהם געווען שמאָל און איז זיך ניט צונויפֿגעגאַנגען ביי איהם אויפֿ'ן האַרצען. פֿון הינטער די אַרבעל האָבען זיך אַרויסגעזעהן זיינע ווייסע דיקע העמד

פּים רײַנע, לאַנג ניט-געשניטענע נעגעל און דאָס װײַסע אױס-געטאָקטע איער אױפֿ'ן הױל-אױסגעראַזירטען שלײַף האָט געבלאַנקט און דורכזיכטיג געװען בײַ דעם ליכט פֿון דער זון. ער האָט זיך אָבגעשטעלט בײַם טיש, האָט אונטערגעהױבען די פּאָלעס פֿון חאַלאַט און זײַן קײַלעכדיגער בױך און דאָס שטריקעל, מיט װעלכען ס'זענען געװען שטאַרק אײַנגעצױגען זײַנע גרױסע װאָלאָקענע הױזען, האָט נאָכמעהר אַרױסגעשטאַרצט פֿון אונטער די ברעגען. ער האָט זיך אַװעקגעשטעלט, די שװערע קײט האָט אַ קלונג געטהון און געבלי-בען הענגען בײַ זײַנע פֿיס.

ער האָט בעקוקט אַלעמען אַרום טיש מיט זײַן גלײַכ-גילטיגען, עטװאָס פֿערמאַטערטען בליק, האָט זיך אױף אַ מאָמענט אָבגעשטעלט אױף חוליעװיטש'ן, װעלכען ער האָט נאָך געקענט אַלס יונגעל, װען ער פֿלעגט אַרומלױפֿען מיט שליחות'ן פֿון זײַן פֿאָטער'ס געטרײַדע-געשעפֿט, האָט זיך אָבגעקעדרט. און האָט שױן מעהר אױף קײנעם ניט געקוקט. בשעת קולאַק האָט אָבגעמאַ-טערט און געשמאַקלאָז געלײענט פֿון פּאַפּיר די לאַנגע מגילה װעגען יעמעליאַנאָװ'ס מאָרד, װאָס האָט איהם אַלײן שױן, ניפּה, געהאַט דערעסען, און בשעת סטראַחאָװ פֿלעגט איהם איבערדאַרקען די רײח און זיך װענדען צו שמריה'ן מיט: „דו הערסט?“ — האָט שמריה אױך אױף קײנעם ניט געקוקט; ער האָט זיך מעהר נישט צוגעהערט צו יעדען װאָרט, װאָס ס'פֿלעגט אַרױס פֿון קולאַק'ס מױל און װי פֿערשרײַבען דאָס בײַ זיך אין זכרון.

— נו? — האָט אַ פֿרעג געטהון סטראַחאָװ און האָט אַ טרונק געטהון פֿון גלאָז דאָס קאַלטע װאַסער.

שמריה האָט געשװיגען.

— װאָס-זשע װעסטו דערױף זאָגען, הער קױפֿמאַן?

שמריה האָט אױסגעהױבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטהון אױף סטראַחאָװ'ן.

— װאָס זאָל איך זאָגען? װען דו װאָלסט װעלען אױף זיך אַלײן מסר'ן און אױסװײַזען, אַז דו לאַכסט אָב פֿון געזעץ, מאַכסט צו שפּאָט דעם קײזער'ס װילען און פֿערשװעכסט דײַן אײגענע רע-

ליגען, וואלטסט ניט געדארפט אויסטראכטען קיין בעסערע זאך, ווי די, וואס איך האב נאר-וואס דא אויסגעדערט. אין דעם קייזערליכען אוקאז פון דעם 6-טען מערץ 1817, וועלכען דער געוועזענער מיניסטער גאליצין האט געשיקט צו דעם מארילעווער גענעראל-גובערנאטאר אונטער'ן נומער 258, איז בפירוש פערבאטען צו מאכען אויף יודען אזעלכע בלבולים; און ווען מיר וועלען אוועקלעגען אן א זייט די בלבולים פון גראדנא אין יאהר 1815 און אין כענא אין יאהר 1822 און וועלען זיך אומקערען מעהר נישט ווי צו די דאקומענטען...

ער האט בעטאפט מיט ביידע הענד דעם בוזעם גלייך ווי ער וואלט וועלען ארויסנעהמען פון קעשענע די פאפירען, וועלכע ער האט אזוי לאנג און אזוי ערנסט געזאמעלט און האט זיך געכאפט, אז ער איז אין א ארעסטאנטען-חלאט, און די הענד זיינע זענען שוואך און קלינגענד אראבגעפאלען צוריק.

א קאלטער שמייכעל האט דורכגעשוועבט איבער סטראחאו'ס דינע, צוזאמענגעצויגענע ליפען.

— דו זוכסט די פאפירען? ס'איז ניט כדאי: די פאפירען זענען ביי אונז. אבער זאג מיר, צו וואס האסטו זיי געזאמעלט, אויב דו האסט צו דעם אומברענגען פון דעם אונשולדיגען קינד קיין שייכות נישט?

— צו וואס האב איך זיי געזאמעלט? כדי אויסצופארשען די זאך, כדי אויסצופארשען די קראנקהייט, מיט וועלכער איהר זענט קראנק, די קראנקהייט פון גלייבען און בלוט-בלבולים, אויב נור איהר גלייבט דערין ערנסט און מאכט זיך ניט, אז איהר גלייבט...

— שמערקע! דו פערדערסט אונז די צייהן; מיר גלייבען, ווייל דאס קינד האט מען געפייניגט און געשאכטען ביי דיר אין שטוב, און די, וואס האבען עס געטהון צוזאמען מיט דיר, האבען זיך שוין מודה געווען. צו וואס-זשע ווערט דיר נוצען דיין לייקענען?

— ס'איז ליגען! ניטא אויף דער וועלט קיין מענש, וואס זאל אויף זיך אליין אויסטראכטען א מארד-פערברעך; און אויב ס'איז

יאָ פֿאַרהאַן אַזעלכער, איז דאָס אָדער אַן׳אמת׳ער פֿערברעכער, וואָס וויל צי׳צידען אונשולדיגע, אָדער אַ משוגע׳נער.

— אַט וועלען מיר דאָס באַלד זעהן.

סטראַחאָוו האָט אַ קלונג געטהון צוויי מאָל און פֿון דער זייטיגער טהיר איז אַריין טערענטיעווא און מיט האַרטע און שטאָלצע טריט צוגעגאַנגען צום טיש. מיט איהרע קורצזיכטיגע קראַנקע אויגען האָט זי אַ קוק געטהון אויף שמריה׳ן און האָט זיך ווידער אומגעקעהרט צו סטראַחאָוו׳ן.

— יאָ, דאָס איז ער. מעהר נישט דער קאָפּ איז ביי איהם דעמאָלט געווען נישט אויסגעגאָלט און געקליידט איז ער געווען אַנדערש.

— ווער? — האָט גלייכגילטיג אַ פֿרעג געטהון שמריה.

מאַריאַ האָט זיך פֿערלאָרען און האָט האַלב דערשראָקען אָנגעהויבען צו זוכען מיט די אויגען איבער׳ן טיש און האָט זיך אָבגעשטעלט אויף סטראַחאָוו׳ן. ביים טיש האָט זיך אָנגעהויבען אַ לייכטע בעוועגונג.

— שמערקע! — האָט אַ געשריי געטהון סטראַחאָוו — וואָס מאַכסטו פֿאַר אַ קונצען? די עדות־זאַגערין האָט דיך דערקענט.

מאַריאַ האָט אַ הליפּע געטהון און אין איהרע אויגען האָבען זיך געוויזען טרעהרען.

— ניין, דו טהו מיר, שמערקע, אַ קוק גלייך אין די אויגען אַריין:

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַרט נעבען שמריה׳ן און אַוועקגעלעגט איהר האַנד צו איהם אויפ׳ן האַרצען. ער האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון, נור געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט, אָבשטעלענדיג אויף איהר זיינע גרויסע שוואַרצע אויגען.

— צי האָסטו ניט געהאַלטען דאָס קינד אונטער׳ן פֿאַרטעך, בשעת איך האָב איהם געשטאָכען? צי האָסטו צוזאַמען מיט מיר ניט געדרעהט דאָס פֿעסעל און ניט אַראָבגעצאַפּט דאָס בלוט פֿון צעבעריל אין אַ גלעזערן פֿלאַש מיט אַ לאַנג־שמאָלען העלזעל, פֿערשטאָפּט מיט בלויע געדיכט־פֿערשריבענע פּאַפּיר?

די קניה האָבען זיך ביי איהם אַנויג געטהון און ער האָט זיך עטוואָס אַראָבגעלאָזען, גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלען צו-זעצען. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, האָט זיך ווידער איינגעגליבט און האָט זיך אָבגעקעהרט. די אויגען זענען ביי איהם געבליבען פערמאַכט און ער האָט ניט געהערט, ווי מאַריאַ'ן האָט אומגעביטען אַוודאָטיאַ און האָט אויך עפּיס גערעדט וועגען שטע-כען און וועגען בלוט. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ מעהר נישט דאַן, ווען האַרט נעבען איהם האָט ער דערהערט עפּיס אַ גוט בעקאַנטע שטים.

ער האָט אויפגעעפענט די אויגען און האָט דערזעהן זייער געוועזענע דינסט פאַשאַ'ן.

— פּראַסקאָוויאַ, דו אויך?

זי האָט זיך מיט אַ געלעכטעריל אַנויג געטהון און צוגע-זעצט זיך אויף איין פוס.

— יאָ, באַרין, איך אויך. צוזאַמען בלוט פערגאָסען און צוזאַמען אָבגעבען דין וחשבון.

ער האָט אַ קוק געטהון אויף איהר פרעהליך, לעבעדיג געזיכט, אויף איהרע ראָזע בעקעליך און לאַכענדיגע אויגען און דאָס אָבגעשוויגען; זיין הויכען ווייסען שטערן האָט טיעף דורכ-געשניטען אַ נייער, פרישער קנייטש.

אין אַ שעה אַרום איז אויף דעמזעלבען אָרט געשטאַנען דער באַבינאָוויטשער מלמד, חיים הריפון און אויך אַזוי ווי אַלע פרי-הערדיגע האָט ער זיך שאַרף און ערנסט צוגעהערט צו קולאַק'ס לייענען און מיט דיזעלבע בלאַנקענדע, דורכזיכטיגע אויגען, וואָס קוקען טיעף אין דער נשמה אַריין און פון וועלכע ס'איז נישטאָ קיין מעגליכקייט צו בעהאַלטען זיך, האָט ער געקוקט אויף כטראַ-דאָווין און אויך זיינע געהילפען. און ווען קולאַק האָט געענ-דיגט לייענען און כטראַחאָוו האָט איהם אַ פרעגע געטהון: וואָס האָט ער אויף דעם וואָס צו זאָגען, — האָט חיים מעהר נישט ווי אַ זאַך געטהון מיט'ן קאָפּ פון אויבען אַראָב, גלייך ווי ער וואָלט אַלץ בעשטעטיגען.

— ס'איז גוט, — האָט ער אַרויסגערעדט און אַ קוק געטהון אויף סטראַהאָוו'ן מיט אַ רוהיג איינגעלעבטען בליק — גאָט פֿאָדערט פון אונז, יודען, אַ קרבן, ווייל מיר האָבען געזינדיגט, און איך בין גליקליך, וואָס דער גורל צו זיין אַ קרבן פאַר'ן כלל־ישראל איז אויסגעפאַלען אויף מיר. און ווען מ'וואָלט פון מיר אפילו פאָדערן, איך זאָל געבען אָבשניידען מיין קאָפּ פאַר מיין פאָלק און פאַר מיין תורה, וואָלט איך מעהר נישט געזאָרגט, וואָס ביי מיר אויף די פלייצעס איז נור איין קאָפּ. ס'איז פון גאָט, און פון גאָט דאַרף מען מקבל באהבה זיין סיי גוטס, סיי שלעכטס.

— אָבער צו וואָס האָט איהר געשחט'ען דאָס אונשולדיגע קינד?

— וואָס? — האָט צו איהם חיים מיט דער האַנד צוגעוויזט דאָס האַלב־בעוואַקסענע אויער פון דעם אָבגעהאַלטען האַלבען קאָפּ, ווי ער וואָלט עפּיס פערהערען.

— דאָס קינד פאַרוואָס האָט איהר אומגעבראַכט פון דער וועלט?

חיים האָט פערוואונדערט בעקוקט סטראַהאָוו'ן און אַלע אַרומיגע.

— זעהט, וואָס פאַר אַ פרום פנים ער מאַכט? — האָט סטראַחאָוו נישט איינגעהאַלטען און האָט זיך אַ קעהר געטהון לינקס און רעכטס צו זיינע חברים — צו וואָס האָט איהר געדאַרפט דאָס קינדישע בלוט?

— בלוט? — האָט איבערגעפרעגט חיים, — זעהט איהר, דאָרין האָט איהר שוין גראָד אַ מאוס'ן טעות. איהר האָט קיינמאָל נישט אַריינגעקוקט אין אַ יודישען ספר און איהר ווייסט נישט, ווי וויים פאַר אונז איז טריף אַ טראָפּען בלוט, נישט נור מענשישע, נאָר אפילו פון אַ חיה, אַפילו פון אַ פויגעל. איך בין אָבער אַ גמרא למד און האָב דורכגעלערנט אין מיין לעבען די גאַנצע תורה און איך שווער דאָ ביי מיין עולם־הבא, אַז אין ערגיץ ווערט ביי אונז נישט דערמאָהנט, אַז יודען זאָלען דאַרפען צו וואָס־נישט־איז נוצען אַ טראָפּען בלוט. ס'איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך, ס'איז, שונא־

ישראל, א בלבול! אבער איהר הארפט ווייסען זיין, אז גאט פערשווייגט אזעלכע זאכען ניט, אז פאר בלוט זוכט ער בלוט, און יעדער מענש איז ביי איהם טייער און פאר יעדערן נעהמט ער זיך אן.

ער האט נאך לאנג גערעדט מיט זיין זינגענדער (גמרא-שטים און די ווערטער זיינע, האלב-רוסישע, האלב-יודישע, האבען געגעבען דעם ווילען אריינגעדרונגען אין הארץ אריין און געוועקט דארט עפיס א בעזונדער צוטרוי, אן ערנסטען אבקלאנג.

נאך א טאג איז פארביי, א טאג, אויף וועלכען סטראחאוו האט געהאפט, אז ער וועט די אויספארשונג א ביסעל ארוק טהון פאראויס, נור אומזיסט.

ער האט געוואלט א קלוגס טהון, כדי ארויסצורופען טערענטיעוואן מיט איהרע חבר'טעס, נאר אנשטאט דעם האט ער צוגעמאכט דאס בוך מיט די פאפירען, וואס איז געלעגען פאר איהם אויפ'ן טיש, און האט זיך אויפגעשטעלט.

— די זיצונג איז געשלאסען!..

דאס פיער און דרייסיגסטע קאפיטעל.

יעקב הירש איז געלעגען אויף זיין שמאל בעטעל. זיין לאנגער קאפ מיט'ן געלען טרוקענעם שטערן און שארף פערשפיצטער נאז איז טיעף אריינגעפאלען אין דעם שטרויענעם קישען, מיט דעם ברודנעם, לאנג ניט-געוואשענעם איינשיט, פול מיט העל-ברוינע פלעקען.

פאר דעם יאהר צייט, וואס איז אוועק, זינט מ'האט איהם צום ערשטען מאל געפיהרט צום דאפראס, האט זיך זיין פנים נאכמעהר אויסגעצויגען, די אויגען זיינע זענען נאך טיעפער אריין אין זייערע גריבער, און האבען נאך שארפער געברענט מיט זייער קראנק, אויפגערעגט פייער. די אויסגעדארטע טרוקענע ליפען זענען געווען צושפאלטען און אויף די געלע, איינגעפאלענע באקען האבען געשפיעלט פרעהליכע, העל-רויזע פארבען.

ער איז געווען אויסגעצויגען און צוגעקלעפּט צו דער פֿערשוויצטער און אויסגעטריקענטער פּאַק. אַ קליין ליימען שיסעלע פֿול מיט וואַסער איז געשטאַנען פֿאַר איהם אויף דער פּאָדלאָגע און אין דעם וואַסער זענען געשוואומען גרויסע רויטע פלעקען. זיינע לאַנגע, פייכטע הענד מיט די דינע אויסגעדאַרטע פינגער, צוזאַמענגעקלעפּט איינער אָן צווייטען, זענען כמעט ווי אונבעוועגט געווען אויסגעצויגען אונטער דעם גרויען וואָלאָקענעם פּערעסטאַנטען־האַלאַט, מיט וועלכען ער איז געווען צוגעדעקט; די אויגען זיינע האָבען ערנסט און רוהיג געקוקט אויף פּנימאָו'ן, דעם אַלטען קאָנוואָינעם סאָלדאַט, וואָס איז פֿון דעם ערשטען טאָג אָן געווען צוגעשטעלט צו איהם פֿאַר אַ שומר.

פּנימאָו איז געזעסען דאָרט נעבען בעט אויף אַ קורץ אָבגעשניטענעם קלאָץ, פֿריינדליך און מיט מיטלייד געקוקט אויפ'ן קראַנקען, וואָס איז היינט געווען עפּעס בעזונדער אויפגערעגט, און האָט מיט אַן ערנסטער און פֿרומער שטים, לאַנגזאַם און זינגענד דערצעהלט:

— און דער שטורמווינד האָט זיך, בהידער הי מיין, געשטאַרקט, און דאָס שיף האָט געוואָרפען איבער די חוואַליעס ווי אַ שפּענדעל, און די שיפס־לייט האָבען אָנגעהויבען שרייען יעדער צו זיין גאָט און האָבען אָנגעהויבען אַרויסצושלייערן פֿון שיף אַלץ, וואָס ביי זיי איז געווען. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפען און דער ים איז שטילער ניט געוואָרען, און זיי האָבען געוואָרפען גורל, ווער איז דערין שולדיג, איבער וועמענס זינד האָט גאָט אויסגעגאָסען זיין צאָרן אויף די שיפס־לייט, — און דער גורל איז געפאַלען אויף יונה'ן.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט, דאָט אַרויסגענומען פֿון אונטער דעם פּוטאַנדערגעשפּליטען מונדיר אַ קאָרענע טאַבאַק־פּושקע, דאָט צוגעטראָגען צו דער נאָז אַ געדיכטען שמעק־טאַבאַק, מיט גרויס געשמאַק אַריינגעצויגען איהם אין זיך און אַרויסגענומען פֿון דער הינטער־קעשענע אַ גרויס סיטצען טיכעל.

יעקב־הירש דאָט מיט ערנסטע, פֿערוואונדערטע אויגען גע־

קוקט אויפֿ'ן ערצעהלער, צו וועלכען ער האָט זיך פֿאַר דעם יאָהר שטאַרק צוגעוועהנט. אין די לאַנגע ווינטער-נעכט, ווען דער הוסט פֿלעגט איהם שטיקען און ניט לאָזען איינשלאָפֿען, פֿלעגט אַניסי-מאָוו איהם פֿערגרינגערן זיינע ליידען מיט זיינע לאַנגע געשפּרעכען, וועלכע יעקב-הירש האָט שוין כמעט אינגאַנצען פֿערשטאַנען.

— און זיי זענען צוגעגאַנגען צו איהם — האָט אַניסימאָוו ווייטער דערצעהלט, — נור מיט אַמאָל האָט ער געענדערט זיין שטים און אַ פֿרעגע געטהון:

— יענקעל, אפשר טהוט דיר וועה די זייט און מ'דאַרף דיך אי-בערלעגען?

— ניין, ס'איז מיר גוט. וואָס האָבען זיי ביי איהם געפֿרעגט?

— זיי האָבען אַ פֿרעגע געטהון: וואָס זאָלען מיר מיט דיר טהון? דער גורל איז געפֿאַלען אויף דיר; מיר ווילען אָבער ניט אומברינגען אַ לעבעדיגע נשמה. און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט, (זיין שטים האָט ווידער אָנגעהויבען צו קלינגען מיט אַ ניגון): וואַרפֿט מיך אַריין אין ים, האָט ער זיי געזאָגט, וועט דער ווינד שטילער ווערען און איהר וועט געראַטעוועט ווערען. און זיי האָבען איהם אַריינגעוואָרפֿען...

ער האָט זיך ווידער אָבגעשטעלט און נאָכאַמאָל אַרויסגע-צויגען פֿון קעשענע זיין נאָז-טיכעל. יעקב-הירש האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנד אָן בעט און האָט זיך עטוואָס אויפֿגעהויבען.

— אָבער פֿון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ, אַניסימאָוו? — האָט ער אַ פֿרעגע געטהון ביים כאָלחאַט.

— פֿון וואַנען? אַ שאלה!! פֿון אונזער הייליגער שריפֿט.

— פֿון אייערער?

— יאָ, פֿון אונזערער! פֿון וועמענס דען?

יעקב-הירש האָט זיך אַ וואָרף געטהון צוריק אויפֿ'ן בעט. די קייטען אויף די הענד האָבען אַ לייכטען קלונג געטהון; די העל-רויטע פֿאַרבען האָבען נאָך לעבעדיגערע אַ שפּיעל געטהון ביי איהם אין די באַקען; ער האָט צוגעמאַכט די אויגען און שי-

זאַמענגעדריקט זײַנע ליפּען. אין האַרצען האָט בײַ איהם עפּיס אָנגעהויבען צו זאָגען.

— און גאָט האָט בעפֿוילען דעם פֿיש, ער זאָל איהם אײַנשלינגען לעבעדיגערהייד, און דער „קיט" האָט איהם אײַנגעשלונגען אין זיך. אָבער יונה האָט תשובה געטהון צו גאָט, און גאָט האָט אָנגענומען זײַן תפילה און דער „קיט" האָט איהם אַרויסגעשפּיגען צוריק אויף דער יבשה, און ער איז געבליבען לעבען... הירש, וואָס איז מיט דיר?

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון קלאָץ, איז צוגעלאָפען צו דער טהיר. אַ שעפּ געטהון מיט'ן קריגעל אַ ביסעל וואַסער פון עמער און האָט אונטערגעטראָגען יעקב-הירש'ן. דער קראַנקער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די צײַהן אָן דעם ברעג פון קריגעל, האָט זיך דורשטיג אַ ציה געטהון צום פרישען קלאָרען וואַסער, נאָר אין דער מינוט האָט בײַ איהם פערהאַפּט דער אָטעם, די אויגען האָבען זיך דערשראָקען אָבגעשטעלט אויף אַניסימאָו'ן און אויפ'ן שטערן זענען אַרויסגעטרעטען גרויסע טראָפּען קאַלטער שווייס.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטהון פון בעט, האַסטיג אַראָבגעלאָזט ביידע פיס און די קייטען זענען מיט אַ האַרטען קלאַנג שווער אַראָבגעפאַלען און געבליבען הענגען צוזאַמען מיט די דינע פיס. דער אַרעסטאַנטען-כאַלאַט איז געלעגען אויף דער ערד.

יעקב-הירש האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך פערהוסט. אַניסימאָוו האָט איהם צוגעדריקט צו זיך און צוגעריקט מיט'ן פוס דאָס שיסעלע נעהנטער צום בעט. גאַנץ לאַנג האָט זיך דער קאָפּ זיינער שווער און מאַטלאָז געוואָרפען בײַ אַניסימאָו'ן אויפ'ן האַרצען און זײַן קליין אויסגעדאַרט קערפּערל האָט זיך געטרייסעלט צוזאַמען מיט די קייטען, וועלכע האָבען אָפט און קורץ געקלונגען לויט'ן טאַקט פון זײַן הוסטען.

נאָכדעם איז ער שטיל געוואָרען און נאָך גרעסערע טראָפּענס שווייס זענען געבליבען שטעהן אויפ'ן שטערן. אַניסימאָוו האָט איהם פאָרזיכטיג אַוועקגעלעגט אויפ'ן בעטעל, געהאָלפען איהם

אויפהויבן די פיס צוזאַמען מיט די קייטן, אַוועקגעלעגט זיי און צוגעדעקט מיטן חלאַט, אויפגעהויבן זיינע שווערע אַרבל, כדי זיי זאָלן ניט אַראָבהענגען און ניט אַראָבשלעפּן מיט זיך דעם גאַנצן חלאַט.

אַניסימאָוו האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף זיין קלאָץ, האָט געוואָלט אָנהויבן ווייטער צו דערצעהלען די מעשה מיטן קין, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, געזאָלט זיין אַזוי אינטערעסאַנט פאַר אַ מענשן, וואָס האָט עס פריהער קיינמאָל ניט געהערט, נאָר ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן קראַנקן און האָט זיך אָפּגעהאַלטן. יעקב-הירש איז געלעגן אומבאַוועגט מיט צו-געמאַכטע אויגן און די העל-רויטע פאַרב אויף זיינע באַקן איז געוואָרן בלאַסער. ער האָט אים אַ ציה געטאָן פאַר זיין קאַלטער פערשוויצטער האַנד און יעקב-הירש האָט געעפענט זיינע אויגן. ער האָט אָבער געקוקט ניט אויף אים, נאָר ערגיץ ווייטער-וואו, העכער פון אים און העכער איבער דעם האַלב-פערשלאָגענעם און אַרום מיט אייזערנע גראַטעס פערשטעלטען קליינעם פענסטערל. זיינע טרוקענע ליפּען האָבען זיך אָנגעהויבען שטיל צו באַוועגען. מיט דער רעכטער האַנד האָט ער זיך אָפט און רעגעלמעסיג געקלאַפּט אין האַרצען.

— ער איז זיך מתודה! — איז דורכגעלאָפען ביי אַניסי-מאָוו'ן אַ געדאַנק און ער האָט אויפ'ן קראַנקען געוואָרפען אַ דער-שראָקענעם בליק.

די רויטע פאַרב איז פון די באַקען אינגאַנצען פערשוואונ-דען, די אויגען זענען געוואָרען האַלב אויסגעלאָשען, די האַנד האָט זיך אַלץ שטילער און שוואַכער געצויגען צום האַרצען.

אַניסימאָוו האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, אַרומגעגאַנגען אין פּאָרהויז, האָט צוויי מאָל אַ דרעה געטאָן דעם פערזשאַווערטען שליסעל פון יענער זייט טהיר און איז אַוועק. אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך ווידער דערהערט דער ליאַסק פון דעם אייזער-נעם שלאָס, די טהיר האָט זיך שווער אויפגעעפענט און אויף

דער שוועל האָט זיך בעוויזען סטראַחאָוו אין בעגלייטונג פֿונ'ם סאָלדאַט.

סטראַחאָוו האָט אַ דרעה געטהון מיט דער נאָז פֿון דעם צוגעדיכטען גערוך, וואָס איז געשטאַנען אין קליין צימערל, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן קלאָץ און זיך צוגענייגט צו יעקב-הירש'ן.

דער קראַנקער איז אַזוי ווי פֿריהער געלעגען אויף דער לינקער זייט מיט אָפֿענע האַלב-אויסגעלאָשענע אויגען, געקוקט ערגיץ ווייט אין הימעל אַריין, געשעפּטשעט מיט די ליפּען און שוואַך געשלאָגען מיט די פֿינגער פֿון האַנד אין זיין הויל-איינגעפֿאַלענער ברוסט.

— יענקעל, דו ביזט זיך מתודה פֿאַר גאָט? זעהר גוט. מודה זיין זיך און חרטה האָבען אויף די זינד, איב מען טהוט עס ניט מיט'ן גאַנצען האַרצען, הייסט אַראָבוואַרפֿען פֿון זיך די גרעסטע העלפֿט שטראָף. צי אויף אַלע דיינע זינד ביזטו זיך אָבער מתודה?

דער קראַנקער האָט זיך ניט אַריהר געטהון און האָט ניט אָבגעקעהרט די אויגען פֿון דעם ווייסען פֿינטעלע, אויף וועל-כען ס'איז געווען אָנגעשטרענגט זיין ערנסטער קוק, און די האַנד זיינע האָט זיך אויף אַזוי ווי פֿריהער ריטמיש און רעגעלמעסיג אויפֿגעהויבען און אַראָבגעלאָזט אויף זיין ברוסט.

— יענקעל! דו הערסט?

דער קראַנקער איז געבליבען ליעגען ווי פֿריהער אויף זיין אָרט און האָט זיך ניט אַקעהר געטהון.

— יענקעל! דו געהסט אַוועק באַלד אין דער אמת'ער וועלט, וואו קיין בעהעלטעניש איז ניטאָ און לייקענען וועט ניט העלפֿען. זיי זיך מודה: וואו און ווען האָסטו געשאָכטען דאָס קינד, ווער האָט דיר אין דעם געהאָלפֿען און אויף וואָס האָט איהר בענוצט זיין בלוט?

יעקב-הירש האָט אַלץ שוואַכער און שוואַכער געקלאַפּט מיט די פֿינגער אין האַרצען, געמאַכט מיט זיינע ווייס-בלויע צושפּאָל-טענע ליפּען און געקוקט אין די אויבערשטע שויבען פֿון פֿענסטער.

— יענקעל, זאָג! ס'איז נאָך ניט שפּעט. גיב אַרויס דיינע

מיטהעלפער: זאָלען זיי בעקומען זייער שטראָף און זאָל בע-
דעקט ווערען דאָס אונשולדיגע בלוט!

יעקב-הירש האָט זיך אַ קעהר געטהון אויפ׳ן חיקען; די אויגען האָבען זיך ביי איהם צוגעמאַכט, ווידער אויפגעעפענט און נאָכאַמאָל צוגעמאַכט. די הענד און די פיס האָבען זיך מיט אַ לייכטען קלונג אויסגעצויגען אונטער׳ן חאַלאַט; ביי איהם אין האַר- צען האָט אויפגעהערט צו זעגען.

— יענקעלע! — האָט סטראַחאָוו אַ געשריי געטהון, אויפגע- הויבען זיך פון אָרט, צוגעגאַנגען צום בעטיל און איינגעקוקט זיך צו יעקב-הירשעס געלען אויסגעצויגען געזיכט.

— אויסגעגאַנגען! — האָט אַניסימאָוו שטיל אַרויסגערעדט און האָט זיך אָנגעהויבען פרום צלמ׳ן מיט דער גאַנצער האַנד.

סטראַחאָוו האָט נאָך טיפער אַריינגעקוקט דעם טויטען אין פנים אַריין און האָט אָפגעטראָטען צוריק. ער האָט אַ מאַך געטהון אַניסימאָוו׳ן מיט׳ן קאָפ און האָט איהם אָנגעוויזען אויף דער טהיר. דער סאָלדאַט האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטהון אויף דעם טוי- טען און איז אַוועק צום אַרויסגאַנג. סטראַחאָוו האָט איהם דורכגע- לאָזט פאָראויס, האָט אַליין פערשלאָסען נאָך איהם פון דרויסען די טהיר, אַריינגעלעגט דעם שליסעל צו זיך אין קעשענע און איז אַוועק צו זיך. אַניסימאָוו איז געבליבען שטיל זיצען אויף די טרעפ.

און אויף מאָרגען גאַנץ פריה איז דורך דעם איינגען שטענדיג פערשלאָסענעם דורכגאַנג פון זאַקאָמעלסקי׳ס הויף אויף דער געברענ- טער גאַס געוועזען אַרויסגעשטעלט דאָס שמאָלע בעטעל מיט׳ן גע- שטאָרבענעם. דער אַרעסטאַנטען-האַלאַט, מיט וועלכען ער איז גע- ווען בעדעקט, איז געוועזען צו-קורץ און פון אונטער איהם האָבען זיך אַרויסגעזעהן דער שפיץ פון זיין הוילען האַלב-אויסגעגאָלטען קאָפ און געלע באָרוועסע פיס. אויף די פיס, עטוואָס העכער פון די קנעכעל האָבען דאָס געל-בלאַסע הויט דורכגעשניטען צוויי ברייטע שוואַרצע רינגען — סמנים פון די קייטען, וואָס מען האָט נאָר- וואָס אַראָפגענומען.

דער ווינד האָט אויפגעבלאָזען די שטרוי, אַ שפיעל געטהון

מיט דעם פערשטארבענעמ'ס איינציגער פאה, וואס האט זיך ארויסגעשלאגען פון אונטער'ן ברעג ארעסטאנטען־האלאט, און האט עטוואס א טרייסעל געטהון די שווערע ארבעל, וואס זענען געלעגען איבערגעקרייצט איינער אויף דעם אנדערן.

פון ווייטען האבען זיך בעוויזען: דער רב, רבי בנימין, דער שטאדט־שוחט, רבי זרח און נאטע פרידקאוו. מעהר ווי זיי דריי האט סטראהאוו ניט ערלויבט צו צוטרעטען צום בר־מנן; עטליכע שמשים פון הברה־קדישא האבען זיך געאיילט נאך זיי.

זיי זענען צוגעגאנגען צום בעטעל און האבען עם ארומגערינגעלט פון אלע זייטען; די פנימ'ער זייערע זענען געווארען ערנסט און טרויעריג. אלע האבען געשוויגען.

— הויבט־אויף! — האט א זאג געטהון נאטע און האט שטרענג א קוק געטהון אויפ'ן בר־מנן.

פיער שמשים, צו צוויי פון יעדער זייט, האבען אונטערגעשטעלט די פלייצעס און דאס שמאלע בעטיל צוזאמען מיט'ן בר־מנן האט זיך מיט א קרעכץ אויפגעהויבען און געבליבען הענגען אין דער הויך.

— צדק לפניו יהלך! — האט רבי בנימין ארויסגעשריען מיט א צובראכען קול. דאס בעטעל האט זיך א וויגע געטהון און איז אוועקגעשוואומען הויך אונטער די גרינע, נאר־וואס פונאנדערגעווארפענע צווייגען, וואס זענען אריבערגעהאנגען איבער'ן פארקאן פון מעלער־זאקצאמעלסקי'ס גארטען און זיך געצויגען איבער'ן גאס. פון אויבען האבען פרעהליך אראפגעקוקט ווייכע, שמעקעדיגע זשאסמינען און גרויסע לאנגע קוויטען פון העל־בלויען סירען.

ביים קליינעם שמאלען טהיר'ל, וואו עס איז געווען ארויסגעשטעלט יעקב־הירש'ס בעטעל, האט זיך אניסימאוו אויסגעצויגען אויף דער וואך. מיט טרויעריגע, פערבענקטע אויגען האט ער נאכגעקוקט נאך דאס קליינע הייפעל מענשען מיט דעם פערשטארבענעם, וואס האט זיך שוין כמעט קוים געזעהן אין דער ווייטער גאס.

זיי האבען זיך געאיילט, גלייך ווי זיי וואלטען מורא האבען,

מען זאָל זי ניט אָבהאַלטען און ניט אומקערען דעם געשטאָרבענעם צוריק אין זיין קליין צימער׳ל מיט דעם האַלב-פערשלאָגענעם פענ-סטער, פון וואַנען דער טויט האָט איהם נאָר-וואָס אַרויסגעריסען.

און פון הינטען, פון דער אַנדער זייט גאַס, האָט זי נאָכגע-געיאָגט אַ בענומען געשריי. רחל אַראָנסאָן, יעקב-הירש׳ס אַלטע מוטער, איז געלאָפען איבער דעם רואינירטען שטיינערנעם בריק פון דעם פערוואָרפענעם געסעל; דאָס שוואַרצע שוואַרצע טוך איז האַלב אַראָבגעהאַנגען ביי איהר פון די פּלייצעס און זיך געשלעפּט איבער דער ערד. מיט אַלע איהרע כחות האָט זי זיך געפּלייסט אָנצויאָגען די לויה, וואָס האָט שוין געהאַלטען ביי אָבקערען לינקס אויף דעם ברייטען טראָטואַר וועג צום בית-עלמין-צו.

זי איז פאַרביי-געלאָפען פאַרביי אַניסימאָוו׳ן, פאַרביי דעם קליי-נעם טהיר׳ל, ביי וועלכען זי איז ניט איין מאָל אָבגעשטאַנען פון אין דער-פריה ביז פאַר-נאַכט. און פון צווענה ביז׳ן טאָג, כדי צו דערהערען האַטש וואָרט-עס-איז פון יעקב-הירש׳ן, אָהער וועגען איהם.

איצט האָט זי אַהער אפילו ניט אַ קוק געטהון. זי איז פאַר-ביי-געלאָפען פאַרביי דעם הויכען שוואַרצען פאַרקאַן, הינטער וועלכען בוהאָבען זיך געמאַטערט אין זייערע לעבעדיגע קברים אַזוי פיעל אונשולדיגע יודישע נפשות, וואָס לעבעדיגע אלמנות און פער-יתומטע קינדער ווייסען אפילו ניט, וואו ווער איז מקובר געוואָרען, וואו ווער ליידט זיין חבוט הקבר...

זי האָט זיך נאָך האַסטיגער אַלאָז געטהון איבער׳ן גאַס; דאָס טוך אידרם האָט זיך ווייט נאָכגעשלעפּט איבער די שטיינער, און אַ לייכטער וואָלקען פון שטויב האָט זיך אויפגעהויבען אין האָר הויך און זי נאָכגעיאָגט טריט ביי טריט.

דאס פינף און דרייסיגסטע קאפיטעל.

אין פּעטערבורג אַרום דעם קייזערליכען הויף און אין הויף גופא איז אין דערזעלבער צייט געגאַנגען אַ געהיימער, אָבער אַ פאַרביסענער שטרייט צווישען צוויי רעגירונגס-שטרעמונגען, צווישען צוויי פּאָליטישע שטאַנדפּונקטען בנוגע צו דער אינווייניגסטער לאַגע פון לאַנד. פיעל קליינאַרטיגע פּערזענליכע אינטערעסען, פיעל אייגענליבע, שטרעבונג צו כבוד און צו מאַכט, פיעל קנאה און שנאה זענען געווען אײַנגעפלאָכטען אין דעם דאָזיגען שטרייט צווישען מענשען, וואָס האָבען אַלע זייערע כחות אָנגעווענדעט נור אויף דעם, — ניט צו פערליערען דאָס, וואָס זיי האָבען, כדי צו פערהאַפּען דאָס, וואָס זיי האָבען נאָך ניט דערגרייכט. קליין און ניט וויכטיג איז געווען דער געזעלשאַפטליכער ווערטה פון שטרייט; ער האָט נור געוויזען, ווי נידערגעשלאָגען די געזעלשאַפטליכע שטימונג איז, און די פינף אויפגעהאַנגענע אויף דעם „טריבעצקאָי-באַסטיאָן" פון פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג האָבען צוגעגעבען אַט דער גאַנצער דאָזיגער אַרבייט אַ קאָלט, טויט-שרעקענד אויסזעהן.

די פינף תּליות, וועלכע בענקענדאָרף האָט כּמעט געגעבן קייזער'ס ווילען אויפגעשטעלט (דער קייזער האָט געוואָלט, מ'זאָל זיי ניט הענגען, נור שיקען אַלס אַנגעוועהנליכע פערברעכער אין אַפּיצירען), אויף דעם אַנדער טאָג נאָך פאַר די הויפּט-אָנפיהרער פון די דעקאַבריסטען, וואָס זענען געוועזען אויך די פאָרשטעהער פון דעם העכסטען אַדעל און דער העכסטער קולטור פון יענער צייט, האָבען אָבגעוואָרפען פון זיך אַ צו-לאַגען און צו-שוואַרצען שאָטען. און דער שאָטען האָט זיך געצויגען ווייט איבער דעם נידעריג-געדריקטען לאַנד, וואָס איז נאָך ניט געווען געוועדנט, ריכטיגער געזאָגט — האָט זיך שוין אָבגעוועהנט פון טויט-שטראָפען. און אין די שטילע, אונרוהיגע „ווייסע" נעכט דאָט זיך דער טייך שטיל אָבגעשלאָגען אָן זיינע קאַלטע שטיינערנע וואַנד און דערצעהלט וועגען דעם, וואָס עס האָט אין יענער שרעקליכער נאַכט פּאַסירט אויפ'ן טונקעל-גרויען פעלד פון דעם שוואַרצען באַסטיאָן..

די פינף תּליות האָבען אַריינגעטראָגען אין לעבען פון די העכערע כּפערען אַ פערבאָרגענע אונרוהיגקייט און די אַנהענגער פון טראָהן האָבען מיט יאוש און שרעק געקוקט איינער אויף דעם צווייטען און אויף יענעם, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטעל-פונקט פון דער גאַנצער אויפלעבונג, וואָס פון זיין שטרענגען דורכדרינגענדען קוק איז ניט געווען קיין באַהעלטעניש. די הויף-לייט האָבען זיך צוטיילט אויף צוויי: די פּאַרטיי פון די לינקע, אָדער, ווי דיביטש פלעגט זיי רופען, „פּראַטשניקעס". אַהער האָבען אָנגעהערט איינינע פון די העכסטע עכט-רוסישע פאַמיליען, ווי יערמאָלאָוו, וואָראָנצאָוו, נאָוואָסילצעוו און דמיטרי כּטאָליפּין. די צווייטע פּאַרטיי איז געווען די „נאַציאָנאַליסטען", וואָס איז בעשטאַנען פון דייטשען: דיביטש, בענקענדאָרף, אַדלערבערג, קליינמיכעל און אַנדערע. פאַר די דאָזיגע דייטשען האָט געמוזט אָבטרעטען זיין פּלאַץ אַפילו אַראַקטשייעוו, וואָס איז באַלד נאָך אַלעקסאַנדערס טויט שטאַרק „קראַנק" געוואָרען; און באַלד ווי ס'איז געוואָרען קלאָר, אַז קייזער בלייבט ניקאָלאַי, איז ער געזונד גע-

זיאַרען און מיט דער גרעסטער געשווינדקייט געקומען קיין פּעטער-בורג. ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט — זיין פּלאַן איז געווען פערנומען.

אָבגעוואָרפען פון זיין פריהעריגער מאַכט איז געוואָרען אויך דער פירסט אַלעקסאַנדער גאַליצין, וועלכען דער גייסטליכער פאָטי האָט פאַר זיינע צו-ליבעראַלע באַציהונגען צו די פרעמדע גלויבענס, וואָס ער איז געווען אויף זיי דער אויפזעהער, אַנדערש ניט גע-רופען ווי „אַנטיכריסט"; ער איז געפאַלען, אָבער זיין פערבאָרגענע געהיימע ווירקונג ביים הויף האָט ער נאָך אינגאַנצען ניט פער-לאָרען. פון די איבען-דערמאָהנטע „פראַטשניקעס" האָבען זיך אַליץ ערנסטער און דייטליכער אָנגעהויבען אויסצושיילען צוויי אָנגע-זעהענע פיגורען: מיכאַיל ספּעראַנסקי און ניקאָלאַי מאָרדווינאָוו. זיי ביידען האָט מען געהאַלטען פאַר „פראַנק-מאַסאָנען" און זייער נאָהנטע שייכות צו די דעקאַבריסטען איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען. ניקאָלאַי אַליין האָט אויך געוואוסט, אַז די דעקאַברי-סטען האָבען זיי ביידען געהאַלטען פאַר די הויפּט-אָנפיהרער פון דער קומענדיגער רעגירונג — אויב זיי וואָלט אָבגעגאָלטען דורכ-צופיהרען זייער פּלאַן. אַלע האָבען געפיהלט, אַז אָט די צוויי געלעהרטע און אויפגעקלערטע באַאַמטע וואַקכען ערנסטע קעמפּפער פאַר גערעכטיגקייט און פרייהייט, איבערגעגעבענע דעם קייזער און טריי זייער פאַטערלאַנד.

אין די אָפיציעלע באַציהונגען צו יודען האָבען אויך גע-הערשט דיזעלבע צוויי שטימונגען. די הויף-פּאַרטיי האָט געקוקט אויף די רוסישע יודען ווי אויף אַ קראַנקהייט, פון וועלכער הוסלאַנד דאַרף זיך היילען דערמיט, וואָס די יודען וועלען זיך קערפּערליך און גייסטיג צונויפשמעלצען מיט דער רוסישער באַפעלקערונג, און אין דעם זין האָבען יודען באַדאַרפט אָנגענומען ווערען אין רעקרו-טען. דער גרויספירסט קאָנסטאַנטין, וואָס איז, אַלס הויפּט-פער-וואַלטער פון דעם גאַנצען יודישען קאַנט, געווען געהנטער צו יודען, האָט גערעכענט, אַז צו אַזאַ איבערקעהרעניש דאַרפען פריהער יודען לאַנגזאַם און ערנסט צוגעגרייט ווערען. דער „יו-

דישער קאמיטעט", וואס איז געזעסן אין פעטערבורג. ספעציעל צוליב „איבערבעטן" די מאראלישע באציהונגען פון די חסידישע ייִדן, האט אלע זיינע קרעפטן אנגעווענדט נור אויף צו פער-שטארקן די באגרענעצונגען, וואס זענען געווען אויסגעארבייט גע-גען די ייִדן ביז אהער און אויסטראכטן נייע. די צוויי „רעפרעזענ-טאנטן פון ייִדישן פאלק", וואס זענען נאך געבליבן פון דעם אמאליגן רעפרעזענטאנטן-אינסטיטוט, האבן געשטאכן די אויגן דעם נייעם אויפזעער אויף די פרעמדע גליבענס, דעם אדמיראל שישקאוו און ער האט זיך ניט בערוהיגט ביז ניקאלאי האט ניט באשטעטיגט זיין פארשלאג וועגן קאסירן די ייִדישע רעפרעזענטאנטן.

אזוי איז געווען די אינערליכע שטימונג אין פעטערבורג בשעת די ערשטע אפקלאנגען פון די געשעהנישן אין דעם וויטן בעלארוסישן שטעדטיל אויף דער דווינא האבן דערגרייכט אהער און אויפגערודערט דאס קליינע הייפעל ייִדן, וואס האבן זיך געפונען אין דער רוסישער הויפט-שטאדט.

אנפאנגס מאי 1827 איז ביי הירש ברודא'ן אין הויז פארגעקומען א קליינע פערזאמלונג פון אייניגע ייִדישע כלל-טוער. אין דעם גרויסן קאבינעט מיט צוויי פענסטער אויף מאדאווע גאס, געגען יוספא'ס גארטן, זענען געזעסן איי-ניגע פון די פערלאדענע, צווישן זיי אויך מרדכי פייטעלסאן. ער איז געזעסן אויף א דויבן שטוהל, פערווארפן א פוס אויף א פוס, און זיינע שמאלע הויזן מיט פארהאלטערס אונטער די קנאבעל זענען געווען שטארק און גוט אנגעצויגן אויף זיינע לאנגע געשטאקטע פיס, די שוין-געפוצטע שיך עטוואס פערשטויבט. דער לייכטער שטריי-הוט עטוואס פערדרוקט אהינטער; מיט די לאנגע, ריין-אויסגעפוצטע פינגער האט ער לייכט געקלאפט איבער'ן ברעג שרייב-טיש, באצויגן מיט דונקעל-גרינעם געוואנד. ביים לייכט פון פענסטער האט דער ווירטה פון הויז, הירש ברודא דעם לעצ-טען מאל איבערגעקוקט דאס פאפיר צום גראף מארדווינאוו, וואס ער האט צוזאמענגעשטעלט און האט געדארפט איבערלייענען פאר די איינגעלאדענע, פון נאהנטסטען צימער האט זיך געהערט א

קלינגערײַ פֿון טהיר-געשיר, וואָס מען האָט צוגעגרייט אין עס-זאַל.

בהידא האָט אַ קוק געטהון איף דער טהיר — זי איז געווען צו. ר׳ מיכל אײַזענשטאַדט, איף וועלכען מ׳האָט געוואַרט און אָהן איהם ניט געקאָנט אָנהייבען צו לייענען, איז נאָך ניט געקומען און די פֿאַרלעזונג האָט זיך ניט געקאָנט אָנהייבען.

— דער אַדמיראַל שישקאָוו, דער גנעדיגער בעשיצער פֿון פֿרעמדע גלויבענס — האָט אָנגעהויבען פֿײַטעלסאָן — האָט איף אונז דערלאַנגט אַ נײַע מסירה: מיר, דעפּוטאַטען, האָבען כלומר׳שט מתרה געווען די יודישע בעפֿעלקערונג וועגען דער נײַער רעקרוטען-גזירה, וואָס ווערט ערשט אויסגעאַרבייט, און צוליעב דעם איז דאָס גאַנצע יודענטום „איינגערעגט": מ׳זאָגט תהלים, מ׳פֿאַסט תעניתים, מען וויינט, מען קלאָגט — מיט איין וואָרט, אַ „בונט!"

— אַ יודישער בונט! — האָט זיך אָבגערופֿען איינער פֿון די אײַנגעלאַדענע, ר׳ מרדכי לייבאָוויטש, אַ גראָדנער כ״חר און כלל-טוער, וואָס האָט געהאַט עפּעס צו טהון אין סענאַט.

— איהר לאַכט? בײַ דער איצטיגער לאַגע קאָן דער גראַף בענקענדאָרף צו אַזאַ מין „פֿערברעכען" איף אָנווענדען דאָס געזעץ פֿון מיליטער-געריכט און פֿאַר אָבזאָגען מיט דאַרין אַ קאַפּיטעל תהילים אָדער דורכלייענען די „תחנה-אמהות" וועט קומען פֿון אַכט ביז צוועלף יאָהר קאַטאָרגע. פֿון ריגאַ שרייבט מען מיר, אַז דאָרט האָט מען ניט לאַנג געבראַכט צום געריכט אַ יודען, וואָס מ׳האָט בײַ איהם געפֿונען אין פּאה עטוואָס לענגער פֿון דער „נאָרמע".

איף זײַנע ליפּען האָט זיך געווען בעוויזען אַ לעבהאַפֿטע געלעכטער, נאָר ר׳ מרדכי האָט איף איהם שטרענג און ערנסט אַ קוק געטהון און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען.

עס האָט זיך דערהערט איין קלאַפּ מיט דער טהיר און באַלד נאָך איהם אַ צווייטער, און אין קאַבינעט איז אײַלענד אַרײַן ר׳ מיכל אײַזענשטאַדט מיט אַ פּאָרטפֿעל אונטערן אָרעם.

אַלע זענען אויפֿגעשטאַנען פֿון די ערטער, בעגריסט דעם גאַסט און האָבען זיך ניט אַוועקגעזעצט ביז ר׳ מיכל האָט ניט

פֿאַרנומען אַ פּלאַץ בײַם טיש. ברײַדאָ האָט איהם אונטערגערוקט
זײַן שטוהל און זיך אַװעקגעזעצט ניט װײַט פֿון איהם, נעהנטער
צום פֿענסטער, פֿון װאַנען ס'איז געװען ליכטיגער צו לײיענען.

ר' מיכל האָט אַרױסגענומען אַ טיכעל, האָט אַרומגעװישט זײַן
פֿאַרשװיצט פּנים און האָט שװער אָבגעעטעמט. די טרעפּ זענען
געװען צו־שװער פֿאַר זײַן דיקען, קײַלעכדיגען קערפּער.

— איך בעט ענטשולדיגען... איך האָב פֿאַרשפּעטיגט...
פּפּפּ... פֿאַר אַכט יאָהר נאָך ניט צוגעװעהנט צו די הויכע
טרעפּ... איהר װעהט דאָך, מיט אַכט יאָהר צוריק זענען די טרעפּ
ניט געװען אַזױ הויך... אָדער איך בין געװען יונגער?

— איך האָרך אײַך זאָגען, ר' מיכל — האָט זיך אָבגערופֿען
לײַבאָװיטש — אַז דעמזעלבען שיר המעלות זינג איך אויך.
אין אונזערע יאָהרען איז דאָס ניט אַזױ גרינג, ובפרט נאָך, װען
עס קומט אויס, אַזױ װי אונז בײדען, הויך צו קריכען...

ר' מיכל האָט אַ לאַך געטהון און זײַן קײַלעכדיגע, עטװאָס
אַרױסגעשאָרענע װײַס־זילבערנע באָרד האָט זיך אַ טרײסעל געטהון
איבער די שװאַרצע לאַצקאַנען פֿון לאַנגען ראָק.

— נו, פֿאַניע ברײַדאָ, — האָט ער זיך אַ קעהר געטהון צום
הירשין, װעלכער האָט פֿונאַנדערגעלעגט זײַנע פּאַפּירען — װאָס
האָט איהר צו זאָגען?

אין זײַנע קלוגע, געדיכט־בעװאַקסענע אויגען האָט זיך אָב־
געשפּיגעלט אַ האַלב־פֿערבאָרגען געלעכטער. ער האָט ניט גע־
גלײבט אין דעם כח פֿון „טרעהרען־בקשות", דערהויפּט נאָך דאָרט,
װאו מ'דאַרף װאָס צו טהון מיט מאָרדװינאָװ, װעלכען ער האָט גוט
געקענט און בײַ װעמען ער האָט שוין דורכגעפֿיהרט אײניגע זעהר
װיכטיגע יודישע אינטערעסען.

ברײַדאָ האָט זיך אָבגעהוסט נאָכאַמאָל, אַ קוק געטהון אויף
דער האַלב־צוגעמאַכטער טהיר און האָט אָנגעהױבען:

— אײַער דורכלױכט!

װי נור דער װילען פֿון דעם אַלגנעדיגען קײזער, װעלכען ער
האָט אַרױסגעזאָגט אין דעם זיבצעהנטען טאָג פֿון דעם פֿערגאַנ־

גענעם מיזרח, אַז בײַם איבערשרײַבן דעם וועלישער פּראָצעס זאָלען פּינקטליך אָנגעווענדט ווערען די אַלגעמײנע געזעצען, אַזוי אויך דער אַלערהעכסטער בעפעהל פון 28־טען פעברואַר 1817, — זײַ נור די דאָזיגע ידיעה האָט דערגרייכט צו די שווער־געשמידעטע ייִדען אין וועליזש, האָבען ניט נור די אומגליקליכע אַלײן, נאָר אַלע איזראַעליטען, וואָס וואוינען דאָרט, פערגיסענדיג אַ פרעהליכע טרעהר, אַוועקגעשיקט אַ וואַרימע תפילה צו גאָט, ער זאָל גוטס טהון דעם געקריינטען און געזאַלבטען פאָטער, וואָס דאַגה'ט פאַר דער לאַגע פון דעם קלענסטען פון זײַנע אונטערטאַנען.

ר' מיכל האָט זיך אַ לײַכטען קרים געטהון. די „טרעהרען־בקשה" איז געווען אָנגעשריבען אין דעם ניטיגען סגנון פון אַזעלכע מיני בקשות, אָבער דאָך האָט די מליצה געקלונגען צו־שרײַענד און האָט פאַר אַ פרעמדען געקאָנט אויסזעהן ניט גענוג ערנסט.

— זײַ האָבען געהאָפט, — האָט ברוידא געלײענט ווײַטער, — אַז סוועט אָנקומען דער יום־הדין, די גערעכטיגקײט וועט בעשטעהן, דער אכזר'ישער שקר וועט בעלויכטען ווערען און דאָס געצוואונגענע און געדריקטע רעכט וועט צובערעכען די קייטען, אין וועלכע עס איז געשמיעדט שוין באַלד צוויי יאָהר. אָבער דער בעלאָרוסישער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז געגען דעם, און דער אַלער־העכסטער ווילען קאָן דערום ניט ערפילט ווערען.

די מדובר פון קאַבינעט האָט זיך שטיל איסגעגעבענט און אין צימער זענען אײַנע נאָך דער צווייטער אַרײַן לאה און לאַגע, בײדע אין שוואַרצען, בײדע מיט בלאַסע טרויעריגע פנימער. לאה איז געווען נידריגער, דיקער און איז געווען מעהר עהנליך צו כלאַוען, לאַגע איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער, דינער און האָט מעהר דערמאָהנט איהר פאָטער שמריה'ן. זי איז געגאַנגען מיט שטילע טריט, מיט אַנאַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ; דאָס שוואַרצע טיכעל איז בײַ איהר נידריג אַראָפּגעהאַנגען איבערן שטערן און ווײַט אַראָפּגעפאַלען אַהינטער, בעהאַלטענדיג אונטער זיך איהרע שוואַרצע געדיכטע האָהר; אַ שוואַרץ סאַמעטען בענדעל איף דעם ווײַסען מאַרמאָרנעם האַלז און אַנטוואָס אָבגעריסענער „קריעה"־לײַסטעל

פון שוואַרצען וואָלענעם לייבעל, שטייט אײַנגעשפּילעט אויף איהר קיילעכדיג אויסגעשטאָפּטער ברוסט.

בריינאַ האָט זיך אָבגעשטעלט. אין צימער איז פֿאָרגעקומען אַ קליינע איבעררעשונג; פֿייטעלסאָן איז אויפגעשפּרונגען, האָט אוועקגעגעבען זיין שטוהל לאה'ן און איז אַוועק בעזאָרגען אַ שטוהל פֿאַר לאַנען. נאָר זי האָט זיך שטיל אוועקגעזעצט אויף דעם ברעג פֿון גרויסען לעדערנעם דיוואַן, נעהנטער צו דער טהיר, אַוועק־געלעגט אויף די קני איהרע ביידע קליינע ווייסע הענד און האָט זיך צוגעגרייט הערען.

בריינאַ האָט דורכגעלאָזט דעם יורידישען טייל פֿון דער בקשה מיט די נעמען פֿון די געזעצען, אויף וועלכע ער האָט אָנגעוויזען, און האָט אָנגעהויבען ווייטער:

— שוין אַנדערטהאַלבען מאָנאַטען, ווי ס'איז אַרויס דער איבענדערמאָהנטער קייזערליכער בעפֿעהל, אָבער די אויספֿאָרשונג מאַכט קיין שום פֿאָרשריט ניט און פֿאַר דער צייט איז נאָך מעהר גיוואַקסען שטראַשאָוו'ס אכזריות. מענשען זענען אָבגעריסען געוואָרען פֿון זייערע הייזער; זייערע געשעפֿטען זענען רואינירט; אונשולדיגע קרבנות ווערען געפּייניגט פֿון די שווערע אייזערנע קייטען, פֿון וועלכע זיי ווערען ניט בעפֿרייט ניט נור אין דער צייט פֿון קרענק און יסורים, נאָר אפילו אין די לעצטע מינוטען פֿון זייער לעבען. טרעהרען און פּיין זענען אויסגעפֿאַלען אויף זייער שווער, ביטער גורל און ניטאָ פֿון וועמען צו וואַרטען אויף הילף. רחמנות האָט ניט קיין פּלאַץ אין הארצען פֿון דעם אויספֿאָרשער, מענשהייט און מיטלייד זענען איהם פֿרעמד.

לאַנע האָט אויפגעהויבען איהרע לאַנגע שוואַרצע ברעמען און האָט פֿערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף הירש'ן. דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעלייענט פֿון פּאַפּיר, איז געווען פֿאַר איהם אַ נייעס. ניט אַלע בריעף פֿון וועליזש האָט ער זיי געוויזען: פֿיעל פֿון זיי האָט ער פֿון איהר און פֿון לאה'ן בעהאַלטען.

— איינער פֿון די לײַדענדע און פֿון די קראַנקע — האָט בריינאַ געלייענט ווייטער — יענקעל־הירש אַראָנסאָן, וואָס איז

בשעת דער מעשה מיטן קינד אינגאנצען געווען אלט נישט מעהר ווי 13 — 14 יאהר, האט געהאלטען ביים אויסגעהן. מ'האט גע־בעטען כטראחאווין, ער זאל פון איהם אראבנעהמען די קייטען, ווארום אדן דעם איז ער שוין אויך געווען צוגעשמידעט צו זיין טויטען בעט. מ'האט איהם געבעטען, ער זאל איהם געבען די מעגליכקייט אבצואגען ודוי — וואס דאס ווערט ערלויבט א בעשול־דיגטען אפילו ביי די ווילדע; מ'האט געבעטען, ער זאל כאטש צולאזען זיין אלטע מוטער צו דער גסיסה פון איהר אומגליק־ליכען זוהן, אבער ניט קיין טרעהרען, ניט קיין בקשות, ניט דאס אומענשליכע קלאגען פון דער אומגליקליכער מוטער האבען נישט געהאלפען: ער האט גארנישט ערלויבט, האט מיט אכזריות געהייסען ארויסיאגען די מוטער מיט איהרע קרובים, און דער אומגליקליכער יונגעל איז געשטארבען א געשמידעטער אין קיי־טען, ווי דער גרעסטער מערדער אין דער וועלט, ווי אַנ'אים־הודף, אויף וועלכען מען טאר נישט האבען קיין מיטלייד...

ברודא האט געוואלט לייענען ווייטער, נאר ער האט זיך געמוזט אבהאלטען. לאנג האט צוגעדריקט דאס טיכעל צו די אויגען און האט זיך כונאנדערגעוויינט מיט א פערשטיקט, פער־ביטערט געוויין. מיט לאהין האט זיך אנגעהויבען דיסטעריקע, נור זי האט זיך אליין געשטארקט אבצוהאלטען זיך, כדי ניט צו דער־שרעקען די קינדער.

הירש האט איבערגעווארט ביז די ווייבער וועלען זיך א ביסעל בערוהיגען, האט איבערגעהיפט א גרויס שטיק און מיט א טרוי־עריגער קרענקליכער שטים האט ער אנגעהויבען צו לייענען דעם סוף פון דער ביטע.

— דאס אליין בעווייזט נור, אז כטראחאווין איז געלונגען צוצורייזען דעם געגעראל־גובערנאטאר, אז יודען דארפען, כלומר'שט, האבען קריסטליך בלוט, און חאוואנסקי האט פון זיין זייט איינגעלויבט דערין אונזער געעדיגען קייזער... און אט איז שוין באלד אכט חדשים, ווי די יודען אין וועליזש איז פערבאטען זייער גאטעס־דיענסט ניט נור אין די שוהלען, וואס זענען אלע

פערחתמעט, נור איך אין זייערע אייגענע הייזער. זייערע הייליגע תורות, וואס ס'זענען פערשריבען זייערע רעליגיאנס-געזעצען, זענען ביי זיי אפגענומען געווארען, איבערגעגעבען אונטער דער אויפזיכט פון די פאליציאנטען און ווערען בעהאנדעלט מיט דער גרעסטער פערשוועכונג...

— אייער דורכלויכט! — האט ער געלייענט — איהר זענט דער איינציגער בעשיצער פון געדריקטע און גערודפטע, דער מעכטיגער אויספיהרער פונ'ם ווילען פון אונזער גנעדיגען מאנארך. הערט זיך צו צו דעם געוויין, צו דעם געשריי פון די אומגליקליכע, געפייניגטע יודען, וואס זענען אפגעריסען פון זייערע הייזער, צושיידט מיט זייערע קינדער און אריינגעשלייהערט אין אפגרונד פון צרות! צו אייך שרייען זיי — וויל נור איהר אליין קאנט זיי רעטען; זייער לעבען און זייער טויט איז ביי אייך אין האנד...

הירש האט ווידער אמאל מפסיק געווען. אין צימער איז אריין די הויז-דיענסט אין א ווייסען שירץ, מיט א רויטען קווייטעל אין די האהר און מיט א גרויסען טאץ אויף די הענד. אויף איין מינוט האט זי זיך פערוואונדערט און האלב דערשראקען אפגעשטעלט ביי דער שוועל און האט מיט פרעגענדיגע אויגען א קוק געטהון אויף לאה'ן. זי האט איהר א מאך געטהון מיט'ן האלבנאסען טיכעל, וואס איז געווען ביי איהר אין האנד, און די דיענערין האט שטיל אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש זעקס אנגעגאסענע גלעזער טהיי, ביסקוויטען און פרוכטען. זי האט נאכאמאל פערוואונדערט א קוק געטהון אויף איהר ווירטהין, אויף דער פערוויינטער לאגען און אויף אלע איבעריגע ארום טיש. אלע האבען אויסגעזעהן גלייך ווי זי וואלט זיי געכאפט עפיס ביי א פערברעך. זי האט שטיל אויפגעעפענט און צוגעמאכט הינטער זיך די טיר, און ברודא האט אנגעהויבען צו לייענען ווייטער:

— מאכט אויפמערקזאם דעם גנעדיגען קייזער אויף דעם אונרעכט, וואס ווערט אפגעטהון אין זיין נאמען! זאל ער בעזייטיגען פון דער אויספארשונג דעם הויפט-פערוואלטער פון נירנבערג און זיין אויספארשער, וואס רעכענען זיך ניט מיט דעם

קיזער׳ס בעפעהל, פערדעקען דעם אמת און ווענדען-אן אלע זייערע
כחות דערצו, אז דער משפט זאל ניט געפיהרט ווערען לויט די
געזעצען פון דער מלוכה. זאל איבערגעגעבען ווערען די אויספאר-
שונג אין אנדערע, זיכערערע הענד מיט אנ׳אנטייל פון דעפוטאטען
און פארשטעהער פון מאגיסטראט, זאלען אבגעחתמעט ווערען די
שוהלען און די ספרי-תורות זאלען אויסגעלייזט ווערען פון פא-
ליציאישער אויפזיכט. זאלען די קראנקע און ליידענדע ערלייזט
ווערען פון די קייטען; די דריי קריסטינס, עדות-זאגערינס, וועלכע
זיי האלטען געבראכט ווערען אהער און פארגעשטעלט ווערען פאר
אייך יעדערע בעזונדער, וואלט זיך באלד ענטפלעקט דער אמת,
וואס איז איצט געדיכט בעדעקט מיט ליגען און פאלשקייט. ווארום
די בארימהארציגקייט פונ׳ם גנעדיגען מאנארך דארף ניט געשטערט
ווערען דורך אונרעכט און קאן ניט דערלאזען, אז זיינע אונטער-
טאנען זאלען זיך צושיידען מיט זייער לעבען נור צוליעב דער
אונעהרליכקייט פון זיינע בעאמטע...

ברודא האט געענדיגט לייענען, האט א קוק געטהון אויף
רבי מיכלען און האט ארומגעווישט מיט׳ן טיכעל זיין פערשוויצט
פנים. רבי מיכל האט ארויסגענומען ביי איהם פון האנד די ריין-
איבערגעשריבענע פאפירען, האט זיי איבערגעקוקט און צופריע-
דען אוועקגעלעגט פאר זיך אויפ׳ן טיש.

— איז, דייכט עס, מארגען האלב דריי? — האט ער א פרעגע
געטהון ביי ברודא׳ן — ניקאלאי סעמיאנאוויטש נעהמט-אן פון צוויי
ביז פיער. איך וועל פערפאהרען צו אייך און מיר וועלען אוועק
צוזאמען; פון דאנען אויפ׳ן ראג טארגאווא, נעבען גריכען טע-
אטער, איז דאך ניט ווייט.

ער האט זיך אבגעזעגענט און איז אוועק.

באלד נאך איהם האבען זיך אבגעזעגענט און זענען אוועק
פיטעלסאן מיט לייבאוויטש׳ן.

———

דאס זעקס און דרייסיגסטע קאפּיטעל.

אין דריי טעג אַרום האָט דער קייזער ניקאָלאַי אויפגענומען בײַ זיך אין יעלאַגין-פּאַלאַץ דעם פּאָרזיצענדען פון דעם דעפּאַרטאַמענט פאַר וועלטליכע און רעליגיעזע ענינים פון גאָסודאַרסטוועני סאָוועט, ניקאָלאַי סעמיאָנאָוויטש מאָרדווינאָוו׳ן.

דער אַלטער זעקס-און-זיבעציג-יעהריגער גראַף איז געזעסען טיעף אין הויכען שוואַרצען לעדערנעם שטוהל געגענאיבער דעם קייזער און אויף דער שוואַרצקייט פונ׳ם לעדער האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט זיין ריין-אַרמעראַזירטעס ווייסעס געזיכט, זיינע דיגל-רויטליכע באַקען און די לאַנגע זילבערנע האָאָר, וואָס דאָבען פון דריי זייטען באַראַמט זיין האַלב-הוילען קאָפּ מיט אַ הויכען ברייטען שטערן. זיינע צוויי קלוגע אויגען האָבען געבליצט, ווי בײַ אַ יונג פערצערטעלט קינד. בײַ דער לינקער האַנד איז געלעגען זיין דיקער שטאָק מיט׳ן ווייסען הענדטעל פון העלפאַנד-ביין, און דער רעכטער האָט ער געהאַלטען דאָס פּאַפּיר, וואָס עס האָבען איהם מיט אַ טאָג פריהער דערלאַנגט מיכל אייזענשטאַדט און הירש בהוידאַ. דאָס פּאַפּיר איז געווען אין פיעל ערטער אונטערגעשטריכען מיט בלאָיע און רויטע שטריכען, און ווען דער אַלטער גראַף איז בײַם לייענען געקומען צו די אונטערשטריכענע שטעלען, האָט דאָס פּאַפּיר אָנגעהויבען צו צאַפּלען בײַ איהם אין האַנד און זיין שטים האָט הויך און צאָרנדיג געקלונגען.

דער אַלטער האָט געלייענט און דער קייזער האָט ניט אַראָפּגעלאָזט פון איהם זיינע אונגעוועהנליך-גרויסע הירכדרינגענדע אויגען. ס׳איז ניכר געווען, אַז דאָס, וואָס מאָרדווינאָוו האָט געלייענט, האָט איהם געריהרט. און אַז מאָרדווינאָוו האָט אויפגעהויבען זיין שטים און דאָס פּאַפּיר האָט זיך, באַזונדערס שטאַרק אָנגעהויבען צו טרייסלען בײַ איהם אין האַנד, האָט זיך בײַם קייזער אויך אַ ווײַלע אָנגעצונדען אין די אויגען אַ ערנסט און שטרענג פייערל.

מאָרדווינאָוו האָט געענדיגט און האָט אָנגעהויבען לאַנגזאַם צוזאַמענלעגען דאָס פּאַפּיר. אָבער דער קייזער האָט זיך עטוואָס

אויפגעהויבען פון זיין שטוהל, האט אויסגעצויגען זיין האנד איבער'ן טיש, דאס ארויסגענומען ביים גראף פון האנד דאס פאפיר, אוועקגעלעגט עס פאר זיך אויפ'ן טיש און דורכגעלאפען מיט די אויגען די אונטערשטריכענע שורות.

— גראף! — האט אזוי געטהון דער קייזער, אויפהויבענדיג זיין קאפ פון פאפיר און אבשטעלענדיג אויפ'ן אלטען זיין האר־טען שטרענגען קוק — גראף! צי זענט איהר זיכער, אז דאס, וואס די יודען האבען דא אנגעשריבען, איז אלץ אמת?

אלס איינער פון די נאהנטסטע הויף־טהוער ביי פיער רע־גירונגען, האט מארדווינאוו גלייך געכאפט דעם בעהאלטענעם מיין פון דעם קייזער'ס ווערטער און האט ניט געקאנט ניט באמער־קען דעם בעהאלטענעם האס, וואס האט אבגעקלונגען אין זיין אויסדרוק „די יודען“.

— אייער קייזערליכע האהייט! ווען איך וואלט ניט געווען זיכער, אז אין דעם פאפיר איז געשריבען נור דער ריינער אמת, וואלט איך ניט ריזיקירט פארצושטעלען דאס פאר מיין קייזער. אייער קייזערליכע האהייט! ס'זענען דא אין לעבען אזעלכע מאמענ־טען, ווען פאר דער פאלשקייט און איבערטרייבעניש בלייבט ניט קיין פלאץ און דער אמת שפראצט ארויס ניט־ווילענדיג און ניט־ווילענדיג שרייט ער מיט אלע זיינע כחות, און ניט הערען איהם קאן מען ניט...

מארדווינאוו האט זיך צוהיצט מיט זיין אמאליגען יונגען פייער און האט זיך אבגעשטעלט, גלייך ווי ער וואלט זיך אליין פאר־שעמט פאר זיין צו־לייכטער אויפרעגונג, וואס האט אזוי ניט גע־פאסט צו זיינע באלד אכציג יאהר.

— קיינער האט דאך אבער ביז אהער דייטליך ניט אויפגע־וויזען, אז די יודען דארפען קיין קריסטליך בלוט ניט.

מארדווינאוו האט ווידער אמאל א קוק געטהון אויפ'ן קייזער מיט זיינע ריינע קינדערשע בלויע אויגען און אויף זיינע ווייסע בולע באקען האט ווידער אנגעהויבען צו שפילען א רויטע פארב.

— קײנער האָט אָבער אױך דײַטליך נישט אױסגעװיזען, אַז די יודען דאַרפֿען עס יאָ...

דער קײזער האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבען און מיט דעמזעלבען ערנסט און קאַלטען בליק װי פֿריהער געקוקט אױף דעם אַלטען קלוגען אַדמיראַל און פּאָליטיקער.

— אױב ניט אַלע יודען — האָט דער קײזער לאַנגזאַם און מיט זיכערקײט אַ זאָג געטהון — איז אײניגע פֿינסטערע בעהאַלטענע פֿאַנאַטיקער געװיס. גראַף, װען מיר זעהען, אַז בײַ אונז, בײַ קריסטען געפֿינען זיך פֿערפֿיהרטע, פֿערדאָרבענע „סעקטען", װאָס ערלױבען זיך צו פֿערגיסען זײער אײגען, זײער פֿרעמד מענשען־בלוט — פֿאַרװאָס זאָלען מיר ניט דערלאָזען, אַז אַזעלכע סעקטען געפֿינען זיך אױך בײַ די יודען?

און װידער האָט דעם גראַף אַ שטאָך געטהון דער טאָן, מיט װעלכען ס׳זענען געװען אַרױסגערעדט די װערטער „די יודען".

מאַרדװינאָװ האָט אַ מאַך געטהון מיטן קאָפּ.

— נײן, גנעדיגער קײזער! װען צװישען דער יודישער בעפֿעלקערונג װאָלטען אפֿילו אַלע בענוצען קריסטליך בלוט און נור אײנער פֿון זײ װאָלט געװען פֿרײַ פֿון דעם אומענשליכען מנהג, װאָלט אָט דער אײנער שױן לאַנג געמסר׳ט אַלע און װאָלט שױן לאַנג אױסגעבראַכט אַלע זײַנע ברידער... אײער קײזערליכע דאָהײט װײסט, װאָס פֿאַר מוסרים די יודען זענען...

מאַרדװינאָװ׳ס װערטער האָבען געטראָפֿען אין ציעל. דער קײזער אַלײן האָט אױך װעגען דעם אײניגע מאָל אַ קלער געטהון; ער האָט אױף איהם אַ קוק געטהון מיט אַ מעהר חידיגען, מעהר צופֿריעדענעם בליק. ער האָט גענומען אין האַנד דעם גרויסען רויטען בלײַשטיפֿט און װידער אַראָפּגעלאַזען דעם קאָפּ איבער׳ן פּאַפּיר. מאַרדװינאָװ האָט אַרױסגענומען פֿון אונטערן בוזעם אַ קלײן טאַבאַק־פּושקעלע פֿון שװאַרצען עמאַל, אײנגעפֿאַסט אין גאָלד, מיט דעם בילד פֿון יעקאַטערינאַ׳ן אױף דעם אױבערשטען דעקעל, האָט אַרײַנגעצױגען אין נאָז אַ שמעק טאַבאַק און אַרומגעװישט זיך מיט אַ גרויסען, רױט־זײַדענעם טאַשען־טוך.

דער קײזער האָט עטװאָס אױפֿגעהױבען דעם קאָפּ, אױסגעצױגען איבער׳ן טיש די לינקע האַנד און, ניט קוקענדיג אױף דעם קלײן זילבערנעם גלעקל, װאָס האָט זיך װי פֿערװאַלגערט צװישען דעם איבעריגען שרײב-געצײג אױף דעם גרױסען, פֿול אָנגעשטעלטען טיש, האָט ער אַ לײכטען קלונג געטהון און װידער אַראָבגעלאָזט די אױגען אױפ׳ן פּאַפּיר.

די טהיר האָט זיך שטיל אױפֿגעעפֿענט; די שװערע פּאָרטיערען האָבען זיך פֿונאַנדערגעטײלט אױף צװײען, און פֿון הינטער זײ האָט זיך האַסטיג אַרײנגעריסען אין קאַבינעט דער דעזשורנער פֿליגעל-אַדיוטאַנט, פֿאָלקאָװניק שקירין. ער האָט אַ בלאַנק געטהון מיט אַלע זײנע רוסישע און אױסלענדישע מעדאַלען אױף זײן אױסגעשטעלטער קײלעכדיגער ברוסט און מיט זײן געדיכט-געפּלאָכטענעם זילבערנעם אַקסעל-באַנד איבער דער רעכטער פּלײצע. זײן יונג רױט געזיכט האָט אױסגעזעהן פֿריש און צופֿריעדען, די האַרטע קורץ-געשאָרענע האָאָר זענען שאַרף און געדיכט געשטאַנען אױף זײן לאַנגען, עטװאָס צו-שמאָלען קאָפּ, װי אַ באַרשט; דער שמאָלער אײנגער קראַגען האָט הױך אונטערגעשפּאַרט זײנע באַקען. און דאָרט, װאו די ברעגען פֿון קראַגען האָבען זיך אײנגעגעסען אין הױלען לײב, איז די הױט געװען רױט, װי אָפּגעברענט.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט בײם טיש, אַ קוק געטהון אױפ׳ן קײזער, װאָס האָט עפּיס געשריבען מיט׳ן בלײשטיפֿט אױפ׳ן אױבערשטען װינקעל פֿון פּאַפּיר, און האָט אַ װאָרף געטהון פֿון אױבען אַראָב אַ שטאָלצען בליק אױף מאָרדװינאָװ׳ן.

דער אַלטער גראַף האָט איהם פֿערזענליך ניט געקענט, נאָר ער האָט געװאוסט, אַז דאָס איז דער נײער „הױף-מענש", בענקענדאָרפֿ׳ס רעכטע האַנד, אין װעלכען דער קײזער איז בעזונדערס געװען אײנגעליבט. מאָרדװינאָװ׳ן איז אױך בעװאוסט געװען זײן קורצע לעבענס-געשיכטע. אַ געװעזענער „איסטאָפּניק" (אַ ממ נה אױף די אײזען-הײצערס) בײ אַלעקסאַנדער דעם ערשטען אין הױף, האָט ער זיך אױסגעצײכענט מיט בעזונדערע פֿעהיגקײטען בשעת מ׳האָט געדאַרפֿט קומען אין אַ געהײמען צוזאַמענבונד מיט דעם גע-

ווּסען אונטער־אָפיציר פון דעם אוקראַאינער פאָלק שעוודרן, וואָס האָט געמסרט די דעקאַבריסטען) און שטילערהייד דורכפירען אים אין ווינטער־פּאַלאַץ צום קייזער.

אין דעם 7־טען דעצעמבער 1825, אַ וואָך פאַר דעם דעקאַבריסטען־אויפשטאַנד, האָט אידם ניקאָלאַי, אין נאָמען פון דעם קייזער „קאָנסטאַנטין דער ערשטער", געשיקט מיט זעהר אַוויכטיגער שליחות קיין טאַגאַנראָג צו דיבּיטשין, אויך וועגען דעמזעלבען ענין פון אויסשפירען די מיטגלידער פון דעם מיליטערישען פערבּאַנד אין דער צווייטער אַרמעע. די דאָזיגע שליחות האָט ער אויסגעפירט זעהר גוט, און קומענדיג צוריק קיין פּעטערבּורג, האָט ער שוין בּיי דעם קייזער ניקאָלאַי דעם ערשטען פערנומען אין הויף יענעם פּלאַץ, בּעקומען יענע בּעהאַלטענע און אונאָנגעזעהענע מאַכט, וועלכע ס׳האָבּען ניט די אָפיציעלע און אָנגעזעהענע הויף־לייט.

שקורין האָט אַ קלונג געטהון מיט די שפּאָרען און זיך אויסגעצויגען בּיים טיש מיט יענער פּשוטער „אַרמעאישער" גרייטקייט צו טהון אַלץ, וואָס מ׳וועט אים הייסען, וואָס איז געוועזען אַזוי ווייט פון די בּעציהונגען בּיי דעם הויך־אַריסטאָקראַטישען אַלטען הויף פון פריהעריגער רעגירונג, און מאַרדווינאָוו האָט עס ניט געקאָנט ניט בּעמערקען, און ס׳האָט אים איבּערראַשט.

דער קייזער האָט אויפגעהויבּען דעם קאָפּ און שקורין האָט זיך נאָך מעהר אויסגעצויגען, דער הויכער קראַגען האָט שטאַרק אונטערגעדריקט זיין רויטען קיהן־בּאַק, די אויגען האָבּען זיך אַרויסגעקיקעלט און אונבּעוועגט אָנגעשטעלט אויפ׳ן קייזער.

— פּאָלקאָווניק! — האָט אַ זאָג געטהון דער קייזער, ווי ער וואָלט אונטערשטריכען הערמיט דאָס, וואָס ער גיט אים אָבּ זיין עהרע, האָטש ער איז קיינמאָל ניט געוועזען אין „סטראָי" און האָט זיינע אויסצייכנונגען בּעקומען בּלויז בּיים הויף־דיענסט, — פּאָלקאָווניק, איך מוז אויף דיר אַרויפלעגען אַ שליחות, וואָס וועט דיר אפשר זיין אונאַנגענעהם, אָבּער נור דיר אַליין קאָן איך עס אָנטרויען. אין אַ קליין זשידיש שטעדטיל אין בּעלאָרוסישען קאַנט

איז אויפגעקומען אַן אומשולדיק קריסטליך קינד. ווער האָט דאָס דאָזיגע קינד אומגעבראַכט — ווייסט מען ניט. דער אמת איז בײַ גאָט... ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מאָרדווינאָוו'ן און האָט איבער־געכאַפּט זײַן איראָנישען, שמייכלענדיגען בליק.

— די שפּורען זענען אָבער ענטדעקט — האָט ער שטרענג צוגעגעבען, און זײַן שטים האָט בעקומען אַן אײַנגעהאַרטעטע קאַלטע הייליגקייט — און מען מוז זעהן, זיי זאָלען ניט ווידער פער־שווינדען...

שקורין האָט ערנסט געקוקט דעם קייזער אין די אויגען אַרײַן און האָט צוזאַמען מיט איהם אויך אַ וואָרף געטאָן אַ שטרענ־גען בליק אויף מאָרדווינאָוו'ן. וועגען דער מעשה, וואָס די יודען האָבען אָפּגעטאָן עפּיס ערגיץ אונטער וויטעבסק, האָט ער שוין געוואוסט, און האָט אויך געוואוסט, אַז דער אַלטער גראַף האָט עפּיס אַ שייכות צו די דאָזיגע יודען.

— אײַער קייזערליכע דאָהייט! — האָט הויך און שאַרף אַרויס־גערעדט שקורין, און די אויגען זײַנע זענען אָנגעלאָפען, גלײַך ווי ער וואָלט עפּיס נאָר־וואָס אויפגעהויבען זעהר אַ שווערע משא און גרייט זיך שוין אויפצוהויבען נאָך אַ גרעסערע — אום אויס־צופיהרען דעם ווילען פון מײַן קייזער, זענען בײַ מיר נישטאָ נישט קיין שווערע, נישט קיין גרינגע זאַכען. אַלץ איז גרינג!

ער האָט אַ לײַכטען קלינג געטאָן מיט די שפּאָרען און האָט נאָך שטרענגער אַ קוק געטאָן אויף מאָרדווינאָוו'ן.

דער קייזער האָט זיך אויפגעהויבען אין זײַן גאַנצען וואוקס, אַרויס פון הינטער'ן טיש און האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען שקו־רינען. זײַן לאַנגער גלאַטער סורטוק מיט'ן איין־איינציגען קרייץ אונטער'ן האַלז האָט געגעבען שקורינ'ס רייך־בעפּוצטען בלאַנקענדיגען מונדיר אויסגעזעהן צו־אײַנפאַך און צו־שטרענג.

— אויב אַזוי, פּאָדרוטשי הײַנט אָב; דער פערוואַלטער פון הויפּט־שטאַב וועט דיר מיטגעבען די נויטיגע פּאַפּירען צום גענע־ראַל־אַדיוטאַנט, פירסט כאָוואַנסקי.

ער האָט דערלאַנגט שקורינ'ען די האַנד און בשעת יענער האָט

זיך צו איהר נאָהנט צוגעבויגען מיט די ליפּען, האָט זיך ניקאָלאַי צוגעלעגט צו זיין רייך־איבגעוואַשענעם העל־רויטען שלייף, בעגע־וואַקסען מיט קורצע שטעכעדיגע האָאָר.

— גאָט וועט דיר זיין צו־הילף, גענעראַל!

שקודין האָט איבערגעהויבען צום קייזער זיינע אויגען, וואָס זענען געווען פול מיט טרעהרען, און האָט זיך גענומען מיט דער האַנד פאַר'ן שווערען פּאָרטיער.

און אין דעם נויג מיט'ן קאָפּ, וועלכען דער נייער גענעראַל האָט געמאַכט, איידער ער איז פערשוואונדען געוואָרען אין טהיר, און אין דעם בלאַנק, וואָס האָבען דערביי געטהון זיינע גאָלדענע מעדאַלען און קנעפּ און דער ווייסער אראָבהענגענדער שאַרף ביי די זייטען און אין דעם בליק, מיט וועלכען דער קייזער האָט איהם בעגלייט, האָט מאָרדווינאָוו פערשטאַנען, אז די לאַגע פון די וועליזשער יודען איז פון דער מינוט אָן געוואָרען נאָך ערנסטער און נאָך געפעהרליכער...

דאס זיעבען און דרייסיגסטע קאפיטעל.

פון דעם טאָג אָן, זינט סלאַווע און חנה זענען איבערגעטראָטען איבער'ן שוועל פון טורמע, האָט זיך נאָטע פּרודקאָוו ניט איבערגעהערט אַרומצוטראָגען מיט איין געדאַנק: ווי־עס־איז נאָכצושפּירען דעם פערפּלאָנטערטען קניל, אָנחאַפּען דעם פאָדעם, וואָס פיהרט צו איהן, ווי דער בלבול ווערט פאַבריצירט, וואו עס ווערט געפלאָכטען די טייוולאָנישע נעץ, אין וועלכע עס זאָל, לויט'ן פּלאַן פון די אָנ־ביהער, אַריינפאַלען די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג.

אָט דער געדאַנק האָט איהם ניט געלאָזט רוהען קיין איינ־ציגע מינוט. אַליין איז ער געווען, האָט ניט געהאַט מיט וועמען צו טיילען זיינע פערצווייפלונגען און זיינע פּלענער, מיט וועמען זיך אַנעצה צו האַלטען. קהל איז געווען רואינירט, די קהלס־לייט זענען זיך אָדער צולאָפען, אָדער צוזעצט געוואָרען אין די טורמעס. די געזעלשאַפטליכע שטימונג איז בכלל געווען זעהר

בעדריקט און מיט'ן אָנקומען פון ווינטער איז די גאַר איינגאַנצען אָנגעשטאָרבען. די היגע שוהל איז געשטאַנען אַ פערייתומטע, אַ פערשניטע, אַרומגערינגעלט מיט אַ שוואַרצער אייזערנער קייט, און צווי פאַלדאַטען מיט ביקסען האָבען פון צווי זייטען געהאַלטען אַרום איהר די שטרענגסטע וואַך. ביי טאָג, ביי נאַכט האָבען זיך ווייט אַרום געהערט נור די האַרטע טריט פון די „טשאַסאָוויע" איבער'ן שניאָל איבגעטראָטענעם וועגעל און דער ליאַסק פון די אָנגעשטעלטע ביקסען. די יודען, וואָס זענען נאָך ניט געווען אין די טורמע, זענען געלעגען באַהאַלטענע אין זייערע קעלערס, קיינער האָט ניט געוואַגט אַרויסצוגעהן אויפ'ן גאַס; די געשעפטען זענען געווען געשלאָסען, דער מאַרק איז געווען טויט, דאָס גאַנצע לעבען פון שטאָדט איז ווי געבליבען הענגען און פערגליווערט געוואָרען אין די לופטען.

נור איין נאָטע איז אַרומגעוואַנגען איבער דעם לעבעדיגען בית-עלמין אין זיין הויכען שוואַרצען שעפּסענ-פעלץ, טיעף פער-רוקט די הענד אין די אַרבעל, אַריינגעצויגען דעם קאָפּ אין דעם איינגעשטעלטען קראַגען און געקוקט, געקוקט מיט זיינע שוואַרצע ברענענדע אויגען, זיך צוגעהערט, געזוכט, געשפירט, געפונען. און — ווי איהם האָט אָבגערוכט — געחאַפּט דעם פּאָחעם און האָט געוואָלט איהם נור אַ ציה טאָהן, כדי פּנים קגיל זאָל גאָרנישט בלייבען. ער האָט זיך אָבער ניט געגעבען אין האַנד און ווידער פלעגט ער אָנהייבען צו שפּירען, ווידער זוכען, ווידער געפינען און ווידער פערליערען די שפּור.

אָבער דעם רינג, דעם אייזערנעם רינג, וואָס האָט די גאַנצע יודישע געזעלשאַפט אַרומגעקלאַמערט, האָט ער אויפגעדעקט אינגאַנצען: טאַראַשקעוויטש — פּעטרישצע — אַזאַרקעוויטש — כטראַ-האָוו — טערענטיעווא. כטראַהאָוו איז געשטאַנען אין צענטער און דורכרייסען דעם רינג האָט מען געקאָנט נור דאַן, ווען מ'וואָלט אָנגעלטען צו באַזייטיגען דעם דויפּט-איכפאַרשער. און אַדער האָט נאָטע אָנגעווענדט אַלע זיינע כחות, דאָס האָט ער אַוועקגעשטעלט אין מיטעל-פונקט פון זיין אַרבייט. וואוהין ער פלעגט זיך אָבער ניט

װענדען, פלעגט ער זיך אנשטויסען אויף סטראַחאָװ׳ן. מיט טאַראַנטש-קעװיטש׳ן האָט ער פערפיהרט אַ שמועס דורך זײַן שנײַדער אברהם קאָטשאַנען: ער האָט בײַ איהם ניט געדאַרפט נעהמען קיין געלד פאַר דער נײַער קיטאַגע, װאָס ער האָט איהם געמאַכט פון זײַן אייגענעם מאַטעריאַל און צוזאָגען איהם נאָך איינע, פון סאַמעט, אויב ער װעט נור װירקען אויף טערענטיעװא׳ן, אַז זי זאָל זאָגען דעם אמת. דער גײַסטליכער האָט איהם געהייסען קומען אויף מאָרגען און האָט איהם געלאָזט איבער׳חזר׳ן דעם נעכטיגען פאַרשלאָג. בע-דאַלמענע פּאָליציאַנטען זענען אַרויסגעשפּרונגען פון הינטערן טהיר, האָבען איהם אַרעסטירט און אָבגעפיהרט צו סטראַחאָװ׳ן. דעם שוסטער אַזאַרקעװיטש׳ן האָט מען תמיד געקאָנט קויפען פאַר אַ גלעזעל בראַנפען. איצט האָט איהם סטראַחאָװ ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג און געהאַלטען װי אַ צוגעשמידעטען צו די דרײַ עדות-זאָגערינס, װאָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין אַ באַזונדער הײַזעל בײַ דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע. דעם אָרימען אַרומגעריסענעם לעהרער פּעטרישצעװ׳ן האָט מען געקאָנט איבעררײַדען בײַ אַ גלאָז-טהיי, אָבער בײַ די ערשטע פראַגעס קומען מיט איהם אין אַ װאַסער עס איז פערבינדונג — האָט ער שוין געגעבען װעגען דעם צו װיסען סטראַחאָװ׳ן. און נאָטע האָט פון איהם אָבגעטרעטען.

די צײַט איז געגאַנגען. די אַרעסטירטע זענען געזעסען אין זייערע קברים, פערשטומטע, אָבגעריסענע פון לעבען, אָבגעזונ-דערטע איינער פון צװייטען, קיינער פון די, װאָס האָבען זיך געפונען אויף דער זײַט צאַם, האָט ניט געװאוסט, װאָס עס טהוט זיך דאָרט, פון יענער זײַט הויכען שװאַרצען פּאַרקאַן. קיינער פון די, װאָס זענען געזעסען פערשטיקט אין די אײַזערנע גראַטעס, האָט ניט געװאוסט, װאָס עס פּאַסירט דרויסען. נור איין נאָטע האָט געהאַט אַ שטיקעל בעגריף דערפון, װאָס עס טהוט זיך אין די קליינע פענסטער-אַרומגעשלאָגענע פינסטערע קאַמערלעך. אין די שטילע פינ-סטערע נעכט פלעגט ער איינער אַליין אַרומגעהן ביז טאָג אַרום דער הויכער שלאָס-טורמע אויף סמאָלענסקער גאַס און אַרום די קליינע דערװײַליגע טורמעס אויף דער אילאינסקער גאַס בײַ דער יאַיס-

באַרישונגס-קאַמיסיע. די עטליכע און פערציג געפאַנגענע זענען בײַ איהם אין זין אויך געווען צוטיילט אויף באַזונדערע „נומערן". ער האָט געוואוסט, וואו וועלכע נומער האַלט זיך אויף, און ווי יעדע נומער פידלט זיך.

ער האָט געוואוסט, אַז סלאַווע און חנה זיצען אין דער גרויסער שלאָס-טורמע אין צוויי באַזונדערע זייטען, און דאָרט געפינט זיך אויך אָרליק פּאַרליעקאַר, נתן בערלין און ראובן דער שמש. ער האָט געוואוסט, אַז יוזיק ציטלין זיצט פערשפּאַרט אונטען אין צוויי-גאַרנדיגען הויז, וואָס שטעהט ניט ווייט פון פּאַרקאַן אויפ'ן הויף פון דער אויסבאַרישונגס-קאַמיסיע מיט פערשלאָגענע פענסטער צו דער גאַס, און הירשע געפינט זיך אין דעמזעלבען הויז, אויבען, מיט'ן פענסטער צום הויף. אויפ'ן ראָג פון דער בערנער גאַס זיצט חיים הריפון און איבער אַ וואַנד פון איהם ווערט דערשטיקט אין אַ קליין צימערל די דיקע, זעקס-און-זיבציג-יעהריגע ליווענסאָן (רחל שייקעס) און ווייט אויפ'ן אַנדערן עק הויף, צווישען די געדיכט-געפלאָכטענע צווייגען פון דעם פער-לאָזענעם, אַלט-באַוואַקסענעם גאָרטען, אין אַ פערשנייטען דאַך-צימער מיט אַ קליין האַלב פערשלאָגען פענסטערל זיצט באַגראָבען די יונגע, די פרעהליכע אַכצעהן-יעהריגע איטקע יוזיק'ס.

שטיל איז געווען אויף דעם פערשנייטען געדיכט-באַוואַק-סענעם לעבעדיגען בית-עלמין. נור אין די לאַנגע פינסטערע ווינטער-נעכט, האָט פון דער פערפרוירענער דווינאַ און פון די ווייטע פעלדער אַרום איהר פלעגט קומען דער ווינד און זיך אָנהויבען צו דרעהען אַרום די הויכע דעכער, אַרום די שוואַרצע שמאָלע קוימענס, ביגען צו דער ערד די קעפּ פון די אַלטע ליפּען-ביימער און טרייבען דעם שניי אין איין און דעמזעלבען ווינקעל פון גרוי-סען פערשטומטען הויף — פלעגט זיך הערען אַ טרויעריג קול און ס'איז שווער געווען צו הערען, צי באַקלאָגט דאָס דער ווינד די לאַנגע ווייסע קברים, וואָס ער צולעגט רייהען-ווייז איבער דער קאַלטער דורכגעפראָרענער ערד, אָדער לעבעדיגע מענשען קלאָ-גען אויף זייער אונערוואַרטעטע אָבגעריסען לעבען.

טר איין מאָל, אין מיטען ווינטער, האָבען זיך פון דעם צימער װאו ס'איז געזעסען פערשמידט אין שווערע אייזערנע קייטען דער געוועזענער האטמאן יוזיק צייטלין, דערהערט אונמענשליכע געשרייען, — שווערע געשרייען פון א געפייניגטען, וואס נעהמט צו אונמענשליכע יסורים, וועלכע ס'איז אונמעגליך צו פערשווייגען. די געשרייען האָבען זיך געשטארקט און דורך די פערשלאָגענע לאָדענס און דורכ'ן היכען גרויען פארקאן האָבען זיי זיך דורכגעריסען און ווייט פונאנדערגעטראָגען ארום. נאָטע איז צוגעפאלען מיט'ן אויער צום קאלטען פארקאן און איז געבליבען פערשטומט: יוזיק, דער אלטער, חוזב'ער האטמאן האָט געוויינט און געשריען ווי א קינד — אָדער מ'האָט אידם כתם געשלאָגען, אָדער מ'האָט אידם געשמיסען. נאָטע האָט ניט געקאָנט מעהר בלייבען רוהיג; ער איז אװעקגעלאָפען צום פאָליצמייסטער, פערלאָפען צום שטאב-לעקאר לעווענ'צען, האָט אויפגעהויבען פון בעט דעם סעקרעטאר קולאקען, און האָט זיי אלעמען געבראכט צו דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע. די געשרייען האָבען ניט אויפגעהערט, און אין טומעל האָט זיך נאָטע אויך אריינגעריסען צוזאמען מיט די בעאמטע אין פאָרהויז פון יוזיק'ס טורמע. הירך דער געעפענטער טהיר האָט ער דערזעהן דעם געוועזענעם האטמאן אויף דער ערד אהוילען מיט א צוריסען העמד; זיין האלב-געגאָלטער קאָפ האָט זיך געשלאָגען אָן דער פאָדלאָגע, די קייטען האָבען געקלינגען און צווי קאָנוואָינע האָבען אונטער דער אָנפיהרונג פון כטראחאָו'ן געבונדען מיט א שטריק זיינע בארוועסע געבײלטע פיס.. און לאנג אין דער נאכט איז אין דעם פערשטומטען הויף געשטאנען זיין געשריי... ווי עס איז ווידער ניט געוואָרען שטיל אויף א גאנצען ווינטער.

אז ס'איז אָבער אָנגעקומען דער פריהלינג, דער שנײ איז אוועק און ס'האָבען זיך פונאנדערגעבליהט די בוימער, האָבען זיך צווישען די פעסט-פערשלאָגענע פענסטער אָנגעהויבען אָפטער דורכצורייסען לעבעדיגע מענשליכע טענער, אָפטער ווי אלע אנדערע האָט זיך געהערט חיים'ס שטים; באלד נאָכ'ן דאוונען אָדער אפי' אין מיטען טאג פלעגט ער אָנהויבען הויך אויפ'ן קול זאגען

תהלים, און די פסוקים, וואָס פלעגען זיך אַרויסרייסען פון זיין צובראָכען האַרץ, פלעגט זיך פונאַנדערטראָגען ווייט איבער'ן גאַס.

— מן המצר קראתי יה! — פלעגט ער שרייען פון דונטער די אייזערנע גראַטעס און די זעלטענע פאַרבייגעהער, וואָס פלע־גען זיך דאָ טרעפען, פלעגען ניט קאָנען פאַרבייגעהן און ניט אָפּשטעלען זיך.

— אַל תשליכני לעת זקנה, ככלות כחינו אַל תעזבני!...

נאָטע פלעגט תמיד זוכען אין זיינע געשרייען עפּיס אַ רמז, עפּיס אַ ידיעה וועגען זיין אייגענער לאַגע אָדער דער לאַגע פון די איבעריגע. רב חיים האָט אָבער וועגען דעם גאָר נישט דער־צעהלט: אָדער ער האָט ניט געוואוסט, אַז מ'הערט אידם, אָדער ער האָט ניט געוואָלט איבערוצען די תפילה־ווערטער פאַר אייגענע אָדער פרעמדע זייטיגע ענינים.

און אַמאָל אין אַ העלען ליכטיגען פריהלינגס־טאָג, ווען די זון פלעגט דערוואַרימען די ניי־געבאָרענע איבּגעלעבטע וועלט, פלעגט זיך פון דעם הויכען פערוואָרפענעם האָף־שטיבעל, וואָס האָט זיך פערלאָרען צווישען די געדיכטע גרינע צווייגען, דערהערען איטקע יוזקי'ס געזאַנג. אַ פרישׁ לעבענס־ליעד פלעגט זיך ווי אויך צו להכעיס אַרויסרייסען פון דעם טיטען שטיל־פערשטומטען אָרט און רייסען זיך אין דער הויך צום ווייטען בלויען הימעל, צוזאַמען מיט דעם גערוך פון די פערצויבערטע העל־ווייסע בלומען, צוזאַמען מיט די טרעלען פון די פויגעלעך.

דאָס איז געווען אַ צו־להכעיס־געשריי פון אַ צו־להכעיס־לעבען, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אונטער־געבען; אַ נצחון־ליעד פון לעבענס־געפיהל, וואָס איז געווען אונ־מעגליך צו דערשטיקען, אונמעגליך צו פערהילכען מיט קייטען־געקלאַנג, מיט דעם ליאַסק פון אייזערנע ריגלען... און ווער ס'האָט נור דערהערט דאָס זינגען, האָט געפיהלט אין זיך אַ נייע אויפ־לעבונג, אַ נייע שטרעבונג צו לעבען, אַ נייע ליעבע צו פרייהייט און גלויבען אין איהר נאָהנטען קומען.

נאָטע פלעגט זיך מיט אַ באַזונדער צופריעדענקייט צוהערען

צו איטקען געזאגט. ער האט געוואוסט, ווי ווייט די מינטערט-איך דערבייט אלע געבונדענע, אלע געפאנגענע, וואס האבען מיטגעטיילט איהר שווערען מזל. ער דאט איך געוואוסט, אז כל זמן פון דעם שטילען לעבעדיגען בית-עולם הערט זיך נאך איהר לעבענס-ליעד, איז נאך דארט ניט אלץ אבגעשטארבען, ניט אלע האבען נאך פערלארען דעם בטחון, ניט אלע האבען זיך אבגעזאגט פון שטרייט, — און דאס איז ביי איהם געווען די הויפט-זאך.

איין זאך האט איהם דאך געקרענקט און ארויסגערופען ביי איהם שווערע, אונרוהיגע פערצווייפלונגען. שפרה, די איידעלע, פערצייגענע שפרה, מיט איהרע נערווען, מיט איהר היסטעריקע, מיט איהר קערפערליכער שוואכקייט ביי גרויסע גייסטיגע קרעפטען, די איז ביי איהם פערפאלען געווארען. ער האט ניט געוואוסט, וואו די געפינט זיך. אלע פון די ארייגעזעצטע האבען ביי איהם אין זינען געהאט א בעשטימטען פלאץ, אפילו דער קליינינקער דריי-יעהריגער לייזער, לאה רודניאקאוו'ס בן-יחיד, וועלכען די האט מיטגענומען אין טורמע. נור איין שפרה איז פערלארען געווארען: ער האט ניט געוואוסט אין וואסער ציממער די געפינט זיך.

און ער פלעגט פרומגעהן אהין צאם, צוהערען זיך צו די צופעליגע געשפרעכען, אנטערהאפען ווערטער, זוכען סמנים און האט פארט ניט געוואוסט, וואו די געפינט זיך. דאס האט איהם שטארק בעאונרוהיגט. ער האט געפיהלט, אז ער טאר מעהר ניט פערבלייבען דא, אויף דער זייט צאם, אז ער מוז זיך ארייננאפען אינוועניג, אהין, וואו עס קלינגען די קייטען, וואו די געפאנגענע שטעהען איינס אויף איינס מיט די פינגער, מיט זייערע אנהעצער.

ענדע מאי האט מען פון פאלאצק געבראכט אין קייטען דעם סוחר יוסף גליקמאן און אברהם קוסין. ביידען האט מען אויסגעזעצט אין צוויי בעזונדערע עקען פון שלאס-טורמע און אנהויב יוני איז שוין נאטע געשטאנען פאר דעם געניעראל שקירין און האט אויף זיך אליין געמסר'ט.

— איך ווייס אַזעלכע זאַכען, וואָס מאַריאַ טערענטיעוונאַ האָט זיי נאָך ביז הײַנט אויך ניט ענטדעקט; ניט אַלץ פּאַסט איהר, ניט אַלץ לוינט איהר אַרויסזאָגען און דאָס וויכטיגסטע איז דאָס, וואָס זי באַהאַלט...

שקורין האָט זיך צוגעהערט צו זײַנע ווערטער, האָט זיך צוגעקוקט צו זײַן רויטען פּוילען געזיכט, ווײַסע געדיכטע צייהן און אונרוהיגענדע שפּילענדע אויגען. נאַטע איז געוועזן דער ערשטער ייד, וועלכען ער האָט אַזוי נאָהענט, אַזוי דײַטליך באַטראַכט, און איהם האָט געוואונדערט זײַן ריין־רוסישע אויסשפּראַך.

— וואָס־זשע ווייסטו?

נאַטע האָט אַ קוק געטהון אויף די פֿערמאַכענע טהירען פֿון ביידע זײַטען קאַבינעט, אין וועלכען דער גענעראַל האָט איהם איינגענומען, און האָט זיך ווידער אומגעקעהרט צו שקורינען.

— גענעראַל, מיר קענען דאָ אַליין?

— מעגסט רײדען; דאָ איז קיינער ניטאָ, סוועט אַלץ בלייבען צווישען אונז.

נאַטע האָט זיך אָבגעהוסט, האָט אַ בלאַנק געטהון מיט זײַנע אויגען און האָט אָנגעהויבען:

— איהר דאַרפֿט וויסען, גענעראַל, דאָס איך בין אַ קהל'נער, אַז אַלע קהל'שע סודות זענען פֿאַר מיר אָפֿען און אַז אַזאַ זאַך ווי בענוצען קריסטליך בלוט צוליעב אַגאַליודישען אינטערעס — וואָלט אָהן מיר בשום אופֿן ניט געקאָנט צוגעהן. און איהר זעהט דאָך: מײַן נאָמען האָבען די אַלע דרײַ קריסטינס ניט דערמאָהנט. איז דען דאָס ניט אַ סימן, אַז זיי פֿערשווײַגען עפּעס יאָ?

שקורין האָט געקוקט אויף נאַטען מיט ווײַט־פֿונאַנדערגעעפֿענטע אויגען.

— איז... הייסט עס... דו... דו האָסט אויך גענומען אַנטהייל אין דעם מאָרד?

נאַטע האָט ערנסט און רוהיג געקוקט איהם גלײַך אין די אויגען אַרײַן.

— איך זאָג עס נישט, די מעשה איז געווען נישט אַזוי. אָבער אָבטיילען מיך פון דעם גאַנצען איבעריגען קהל האָבען זיי דאָך געקאָנט נישט אַנדערש, ווי מיט עפּעס אַמיין. און איך וויל וויסען, פאַרוואָס האָבען זיי מיך נישט אָנגערופען?

— זיי האָבען דיך נישט אָנגערופען? (דער גענעראַל האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט). זיי האָבען עס נישט געטהון, ווײַל זיי האָבען געוואוסט, אַז דו וועסט זיך אַליין אָפּרופען. און דו האָסט גוט געטהון, וואָס דו האָסט זיך אָבגערופען: מיט דײַן מודה זײַן זיך האָסטו פערקלענערט דײַן שטראָף און אַ־בערהויפּט אַ רוק געטהון די אויספאָרשונג; ס׳וועט גיכער קומען אַ סוף און ס׳וועלען זיך ענדיגען די איבעריגע מאַטערנישען פון די בעשולדיגטע.

— אָבער איך האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט! איך האָב נור איפּגעוויזען, אַז די עדות־זאָגערינס בעהאַלטען דעם אמת, אַז דעם אמת ווײַס איך אַליין און וואָלט איהם געקאָנט אײַנ־גאַנצען אַרויסברײַנגען, ווען מ׳וואָלט מיך האָטש אויף אַ קורצער צײַט איבערלאָזען איינ אויף איינ מיט טערענטיעוואַ׳ן.

שקורין האָט אַ קלער געטהון.

— איך וועל אַ פרעג טהון בײַ סטראַחאָוו׳ן...

נאַמיע האָט זיך אַ חאַפּ געטהון.

— ניין, סטראַחאָוו מוז דאָ איך בעזײַטיגט ווערען; ווענינער די אַלעמען זינט איהם, אַז די אויספאָרשונג זאָל זיך ענדיגען וואָס גיכער; פערקעהרט, פאַר איהם איז בעסער, אַז דער אמת זאָל בלײַבען בעהאַלטען...

שקורין האָט איהם שטרענג בעטראַכט פון אויבען ביז אַראָב און האָט אַ הוסט געטהון. דער שווערער טונקעלער פאָרהאַנג בײַ דער טהיר האָט זיך אַ וויעג געטהון און פון אונטער איהם איז אַרויס שקורינ׳ס אַדיוטאַנט סעמיאָנאָוו און באַלד נאָך איהם האָט זיך בעוויזען פּעטרישצע.

נאַמיע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מיט אַ צאָרענדיגען בליק אַ קוק געטהון אויף שקורינ׳ען.

— גענעראל! אייער ווארט?

שקורין האט איבערגעלעגט די פאפירען, וואס זענען גע-לעגען פאר אידם, און האט אנגעהויבען זוכען אונטער'ן טיש דעם בלייטיפט, וואס איז דארט גארניט געווען.

— גענעראל! איך האב אייך גארנישט דערצעהלט! גענעראל!

— דו האסט נאך ניט דערצעהלט, אבער דו וועסט דער-צעהלען. נעהמט אידם! — דער אפיציר האט אידם דערלאנגט זיין היטעל און אבגעפיהרט אין פארהויז.

און ביי-נאכט איז ער שוין געזעסען איינער אליין א געשמיעדטער אויף יעקב-הירש'ס בעטעל אין יעקב-הירש'ס פער-לאגענעם צימער. דאס בעטעל איז פאר אידם געווען צו-שמאל, דאס צימער צו-איינג. און ביים שוועל פון יענער זייט געסט-צוגעשלאסענער טהיר האט זיך געהערט דאס חראפען פון דעם וועכטער. אין דעם האלב-אויסגעגאלטען הוילען קאפ האט ער געפיהלט עפיס א בעזונדער פרישקייט, און צוליעב דער פרישקייט זענען אויך די געדאנקען זיינע געווען אפגעפרישט און 'אויפ-געלעבט. ער האט א מאך געטהון מיט די אראבגעהאנגענע פיס, און די שווערע קייטלען אויף זיי האבען זיך א צאפעל געטהון מיט א לאנגזאמען הילכיגען קלונג.

און ווי אלס ענטפער אויף דעם קלונג האט זיך ביי נאטען אהינגעריסען א מוטהיג געלעכטער.

דאס אכט און דרייסיגסטע קאפיטעל.

ענדע סעפטעמבער 1827 איז פאליציי בעפאלען ארליק טע-וועלעוו'ס הויז. די הויז-לייט זענען זיך צולאפען, וואו ווער ס'האט נור געקאנט, מעהר נישט איין ארליק איז געבליבען שטעהן אויף זיין ארט און האט גאנץ גלייכגילטיג בעגעגענט די אונערוואר-טעטע געסט.

א בעיאהרטער, אנגעזעהענער יוד, איינער פון די ראשי הקהל, מיט א גרויסער ווירטשאפט, מיט גרויסער בעקאנטשאפט

ביי נאַטשאַלסטווע, האָט ער גערעכענט צו־נידעריג פאַר זיך אַנט־לויפען אָדער בעהאַלטען זיך און איז גרייט געווען צו נעהמען אויף זיך אַליין, וואָס איהם וועט נור פאָרשטעהן. ער איז אַרויס אַנטקעגען דעם קוואַרטאַלנעם, האָט סטעפּאַנאָוין פריינדליך בעגריסט, אפילו געגעבען די האַנד און אַריינגערופען צו זיך אין עס־צימער. די פּאָליציאַנטען זענען געבליבען שטעהן ביי דער טהיר.

— מיט וואָס קאָן איך דינען? — האָט אַ פרעג געטהון טעווערעוו.

— אַ פּאַקעט, — האָט פריינדליך אַ זאָג געטהון סטעפּאַנאָוו און האָט איהם דערלאַנגט אַ קאָנווערט מיט אַ חתימה און מיט אַ נומער.

טעווערעוו האָט אויפגעעפענט דעם קאָנווערט, אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַ פּאָר גרויסע שפּאַקולען מיט אויסגעדרעהטע דראָטהענע האַלטערס, אויסגעווישט די גלעזלעך מיטן בריג טיש־טוך און האָט אָנגעהויבען ליינען:

— ציליעב זעהר אַ וויכטיגער אָנגעלעגענהייט בעט איך אייך, געעהרטער הערר, אונגעזאַמט קומען אין קהל־שטיבעל צוזאַמען מיט די איבעריגע מיטגלידער פון פערוואַלטונג אויף אַן עקסטראַ־זיצונג.

אָרליק האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף סטעפּאַנאָוין, גלייך ווי ער וואָלט וועלען ביי איהם אויפין פּנים איבערלעזען דעם אינהאַלט פון דער דאָזיגער איינלאַדונג. פון קהל איז שוין באַלד צוויי יאָהר קיין זכר ניט געווען, דאָס קהל־שטיבעל איז געשטאַנען צוגעשלאָסען און קיינער האָט אפילו ניט געוואוסט, ביי וועמען עס געפינט זיך דער שליסעל. לויט די לעצטע סטאַטוטען, וואָס זענען געווען דורכגעפיהרט דורך סטראַהאָוין, האָבען זיך צוויי יודען אפילו אין גאַס ניט געטאָרט אָבשטעלען אויף אַ פּאָר ווערטער, און דאָ רעדט מען וועגען אַ גאַנצער יודישער אספה!

ער איז נאָכאַמאָל דורכגעלאָפען מיט די אויגען דאָס פּאַפּיר און האָט אַ קוק געטהון אויפין קוואַרטאַלנעם.

— ווען הויבט זיך עס אָן?

סטעפאַנאָוו האָט אַ ציה געטהון מיט די פּלייצעס.

— איך קען עס ניט וויסען; אָבער נאַטשאַלסטווע איז שוין דאָרט.

ערליך האָט אָנגעטהון זיין יום-טוב'דיגען שוואַרצען ראָק, האָט פונאַנדער-געקעמט זיין געדיכטע העל-גרויע באָרד, אָנגעהאַנגען אויפ'ן האַלז אַ גרויסע גאָלדענע מעדאַל, וואָס ער האָט בעקומען באַלד נאָכ'ן צוועלפטען יאָהר פאַר בעזונדערע מיטהילף ביים אויפהאַלטען דעם רוסישען גאַרניזאָן, אַרויפגעוואָרפען אויף זיך דעם מאַנטעל, אָנגעטהון דעם וואַרימען, קיילעכדיגען הוט, גענומען דעם שטאָק און איז אַוועק איבער'ן מאַרק צום ראָטהויז, וואו ס'האָט זיך אויך געפינען דאָס קהל-שטיבעל.

סטעפאַנאָוו מיט די פּאָליציאַנטען זענען איהם נאָכגעגאַנגען פון הינטען. פון אויבען האָבען איהם דורך די האַלב-פערשוויצטע פענסטער בעגלייט בלאַסע, דערשראָקענע פנימ'ער פון די הויז-לייט.

אין קהל-שטיבעל איז געווען שמיציג, אָנגעוואָרפען און ס'איז געשטאַנען אַ שווערע, געדריקטע לופט. דער קהל'שער שמש, שלום-הירש איז אָבהענדיג געשטאַנען ביי דער טהיר און ניט געוואוסט, צי זאָל ער אָנהויבען צו צוקלויבען דעם מיסט און אָבווישען דעם שטויב, וואָס דאָ האָט זיך אָנגעקליבען פאַר די העכער אַנדערט-האַלבען יאָהר, וואָס דאָס קהל-שטיבעל איז געשטאַנען פערשלאָסען, צי ער זאָל לאָזען אַלץ אַזוי, ווי עס איז, כדי ניט אויפצוהויבען נאָך אַ גרעסערן שטויב. פונע דער שרייבער האָט אויך ניט געוואוסט, וואָס צו טהון; ער איז געשטאַנען מיט אַ פּאָר צוזאַמענגעלעגטע בלויע טאָוולען אונטער'ן אָרעם און האָט, אויך אַזוי ווי דער שמש, אונרוהיג און אַ ביסעל דערשראָקען געקוקט אויף נאַטשאַלסטווע, אויף דרוצקאָי-סאָקאָלינסקי'ן און אויפ'ן שטאָדט-גאָלאָווא, און האָט ניט אויפגעהערט איבערצופיהרען זיין אונצופריעדענעם בליק פון די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירען אונטער דעם קרום-אָוועקגעשטעלטען טיש אויף די צעוואָרפענע שטיהלען, אויף אַלעקסאַנדער'ס קרוים-אָראָבגעדאַנגענעם פּאָרטרעט אונטער אַ פערשטויבטען גלאָז און אַנ'אָבגעקראַצענער בעגילטער ראַם, אויף די נאַקעטע אַלמערס, און איין

עק צימער און אויף דער „רונע“ אין דעם ווײַטערסטען, אָבגע־
טײלטען ווינקעל פון דעמזעלבען צימער.

אָרליק האָט זיך קאַלט אַ נויג געטהון צו דעם איספּראַווניק און צום שטאָרט־גאָלאָווא הרולעוויטש'ן און איז צוגעגאַנגען צו די צוויי איבעריגע גבאים, לייב ליעסאָהן, אַ געוועזענער בורגע־מײַסטער און מאַנע יאָף, אַ געוועזענער ראַטמאַן, וואָס האָבען אויף איהם שוין געוואַרט. און אין דעם שווייגענדיגען און אונ־רוהיגען בליק, מיט וועלכען זיי אַלע האָבען בעטראַכט איינער דעם צווייטען, און אויך די קריסטען, וואָס זענען געשטאַנען בײַם ווײַטערסטען פענסטער, האָט זיך געפיהלט יענע אָבגעטײלטקייט, יענע צושפּאַלטונג צווישען יודישער און קריסטליכער בעפעלקערונג וואָס איז מיט אַ יאָהר צוויי־דרײַ צוריק געווען כמעט אינגאַנצען אונבעוואוסט.

פינע איז שטיל צוגעגאַנגען צום טיש און, פונקט ווי ער האָט עס געטהון אין אַ משך פון פיעל לאַנגע יאָהרען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט פאַר אָרליק'ן, ווי ער וואָלט ערוואַרטען פון איהם עפּיס אַ בעפעהל, האָט אַרויסגענומען פון אונטער'ן אָרעם די פּאָר טאָוולען, אויפגעעפענט זיי, נאָך זײַן רגילות נאָך, בײַדע מיט אַמאָל, און האָט זיך פערשעמט, דערזעהענדיג, אַז אינווייניג איז גאָרנישט ניטאָ. ער האָט זיך אַ קראַץ געטהון הינטער רעכטען אויער, וואָר ס'האָט איהם אויסגעפעהלט די געוועהנטע פעדער מיט דעם לאַנגען, ווײַסען בערדיל אַהינטער און שוואַרצען פערטינטען שפּיץ פאָראויס, וואָס האָט כל ימיו געשטאַרצעט דאָ אין דעמזעלבען אָרט, האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און אָבגעטראָטען.

אין פּאָרדויז האָט זיך דערהערט אַ געוויש און, קלאַפּענדיג מיט די טהירען, האָט זיך אין צימער שנעל אַרײַנגעריסען דער פּאָליצמײַסטער, האָט אַ וואָרף געטהון די אויגען אויף די יודען און אויף דער אונאָרדנונג אין גרויסען צימער און האָט ברייט פונאַנדערגעעפענט די טהיר, אַרײַנלאָזענדיג עפּיס אַן אונבעקאַנטען, ניכר, אַ ספּעציעל־אָנגעפאָהרענעם בעאַמטען צוזאַמען מיט'ן סטראַפּטשעג. ווי דער פּאָליצמײַסטער, האָבען זיי אויך פער־

האנדערט בעטראכט דאס צימער און די אלע ארומיגע. דער אנגעפאהרענער בעאמטער האט זיך א נויג געטהון, ארויסגענומען פון אינטערן אָרעם א פארטפעל און איז צוגעגאנגען צום טיש. שלום־הירש האט זיך דערשראקען א ווארף געטהון, אריבערגעיאגט איהם, האט מיט׳ן ברעג פאלע אראפגעווישט פון טיש דעם שטויב און האט איהם עטוואס איבערגערוקט. דער בעאמטער האט נאכאמאל בעקוקט אלעמען ארום, האט זיך אנגעשפארט מיט דער האנד אן ברעג טיש און ארויסגענומען פון פארטפעל א פאפיר.

— לויט דעם אללערהעכסטען בעפעהל פון זיין קייזערליכער האהייט, פון 26־טען אויגוסט — האט ער איבערגעלייענט און שטרענג בעקוקט אלע הימיגע — דאס געזעץ וועגען רעקרוטען־חוב און מיליטער־דיענסט ביי יודען....

ארליק האט פערוואונדערט א קוק געטהון אויפ׳ן בעאמטען. פון דער צייט אן, זינט מ׳האט מיט א יאהר אנדערטהאלבען צוריק אויף איינציגע אספות א רייד געטהון וועגען דער רעקרוטען־גזירה, אויף וועלכע מ׳האט דעמאלט געווארט, איז די זאך אינגאנצען פערגעסען געווארען און מ׳האט וועגען דעם גאר אויפגעהערט צו ריידען.

— ביי דעם אויספילען פון רעקרוטסקען נאבאר — האט דערווייל געלייענט דער בעאמטער — ווערען די יודען פערגליכען מיט די איבעריגע אונזערע אונטערטעניגע, וואס טראגען אויף זיך דעם זעלבען חוב.

— גלייכבערעכטיגונג? — האט א קלער געטהון ארליק און האט זיך אנגעהויבען ווייטער צו צוהערען צו דעם טעקסט פון געזעץ.

— יודען פילען־אויס זייער רעקרוטען־חוב אין נאטור — האט געלייענט דער בעאמטער — יודען פון יעדער גובערניע פילען אויס דעם דאזיגען חוב געמיינדען־וויז, יעדע געמיינדע באזונדער איינע פון דער אנדערער און אבגעטיילט פון די קריסטען.

— געמיינדען! — האט זיך ביי ארליק׳ן ארויסגעריסען א ביטערע בעמערקונג — וואו איז אונזער יודישע געמיינדע ... און ווער איז פון איהר געבליבען?

— די השגחה און די פֿאַראַנטוואָרטליכקייט פֿאַרן געזעצלי־כען אויספֿירען דעם רעקרוטען־תּיכ ווערט אַרויפֿגעלעגט אויף קהל, וואָס דאַרף זיך רעכענען מיט די פֿאָדערונגען פֿון גובערניע־פֿער־וואַלטונג.

אָרליק האָט זיך דערמאָהנט, אַז ס׳רוב גבאים זיצען אין טורמע, געשמידט אין קייטען.

— די פּפֿליכטען פֿון קהל, וואָס זענען נוגע דער זאַך, — האָט דער באַאַמטער ווייטער געלייענט, — דאַרפֿען אַריינגעטראָגען ווערען אין ספּעציעלע „פּריגאָוואָרען“, וועלכע באַקומען געזעצליכע מאַכט נאָכדעם, ווי די גובערניע־פֿערוואַלטונג באַשטעטיגט זיי.

— קהל פֿירט אַ באַזונדער בוך, וואו ס׳ווערען פֿאַרשריבען אַלע יודען, וואָס זענען שייך צום דאָזיגען קהל.

— די יודען, וואָס זענען שייך צו דעם אָדער יענעם קהל, זענען מחויב אונבעדינגט צו ערפֿילען אַלע זײַנע פּפֿליכטען, סיי די, וואָס ווערען אַרויסגעגעבען פֿון קהל גופא, סיי די, וואָס ס׳גיבען אַרויס זײַנע נאמנים...

פֿיניע האָט אַ שאר געטהון די רעכטע פאה הינטערן אויער, וואו ס׳האָט איהם אַזוי אויסגעפֿעהלט די פֿעדער, און איבער זײַן געדיכטער באָרד און אַראָבגעהאַנגענע וואָנסעס האָט אַ באַהאַלטענער געלעכטער געשוועבט. אָרליק האָט אַ קוק געטהון אויף לעסאָחינען און ביידע האָבען אַראָבגעלאָזט די אויגען. מיט צוויי וואָכען צוריק האָט זיך דער שטורער שוסטער אַזאַרקעוויטש באַריהמט אויפֿ׳ן מאַרק, אַז מיט אַ טאָג פֿריהער איז ער געוועזען זעהר באַשעפֿטיגט: ער האָט אויף מעלער־זאַקאָמעלסקי׳ס הויף געשמיסען קהל, אָנגע־הויבען גאַנץ פֿריה און ביז פֿאַר־טאָג נאָך ניט פֿאַרטיג געוועזען. די ווייבער האָט מען ניט גערירט, נאָר מ׳האָט זיי געבראַכט צופֿירען פֿון אַלע טורמעס און אויסגעשטעלט אין אַ רייה אויפֿ׳ן הויף, כדי זיי זאָלען זעהן די שמייץ און זיך אַראָבנעהמען אַ מוסר... און די „מאַכט“, וואָס עס באַקומען — לויט די ווערטער פֿון באַאַמטען — ניט נור קהל אַליין, נאָר אפֿילו זײַנע נאמנים, האָט באַקומען גאָר אַנאַנדער זין.

און דער בעאַמטער האָט געלייענט אַן אַרטיקל נאָך אַן אַרטיקל, אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל, וועגן דער התחיבות פון קהל, וועגן דער התחיבות פון יעדן יודן באַזונדער, וועגן „ליאַטעס", וועגן קוויטן, וועגן אַנטלאָפענע, וועגן אויסגעדיענטע און וועגן דער שבועה.

אויף דער שבועה האָט זיך דער בעאַמטער אָפּגעשטעלט לענגער ווי אויף אַלע איבעריגע פּונקטן. דאָ זענען געווען באַטראַכט אַלערליי פעלן, אַלערליי פּרטים, אַלע קלייניגקייטן.

— ביי דער שבועה דאַרפן, חוץ נאַטשאַלסטווע, זיך געפינען אויך דער בית-דין, אַ מנין יודן.

— די שבועה דאַרף געגעבן ווערן אין דערזעלבער שוהל, וואו עס ווערט געפירט דער גאָטעס-דיענסט ביי אַ ספר-תורה. די דאָזיגע ספר-תורה דאַרף זיין דוקא יענע, וועלכע עס ווערט באַנוצט ביי אַ גאָטעס-דיענסט...

און נאָך און נאָך האָט געלייענט דער בעאַמטער, געלייענט, אָפּגעשטעלט זיך, אָפּגעווישט דעם שווייס און ווידער געלייענט, געלייענט אָהן אַ סוף.

אָרליק פלעגט קוים באַרטיג ווערן ניט אָפּצושטעהן פון איהם און איינהאַלטן אין זכרון דעם אינהאַלט דערפון, וואָס ער האָט געלייענט, און וואָס ווייטער ער האָט געהערט, אַלץ ערנסטער און שטרענגער איז זיין אויסזעהן געוואָרן.

דער בעאַמטער האָט געענדיגט, נאָכאַמאָל אַרומגעווישט מיט'ן טיכעל זיין רויט פּנים און האָט זיך אָפּגעשטעלט, קוקענדיג אויף אָרליקן און אויף זיינע חברים. אַלע האָבן געשוויגן.

— איהר האָט אויסגעהערט? — האָט דער בעאַמטער אַ פרעג געטהון, און איידער ער האָט זיך נאָך דערוואַרט אויף אַן ענטפער, האָט ער צוגעגעבן:

— איצט דאַרפט איהר אָט דאָ, פאַר מיר אין די אויגען, מאַכען די ערשטע זיצונג און צוזאַמענשטעלען דעם ערשטען „פּרי-גאָוואָר".

אַלע דרײַ גבאים זענען געבליבען שטעהן אויף זײערע ער־טער, קײנער האָט זיך ניט געריהרט.

— איהר הערט?

אָרליק איז מיט אַמאָל רויט געװאָרען; ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אָפּגעשטעלט אויף׳ן באַמטען אַ קאַלטען און אַ דאַר־טיגען קוק.

— אײער הויך־געבאָרען, הערר באַמטער — האָט ער שטײף און לאַנגזאַם אַרויסגערעדט — דאָס, װאָס איהר האָט אונז איצט איבערגעלײענט, האָבען מיר זעהר אויפמערקזאַם אויסגעהערט; דאָס האָט אָבער ניט, דאָס קאָן ניט האָבען צו אונז קײן שום שײכות.

— װאָס?

— דאָס געזעץ װעגען מיליטער־דיענסט, מיט װעלכען איהר האָט אונז נאָר־װאָס גנעדיג בעקאַנט געמאַכט, האָט אין זינען אַ יודישע געמײנדע, אַ יודיש קהל, אַ יודישע בעפעלקערונג. דאָ אָבער, בײ אונז, האָט איהר גאָרנישט: ניט קײן קהל, ניט קײן געמײנדע, ניט קײן בעפעלקערונג. אַ בית־עולמין האָט איהר, און פאַר אָפּ־געשטאָרבענע זענען די תקנות פון לעבעדיגע ניט גילטיג.

דער באַמטער האָט דערשראָקען אַ קוק געטהון פריהער אויף׳ן סטראַפּטשי און נאָכדעם אויף׳ן פּאָליצמײסטער.

— אַ בונט? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטהון בײ די בע־אַמטע און האָט אָנגעהויבען צוזאַמענקלויבען זײנע פּאַפּירען.

בעת׳ן אויסריכטען איהם קײן װעליזש האָט איהם חאָװאַנסקי געזאָגט, אַז די דאָרטיגע יודען זענען זעהר אָנגעשטויסען אויף דעם מיליטער־געזעץ און זענען גרײט צו מאַכען אַ בונט. אין די העכערע, רעגירענדע קרײזען איז שוין געװען בעװאוסט דער „בונט“, װאָס די יודען האָבען געמאַכט אין סטאַראָ־קאָנסטאַנטי־נאָװ, װען מ׳האָט זײ בעקאַנט געמאַכט מיט׳ן געזעץ. און חאָטש דער בונט איז בעשטאַנען אין דעם, װאָס די יודען האָבען בענוצט דעם ערשטען בר־מנן, כדי אַרײנצולעגען איהם אין ארון אַ בקשה צ״ם רבונו־של־עולם, ער זאָל פערגרינגערן די גזירה, דאָך האָט

מען גאנץ קהל ארעסטירט און מהאט געוואַרט אויף א בעפעהל פון מיליטער-געריכט.

— אייער דויך-געבאָרען — האָט אָרליק נאָך העכער אויפגעהויבען זיין שטים — אין דעם געזעץ, וואס איהר האָט פאר אונז איבערגעלייענט, איז דא אן ארטיקעל — איך געדענק אידם זעהר גוט, — לויט וועלכען די פריגאָוואָרען פון געמיינדע ווערען בעשטעטיגט נור דאן, ווען אין זיי נעהמט אנטהייל ניט ווענינער פון צוויי דריטעל אָרטיגע יודישע איינוואוינער און צווישען זיי ניט ווענינער ווי צוויי דריטעל אָנגעזעהענע בעלי-בתים. איהר זייסט, אז צוויי דריטעל היגע יודישע איינוואוינער זענען זיך צולאָפען און ניט צוויי דריטעל, נור כמעט אלע אָנגעזעהענע בעלי-בתים זיצען מיט געגאָלטע קעפּ, פערשמידט אין שווערע אייזערנע קייטען, ווי די גרעסטע פערברעכער. ווער-זשע וועט דאַן צו-זאמענשטעלען די פריגאָוואָרען?...

אָרליק האָט זיך צוהיצט; זיינע אויגען האָבען געברענט, זיין שטים האָט געקלונגען ערנסט און צאָרנדיג. פינע האָט דערשראָקען געקוקט דא אויף אידם, דא אויפ'ן בעאַמטען, וועלכער איז שוין געוועזען ביי דער טדיר.

— די שבועה! — האָט ער ווידער אָנגעהויבען און אויפגעהויבען די האַנד, — דאָס געזעץ פאָדערט, אז די שבועה זאָל געגעבען ווערען אין שוהל, וואו ס'קומט פאָר דער גאָטעס-דיענסט, ביי א ספר-תורה, וואָס ווערט בענוצט ביי דעם דאָזיגען דיענסט. דער געזעץ-געבער האָט ניט געדאַכט, ער האָט ניט געקאָנט האָבען אין זינען אזא שטאָדט, וואו די שוהלען זענען פערחתמ'עט, וואו דער גאָטעס-דיענסט איז פערבאָטען, וואו די ספרי-תורות וואַלגערן זיך פערשוועכטע אין פאָליציי-צירקעל!... גיט אונז צוריק אונזער שוהל, קעהרט אונז אום אונזערע געגזל'טע תורות, נעהמט אראָפּ די קייטען פון די אונשולדיגע, קעהרט-אום די עלטערן צו זייערע פערייתומ'טע קינדער, לאָזט-צו די קינדער צו זייערע אונשולדיג-געפיינגטע עלטערן, און מיר וועלען טהון אונזער פפליכט, ווי מיר האָבען עס געטהון ביז אהער. כל זמן אָבער אלץ איז רו-

איניהט, כל זמן די יודישע בעפעלקערונג איז צוטריבען און די שטאָדט זעהט אויס ווי א געפאַנגענע פון א שונא, קאָנען מיר איך ניט בעזאָרגען, אז דאָס נייע געזעץ זאָל געקאָנט אויסגעפיהרט ווערען: פון א חורבה איז נישטא וואָס צו נעהמען!

ער האָט פונאנדערגעפיהרט ביידע הענד, א נויג געטהון זיך און פון אונטער דער באָרד איז אַראָבגעהאַנגען א בלאַנקענדע מעדאַל; דאָס האַרץ האָט ביי איהם געקלאַפּט, אין די אויגען זענען געשטאַנען טרעהרען.

דער בעאַמטער האָט א קוק געטהון אויפ'ן סטריאַפּטשי; יענער איז רוהיג געשטאַנען אויף זיין אָרט און האָט זיך ערנסט צוגעהערט צו אָרליק'ס ווערטער. אין די גובערנסקע רעגירונגס־ספערען איז געווען בעוואוסט, אז דער אָרטיגער סטריאַפּטשי, וועלכען סטראַחאָוו האָט בעזייטיגט פון דער אויספאָרשונג, איז מיט דעם דאָזיגען אויספאָרשער אויף מעסערס און אז ער שטעהט פאַר די יודען.

— הערר סטריאַפּטשי — האָט ער שטרענג א זאָג געטהון און האָט אָנגעהויבען לעגען די פּאַפּירען צו זיך אין פּאָרטפעל — איך האָב מיין פפליכט ערפילט, איצט איז אייער חוב אַכטונג צו געבען, אז די יודען זאָלען אויספיהרען אַלץ לויט'ן געזעץ; אויף ווידערזעהן!

ער האָט זיך א נויג געטהון צו אַלעמען מיט אמאָל און אוועק צו דער טהיר, אין בעגלייטונג פון פּאָליצמייסטער.

דער איספּראַווניק און דער שטאָדט־גאָלאָוואַ זענען צוגעגאַנגען צו אָרליקן.

דאָס ניין און דרייסיגסטע קאַפּיטעל.

לויט דער הערכה, האָט וואָלאָזשער קהל, צוזאַמען מיט די אַרומיגע שטעדטליך, געדאַרפט צושטעלען ניט ווייניגער ווי עטליכע און צוואַנציג רעקרוטען. קהל האָט אָבער אַרויסגעשטעלט נור ניין נפשות, פון זיי — אַכט קינדער פון צוועלף ביז פערצעהן יאָהר אַלט; דער ניינטער איז געוועזען איינער אַ יונגער־מאַן מאַטקע, אָהן עלטערן און אייגענע, אַ שנאָרער, וואָס פלעגט זיך אַרומשלעפּען איבער די הייזער, אויפהאַלטען זיך ווינטער אַרום באָד און זומער אויף די פּליצען, אַמאָל אונטערצינדען אַ יודיש קליטעל, אַמאָל אַריינהאַפּען זיך ביי דער נאַכט אין אַ יודיש הויז און אַוועקטראָגען מיט זיך אַ פּאָר זילבערנע לעפעל.

שטענדיג אַ הונגעריגער, אַ נאַרומגעריסענער, מיט אונרוהיגע זוכענדע אויגען, פלעגט ער אויך אין די שטילע יאָהרען ניט אויפהערען צו שרעקען דעם עולם, און איצט, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבען דאָס איבערקעהרעניש, האָט ער אָנגעהויבען אַרויסצוווייזען נאָך גרעסערע שרעק צווישען די אָנגעשראָקענע, געדריקטע יודען. איבערעם אַרומגעשנאָרט, זיך צוגעהערט, געזוכט, געשפּירט, אַמאָל אַרומגעדרעהט זיך אַרום פּעטרישצען מיט וואַרקעווישן — דאָס איז די לעצטע צייט געוועזען זיין איינציגע אַרבייט. פון איהם האָט קהל געוואָלט פּטור ווערען און לויט דעם אַרטיקעל 34 פון דעם נייעם רעקרוטען־געזעץ, וועלכען פּינע האָט שוין דורכ־געשטודירט און געקאָנט אויסווייניג, האָט מען איהם אָבגעגעבען אין רעקרוטען פאַר שנאָרעריי.

ער איז געוועזען דער איינציגער, וואָס איז געוועזען עלטער פון אַכצעהן יאָהר און האָט געדאַרפט געבען אַ שבועה.

און צוליעב איהם איינעם האָט דאָס פּאָליציי־הויז אין אַ הילכענדיגען הערבסט־טאָג, אָנהויב אָקטאָבער, בעקומען אַ גאַנץ געהעהנליך אויסזעהן. פון אין דער־פריה אָן האָט זיך דאָ אָנגעהויבען אַ בעזונדער בעוועגונג; איינעם פון די צימערן ביים רעכטען אַריינגאַנג האָט מען אינגאַנצען אויסגערייניגט, מ'האָט פון דאַנען

אַרײַנגעטראָגן די איבעריגע זאַכן, אַװעקגעשטעלט אין מיטען
אַ גרױסען טיש, בעדעקט מיט אַ גרינעם טישטוך, און באַלד נאָך
האַלבען טאָג האָט זיך אַהער נאַטשאַלסטװע אָנגעהױבען צונױפ־
קומען, ס'איז געקומען דער סטריאַפּטשי מיט זײַן שרײַבער, דער
שטאָט־גאָלאָװאַ, דער פאָרזיצענדער פון מאַגיסטראַט, אַרליק טע־
װעליע מיט לעשאַחניקעס זענען געקומען עטװאָס שפּעטער; ס'איז
געקומען דער רב, רב בנימין, מיט'ן דין און מיט'ן שטאָט־שוחט.
פינע איז געקומען צוזאַמען מיט יאָסען, שלום־דודש איז פון
אין דער־פריה אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטאָט קלױבען אַ מנין און
קױם אידם צוזאַמענגעקליבען.

אָן, אַז אַלע זענען שױן געװען אױף זײערע ערטער, האָט
מען פון דער רעקרוטסקי בײַם קהל־שטיבעל געבראַכט צופירען
מאַטקען. ער האָט אױסגעזעהן נאָך בלאַסער, נאָך מעהר צומ־
טערבען װי פריהער און די אױגען זײַנע האָבען אַרומגעשפּילט
אומרויִגער װי אַלע מאָל.

אַרליק האָט זיך פערװאונדערט, בשעת ער האָט דערזעהן,
די באַלד נאָך מאַטקען איז אַרײַן אין צימער אײנער פון מאַטקעס
נאָהנטע פרײַנד, דער משומד יוסף גרודינסקי, װאָס האָט געאַרבײַט
אַמאָל בײַ נאָטע פרודקאָװ'ן אין סערטײַג, און איז איצט געװען
אױך אַזאַ אַנצעריסענער, װי מאַטקע, מיט װעלכען ער האָט
אָפט געטײלט זײַן נאַכט־לאַגער אױף די פּליטען אָדער אונטער
אַן אומגעקעהרטער לײַבע אױפ'ן ברעג. גרודינסקי האָט זיך אַװעק־
געשטעלט אױבען־אָן צװישען דער העכערער נאַטשאַלסטװע, צװי־
שען װעלכער ער האָט זיך דאָסמאָל, ניכר, געפיהלט גאַר װי
אַן אײגענער.

דער סטריאַפּטשי איז צוגעגאַנגען צו רב בנימינ'ען און האָט
איהם אָנגעהױבען צו לערנען, װי אַזױ עס דאַרף פאָרקומען דער
נײַער אומגעװעהנליכער „מנהג". דער רב האָט איהם אױסגעהערט
מיט האַלב־פערמאַכטע אױגען, געהערט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ,
גלײַך װי ער װאָלט זאָגען דערמיט, אַז אַלץ, װאָס מ'װעט איהם
הײַסען טהון, װעט ער טהון, אָבער דאָך דאַרפען זײ װיסען, אַז

ניט ער טהוט עס, נור זיי טהוען דאָס. און בשעת שלום־הירש האָט פֿונאַנדערגעבונדען זיין טלית און תפילין, וואָס מ'האָט איהם געהייסען ברייגען מיט זיך, און האָט אָנגעטהון אויף מאַטקען זיין גלאַנץ ניט־געוואַשענעם, פֿערשמיצטען אַרומגעריסענעם קיטעל, אין וועלכען דער קליין־וואוקסיגער מאַטעל האָט זיך איינגעאַנצען פֿער־לאָרען, און זיינע קליינע דאַרע הענד האָבען זיך ניט געזעהן פֿון אונטער די ברייטע לאַנגע אַרבעל, און בשעת שלום־הירש האָט איהם דערלאַנגט זיינע תפילין און מאַטקע האָט מיט אַ בעהאַלטענעם געלעכטער אָנגעהויבען דרעהען אויף דער לינקער האַנד די געלע אָבגעריבענע רציעה און האָט פֿערוואונדערט בע־קוקט די העל־רויטע פּאַסען, וואָס זענען אויפגעלאָפען צווישען די „ביינעלע" אויף דער בעוואַקסענער הויט פֿון האַנד; און בשעת דער של־ראש איז ביי איהם צונידעריג אַראָבגעפאַלען אויפֿ'ן שמאָל־שפּיציגען שטערן, און דער געלער דורכגעריסענער טלית, וועלכען ער האָט ניט געוואוסט ווי מען טהוט אָן, האָט זיך ביי איהם וויט געשלעפּט מיט די ציצית איבער דער פּאָדלאָגע, האָט ר' בנימין אויסגעזעהן נאָך ערנסטער, נאָך מעהר פֿערזאָרגט און נאָך מעהר גרייט אַריבערצוטראָגען די נייע אונערוואַרטעטע גזירה, וואָס איז, אייגענטליך, געווען מעהר ניש, ווי אַ צוגאָב צו דער הויפּט־גזירה.

דער סטריאַפּטשי האָט זיך פֿערענטפֿערט, אַז דאָס אַלץ האָט לויט'ן געזעץ, געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין דער גרויסער שוהל, ביי אָנגעצונדענע ליכט פֿאַר'ן אָפענעם אָרון־קודש. סטראַהאָוו האָט אָבער ניט ערלויבט אָפּצוהתמענען די שוהל, איידער די אויס־פֿאָרשונגס־קאָמיסיע האָט פֿערזענליך ניט בעטראַכט דעם אָרט, „וואו ס'איז פֿאָרגעקומען דער שרעקליכער מאָרד", און געגען זיין ווילען און געגען געזעץ, האָט עס אַלץ געמוזט אויסגעפֿיהרט ווערען דאָ, אין פּאָליציי־אַמט. און דאָס, וואָס די „קאַרדעגאַרדיע" איז געווען צוגעפּאַסט צו אַ כלומר'שטער שוהל, בעת אַז די אמת'ע שוהל איז געווען אומגעביטען אויף אַ „קאַרדעגאַרדיע", און דאָס, וואָס זיי, די יודען, האָט מען דאָ געניט טהון דאָסזעלבע, וואָס אויסער־

דעם איז זיי געווען פערבאָטען, און דאָס, וואָס דער דאָזיגער פּאָליציאישער גאָטעס־דינסט איז פערעכענט געווען, האָט גאָר ניט פערעכענט ווערען פאַר אַן אמת׳ן און די יודען האָבען זיך געוואָלט לאָזען נאַרען אָדער מאַכען זיך, אַז זיי לאָזען זיך נאַרען און ענטפערן „אָמן" אויף דער ברכה, וועלכע עס מאַכט פאַר זיי דער „גאָראָדאָוואָי" — דאָס אַלץ האָט ניט געקאָנט ניט אַרויסרופען ביי ר׳ בנימין און ביי דעם היפּעל איבעריגע צוזאַמענגעטריבענע יודען אַ געוויסעס געפיהל.

שלום־הירש האָט אָנגעצונדען אויפ׳ן טיש צוויי הלבענע ליכט, אַריינגעשטעלט אין נידעריגע קופּערנע לייכטער מיט הענדטלעך, בעגאָסענע מיט טריף־וואַקס, מיט אָנגעוואָרפענע שטיקלעך סטעאַריטען. די צוויי פייערלעך האָבען זיך בלאַס און ווי פערשעמט געצאַפּעלט אין דעם העל־בעלויכטענעם צימער, וועלכען זיי האָבען גאָרנישט ניט צוגעגעבען, און אַז שלום־הירש האָט, לויט׳ן אוסטאַוו, פערלאָשען זיי ביידען מיט אַמאָל, האָט זיך אין צימער גאָרנישט ניט אומגעביטען און דער מנהג, וואָס האָט, לויט׳ן פּלאַן פון געזעצגעבער, געדאַרפט אַרויסרופען די גרעסטע איבעררעשונג, איז גאָר אינגאַנצען פערפאַלען.

דער רב איז מיט אַ היפּץ צוגעגאַנגען צום געלען אַרומגעריסענעם אַלמער, פון וועלכען ס׳האָט געשמעקט מיט אַלט פערלעגען פּאַפּיר, וועלכער האָט איצט געדאַרפט דינען אַלס ארון־קודש, און האָט אויפגעעפענט זיינע ביידע טהירען. דער גערוך איז געוואָרען נאָך שטאַרקער, אויף די פּאָליצעס זענען געלעגען אין דער לענג, איינע אויף דער צווייטער עטליכע און דרייסיג ספרי־תורות, יעדע איבערגעבונדען מיט אַ שטריקעל, אויף וועלכער ס׳איז געהאַנגען אַ רויטע וועקסענע חתימה און אַ ווייס פּאַפּירל מיט אַ נומער. ר׳ בנימין האָט גענומען די אויבערשטע פון זיי, אַרויסגענומען זי מיט ביידע הענד און צוגעדריקט צום האַרצען, אַזוי ווי מען דריקט צו אַ קינד; זיין לאַנגע ווייסע באָרד איז אַראָפּגעהאַנגען איבער די עץ־חיים׳ס און בעדעקט דעם אויבערשטען ברעג־פּנים רויט־סאַמעטענעם מאַנטעלע. דער אונטערשטער ברעג איהרער־

איז געוועזן א ביסעל פערשווארצט ארויף און פון הינטער איהם האט זיך געזעהן דער פארמעט. ניט אויפעפענענדיג די אויגען, איז רב בנימין שטיל און לאנגזאם צוגעגאנגען צום טיש; די אראפ־געהאנגענע התימה מיט דער נימער האבען זיך געטרייסעלט און גע־קלאפט איינע אן דער צווייטער. אלע האבען געשוויגען.

מאטקע האט מיט א בעהאלטענעם שמייכעל אויף די דארע ליפען און אין די שפיעלענדע שפיציגע אויגען געקוקט אויף אלע־מען. ער האט זיך געפיהלט א שטיקעל התן־תורה; און דאס, וואס ער, דער אונבעוואוסטער, ארומגעריסענער שנארער שפיעלט די הויפט־ראליע און אלע קוקען אויף איהם און אלע ווענדען זיך צו איהם — איז איהם, ניכר, זעהר געפעלען.

דער סטריאפטשי האט איהם געהייסען ארויפלעגען ביידע הענד אויף דער ספר־תורה. און האט דערלאנגט רב בנימינ'ען א לאנגען פאפיר מיט עטליכע אבגעדרוקטע שורות פון אויבען. די שבועה איז געוועזן געדרוקט העברעאיש. דעם בורגמיסטער, די פאליציאנטען און דער איבעריגער נאטשאלסטווע, צווישען זיי אויך גרודזינסקי'ן, האט ער פונאנדערגעטיילט אנדערע פאפירען, אין וועלכע דיזעלבע שבועה איז געוועזן אבגעדרוקט מיט העברעאישע ווערטער, נור מיט רוסישע בוכשטאבען. און אז אלץ איז געוועזן פארטיג, האט שלום־הירש א פאטש געטהון איבער'ן טיש, גאר אזוי ווי ער פלעגט עס טהון אין קאלפאקי'ער מנין, וואו ער איז געוועזן שמש, פאר א „ברכו“, און רב בנימין האט אנגעהויבען צו לייענען די שבועה.

רב בנימין האט געלייענט, דאס פאפיר האט זיך געטריי־סעלט ביי איהם אין האנד און מאטקע האט איהם שטאלץ געקוקט טיעף אין די אויגען אריין און איבערגע'חזר'ט נאך איהם יעדעס ווארט, הארט ארויסריידענדיג די שווערע, אונבעקאנטע עברי.

דער סטריאפטשי, דער פאליצמייסטער, גרודזינסקי און אלע אנדערע האבען געפיהרט מיט די פינגער איבער די שורות מיט די פרעמדע, אומגעלומפערטע רוסישע ווערטער און האבען ניט דורכ־געלאזט קיין איינציג ווארט.

— אבל אם אהטא, אויב היר מיין שוואכקייט אדער הירך וועמעס ניט איז איבערריידען, וועל איך אבער צושטעהען די שבועה, וואס איך גיב דא היינט — האט געלייענט רב בנימין — זאל איך מוחרב און פערטיליגט ווערען צוזאמען מיט מיין גאנצער משפחה אויף דער און אויף יענער וועלט, — און מאטקע האט איהם נאכגעזאגט ווארט און א שטילער געלעכטער האט געקלונגען לייענט יעדעס ווארט און א שטילער געלעכטער האט געקלונגען אין זיינע ווערטער וועגען דער משפחה זיינער און וועגען זיין עולם־הבא.

רב בנימין האט זיך אפגעקעהרט און האט זיך אפגעשטעלט מיט די אויגען אויפ'ן סטריאפטשי, ער האט ניט געוואוסט וואס ווייטער צו טהון.

דער שרייבער האט געבראכט א טינט און פעדער, אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש, אוועקגעזעצט זיך און אנגעהויבען אויסצופילען די „ליסט". דער ערשטער האט זיך געדארפט אונטערשרייבען מאטקע אליין, ער האט אבער ניט געקאנט שרייבען און אנשטאט זיין נאמען האט ער, אזוי ווי ער איז געזעהען אין קיטעל און אין טלית ותפילין, גענומען אין האנד די פעדער און אוועקגעשטעלט אויפ'ן אנגעוויזענעם ארט דריי רעדעלעך. רב בנימין האט אונטערגעשריבען זיין נאמען אין חסיש, אלע איבעריגע האבען זיך אונטערגעשריבען אויף יודיש.

עס איז געקומען די צייט פאר גרודזינסקי'ן. ער איז זעהר שטאלץ צוגעגאנגען צום טיש, האט גענומען אין האנד די פעדער און מיט עפיס א באזונדער גרויסקייט, גלייך ווי ער וואלט וועלען ווייזען די יודען, אז ער קען אויך אמאל קומען צו־נוץ, האט ער זיך מיט גרויסע, קרומע חסישע בוכשטאבען פונאנדערגעשריבען אויף גאנצע דריי שורות:

„ביים צונעהמען די שבועה האט זיך געפונען דער געוועזענער יוד, וואס האט אנגענומען דאס קריסטליכע גלויבען, יאסיף גרודזינסקי".

עס האט זיך אונטערגעשריבען דער סטריאפטשי, ס'האט אונטערגע'התמ'עט זיין נאמען דער בורגמיסטער. דער „אבריאד

האָט געהאַלטען ביי ענדיגען און מאַטקע האָט אָנגעהויבען אַראָבצונעהמען די תפילין.

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ צאַפּעל געטהון און דער של ראש איז שיער ניט אַרויסגעפאַלען ביי איהם פון האַנד. הינטער איהם, ניט ווייט פון פונאַנדערגעעפנעטען אַלמער, האָט זיך דערהערט אַ תקיעה.

אַלע האָבען אומגעקעהרט די פּנימ'ער אַהין, פון וואַנען ס'האָט זיך אַרויסגעריסען דאָס שופר-בלאָזען; שלום-הירש איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צו די תורות, מיט צוויי פינגער צוגעדריקט צום רעכטען ווינקעל פון מויל דעם שופר, עטוואָס אָבגעוואָרפען אַהינטער דעם קאָפּ און האָט זיך מיט גרויס געשמאַק צוטריליערט אין אַ שברים-תרועה.

רב בנימין האָט נאָך שטייפער צוזאַמענגעדריקט די ברעמען און האָט זיך אָנגעהויבען בעגייסטערט צו שאָקלען מיט'ן גאַנצען קערפּער. שלום-הירש האָט אָבגעריסען און אויסגעצויגען אַ לאַנגע תקיעה גדולה.

און אין די גרויע, קאַלטע ווענד פון פּאָליציי-אַמט, פאַר עטליכע און דרייסיג געפאַנגענע און געבונדענע ספרי-תורות, פאַר אַנדערטהאַלבען מנינים יודען, וואָס האָבען געוואוסט, אַז אין עטליכע מינוט אַרום, באַלד ווי זיי וועלען נור אַרויסגעהן פון דאַנען, וועט ביי זיי ווידער צוגענומען ווערען דאָס רעכט צוזאַמענצוקומען זיך ניט נור צוליעב וועלטליכע, נאָר אויך צוליעב געטליכע זאַכען, האָט די דאָזיגע תקיעה געקלונגען מיט אַ בעזונדער טרויער, מיט אַ בעזונדער פּיין.

די רעקרוטען האָט מען צוטיילט אויף צוויי פּאַרטיעס: די קינדער האָט מען אָבגעפיהרט אין פערמער קאַנט און בעזעצט אין ווייט-פונאַנדערגעוואָרפענע הערפער ביי די „וואָטיאַקען", זיי זאָלען זיך דאָרט האָדעווען, ביז יעהער פון זיי וועט דערגרייכען אַכטצעהן יאָהר, און וועט ערשט דעמאָלט קאָנען פערזעכענט ווערען אויף פינף און צוואַנציג יאָהר אין ווירקליכען מיליטער-דיענסט, און

מאַטקען האט מען אָבגעשיקט קיין וויטעבסק און צוגענומען אין וויאַטסקען פאָלק. נאָר איידער מ׳האט איהם אָבגעפיהרט פון וועליז׳ש, האט ער מיט גרויס פאַראַד אָנגענומען אין דעם נייעם אוניאַטי־שען סאָבאָר דעם אוניאַטישען גלויבען און האט זיך אַ נאָמען גע־געבען אַדריאַן קאָנסטאַנטינאָוו.

דאס פיערציגסטע קאפיטעל.

נאָטע האט אַ טעות געהאַט, בשעת ער האט געמיינט, אַז ווי נור ער וועט זיך אַריינכאַפּען אין אויספאָרשונגס־הויף, וועט ער באַלד קומען אין אַן איינגערער פערבינדונג מיט די אַרעסטירטע, ווי ביז אַהער. אין אמת׳ן איז אויסגעקומען פערקעהרט: פון זינט ער האט אָנגעטהון דעם אַרעסטאַנטען־חאַלאַט און מ׳האט איהם איינגעשמידט אין אייזערנע קייטען, איז ער געוואָרען פיעל איינזאַמער, מעהר אָבגעריסען פון די אַלע, וועמען ער האט אפילו אויף איין מינוט ניט אַרויסגעלאָזט פון זינען, ווי ער איז פריהער געווען.

פריהער, בשעת ער פלעגט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט אַרומשפּאַצירען אַרום דעם הויכען פאַרקאַן, נאָכיאָגען פון ווייטען די, וואָס זענען געזעסען אין שלאָס־טורמע בשעת מען פלעגט זיי פיהרען אויפ׳ן „דאָפּראָס" צו דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, צוהערען זיך ערגיץ פון אונטער אַ ווינקעל צו מאַריע׳ס און אַוודאָטיע׳ס אָבגעהאַקטע, בעהאַלטענע דבורים בשעת מען פלעגט זיי פיהרען צו מוראַשקעוויטש׳ן, אָדער אָבפיהרען צוריק,— האט ער מעהר געוואוסט וועגען דעם, וואָס פּאַסירט מיט יעדער פון די אַרעס־טירטע, ווי איצט. אין יעקב־הירש׳ס קבר, וואָס איז איהם אָנגעקומען בירושה, איז געווען אַזוי שטיל ווי פריהער, נאָך פינסטערער און איינגער. סטראַחאָוו האט ביי־צייטענס אָנגענומען מיטלען, צו פער־שטאַרקען די השגחה אויף די „נומער דריי און פערציג", וואָס האט פערנומען דעם פּלאַץ פון „נומער צעהן". ער האט משלח געווען דעם פריהעריגען אויפזעהער אויף דעם צימער, אַניסימאָוו׳ן,

וועלכען ער האט חושד געווען אין צו-נאָהנטע באַציהונגען מיטן פערשטאָרבענעם יעקב-הירש, און האט אויף זיין אָרט באַשטימט אַ יונגען וועכטער זשוראַוולִיאָוון, וואָס האט געקאָנט גוט אַכטונג געבען און זעהן, אַז די טורמע-פאָרשריפטען זאָלען אָפּגעהיט ווערען ווי געהעריג. צום „דאָפּראָס" האט מען נאָטען ניט גערופען, „אויג אויף אויג" מיט די עדות-זאָגערינס האט מען איהם ניט געשטעלט. אַחוץ די אייזערנע גראַטעס האט מען נאָך די פענסטער פערשלאָגען פון דרויסען, מיט ברעטער, אַזוי אַז דורך זיי זאָל קאָנען דורכדרינגען נור אַ קליין פּאַסיקעל ליכט. און פון אין דער-פריה ביז ביי-נאַכט, און פון נאַכט ביז פריה-מאָרגען פלעגט נאָטע מיט האַרטע, בייזע טריט אַרומגעהן הין און צוריק איבער דעם קליינעם צימעריל, צו-פאַלען אַמאָל מיט די אויגען צום קליינעם שפּעלטעל אין די פערשלאָגענע לאָדען און ווידער קלינגען מיט די קייטען, לאַנג, נודנע און שלעפעריג. דער וועכטער פון יענער זייט פעסט פערשלאָסענער טהיר פלעגט זיך צוהערען צו דעם דאָזיגען קלינגען און פלעגט זיך באַאונרוהיגען בשעת דער קלונג פון די קייטען האט אַ ווײַלע אויפגעהערט.

ס'איז געווען אַ פינסטערע, נור אַ וואַרימע הערבסט-נאַכט, דער פערוואָלקענטער הימעל איז ניהעריג געהאַנגען איבער דער ערד און איז גרייט געווען זי צו באַגיסען מיט אַ געדיכטען נור וואַרימען רעגען, — גרייט געווען, האט עס אָבער ניט געטהון, גלייך ווי ער וואָלט זיך נאָך אַלץ ערנסט מישב זיין וועגען דעם. נאָטע איז געשטאַנען ביים פענסטער און דורך דעם שמאָלען שפּאַלט אין די ברעטער אַריינגעקוקט אין הויף אַריין. זייט ערגיץ אין אַ ווינקעל האט זיך געצאַפּעלט אַ קליין פייעריל אין אַ לאַמטערן, וועלכער איז געווען פון איהם באַהאַלטען, און די שוואַרצע פינסטערניש אַרום פייעריל האט אויסגעזעהן נאָך געדיכטער, נאָך שוואַרצער.

ניט אָבטרעטענדיג פון פענסטער, האט ער ניט אויפגעהערט צו טרייסלען זיינע קייטען, און זיי האָבען געקלונגען גלייך ווי ער וואָלט ניט אויפהערען אַרומצוגעהן איבערן צימער, און ער האט געוואוסט, אַז דער דאָזיגער קלונג שלעפערט איין דעם וועכטער און מאַכט שוואַכער זיין אויפמערקזאַמקייט.

ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט, אויפגעהערט צו קלינגען און האָט זיך אָנגעהויבען שאַרף צוהערען; אויף יענער זייט טהיר איז געווען שטיל: דער וועכטער איז געשלאָפען. פאַר זײַן לאַנגען זיצען דאָ אין שטיל-פינסטערן צימעריל. האָט ער שוין גוט געקענט זשוראַוליאָוו'ן, אויסגעשטודירט אַלע זײַנע בעציהונגען, גוט געוואוסט, ווען זײַן אויפמערקזאַמקייט וואַקסט, ווען זי פאַלט, ווען ער איז שלעפעריג, ווען ער איז וואַך, ווען מען דאַרף זײַן בעזונדערס פאָרזיכטיג. און ווען מען קאָן זיך עפּיס ערלויבען. ער האָט געוואוסט, אַז אין די עטליכע פאַר-טאָגיגע שטונדען איז דער שלאָף זײַנער שטאַרקער ווי אַלע מאָל. איינינגע מינוטען איז נאָך גאַנץ אונבעוועגט אָבגעשטאַנען אויף זײַן אָרט און האָט זיך האַסטיג אַלאַז געטהון צום ווינקעל, הינטערן אייווען, וואו ס'איז געשטאַנען זײַן קליין, שמאָל בעטעל. ער האָט אַהאַבגעוואָרפען פון זיך דעם חאַלאַט, אונטערגעבונדען מיט'ן גאַרטעל די אַראָבגעהאַנגענע קייטען אין שטיל, פאָרזיכטיג אָבגערוקט דאָס בעטעל. איינס פון די פּאָדלאָגע-ברעטער איז געוועזען אָבגעשטאַנען פון די איבעריגע, און ער האָט עס גרינג אויפגעהויבען און אָנגעשפּאַרט אָן ווענדטיל פון בעטעל; דער חלל, וואָס איז געבליבען הינטער איהם, איז געווען אַ ביסעל צו-איינג, נאָר ער האָט זיך צוזאַמענגעדריקט און האָט זיך מיט אַ זייט הינגערוקט אַראָב. דאָ איז געווען פינסטער, נאָר ער האָט ניט לאַנג געזוכט דאָס צוגעוועהנטע אָרט, וואו ס'איז געלעגען אַנאָבגעבראָכען פיסעל פון זײַן בעט און אַ קופּקעלע ערד, וואָס איז געווען אַרויסגעגראָבען פון אונטער דעם ציגעלנעם פונדאַמענט. דאָס קופּקעלע איז שוין געווען גענוג הויך, און די גריב אונטער דער וואַנד גענוג לאַנג: די פערגאַנגענע נאַכט איז זי איננאַנצען פאַרטיג געווען, עטליכע צוזאַמענגעלעגטע ציגעל האָבען איהר קינסטליך בעדעקט פון דרויסען, און נאָר איז געבליבען מעהר נישט אָבצורוקען זיי אָן אַ זייט און דורכקריכען. ער האָט עס געטהון און אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז ער שוין געווען דרויסען.

דער הימעל איז נידעריג געהאַנגען איבער דער ערד, אין

דער געדיכטער, אונבאַוועגטער פֿינסטערניש האָבן זיך אַלע פֿיגורן אַרום צוזאַמענגעגאָסן און נאָטע האָט די ערשטע מינוטן ניט געוואוסט, וואו ער געפֿינט זיך, ווייט ערגיץ אין מיטן הויף האָט געפֿינקלט דער לאַמטערן, און עטליכע אַראָבגעהאַנגענע צווייגן זענען אַרויסגעקראָכן פֿון דער פֿינסטערניש און געהאַנגען אין דער לופֿטן ווי אָבגעריסענע פֿון זייערע ביימער, וועלכע זענען געשטאַנען באַהאַלטענע אַרום.

ער האָט אַ פּאָר טריט געטאָן, צוהאַלטענדיג מיט'ן האַנד די קייטען, און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטעכעריגן, לאַנג אָבגעבליהטען רויזען-קוסט, די האַלב-טויטע בלעטלעך זענען גע־האַנגען ווייך און נאַס און האָבן זיך געקלעפּט צו די הענד; ער האָט זיך אָבגעקערט אַן אַ זייט און איז אַרום אויף אַ שמאָ־לען וועג, באַזעצט מיט אַקאַציען, פֿון וועלכע ער האָט מעהר אָנגעטאַפּט, ווי געזעהן מיט די אויגען, די ערשטע צוויי קוסטען פֿון ביידע זייטען. ער האָט זיך פֿאָרזיכטיג אַלאַז געטאָן איבער'ן וועג; דאָס גרעגעל האָט זיך געדרעהט און זיך געצויגען אַלץ ווייטער און ווייטער פֿון דעם קליינעם נידעריגען הייזעל, וועלכעס ער האָט נאָר-וואָס פֿערלאָזען.

און אַרום איז געווען שטיל, די נאַכט האָט געשוויגען און זיך ווי צו עפּיס צוגעהערט, די ערד האָט שטיל און שווער גע־אָטעמט, אַלץ איז געשלאָפֿען און די נאַכט האָט עהרליך אָב־געהיט דעם דאָזיגען שלאָף.

פֿלוצלונג זענען זיך די אַקאַציען פֿונאַנדערגעגאַנגען אין צוויי זייטען, און נאָטע האָט פֿערלאָרען זייער שפּור. ער האָט זיך אָבגעשטעלט. פֿאַר איהם איז גאָרניש ניט געווען. לינקס, פֿון הינטער אַ הויכען ווינקעל האָט זיך דורכגעשניטען אַ שמאָ־לער פּאַס ליכט. ער האָט צעטיילט דאָס אַרומיגע גרינס אויף צוויי און האָט זיך פֿערלאָרען צווישען די קוסטען; אַ ווינקעל פֿון אַ גרינעם שפּיציגען דאַך איז געהאַנגען אויבען, איבער דעם דאָזיגען פּאַס און האָט זיך געצויגען ווייט אין דער הויך...

נאטע האט ווידער אונטערגעהויבען זיינע קייטען און האט זיך לאנגזאם און פארזיכטיג א לאז געטהון נאך דעם פאס נאך. קיין וועג איז ניט געוועזען און ער האט געמוזט געהן איבער פערוואקסענע קלומבען און טרעטען איבער הויך און נאס גראז. דאס ליכט האט איהם געבראכט צום הויכען הויז מיט דעם גרין-געפארבטען דאך, וואו די אויספארשונגס-קאמיסיע האט געארבייט, צו יענעם ווינקעל פון הויז, וואו סטראחאווס וואוינונג איז געוועזען; איינס פון זיינע פענסטער צום הויף איז געוועזען בעלויכטען פון אינווייניג, נאר פון דרויסען פערשטעלט מיט צוגעמאכטע לאדען. די לאדען זענען אבער ניט גוט צוגעשטאנען צום פענסטער און אונטער זיי איז געבליבען א רעכטע שטיק אפען. דאס ליכט איז פון דאנען געפאלען גלייך ארויס אויף דעם געלען זאמד פון פונדאמענט און אויף די עטוואס אפגעטראטענע, געדיכט-בעגראזטע קלומבען.

נאטע איז צוגעפאלען מיט'ן אויער צו דער קאלטער, פייכטער וואנד און האט זיך צוגעהערט. אינווייניג איז געוועזען שטיל, נור דער פאס ליכט, וואס איז געפאלען ארויס, האט א צאפעל געטהן און אנגעהויבען זיך צו וויגען איבערן זאמד. ס'האט זיך איהם פערגלוסט אריינקוקען און זעהן, וואס ס'טהוט זיך דארט אינווייניג, ביי סטראחאוו'ן. א קורצע ווייל'ע האט ער זיך געשלאגען אין דער דעה און האט אנגעהויבען שטארקער אנציהען דעם גארטעל, מיט וועלכען די קייטען זענען געוועזען אונטערגעבונדען. דער אויבערשטער ברעג פון ציגעלנעם פונדאמענט האט עטוואס ארויסגעטראטען, און נאטען האט קיין בעזונדער מיה ניט געקאסט אנהאפען זיך פאר'ן אונטערשטען געשניצטען קארניז פון פענסטער און ארויפקלעטערן אויפ'ן פארמוראק. ער איז צוגעפאלען צום שפאלט אונטער די לאדען און אריינגעקוקט אינווייניג; דער טונקעלבלויער גארדין איז צופעליג געוועזען עטוואס אפגערוקט, און נאטע האט דערזעהן א שמאל, נאר א גאנץ לאנג צימער. סטראחאוו איז געשטאנען מיט'ן רוקען צום פענסטער אין שלאף-ראק, א קליינינקער, א דארער, זיין הויל-שפיציג קעפעל מיט גרויסע אפגעשטאנענע אויערן האט אויסגעזעהן נאך קלענער און נאך שפיציגער.

אין דער רעכטער האַנט האָט ער הויך געהאַלטען אַ לייכטער מיט אַ דיקען חלבנעם ליכט, וואָס האָט געשמאָלצען און האָט באַלויכטען דאָס צימער מיט אַן אומרוהיג צאַפּלדיג פֿייערל. איין שאָטען פֿון איהם איז געפֿאַלען אַהינטער אויף דער געמאָלטע פּאָדלאָגע, דער אַנדערער האָט זיך געוויגט איבער דער וואַנד און איז געפֿאַלען פֿון אַן אָנגעקליידטער צאַרטער פֿרוי, וועלכע איז געזעסען אויפֿ'ן ברעג פֿון אַ צוגעקליבען, ניט קיין געריהרט בעטיל און האָט זיך מיט איהרע לאַנגע און דינע פֿינגער שטאַרק געהאַלטען פֿאַר דעם שוואַרצען אייזערנעם פּאָרענץ. די ווייסע, דינע פֿינגער האָבען נערוועז געציטערט אויף די אייזערנע אויס-געפּלאַטעטע רעהרען פֿון פּאָרענץ און דער גאַנצער גוף איהרער האָט זיך געצאַפּעלט אונטער איהר לאַנגען טונקעלען קלייד. פֿון אונטער דעם נידעריג-אַראָבגעהאַנגענעם שוואַרצען הייבעל האָבען זיך געזעהן אַ פּאָר שוואַרצע דערשראָקענע אויגען, וועלכע זע-נען געווען צאָרנדיג און בעגייסטערט אָנגעשטעלט אויפֿ'ן קליינעם דאַרען מענשעלע מיטען הוילען קאָפּ און שמעלצענדען ליכט אין זיין הויך אויפֿגעהויבען דאַר הענדטיל.

סטראַחאָוו האָט נאָך נעהנטער צוגעטראָגען דאָס ליכט צום שלאָפֿען קראַנקען געזיכט פֿון דער פֿרוי אין שוואַרצען; זי האָט זיך דערשראָקען אָבגעוואָרפֿען אַהינטער צו דער וואַנד, ניט אַרויסלאָזענדיג פֿון די דינע ווייסע הענד דעם אייזערנעם פּאָרענץ און האָט אינסטינקטיוו, גלייך ווי זי וואָלט ערוואַרטען פֿון וועמען ניט איז הילף, אַ קוק געטהון מיט איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען אויפֿ'ן פֿענסטער.

— שפּרה! — האָט נאָטע שיער ניט אַ געשריי געטהון און האָט געוואָלט אַ זעץ טהון מיט דער האַנד אין לאָדען. ער האָט זיך אָבער אָבגעהאַלטען און האָט זיך נאָך שטאַרקער אָנגענומען מיט די הענד פֿאַר'ן קאַרניז.

סטראַחאָוו האָט זיך עטוואָס צוגעבויגען צו שפּרה'ן, ניט אַרויסלאָזענדיג פֿון האַנד דעם לייכטער, נאָר אין דער מינוט האָט זיך שפּרה אינגאַנצען אַ צאַפּעל געטהון, ס'האָט איהר אָנ-

געהויבען צו טרייסלען, און אַן אומענשליכער געשריי, אַ האַלב ווינענדער, אַ האַלב לאַכענדער, האָט דורכגעריסען די שטילקייט און אָנגעהויבען טיעף און לאַנגזאַם דורכבויערן די אָנגעשראָקענע נאַכט.

ער האָט געזעהן, ווי סטראַחאָוו האָט זיך אַ האַפּ געטהון און, דערשראָקען, ווי אַ חדר-יונגעל, אַבגעלאָפען צו דער טהיר צוזאַמען מיט זיין ליכט, אָבגעשעפּענט זי מוטין פוס, האַסטיג צו-געמאַכט צוריק און אַ דרעה געטהון דעם שליסעל.

שפרה איז געבליבען זיצען אין דער פינסטער, אָנגע-שפּאַרט מיט'ן רוקען צו דער וואַנד און שטאַרק פערקייטעלט איהרע לאַנגע דאַרע פינגער אין די אויסגעדרעהטע רעהרען פון פּאַרעניך, און דער געשריי איהרער האָט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געריסען צום פענסטער און דורך די צוגעמאַכטע, פער-האַקטע לאָדען זיך דורכגעריסען אויף דעם גרויסען פערמאַטער-טען און פערשלאָפענעם הויף.

נאַטע איז אַראָבגעשפּרונגען פון פּאָדמוראָק און האָט שוין איצט ניט געקלערט וועגען אונטערהאַלטען זיינע קייטען, כדי זיי זאָלען ניט קלינגען; זיי האָבען געקלאַפּט און האָבען געקלונגען, אָבער דעם קלונג זייערן האָט פערהילכט דער אומענשליכער דורכנעהמענדער געשריי פון שפרה'ן, וואָס האָט איהם נאָכגע-יאָגט פון הינטען.

איצט האָט ער שוין ניט געזוכט קיין וועג. ער איז געגאַנ-גען גלייך איבער דעם גראָז, דורך די בוימער, דורך די קוסטען און האָט זיך דערקליבען צו זיין שטיל קליין הייזעל.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט. אַלץ אַרום האָט געשלאָפען, נאָר אין דער שטילקייט האָט זיך נאָך געהערט שפרה'ס גע-שריי — שטילער-שטילער, שוואַכער-שוואַכער, פערשטיקטער און אָבגעשטאַרבענער.

נאַטע האָט אָבגערוקט די עטליכע ציגעל, וואָס האָבען איהם פערשטעלט דעם דורכגאַנג, דורכגעשפּאַרט זיך און ווידער אַוועק-געלעגט זיי אויפ'ן אָרט. אַריין צוריק אין צימער, אַוועקגעלעגט

אויף אַנ׳אָרט דאָס ברעט און אָבגערוקט זיין בעטיל צוריק אין ווינקעלע.

אַלץ אַרום איז געוועזען שטיל. פון ווייטען איז ווי אַנ׳אָבגע-ברענט פייערל אין אַ פערוואָרפענער וויסטע צאַפּלענדיג און לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען שפרהים געשריי...

דאָס איין פיערציגסטע קאַפּיטעל.

סטראַחאָוו האָט פון טאָג צו טאָג געוואַרט אויף האָוואַנסקי׳ן.

די לעצטע צייט האָט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר אָנגעהויבען אַרויסצואייזען אונגעדולד: די אויספאָרשונג האָט זיך, לויט זיין מיינונג, צו-לאַנג געצויגען און צו דעם געווינשטען צוועק האָט זי נאָך ניט געבראַכט. די פערברעכער זענען נאָך האַרט געשטאַנען אויף זייער עקשנות און האָבען ניט בעשטעטיגט די בעווייזען פון די עדות. פון פעטערבורג האָט מען אָבער דורכאוס געפאָדערט, אַז די אויספאָרשונג זאָל געשלאָסען ווערען און די געשולדיגטע זאָלען בעשטראָפט ווערען.

און גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט איז סטראַחאָוו געווען אַרומגעלאָפען פון איין ווינקעלע אין דעם אַנדערן, פון איין טורמע אין די צווייטע, געשריען, זיך געוואָרפען, געסטראַשעט מיט שמייס און זיי אויך געגעבען; געלאָזען אָהן עסען, געפייניגט, מיט דורשט און אונטער דעם שוץ פון שקירינ׳ען ערנסט געטהון אַלץ, וואָס איז אומעטום געווען פערבאָטען דורכ׳ן געזעץ און וועגען וואָס ער האָט בעקומען אַ ספּעציעלע פעראָרדנונג פון יוסטיץ-מיניסטער, עס ניט צו טהון.

און מיט אַ טאָג פריהער פאַר חאָוואַנסקי׳ס קומען, עטליכע טעג פאַר ראש-השנה, האָט סטראַחאָוו אָבגערעדט מיט שקירינ׳ען נעהמען סלאָווע בערלינ׳ען אויפ׳ן לעצטען „דאָפּראָס".

די פריהעריגע דריי „דאָפּראָסען" איהרע האָבען צו גאַרניכט געבראַכט. ווי אַנ׳אייזערנע איז סלאָווע געשטאַנען פאַר דער אויס-פאָרשונגס-קאָמיסיע, מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד, אַ שטאָלצע, אַ

צאַרנדיגע, מיט געשלאָסענע טריקענע ליפּען, מיט גרויסע שטרענגע אויגען, וואָס זענען געווען אָנגעשטעלט אויף די אויספאָרשער, פון וועלכע ס'איז ניט געווען קיין מעגליכקייט זיך צו באַהאַלטען. און אַלע מיטלען זי איינצוברעכען און נויטען, זי זאָל זיך מודה זיין — זענען געווען אומזיסט.

ווי פרום אַלעמען, האָט מאַריאַ אויך אַרום איהר אַרומגעטאַנצט מיט איהרע רויטע, אָנגעוועהטאָגטע אויגען, געוויינט, געגאָסען טרעהרען, געבראָכען די הענד, געלעגען ביי איהרע פיס און זיך געוואָרפען זי צו שלאָגען. סלאַווע פלעגט זיך נור עטוואָס אָפּריקען און ווידער בלייבען שטעהן אומבעוועגט, געקוקט אויף די אויספאָרשער און קיין איינציגער מוסקעל האָט ניט אַ צאַפּעל געטהון אויף איהר בלאַס שטרענג פנים. אין איהרע טיעפע אויגען פלעגט זיך נור אַמאָל אָנצינדען אַ באַהאַלטען פייעריל און אין די ווינקלען פון איהרע — אַמאָל שען אויסגעטאָקטע און איצט דאַרע און איינגעצויגענע — ליפּען פלעגט אַמאָל אַ שפּיעל טהון אַ טרויעריג שמייכעל.

— רעדט, טהוט, איצט איז אייער צייט; ס'וועט (זיכער אויך קומען אונזער צייט און סלאַווע וועט ווידער וועהרען סלאַווע, און איהר וועט ווידער בלייבען קנעכט, געדונגענע קנעכט, וואָס מען קויפט אָב פאַר אַ גלעזעל בראָנפען אָט ווי די (אַ מאַך געטהון מיט'ן קאָפּ אויף טערענטיעוו'ן) אָדער פאַר אַן אויסגעגילט בלעכעל (אַ דרעה מיט'ן פינגער אויפ'ן לאַץ פון אַרעסטאַנטען-חאַלאַט), ווי איך אַלעמען. איך ווייס אָבער אייער פרייז!...

ביים לעצדען „דאָפּראָס”, בשעת אַלע דריי עדות, מיט איהר געוועזענער הויז-דיענערין פּאַשאַ קאָלאָוסקאַ בראש האָבען איהר אַרומגערינגעלט און אַלע מיט אַמאָל האָבען איהר געשטאָכען די אויגען מיט דעם אומגעבראַכטען קינד און זי האָט ניט געוואוסט וועמען פריהער אויסצוהערען, וועמען פריהער ענטפערן, — איז סטראַהאָוו געפאַלען אויף אַ נייעם איינפאַל: ער האָט אַרויסגעהאָפּט פון אונטער'ן גרינעם טישטוך אַ קליין שפּיגעלע מיט אַ הענדטעל און האָט עס פלוצלונג צוגעטראָגען האַרט צו סלאַוועס פנים. פון

דעם קילעכדיגען גלעזעל, איינגעפאסט אין א דין שווארץ רעמעלע, האט אויף איהר ארויסגעקוקט א נאלטע אונבעקאנטע יודענע מיט גרויע האהר, וואס האבען ארויסגעשטעקט פון אונטער'ן סיצען פארע־סטאנטען־טיכעל, מיט בלאסע אויסגעצויגענע באקען און טיפע ברויערינע אויגען, און א געלען האלאט, וואס האט אנגעשפארט און געריבען איהר ווייסען איינגעצויגענעם האלז.

א מינוט לאנג האט זיך סלאווע איינגעקוקט אין דער אונבע־קאנטער פרוי, האט דערשראקען א טראט געטהון צוריק און ווידער ארייןגעקוקט אין שפיגעלע.

— איהר זעהט? איהר זעהט? — האט זיך סטראחאוו מיט עפיס א נצחון אומגעקעהרט צו זיינע מיטהעלפער, ניט ארויס־לאזענדיג פון האנד דאס שפיגעלע און אנווייזענדיג זיי אויף סלאווען.

סלאווע איז אבער דערווייל געקומען צו זיך, האט זיך נאך נעהנטער צוגעבויגען צום שפיגעלע און אנגעהויבען פארשארען מיט די הענד און בעהאלטען אונטער'ן היטעל די ארויסגעלאזענע גרויע האהר.

— איך דאנק אייך, איך האב זיך שוין צוגעקאמט — האט זי זיך א נויג געטהון צו סטראחאוו'ן. ער האט ארויסגעלאזט די האנד מיט'ן שפיגעלע, צוגעדריקט זיין הוילען קאפ צו די אקסלען און אוועק צו זיין שטוהל ביים גרויסען, געדיכט־בעזעסענעם טיש...

דאסמאל האט ער אבער פאר איהר געהאט אנגעגרייט א גרעסערן סורפריז און אויף דעם איצטיגען „דאפראס" האט ער געהאט בעזונדערע אויסזיכטען. צו האוואנסקי'ס קומען האט שוין סלאווע געהארט האבען בעשטעטיגט איהר שולד.

ער האט געהייסען ברייגנען סלאווען פון שלאס־טורמע אין אויספארשונגס־קאמיסיע און פיהרען זי ניט ארום „ראוו" און אי־בער דער געברענטער גאס צום זייטיגען אריינגאנג אין מעלער־זאקאמעלסקי'ס הויף, ווי מ'האט זי און אלע אנדערע געפיהרט אלע מאל, נור פיהרען די דורכ'ן מארק איבער אילאינסקער גאס צום פאדערשטען אריינגאנג פון קאמיסיע.

און אין דער בעשטימטער צייט איז סלאווע אין בעגלייז־

טוגי פון צווײ סאלדאטען מיט ביקסען פון קליינעם, שווער-ארומ-
געשמיעדטען טהיר׳ל פון שלאס-טורמע אוועק איבער סמאלענסקער
גאס צום מארק, פארביי דעם ראטהויז. אויפ׳ן מארק איז געווען
עטיל, קיין פארבייגעהער האבען זיך כמעט ניט געזעהן; די קרא-
מען זענען געווען צוגעמאכט, אחוץ די ביידלעך און אין זיי איז
קיינער ניט געווען.

מ׳האט זי פארבייגעפיהרט פאר דער מעהל-און אייזען-קראם
פון וואסילי יאצקעוויטש, איהר שכן; ער איז געשטאנען ביי דער
טהיר און א ווייסען פארטוך, געקוקט אויפ׳ן ווייסטען מארק און
אויף איהר, און האט איהר, ניכר, דערקענט: ער האט אראפּגע-
נומען דעם קארטוז און האט איהר ברייט און פריינדליך בע-
גריסט. זי האט זיך אבער ניט אבגעקעהרט, כדי ניט צו זעהן דעם
פערשלאגענעם טויער פון איהר אייגענעם מויער, די צוגעחתמ׳עטע
טהירען פון גרויסען וויין-קעלער, וואס האט זיך געצויגען איבער
דער גאנצער זייט צו מארק-צו; די פערשלאגענע טהיר און פענ-
סטער פון באסיעס שפּייז-קראם מיט׳ן הויכען גאניקעל פון דער
אנדער זייט הויז, אויף אילאינסקער גאס; קאלאווסקי׳ס צוגעמאכטען
שיינקעל און ווייטערסטען ווינקעל פון זייער הויז. אלץ איז
געווען טויט. אלץ איז געווען אבגעשטארבען און זי האט גע-
פיהלט, אז זי דארף, אז זי טאר אדער ניט א קעהר טהון איהר
קאפּ. זי האט אראפּגעלאזען די אויגען, געקוקט צו זיך אויף איה-
רע גרויסע שווערע לעדערנע שטיוועל, וואס האבען ניט אויסגע-
קליבען וואוהין צו געהן און געטראטען גלייך אין דער צעוויקטער
בלאטע, וואס האט געדיכט בעדעקט דעם שטיינערנעם ברוק.

זי האט זיך געאיילט, געוואלט זיך גיכער אב׳פּטר׳ן און צוריק-
קומען אין איהר אייגען שטילען קבר, וואו זי איז דאך געווען
אליין מיט איהרע געדאנקען, מיט איהרע ערינערונגען, מיט איהר
געשטאלצען און פעסטען בטחון אויף נאהנטע בעסערע טעג.

די אויספּארשונגס-קאמיסיע האט היינט אויסגעזעהן עפּיס בע-
זונדער יום-טוב׳דיג. שקורין איז געווען אנגעטהון אין זיין גאנצע

באַראַד, סטראַהאָװ האָט אָנגעהאַנגען אויף זײַן גלאַטען גרינגעם מנדיר אַ צעלמ׳ל.

זי האָט זיך אַװעקגעשטעלט אויף איהר אָרט פאַר׳ן אויספּאָרשונגס־טיש, האָט צוזאַמענגעלעגט איהרע הענד, געקוקט אויף די אויספאָרשער און געוואַרט.

סטראַהאָװ האָט עפּיס צוויילאַנג געבלעטערט זײַנע פּאַפּירען, ער האָט זיך געגרייט, אָבער, ניכר, ניט געוואוסט, פון וואָס אָנצוהויבען.

— סלאַװוקאַ! — האָט ער מיט אַמאָל אַרויסגעשאָסען, — דײַן פערברעך איז בעשטעטיגט.

— פון וועמען?

— דאָס איז שוין אונזער זאַך. אָבער לייקענען וועסטו זיך שוין הײַנט ניט.

— רעדט, איך וועל הערען.

— ניין; דו וועסט רעדען!

— איך האָב שוין מײַנס אָבגערעדט.

זי האָט פערלעגט אַ פאָלע אויף אַ פאָלע און טיעף פערחיקט די הענד אין די אַרבעל. סטראַהאָװ האָט אַ קלינג געטהון.

פון דער זײַט האָט זיך געעפענט אַ טהיר און אַ קאָנוואָינער האָט אַרײַנגעלאָזען אין צימער עפּיס אַ יונגע קריסטין מיט אַ ווײַסען פוידערישען געזיכט און מיט לאַנגע ווײַסע האָהר, פערקאַמט אַהינטער. זי האָט זיך אויף אַ װײַלע אָבגעשטעלט בײַ דער טהיר און אַ פּאָר טריט געטהון נעהנטער צום טיש. דאָס געזיכט איהרס איז געווען בלאַס און די ווײַט־פונאַנדערגעעפענטע בלויע אויגען האָבען דערשראָקען געקוקט אויף סלאַװען און אויף די אויספאָרשער.

— דו קענסט זי? — האָט סטראַהאָװ אָנגעוויזען סלאַװען מיט׳ן פינגער אויף דער אַרײַנגעקומענער.

סלאַװע האָט זיך אײַנגעקוקט אין בלאַסען דערשראָקענעם פנים פון דער קריסטין און אַ מאַך געטהון מיט׳ן קאָפּ.

— יאָ, איך קען זי: דאָס איז אַנושקאַ, אַננאַ קאָוואַליאָוואַ.

אַנושקאַ האָט געקוקט אַרום זיך מיט ווייט־פונאַנדערגעעפענטע, אומרוהיגע אויגען און געשוויגען.

— קאָוואַליאָוואַ! — האָט זי אַ רוף געטהון סטראַהאָוו.

אַנושקאַ האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון.

— יאָ, געשטאָכען, — האָט זי אַרויסגעלאָזען פון אונטער די צוזאַמענגעדריקטע ווייסע צייהן איינצעלנע ווערטער: פריהער בײַ זיך אין הויז אין דערנאָך... דערנאָך אין קראַסנאָיע... אין קראַסנאָיע... אין לאַגע...

זי האָט ווילד געקוקט אויף סטראַהאָוון, אויף סלאַווען און אויף אַלע אַרומיגע.

בײַ סלאַווען האָט זיך אָנגעהויבען וויעגען די קינבאַק. אין די ווינקעלעך פון איהרע בלאַסע צוזאַמענגעדריקטע ליפּען האָט געשפּיעלט איהר שטענדיג שטיל און הורכנעהמענדיג געלעכטער...

בײַ אָרליק טעוועלעוו'ן אין גרויסען קעלער, אויפ'ן ראָג פון מאַרק און סמאָלענסקער גאַס, מיט די פערשלאָגענע און פערשמירטע קליינע פענסטערלעך צום הויף, האָבען עטליכע מנינים יודען געזאָגט סליחות. אין דער געדריקטער לופט זענען געדיכט געשטאַנען קרעכצען פון הונדערטער צובראָכענע הערצער; די חלבינע ליכטלעך האָבען זיך געצאַפּעלט אין די הענד פון די מתפללים, און צוזאַמען מיט זיי האָבען זיך געשאָקעלט און געשפּיעלט די שטילע שאָטענס אין די ווייטע, פערשטיקטע ווינקעלעך פון דעם לאַנגען און בריטען קעלער. דער שמאָלער, קרום־אַוועקגעשטעלטער אָרון־קודש האָט זיך שווער אָנגעשפּאַרט אָן דער פייכטער לייכענער מזרח־וואַנד און דער פרוכת איז פון איהם נידעריג אַראָפּגעהאַנגען און האָט זיך געשלעפּט מיט'ן אונטערשטען ברעג איבער דער שוואַרץ, האַרט אויסגעטרעטענער ערד. דרײַ ליכט האָבען טרויעריג געשמאָלצען אויפ'ן קורצען שמאָלען עמוד און ראובן דער חזן האָט אָנגעשפּאַרט אָן איהם זײַנע הענד און געזאָגט סליחות. זײַנע בלינדע אויגען האָבען ניט געזעהן וואו ער שטעהט, אָבער זײַן שאַרף, אויפמערקזאַם אויער האָט געהערט און געפיהלט, אַז זײַן ווײַנענדיג געשריי צו גאָט מוז געבויגען ווערען

און אָבשטאַרבען דאָ, אין דעמזעלבען קבר, און ער טאָר דאָך, חלילה, ניט אַרויסרייסען פון די פיער קאַלטע ליימענע ווענד און טאָר ניט דערהערט ווערען פון יענע, וואָס דאַרפען איהם ניט הערען. אָבער פאַר'ן קליינעם, האַלב-איינגעפאַלענעם ארון-קודש מיט דער איין-איינציגער ספר-תורה, וואָס איז אין איהם געווען באַ-האַלטען, איז ער געשטאַנען מיט'ן זעלבען יראת-הכבוד, ווי פאַר דעם גרויסען, קונסטליך געשניצטען און אויסגעגילטען ארון-קודש אין דער הויכער שוהל, און אַזוי ווי פון דאָרט, אַזוי אויך פון דאַנען האָט ער געריעדט צום גאַנצען כלל ישראל, וואָס איז צוזייהט און צושפּרייט איבער דער גרויסער זינדיגער וועלט.

— עננו עונה בעת צרה, עננו! עננו פודה ומציל, עננו!...

דיינע בלינדע אויגען האָבען געזעהן ווייטער, ווי אַ זעהענדיג, מענשליך אויג קאָן דערגרייכען. זיי האָבען געזעהן געשמידטע, זיי האָבען געזעהן געפּייניגטע, זיי האָבען געזעהן אָבגעריסענע פון קינדער, צושיידטע מיט פאָטער-און-מוטער, געבונדענע, געשענדעטע, טייכען טרעהרען, ימים בלוט...

— מי שענה לדניאל בגוב האריות, הוא יעננו!...

פון הינטען, ווייט ערגיץ ביים אַריינגאַנג, אויף די אויסגע-טראָטענע טרעפּ האָט זיך דערהערט עפּיס אַ גערויש און אַ לייכטער, אויפגעהאַלטענער קלינג פון אייזען. דער עולם האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון און געבליבען שטעהן ווי פערשטאַרבען; אייניגע האָבען אויסגעלאָשען די ליכט, ערליך האָט זיך אַ וואָרף געטהון צום ארון-קודש, כדי אַרויסצוכאַפּען די תורה. דאָס גערויש איז אָבער גע-וואָרען נעהנטער, ס'האָבען זיך דערהערט שווערע לאַנגזאַמע טריט, און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך אין לאַנגען פּאַס, וואָס איז געפאַלען עפּיס פון אַ יאָהרצייט-ליכט, באַוויזען נאַטע פרידקאָוו.

ער איז געשטאַנען גלייך צום עמוד, אונטערהאַלטענדיג מיט די הענד די קייטען פון די פיס, דער אויסגעגאָלטער האַלבער קאָפּ האָט ביי איהם געבלאַנקט פון אונטער דעם קליינעם גרויען היטעלע. די מתפללים האָבען שטיל און ווי בעצויבערט געקוקט פון זייערע זייטען אויף דעם אונערוואַרטעטען גאַסט און געלאָזט פאַר איהם

פרייען ווע. עליק האט זיך אלאז געטהון איהם אנטקעגען און ביידע זענען ארויסגעפאלען איינער דעם צווייטען אויפ'ן האלז.

ראובן האט געזאגט קדיש...

ס'איז אבער געווען שפעט, מ'האט געמוזט געהן צוריק; נאטע האט געענטפערט דעם חזן „אמן" און איז דערווייל ארומגעגאנגען איבער'ן קעלער, וועלכען ער האט אמאל מיט זיינע אייגענע הענד געהאלפען מאכען פאר א בית-המדרש און שטיבל און פארזיכטיג, ניט ארויסלאזענדיג פון די הענד די שווערע קייטען, האט ער זיך אנגעהויבען אויפצוהויבען אויף די טרעפ. דער עולם האט איהם שטיל און אונבעוועגט בעגלייט מיט די אויגען ביז'ן ארויסגאנג.

ער האט זיך פערקלעמט אין דער פינסטערער איבער'ן גאס, האלטענדיג זיך הארט בייא דער וואנד און איילענדיג זיך, כדי ניט צו פערשפעטיגען. ס'האט אנגעהויבען צו בעגינען, און זשוראוולאוו האט זיך געקאנט יעדע מינוט אויפכאפען, און אנהויבען איהם זוכען. ער איז ארומגעגאנגען דעם גרויסען הויף, געקומען צום בעשטימטען ארט, וואו ס'איז געווען דער פערשטעלטער הינטערגאנג, האט אויפ-געהויבען אונטען א ברעט, דורכגעקראכען אונטער איהר, און האט זיך אנגעהויבען דורכשניידען דורכ'ן פארק גלייך צו זיין הייזעל. ליינקס ביים קיך איז געשטאנען דאס הויז, וואו ס'האבען זיך אויפ-געהאלטען טערענטיעווא מיט די איבעריגע עדות.

ער האט א קעהר געטהון אהער, געמאכט עטליכע טריט און האט זיך אבגעשטעלט א דערשראקענער. הינטער'ן קיך, אונטער א ווייט-פונאנדערגעוואקסענעם ליפען-בוים האט זיך געוויעגט אויף א שמאל שנירעל, א ריבערגעווארפען איבער א נידעריג אראבגעהאנגענעם צווייג, א טויטער קערפער.

פון אונטער א סיצען קליידעל האבען ארויסגעשטארצט צוויי ברייטע נעזלעך פון שווערע פויערישע שיך און די הענד זענען געווען אויסגעצויגען פון ביידע זייטען קערפער.

נאטע האט א קוק געטהון אין דער הויך און פאר דער גרויער שיין פון דעם ווייטען און נידעריגען פריה-מארגען האט ער איהר דערקענט: דאס איז געווען אנושקא.

אַזוי ווי אין קראַסנאָיע, אויפֿן ברעג דווינאַ, בײַם בעגלײַטען לאַגען, איז בײַ אידער אויך איצט דער קאָפּ געווען עטוואָס אָב־געוואָרפֿען אויף הינטען, און אַזוי ווי דעמאָלט, זענען אויך איצט אידערע לאַנגע האָר געווען צושאָטען בײַ אידער איבעריגען רוקען און דאָס ווינדעל האָט זיך מיט זיי פֿרעהליך געשפּיעלט און גע־טריבען אין אַלע זייטען.

נור אידערע ריינע בלויע ערנסטע אויגען האָבען איצט ניט געקוקט אין הימעל אַרײַן און האָבען ניט געזעהן די קומענדיגע מאָרגען־שײַן.

גאַטע האָט זיך צוגעבויגען צו דער ערד און האָט זיך אײַלענד אַ לאָז געטהון צו זיין הימעל. אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין פֿערשוואונדען געוואָרען אונטער די אָבגעוואָרפֿענע ציגעל.

פיערטער טייל.

דאָס צוויי און פֿערציגסטע קאַפּיטעל

פֿיל מאָל האָט דער געדיכט מיט ליפּען־בוימער, און איינגמיט שורות־פּעסטונגען גרויסער הויף פֿון מעלער־זאַקאַבעלסקי. אין משך פֿון די לאַנגע יאָהרען געענדערט זיין געשטאַלט.

פֿיל מאָל האָט די ערד אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון זיך איהר ווייכען קבורה־קישעל און מיט אַ נייע לעבען אויפֿגעלעבט, און פֿיל מאָל האָט זי אַראָפּגעשלידערט פֿון זיך דעם גרינעם זומער־שאַפּעט, און אַן אָבגעשטאָרבענע אונטער דעם קאַלטען ווייסען ווינטער־שלייער פֿערשוואונדען. פֿיל מאָל זיינען פֿרעהליכע פֿויגעלעך בעפֿאַלען דעם לעבעדיגען בית־עולם און איהם אָנגעפֿילט מיט ליעדער פֿון פֿרייד און פֿון ליעבע, און פֿיל מאָל זיינען זיי צוריק אַוועקגעפֿלויגען אין דער וויטער הויך פֿון די העל־גראָהע הימלען, כדי מיט זעקס חדשים שפּעטער ווידער ברינגען אַהער זייער פֿרייד און זייער ליעבע...

נאָך פֿאַר יענע, וואָס זיינען געלעגען לעבעדיגערהייד בע־גראָבען אין זייערע פֿינסטערע, פֿעסט־פֿערשלאָסענע קברים, האָבען די פֿיל לאַנגע יאָהר גאָרנישט געבראַכט. באַ׳ן רוב פֿון זיי האָט זיך די צייט אָפּגעשטעלט אינ׳ם זעלבען מאָמענט, ווען מ׳האָט די ריגלען פֿון זייערע קברים פֿערריקט אַהינטער זיי. און די שטענדיגע ענדערונגען פֿון טויט און לעבען, פֿון ליכט און פֿינ־סטערניש, פֿון טאָג און נאַכט — האָט פּאַסירט אָהן זיי און ווייט פֿון זיי.

אין די פֿעסט־פֿערשלאָסענע פֿענסטער האָט מיט דעמזעלבען ברויער פֿאַרייניגעקוקט אי דער גרויער וויינענדיגער הערבסט־הימעל, אי דער העל־בלויער הימעל פֿון דעם שמייכלענדיגען פֿריהלינג. און האָט דאָס פֿריהלינגס־פֿויגעלע געוואָרפֿען פֿון אויבען אַראָפּ זיינע זילבערנע ליעבעס־טרילען, אָדער דער קאַלטער ווינד האָט מיט אַ יאָמער דאָס ווינקעל פֿון דעם געדיכט־פֿערשנייטען דאַך גע־ריסען, דאָרט אונטען, אין דער טיעפֿעניש פֿון די פֿערשלאָסענע

קברים, האָבען די ביידע שטימען אָפּגעקלונגען נור ווי אַ ווייטער ווידערקול, אָבער שטענדיג טרויעריג, שטענדיג שרעקענדיג...

פאַר ביידע פון די געפאַנגענע איז דאָס לעבען אויך ערגיץ ווייט פון זייער באַוואוסטזיין; עס איז געוואָרען ווי אַ ווייטע, טונ־קעלע דער־ינערונג. דאָס, וואָס איז געווען אַמאָל, איז געבליבען ערגיץ גאַנץ ווייט הינטער זיי; דאָ איז געווען נור אַ שטילע און טויטע פינסטערניש, און מענשען, וואָס האָבען זיך שוין דייטליך געזעהן אויסגעמעקט פון לעבען, האָבען זיך נור געוואונדערט, וואָס דער טויט קומט נישט צו זיי. דאָס לעבען איז שוין לאַנג אַוועק און דער טויט האָט נאָך געזאַמט זיין אָרט צו פאַרנעהמען. נור דאָס איז געווען מערקווירדיג, נור דאָס האָט זיי אויסגעוויזען אומ־נאַטירליך...

אין די פינף יאָהר האָט דאָס קליינע שמאָלע טירעל אין דעם ווייט־פאַרוואָרפענעם געסעל — דורך וועלכען ס'איז דער ערשטער דורכגעגאַנגען אַ בעפרייטער פון זיינע קייטען דער פאַר־שטאָרבענער יעקב־הירש — זיך אויפגעעפענט און ווידער צוגעמאַכט נור נאָך צוויי מאָל.

צום ערשטען מאָל האָט עס זיך אויפגעעפענט פונקט אין אַ יאָהר אַרום נאָכדעם, ווי יעקב־הירש איז בעפרייט געוואָרען. דאַן האָט עס אַרויסגעלאָזט רבי שמריה'ן...

ער איז אויך געווען פריי, און אויך זיינע ווייסע טויטע פּנים, עטוואָס העכער פון די קנעכעל האָבען זיך נור געזעהן בלויע, ווי אויסגעבראָכענע אויף דער ווייסער הויט, שמאָלע בראַסלעטען — אַ זכר פון די קייטען; די קייטען אַליין זענען געווען אַראָפּגענומען. זיין געדיכט בעוואַקסענער האַלבער קאָפּ האָט אויסגעזעהן אַזוי זילבער־ווייס, ווי די אַנדערע, ריין־אויסגעגאָלטע העלפט קאָפּ, און אויך אַזוי פרעהליך, ווי חאַן האָט געקוקט פון אייבען אַראָפּ דער בליהענדער בוים, און אַזוי פרעהליך האָט געלאַכט, אַראָבהענגענדיג פון דעם גרויסען צאַהם, דער העל־ווייסער שמעקענדער זשאַסמין. און די פיער שמשים האָבען מיט דער זעלבער שרעק בעטראַכט איי־נער דעם אַנדערען און דאָס שמאָלע אייזערנע בעטעל, איבעריג־

דעקט מיט׳ן פּרעכטיגען-חאַלאַט, וואָס איז פֿאַר זיי געווען שווער אויפצוהויבען אויף די פּלייצעס. און אַזוי ווי דאַן, האָט דער אַל-טער רבי׳ר ׳בנימין, אויך געזאָגט דעם „צדק לפניו יהלך״. נור נאָטע איז דאָ ניט געווען, און קיינער איז ניט נאָכגעלאָפען נאָך דער מיטה מיט קיין האַרץ-רייסענדען געוויין.

דאָס צווייטע מאָל האָט עס זיך אויפגעשפּעלט אין מיטען ווינטער. אַ שטורמווינד איז געווען און דאָס קליינע טהירעל האָט מען געהאַרפּט לאַנג און מיט גרויס מיה אָפּרייניגען פֿונ׳ם שניי איידער מען האָט עס געקאָנט עפֿענען.

דאַמאָל האָט מען אַרויסגעטראָגען אַ ווייס, שוין-אויסגעמאָלט אייזערן בעטעל מיט אַ פּרוזשינען-מאַטראַץ, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסער, פּוכאָווער דעקע.

דאָס בעטעל האָט מען אַרויסגעטראָגען פֿון אַ הינטער-טהיר פֿון אבראַהאָם׳ס וואוינונג.

אויף איהם איז געלעגען די טויטע שׂרה...

דאָס שמאָלע טהירעל האָט זיך ווידער צוגעמאַכט און דער ווינד האָט עס באַלד פֿערשאָטען מיט אַ באַרג שניי, און יענע, וואָס זענען געבליבען אויף דער זייט טהירעל, האָבען מיט קנאה געקוקט אויף די, וועלכע זענען דורך איהר אַוועק, כדי צוריק זיך ניט אומצוקעהרען...

אַזוי האָבען זיך געפֿיהלט פֿיעל פֿון די געפֿאַנגענע, נור ביי יענע פֿון זיי, ביי וועלכע די פֿינסטערע איינזאַמקייט האָט נאָך ניט אינגאַנצען אויסגעמעקט פֿון האַרצען דאָס געפֿיהל פֿון לעבען, האָט זיך דאָס שטרעבען צום לעבען געשטאַרקט נאָך מעהר ווי פֿריהער. אַרויסגעוואָרפֿענע פֿון לעבען און אָפּגעריסענע פֿון אידם, האָבען זיי זיך אויסגעלערנט נאָך מעהר עס צו שעצען, נאָך מעהר עס טייער צו האַלטען. אין דער טויטער שטילקייט פֿון אַרום האָבען זיי נאָך דייטליכער געהערט דאָס אינווייניגסטע קלאַפּען פֿון לעבען, זיין טיעף בעהאַלטענעם ריטם.

אין די פֿינף יאָהר האָט זיך דאָס אויג אַזוי צוגעוועהנט צו דער אַרומיגער פֿינסטערניש, אַז ביים ליכט פֿון דער זון וואָלטען זיי

אפשר ווייניגער זעהען ווי אין זייערע קברים. דאָס אומערק-
זאַמע אויער האָט זיך אין דער אַרומיגער שטילקייט אויך גע-
לערנט אונטערצוהאָפּען יענע שטילע אָבקלאַנגען פון לעבען, וועל-
כע אַ געוועהנליכער אויער איז ניט אימשטאַנד צו בעמערקען. און —
וואָס נאָך וויכטיגער — פאַר די פינף יאָהר האָבען זיי זיך אויס-
געלערנט צו וואַרטען, וואַרטען און האָפען, האָפען און גלויבען...

און ווען מען פלעגט אַט די מענשען אַרויספיהרען פון זייערע
קברים, בריינגען אין דעם הויכען ליכטיגען הויז מיטן גרינעם דאַך
און זיי אַוועקשטעלען פאַר דער קאָמיסיע, פלעגען זיי מיט האַלב-
פערמאַכטע אויגען קוקען אויף דעם צו-העלען שיין פון דער זון
אויף דער גאָלדענער „זערצאַלע“, אויף די רייך-בעפוצטע מונדי-
רען פון די בעאַמטע און אויף זייערע בלאַנקענדע, ריין-אויסגעוואַ-
שענע הוילע קעפּ. אויסגעזעהן האָבען זיי ווי מענשען, וואָס זענען
איצט געקומען פון אַן אַנדער וועלט און ווייסען אַזעלכע זאַכען,
וואָס זיי, די בעאַמטע, קאָנען ניט וויסען, און וואָס זענען אין זייער
איינזאַמקייט דערגאַנגען אַזעלכע זאַכען, וועלכע וועלען אויף אייביג
בלייבען פערבאָרגען פון זיי.

— איך געפין זיך שוין אין מיין אומגליק דאָס זיבּעטע יאָהר —
האָט זיי מיט אַ שטילער, גלייכגילטיגער שטים דערצעהלט אַ מענש,
וואָס מ'האָט איהם נאָר-וואָס אַרויסגעגראָבען פון זיין לעבעדיגען
קבר, אַ מענש, וואָס האָט אויסגעזעהן קערפּערליך לאַנג געשטאָר-
בען (יצחק נאַחימאָווסקי) — און אַט פון דעם דאָזיגען אומגליק זע-
נען ביי מיר געזונד געבליבען נור דריי חושים: דער זכרון מיי-
נער, דאָס לשון און דאָס געוויסען. און מיין זכרון וועט געדענ-
קען, און דאָס לשון וועט ריידען און דאָס געוויסען וועט ניט אויפ-
הערען עדות צו זאָגען, אַז איך בין אַן אונשולדיגער קרבן, אַז איך
לייד אומזיסט און קיין שום פערברעך בין איך ניט בעגאַנגען.

און צוהערענדיג זיך צו די שאַרפע, קלינגענדיגע ווערטער
פון דעם געוועזענעם מענשען אין אַ האַלב-צעפוילטען אַרע-
סטאַנטען-חאַלאַט, וועלכער האָט קוים בעדעקט זיין האַלב-פערפוי-
לטען גוף, פלעגען די זאַטע, ריין-אויסגעוואַשענע און אַרומגע-

זײַנע מענער אין שען-אויסגעניידטע מונדירן מיט ווײַס-פֿונאַנדערגעסענע אויגן באַטראַכטן דעם לעבעדיקן מת, זיך אַליין און איינע די אַנדערע און ניט אויפֿהערן זיך צו וואונדערן.

שווער איז געווען צו קוקן אויף די אונגעוועהנליכע מענשען, מיט די שוואַרצע אויסגעצויגענע פּנימער, מיט אײַנגעצויגענע באַקען, צוזאַמענגעדריקטע בלוטלאָזע ליפּן און טויטע אײַנגעפֿאַלענע אויסגעלעבטע אויגן. זיי האָבן זיך מיט אַזאַ גײַריקייט געצויגן צום לעבן און געהאַלטן זיך אין דעם, גלײַך ווי זיי וואָלטן עס דאַרפֿן ניט פֿאַר'ן לעבן גופֿא, נור פֿאַר עפּעס אַ העכערער און וויכטיגערער זאַך, ווי דאָס לעבן אַליין: פֿאַר דעם נצחון פֿון אמת, פֿון זייער אמת.

אָבער נאָך שווערער איז געווען צו קוקן אויף יענעם, וועלכער האָט אויפֿגעבויט דעם מזבח פֿאַר די אומשולדיגע קרבנות, און האָט זיך שוין איצט ניט געקאָנט אָפּטיילן פֿון די זעלבע קרבנות, האָט זײַן אייגענעם גורל פֿאַרבונדן מיט זייער גורל.

אַ קליינינקער, נאָך מעהר אויסגעדאַרט ווי פֿריִער, מיט זײַן הויל-שפּיציג קעפּעל, מיט נאָך טיפֿערע, ווי פֿריִער, אונרוהיגע, דערשראָקענע אויגן, מיט אַ מאַכטלאָזן טרויעריגן שמייכעל אויף די דינע, אײַנגעצויגענע ליפּען, האָט ער אויסגעזעהן נאָך מעהר פֿערמאַטערט, נאָך מעהר פֿערצווייפֿעלט ווי אַלע זײַנע געפֿאַנגענע.

אַזוי ווי בײַ זיי אַלעמען, האָט אויך אין זײַנע אויגן געברענט אַן אויפֿגערעגט-קראַנק פֿײַערל, אָבער אין דעם דאָזיגן פֿײַערל האָט זיך נור אָפּגעשפּיגעלט אַ שטרייט אָהן אַ שום גלויבן אין נצחון, אַ שטאַרקע האַרטקייט, אָבער קיין שפּור פֿון האָפֿנונג.

און צווישען אַלע, וועלכע האָבען געליטען אין דער פֿעסט-אַרומגעשלאָגענער קלעטקע, צווישען בלומען און צווישען גרינס, איז אפֿשר ניט געווען נאָך אַזאַ אומגליקליכער און אַזאַ ליידענדער, ווי בראַכאָוו אַליין...

דאָס דריי און פערציגסטע קאַפּיטעל.

ס'איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. די זון איז הויך גע־שטאַנען אין בלויען הימעל און אונטער די פערציבערטע ליפּען־בוימער, אויף דעם געלען אויסגעברענטען גראָז, זענען געלע־גען קורצע, אָבגעהאַקטע שאָטענס.

אויפ'ן גרויסען הויף און אין פּאַרק האָט זיך ניט געהערט קיין איינציגע שטים. אַלץ איז ווי אָבגעשטאָרבען פון היץ און גע־זוכט אַן אָרט, וואו זיך צו בעהאַלטען פון דער זון. ס'האָט זיך נור געהערט, ווי אין די גרויסע גרינע בלעטער ביים פּאַרקאַן פּייפט אַ היישעריק און אַ פליעג פלעגט זיך עפּיס אַמאָל אַראָבגרייסען פון וואַנען־עס־איז, מיט אַ געשריי פאַרבייפליהען פאַר'ן אויער און ווי־דער פערשוואונדען ווערען ערגיץ אין דער אָנגעברענטער לופט.

דער קליינער זעקס־יעהריגער לייזערקע, לאה רודניאַקאָוו'ס בן־יחיד, וואָס האָט זיך געדראָזשעט ביי זיין מוטער אין איהר קאַ־מער און אויסגעוואַקסען דאָ אויפ'ן טורמע־הויף, איז פריהליך אַרויס־געלאָפען פון רבי חיים דעם מלמד'ס טונקעלן און איינגען צימער־און האָט זיך אָבגעשטעלט אין דעם העל־בעלויכטענעם פאָדער־צימער, פינטלענדיג מיט די אויגען אויף דער צו־העלער זון.

רבי חיים האָט מיט איהם נאָר־וואָס אויסווייניג אָבגעלערנט אַ שטיקעל סדרה אין אחרי־מות, און לייזערקען האָט געוואונדערט יענע מונטערקייט, יענע אויפלעבונג, מיט וועלכער דער פער־שפּאַרטער אין זיין פינסטערן קבר אַלטער מלמד האָט גערעדט וועגען אַ „פרעמדען".

לייזערקע האָט זיך ניט גאַנץ גענוי פאָרגעשטעלט, וואָס איז דאָס אַזוינס „אַ פרעמדער" און וואָס פאַר אַ ווערטה קאָן האָ־בען פאַר איהם דער „פאת שדך" און דער „לקט קצירך".

נאָר לויט דער שטאָלצקייט, מיט וועלכער רבי חיים האָט עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט און איהם אויך גענייט איבערצו־חזר'ן נאָך איהם די ווערטער: „וכרמך לא תעולל, ופרט כרמך לא תלקט, לעני ולגר תעזוב אותם" — דיין וויין־גאָרטען; זאָלסט ניט אויסקלויבען איינגאַנצען און די אַראָבגעפאַלענע טרויבען זאָל־

סטו ניט אויפהויבען, פאר'ן ארימען און פאר'ן פרעמדען זאלסטו עס לאזען — און „וכי יגור אתך גר בארצכם, לא תונו אותו, ואהבת לו כמוך, כי גרים הייתם בארץ מצרים אני ד'“ — איהר זאלט ניט דריקען קיין פרעמדען, וואס לעבט צווישען אייך, די דארפסט איהם ליעב האבען ווי זיך אליין, — ווייל פרעמדע זענט איהר געוועזען אין לאנד מצרים — לויט דעם אלעם האט ער פערשטאנען, אז א „פרעמדער“ איז עפּיס א דעכערער מין מענש און מיעף אין הארצען דאט איהם שטארק געקרענקט, וואס ער איז ניט קיין „פרעמדער“...

כ'איז אבער געוועזען דיים, שווער צו עטעמען און איבערהויפט אומעטיג. און אז רבי חיים האט זיך אויפגעשטעלט פון ווינקעל און האט איהם געזאגט, אז אויף היינט איז שוין גענוג און אז צו מארגען דארף ער די אלע פסוקים אויסלערנען אויסווייניג, האט ער זיך מיט גרוים אימפעט אווארף געטהון צו דער טהיר און האט זי אפילו פערגעסען צו צומאכען הינטער זיך.

פון ווינקעל דאט זיך שטיל אויפגעהויבען דער קאנוואינער סעמיאן, צוגעגאנגען צו דער טהיר, האט זי צוגעדריקט מיט'ן פלייצע צום פריטולעק און דער אייזערנער ריגעל איז שווער אראבגעפאלען אויפ'ן פערדאקער.

— וואס פערשפארסטו ניט די טהיר, קונדס דו איינער, דא?

ער איז געשטאנען א דויכער א בארוועסער מיט א פריעדליכען שמייכעל אויף זיינע לאנג-ניט-געראזירטע ליפען און זיינע גרויסע רויטע פיס מיט ברודנע שווארצע נעגעל זענען ווייט ארויסגעקראכען פון אונטער די פערשארצטע בלויע הויזען.

אויפ'ן פענסטער געגען דער זון זענען געלעגען זיינע צוזאמענגעדרעדטע, אויסגעטריקענטע פוס-טיכלעך און א שווערער ריח האט זיך געטראגען פון זיי איבער'ן גאנץ פאדער-צימער.

לייזערקע האט געקוקט אויף סעמיאנ'ען, אויף זיין געדיכט-בעוואקסענער גראבער אויבערשטער ליפ, אויף זיינע גרויסע רויטע פיס און האט געקלערט נור וועגען איין זאך: צי ווייסט ער, אז דער גרויסער גרויער גוי, אז ער איז א פרעמדער און אז

ער, לייזערקע, האט קיין רעכט ניט צוזאמקלויבען זיין ווין-גארטען, וואו ער וועט פרידער ניט פערזיכערן סעמיאָניען מיט אַלץ, וואס ער דארף?

לייזערקע האט אראבגעקוקט אראב. כדי אריבערצוקלויבען זיך אין הויף אריין, האט מען זיך געמוזט אראבלאזען פון הויכע קרומע טרעפ. ער האט זיך אבער אוועקגעלעגט מיט'ן רוקען ארויף אויף דעם לאנגען און גליטשיגען שטאנג פון פארענץ, האט זיך אנגעהאפט אן איהם מיט ביידע הענד און האט זיך זאמטיג אראב-געלאזט אראב. דער קאפ האט זיך איהם עטוואס פערדרעהט. די הענד האבען געברענט ווי פייער. ער האט זיך אויף א ווײַלע צוגעזעצט אויפ'ן הייסען אנגעברענטען זאמד און איז אוועק ווייטער איבער דער אלייע.

ווייט אין עק הויף, ביי דעם הויכען גאניק פון דעם הויז מיט'ן גרינעם דאך, וואו סטראחאוו האט געוואוינט, איז געלעגען א צוזאמענגעדריקטער אויפ'ן גראז סטראחאוו'ס הונד, רעקטאר.

ער האט געוואלט צו איהם צוגעהן, ניר ער האט חרטה געהאט און האט זיך פערנומען לינקס. דארט, הינטער די קוסטען, ביים סאמע פארקאן, אין א נידעריג פערשלאגען הייזעל האט זיך אויפגעהאלטען זעליג ברוסאוואנסקי. ער איז צוגעגאנגען צו דעם פערשלאגענעם פענסטער, האט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן ציגעלנעם פאדמוראק און האט אריינגעקוקט אינווייניג דורכ'ן שפאלט.

זעליג איז מיט גרויסע און גיכע טריט, גלייך ווי ער וואלט עפיס אײלען צוליעב א זעהר וויכטיגען ענין, געגאנגען פון איין ווינקעל צו דעם צווייטען און איבער דער שווארצער פארלאגע האט זיך אונטער זיינע פיס געצויגען א שמאלער, טיעף-אויסגעריבענער פאס, וואס האט געבלאנקט מיט זיין נייקייט.

שוין צוויי חדשים, ווי ער, לייזערקע, שפירט נאך זעליג'ן און יעדעס מאל, ווען ער געהט-צו צום פענסטער, זעהט ער איהם אין איין און דערזעלבער פאזע: א לויפענדיגען מיט א בעזארגט פערטהון פנים פון דעם נאהנטסטען ווינקעל אין דעם ווייטסטען איבער דעם שמאלען ניי-אויסגעדראפעטען פאס, כדי מיט

א מינוט שפעטער מיט דערזעלבער ערנסטקייט לויפען איבער'ן זעל־בען פאס פון יענעם ווינקעל צוריק.

אין ניינע מינוטען האט לייזערקע בעגלייט מיט די אויגען זע־ליג'ן פלייסענדיג זיך אריינצוקוקען אין פנים אריין, נאר דאס האט אידם ניט געלונגען. ער איז צוריק אראבגעשפרונגען אויפ'ן גראז און האט זיך אוועקגעלאזט איבער'ן זאמדיגען, ריין־אויסגעקעהר־טען וועג צו די הויכע קאשטאנען־בוימער.

די הויכע, ווייט־פונאנדערגעווארפענע בוימער זענען רוהיג און אונבעוועגט געשטאנען, טראגענדיג הויך צום הימעל זייערע שווערע גרינע קעפ. פון צווישען די גרינע בלעטער האבען ליעבליך ארויסגעקוקט גרויסע געלע שטעכעדיגע קאשטאנען־ניס. לייזערקע האט אויסגעזוכט אין גראז א שטעקען און האט אידם אנגעהויבען צו שלייערן אין דער הויך, אראבשלאגענ־דיג די ניס פון אויבען. זיי האבען זיך איינציגווייז א שאט גע־טהון פון אויבען אראב, לייזערקע האט זיי אנגעהויבען פאר־זיכטיג אונטערצוקלויבען און לעגען צו זיך אין דער הויך־אָגע־לאָדענער הויזען־קעשענע.

די קעשענע איז שוין ביי אידם געווען פול און ער האט צום לעצטען מאל א שלייער געטהון אין דער הויך זיין שטע־קען. אין א מינוט ארום האט זיך דער שטעקען צו אידם אומ־געקעהרט צוזאמען מיט עטליכע גרויסע געלע קאשטאנען־ניס, און צוזאמען מיט זיי איז פון אויבען, פון דארט, וואו אין די קאשטאנען האט זיך הארט אריינגעשניטען דער ווינקעל פון הויכען צוויי־גארדיגען פליגעל, אראבגעפאלען גלייך צו זיינע פיס א צוזאמענגעלעגט, שווער און הארט פאפיר'ל.

לייזערקע האט געוואוסט, אז אין דעם ווינקעל פון הויז האלט זיך אויף אין א פערשפארטען צימער הירש בערלין און ער האט זיך נייגיריג א ווארף געטהון אויף דאס פאפיר'ל, האט עס פונאנדערגעוויקעלט און צוגעטראגען צו די אויגען, אויף א האלב־אויסגעמאלטען שטיקעל מאפע, וואס איז, ניכר, נאר וואס געווען אבגעריסען פון וואנד, זענען געווען מיט א שטי־

קעל קויהל אָנגעצייכענט עטליכע אונבעקאַנטע ווערטער. דאָס שטיקעל קויהל, האָט זיך, נ״ר, אין מיטען אָבגעבראָכען און צושאָטען און די לעצטע ווערטער זענען געווען אָנגעצייכענט ניט זעהר דייטליך. אויבען, אין ווינקעלע איז געווען אָנגעשריבען מיט געדרוקטע אותיות, וועלכע לייזערקע האָט געקאָנט איבערלייענען, אַ קורץ וואָרט: „איטען“.

ער האָט פערשטאַנען פאַר וועמען דאָס בריוועלע איז געווען אָנגעשריבען, האָט עס פערחקט צו זיך אונטער׳ן בוזעם און דאָט זיך פרעהליך אַלאָז געטהון איבער׳ן גאַנצען הויף צו זיין ווייסטען ווינקעל.

הינטער די מאַלינע-קוסטען, ניט ווייט פון פּאַרקאַן, אַרומגעריגעלט מיט יונגע פיכטען, האָט אַרויסגעקוקט פון הינטער גרינס דאָס הויכע דאַך-צימער מיט אַ ברייטען האַלב-קיילעכדיגען פענסטער און אַ האַלב-צוראַינירטען קרומען באַלקאָן, וואו ס׳האָט זיך אויפגעהאַלטען איטע צייטלין.

אונטען, אויף די טרעפּ פון גאַניקעל, איז געזעסען די וועכטערין נאַסטיאַ, האַלטענדיג ביי זיך אויף די קני׳ה שטאַרק צוגעדריקט דעם קאָפּ פון איהר קליין טעכטעריל, וועלכע זי האָט געקאַמט. מיט אַ דינער מעשענער קאַם האָט זי זיך טיעף געגריבעלט אין איהרע ווייסע, לייכטע האָהר און האָט זעהר ערנסט צוזאַמענגעקליבען ביי זיך אין האַנד דאָס, וואָס זי האָט פון דאָרט אויסגעקאַמט. מאַרפּיטקא איז געשטאַנען אויף די קני׳ה מיט פערוואָרפענע אויף הינטער ברוינע באָרוועסע פיס און איהר קליין קערפּעריל מיט די אונטערגעוואָרפענע הענד פלעגט זיך אַ צאַפּעל טהון יעדעס מאָל, ווען די מוטער פלעגט צו-שטאַרק אַריס טהון מיט דער קאַם איהרע האָהר.

לייזערקע איז אַרומגעגאַנגען דאָס אָרט, וואו זיי זענען געזעסען; האָט זיך האַסטיג אַלאָז געטהון אויף די טרעפּ אַרויף, אָבגעוואָרפען דעם פערדאַקער פון טהיר און אַריין צו איטען אין צימער.

איטע איז געשטאַנען אויפ׳ן פענסטער מיט׳ן רוקען צו

דער טהיר, האָט זיך געצויגען צו דער נישט-פערשלאָגענער, געדיכט-בעוועבטער מיט שפּינוועבּס האַלב-קעלערדיגער שטיב און געקוקט דורך איהר ווייט אַרויס.

דערהערענדיג זיין קלאַפּ מיט דער טהיר, איז זי פלינק אַראָבגעשפּרונגען פון פענסטער און אַלאַז געטהון זיך צו איהם אנטקעגען. און אין בלאַנק פון איהרע אויפגעלעבטע אויגען און אין דעם שמייכעל, וואָס האָט באַגאָסען איהר פרעהליך, רויטליך געזיכט, האָט לייזערקע גלייך פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסע פרייד ער האָט איהר געבראַכט.

— דו האָסט איהם געזעהן?

— ווענען?

— הירשען!

— ניין.

— אין דעם פאַטער?

— געזעהן.

— ווען?

— נעכטען. קאַסטוק האָט אַרויסגעטראָגען דעם שמוץ-עמער, בין איך אַריינגעלאָפען צו איהם אין צימער און האָב איהם דערזעהן.

— וואָס האָט ער געטהון?

— גאַרנישט: געזעסען און געלאַטעט זיין העמד.

דאָס געזיכט איהרס איז געוואָרען טרויעריג און אין די אויגען האָט זיך געוויזען אַ טרעהר.

— אַ דאַנק, לייזערקע!

זי האָט איהם אַרומגעכאַפּט, צוגעדריקט צו זיך און הייס אַ קוש געטהון אין שטערן.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהון צום אַרויסגאַנג.

די זון איז נאָך, אַזוי ווי פריהער, געשטאַנען גאַנץ הויך און די פונאַנדערגעברענטע ליכט האָט זיך געוויעגט ווי אַ לייכט וואָלקענדעל.

ער איז דורכגעלאָפען די מאַלינעס-קוסטען, אַרויסגעלאָפען

אויף אַ גרינער נאָר־וואָס אַרומגעשניטענער לאָנקע, איבער וועלכער ס'איז געשטאַנען אַ שאַרפער און געשמאַקער ריח פון פרישע היי, און האָט זיך אַלאָז געטהון צום אַנדערן עק הויף.

רינקס, נעבען וואַש־הויז, ניט ווייט פון חעם הייזעל, וואו ס'האָט זיך אויפגעהאַלטען אָרליק פאָדליעקאַר'ס פרוי, פראַדע, האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען עטליכע קריסטינס.

פראַדע איז געזעסען אויפ'ן גראָז, צודריקענדיג זיך מיט'ן רוקען צום גאַניקעל, אַ פונאַנדערגעשפּילעטע, מיט צולאָזטע האָר און מיט דערשראָקענע און אונרוהיגע „היהנערשע“ אויגען געקוקט אויף די, וואָס האָבען זי באַלאַגערט.

דונקאַ טעלצאָווא, פראַדעס וועכטערין איז געשטאַנען פאַר איהר אַ פערזאָרגטע, קערשטעלענדיג איהר דעם וועג. די וועשערינס האָבען מיט אַ בריטען געלעכטער געקוקט אויף פראַדען, געפּאַטשט מיט די הענד און געשריען.

— קיש־קיש־קישש! — האָט געשריען דונקאַ, אויפהויבענדיג די בריגען פון איהר סיטצען קלייד און מאַכענדיג מיט זיי אויף פראַדען, טרייבענדיג זי צוריק אויף די טרעפּ.

פראַדע איז געזעסען אויפ'ן גראָז, האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט צו די טרעפּ און מיט אונרוהיגע צומישטע אויגען געקוקט אויף אַלע אַרום.

פון הינטערן ווינקעל, אַריבעריאָגענדיג איינער דעם צווייטען, זענען אַהער געלאָפען די קאָנוואָינע אוסטינצאָוו און גאַוורילאָו.

דאס פיער און פיערציגסטע קאפיטעל.

איינער פון די וויכטיגסטע פונקטען, וועלכע האבען אויסגעצייכענט מאריא טערענטיעוו'ן פון אלע איבעריגע עדות-זאגער, איז בעשטאנען דערין, וואס דער זכרון אידער פלעגט מיט דער צייט ווערען אלץ קלארער און שטארקער.

וואס מעהר צייט כ'איז אריבער פון דעם געשעהעניש, וועגען וועלכען זי פלעגט זיך דערמאהנען, אלץ דייטליכער און קלארער פלעגט זיך אידר פארשטעלען יעדעס ברעקעל, יעדע קלייניגקייט פון דעם דאזיגען געשעהעניש.

וואס ווייטער ס'זענען געווארען אידרע האהר, וואס גלאטער און דיקער כ'איז געווארען אידר געזיכט, וואס פולער און קיילעכדיגער כ'איז געווארען אידר קערפער און זיכערער דער קוק פון אידרע קליינינקע, פערשוואומענע אויגען — אלץ נעהנטער און קלארער פלעגט זיך אידר פארשטעלען דאס, וואס האט, לויט אידרע אייגענע ווערטער, פאסירט פיעל יאהר צוריק.

אזוי, און הערבסט 1825 האט זי קיים געדענקט דאס, וואס האט כלומר'שט פאסירט אין פריהלינג פון יאהר 1823. דייטליכער האט זיך אידר דאס דאזיגע געשעהעניש פארגעשטעלט ערשט אין יאהר 1826. און אין מערץ 1827 האט זי זיך „נאך דער מיטהילונג פון אידר גייסטליכען" (ווי עס איז אנגעמערקט אין די אויספארשונגס-אקטען) דערמאהנט, אז אויפ'ן פיערטען אדער פינפטען יאהר נאכ'ן „פראנצויז" — קלאר קאן זי עס ניט בעשטימען, און דאס איז דער איינציגער ספק, וואס דריקט אויף אידר געוויסען — האט מירקע אראנסאן דערזעהן אויפ'ן מארק צוויי קריסטליכע קינדער, געקויפט צוויי בעזימער, דאס צוגערופען צו זיך טערענטיעווא'ן און אידר געהייסען, אז זי זאל אוועקגעבען די בעזימער די דאזיגע קינדער און אבפירען זיי צו חנה ציטלין.

אויף די דאזיגע קינדער האבען די וועלבע יודען, ביי די וועלבע בעדינגונגען, אבגעטהון דאסועלבע, וואס זיי האבען מיט זיעבען יאהר שפעטער אבגעטהון איבער פיאדאר יעמעליאנאוו'ן, ניט פערגעסענדיג דערביי אויך זי אריינבריינגען אין יודישען גלויבען.

און האָטש אין פּלוג האָט געמוזט אויסווייזען מערקווירדיג, צו וואָס דאַרף מען טערענטיעוואַ׳ן געדאַרפט אין יאָהר 1823 אַריינברענגען אין דעמזעלבען גלויבען, אין וועלכען זי איז שוין פֿערבליבען אין משך פֿון זיבען יאָהר, דאָך האָט מען אַלע פֿאַרעכטירטע געשטעלט צו דאָפּראָסען, און אויג אויף אויג מיט טערענטיעוואַ׳ן און מאַקסימאָווא׳ן, וועלכע האָבען, ווי אַלע מאָל, מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגעווייזען, אַז אַלץ, וואָס טערענטיעוואַ דערצעהלט, איז ריכטיג.

אַ קליינער פֿעהלער איז בעשטאַנען נור דערין, וואָס טערענטיעוואַ, פֿאַריינלאָזענדיג זיך אין זכרונות, האָט אָנגערופֿען די מוטער פֿון די קינדער דייטליך מיט איהר נאָמען: די פֿויערטע אוסטיניאַ פֿון דעם הערצאָג ווירטעמבערגסקי׳ס גוט. די דאָזיגע פֿויערטע האָט מען אויפגעזוכט און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די קינדער איהרע זענען אַלע גאַנץ און קיינס פֿון זיי איז קיינמאָל ניט געווען פֿערפֿאַלען געוואָרען.

מ׳האָט זיך געמוזט „דערמאָהנען" עפּיס אַנדערש, און אין איינע מאָנאַטען אַרום האָט טערענטיעוואַ אַרויסגערופֿען בּיי זיך אין זכרון אַנאַנדער בילד.

דאָס איז געווען אין יאָהר 1817, ערב דעם טאָג פֿון הייליגען מיכאַיל. אומקערענדיג זיך בּיי-נאַכט פֿון גאַסט צוזאַמען מיט דער אַלטער, בעיאָהרטער שליאַכטיאַנקאַ דוואָרזשעצקאַ, האָט זיך טערענטיעוואַ דערמאָהנט, אַז דער ייד גאַבעל און נאָך איינע פֿון זיינע בעקאַנטע האָבען זי זעהר געבעטען פֿערזאָרגען פֿאַר זיי עפּיס אַ קריסטליך יונגעלע. ניט האָבענדיג אונטער׳ן האַנד קיין יונגעלע, האָט זי זיי פֿאָרגעלעגט אָנשטאָט אַ יונגעלע די אַלטע דוואָרזשעצקאַ, און די יודען זענען געווען אַזוי ליבענסווירדיג, אַז זיי האָבען זיך ניט געעקשנ׳ט און האָבען מסכים געווען אויף דער אַלטיטשקער.

ביידען האָבען די יודען מכבד געווען מיט בראַנפֿען און אָנגעפֿיהרט אין שוהל. דאָרט האָבען די יודען פֿאָרגעלעגט טערענטיעוואַ׳ן אָבטרון דוואָרזשעצקאַ׳ן אַליין, וואָס בּיי אַזאַ זאַך דאַרף

געטרון ווערען, און ס'וואלט געווען מערקווירדיג, ווען טערענטיעווא וואלט חלילה זיך ערלויבען ניט טרון דאס, וואס יודען בעטען. זי האט זיך מיט גרויס דאכט גענומען צו דער ארבייט און האט אָבגעטרון מיט דער אַלטער דוואָרזשעצקא'ן דאָסזעלבע, וואָס זי האט מיט יעקב יאָהר שפּעטער אָבגעטרון מיט יעמעליאַנאָוו'ן: געדרעהט זי אין אַ פּעסעל — זי געדענקט זעהר גוט: ניט צוויי שעה, נור גאַנצע דריי, — געהאַלטען איבער'ן צעבערל און געקעהרט פון איין זייט אויף דער צווייטער, כדי דאָס גאַנצע בלוט איהרס זאָל אַראָב־רינען; נאָכדעם האט מען טערענטיעוואַ'ן אויף גיך אַריינגעבראַכט אין יודישען גלויבען, און זי האט אַיינגעוויקעלט די דערשטאָכענע אין אַ גרויס טישטוך, אַרויסגעטראָגען פון שודל, אַוועקגעלעגט אויף אַ גרויכען שליטען געשפּאַנט צו אַ פּאָר פערד און צוזאַמען מיט אַלע יודען אַוועקגעפירט איבער גאַנץ שטאָדט אויף כמאָר־ליענסקער וועג הינטער די ציגעלניעס און אַראָבגעוואָרפען זי דאָרטען אונטער אַ בוים.

צוליעב דער מעשה האט מען די יודען אויך געפיהרט אויפ'ן דאָפּראָס און ביי זיי גאָרנישט דערגאַנגען. דערפאַר אָבער איז דער עצם פאַל, וואָס דוואָרזשעצקאַ איז דערהרג'עט געוואָרען אין דעם דאָזיגען יאָהר און דעם טויטען קערפּער איהרען האט מען געפינען אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט, בעשטעטיגט געווען דורך דעם פּאָליציייאישען פּראָטאָקאָל פון יענער צייט.

איין קלייניגקייט האט דאָך געשטערט: ס'האט זיך אַרויס־געוויזען, אַז דער יוד גאַבעל איז געשטאָרבען מיט צוויי יאָהר פאַר דוואָרזשעצקאַ'ס טויט.

צי דערפאַר, וואָס די דאָזיגע מעשה האט ניט געקאָנט אָנ־גענומען ווערען ערנסט (אין אמת'ן האט די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איהר יאָ געגלויבט), צי דערפאַר, וואָס דערוויל איז אַריבער נאָך אַ יאָהר און די פעדיגקייט צו ערינערונגען האט זיך ביי איהר נאָך מעהר געשטאַרקט, נאָר אין 1828 האט זי זיך דערמאָהנט, אַז אין יאָהר 1818 איז פאָרגעקומען נאָך אַ מעשה.

דאָסמאָל האט אַלץ פּאַסירט ניט אין שטאָדט גופא, נור

זיבען וואָרסט אונטערן שטאָט, אין סעמיטשאָווער קרעטשמע, בײַ שלום'ן. אָרליק פּאַרלעקאַר האָט פערבעטען טערענטיעוו'ן צו זיך, דאָרט זי ווערט גוט מכבד געווען, אַוועקגעזעצט צו זיך אין וואָגען, אַוועקגעפירט צו שלום'ן און אַוועקגעפאָהרען צוריק. אין קרעטשמע זענען אין אַ פּאָר טעג אַרום אַרײַן צווײ קינדער, אָרימע קריסטליכע בעטלערינס. אײנע פון זײ איז באַלד אַוועק און דאָס צווייטע איז געבליבען נעכטיגען. פון שטאָט זענען אָנגעפאָהרען: אָרליק, יוזיק, שמערקע, הירש, זעליג — אַלע יענע יודען, וועלכע טערענטיעווא און מאַקסימאָווא האָבען צופעליג געקענט מיט די נעמען. מיט דער קריסטין האָט מען געטהון דאָסזעלבע, וואָס מיט אַלע איבעריגע. די יודען זענען אַוועקגעפאָהרען און דעם טויטען קערפּער האָט זי אַרײַנגעוואָרפען אין ברונעם. דאָס בלוט האָבען די יודען איבערגעלאָזט טערענטיעוו'ן מיט אַ בקשה, זי זאָל עס פאַנאַנדערפירען איבער אַלע יודישע קרעטשמעס.

אַזוי האָט דערצעהלט די מעשה מאַריאַ. בײַ אַוודאָטיאַ'ן אָבער האָט דער זכרון זיך אַרויסגעוויזען נאָך שטאַרקער און זי האָט זיך „דערמאָהנט", אַז בײַ שלום'ן אין קרעטשמע זענען דאַמאָלט געשאָכטען געוואָרען צוויי און ניט איין מיידעלע, און אַז אין זייער טויט האָבען אַ גלײַכען אָנטהייל גענומען די מאַנסבילען, ווי זייערע ווײַבער.

מאַריאַ האָט בעשטעטיגט אַוודאָטיאַ'ס ווערטער. אָבער אַ קליינער ספק איז אַרויס אויך דאָ: דער פּויער וואַסילי גאָלובעוו האָט 10 יאָהר נאָכאַנאַנד געדיענט בײַ שלום'ן אין הויז און וויפיעל די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָט מיט איהם ניט געאַרבייט, וויפיעל מ'האָט אויף איהם גייסטיג ניט געווירקט, איז ער אַלץ געבליבען בײַ זײַנעם: אַז דאָס, וואָס טערענטיעווא מיט מאַקסימאָווא'ן דערצעהלען, האָט אין סעמיטשעווער קרעטשמע קיינמאָל ניט פּאַסירט.

די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָט געפונען, אַז די האַרטקייט, וועלכע גאָלובעוו ווייזט אַרויס, שטעקט אין דער אונענטוויקעלקייט, מיט וועלכער די בעלאָרוסישע פּויערים צייכענען זיך אויס.

צו דערפאַר, וואָס דער פּויער האָט ניט איבערגעהערט אַרויס-

צוועגען זיין „אוּנוויסענהייט״, אָדער ווייל מאַריאַ האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט בלייבען הינטערשטעליג געגען אַוודאָטיאַ'ן, האָט זיך מאַריאַ מיט אַ האַלב יאָהר שפּעטער דערמאָהנט נאָך אַ שרעקליכע מעשה. זי האָט זיך דערמאָהנט, אַז באַלד נאָכ'ן אומברענגען אין סעמיטשאָווער קרעטשמע די צוויי קריסטליכע מיידלעך, האָט זי געזעהען אַ גאַנץ פּיל אין אַ הריגה פון צוויי מיידלעך און צוויי יונגלעך, וועלכע די יודען זענען בעגאַנגען אין ברוסאַוואַנקע.

אין די אויספאָרשונגס-אַקטען בעשטעטיגט די קאָמיסיע מיט גרויס דאַנקבאַרקייט, אַז די ענטדעקונג איהרע האָט טערענטיעווא אויך געמאַכט נאָך פיעל „מיטווירקונג פון גייסטליכען״.

צי האָט זי דערמיט געוואָלט זאָגען, אַז דער גייסטליכער טאַראַשקעוויטש פלעגט „מיטווירקען״ אויף די עדות-זאָגערינס יעדעס מאָל, ווען זיי האָבען זיך געדאַרפט עפּיס „דערמאָהנען״, אָדער, פערקעהרט, די עדות-זאָגערינס פלעגען זיך דערמאָהנען נייע זאַכען יעדעס מאָל, ווען דער גייסטליכער פלעגט אָנהויבען אויף זיי מיטצווירקען, — נור צוליעב עפּיס אַנ'אוּנפערשטענדליכען צוועק פלעגט די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע ניט דורכלאָזען קיין איינציגען פאַל, וואו זי זאָל ניט אָנמערקען ביי זיך אין די פּאַפּירען, אַז די ביידע מאָמענטען זענען געשטאַנען אין דעם איינגסטען צוזאַמענבונד.

דאָסמאָל איז אָבער כמראַהאָוו געווען בעזונדערס דאַנקבאַר טאַראַשקעוויטש'ן פאַר זיין „גייסטליכער ווירקונג״. צוליעב איהם האָט זיך פאַר דער קאָמיסיע פאַנאַנדערגעוויקעלט אַזאַ בילד, וואָס האָט ניט געקאָנט ניט מאַכען קיין געוויסען רושם אין יענע ספערען, וואו ס'האָט זיך שוין געפיהלט אַנ'אָפענער אונצופריעדען צו דער אויספאָרשונגס-אַרבייט. און קיינמאָל האָט נאָך סטראַהאָוו אַזוי נייגיריג ניט אונטערגעכאַפּט יעדעס וואָרט, וואָס מאַריאַ פלעגט אַרויסלאָזען פון מויל, און זיינע האַלב-אויסגעלאָשענע אויגען פלעגען זיך דערביי אָנצינדען מיט אַ פייעריל פון האָפנונג — פון דער לעצטער האָפנונג, וועלכע מ'האָט נור געקאָנט האָבען — ווי בשעת די דאָזיגע בעווייזען.

— דאָס איז געווען אויפ'ן צווייטען אָדער אויפ'ן דריטען יאָהר, נאָך דער סעמיטשאָווער מעשה — האָט דערצעהלט טערענ-

טיעוואַ. זי וואָלט בעשטימט די צייט דייטליכער, נאָר זי האָט מורא, חלילה, מאַר אַ טעות. דערפאַר האָט זיך ביי איהר איינגעשניטען אין זכרון אַנ'אַנדער זאַך: אַז דאָס איז געווען פונקט אַ וואָך פאַר'ן יודישען פסח. פון ברוסאָוואַנקע איז געקומען צופאָהרען זעליג און האָט איינגעלאַדען טערענטיעוואַ'ן צו יודיק צייטלינ'ען אין הויז, וואו ס'האָבען זיך געפינען אויך אַלע איבעריגע יודען, און האָבען זי אָנגעהויבען בעטען צו פאָהרען מיט איהם אין קרעטשמע. טערענטיעוואַ האָט ניט געהאַט קיין רגילות צו ענטזאָגען די יודען זייערע בקשות און זי איז באַלד געפאָהרען צוזאַמען מיט איהם. אין עטליכע טעג אַרום האָט ער איהר איבערגעגעבען נאָך אַ בקשה, אַ מעהר פעראַנטוואָרטליכע: אַריבערגעהן צו העם יודען, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט איבער'ן טייכעל, און בריינגען פון דאָרט די אָנגעגרייטע צוויי קריסטליכע מיידלעך און צוויי יונגלעך. זי האָט עס ערפילט מיט דער גרעסטער צופרידענקייט, אין אַ האַלב שעה אַרום זענען שוין אַלע קינפטיגע קרבנות געווען ביי זעליג'ן אין קרעטשמע, בעהאַלטען אין אַ בעזונדער צימעריל.

ס'איז געקומען די צייט אויסצופיהרען דאָס, צוליעב וואָס די יודען זענען ספעציעל געפאָהרען נאָך איהר אין שטאָדט אַריין. זי האָט עס צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע יודען אויסגעפיהרט מיט אַלע פרטים, און האָט דערביי בעמערקט, אַז די יונגלעך האָט מען געדרעהט אין איין פאַס, און די מיידלעך אין דער אַנדערער. דאָס בלוט האָט מען אויך פון יעדערן אַראָפגעגאָסען אין בעזונדערע כלים, און דערום איז זי משער, אַז ביי די יודען ווערט מאַנסבילש בלוט געשאַצט העכער ווי ווייבעריש... און אַז ס'איז געקומען די צייט צו בעהאַלטען די טויטע קערפער, האָט מאַריאַ, לויט איהרע רייד, צוזאַמען מיט אַוודאָטיאַ'ן זיי אָבגעטראָגען אין געדיכטען וואַלד, אַ וויאָרסט צוויי פון קרעטשמע, אָנגעבונדען זיי שטיינער אויף די העלזער און אַריינגעוואָרפען אין טייכעל. אַוודאָטיאַ האָט אָבער געוואָלט נאָכאַמאָל בעווייזען, אַז זי פערמאָגט אַ בעסערן זכרון ווי מאַריאַ, און זי האָט זיך „דערמאָהנט" און האָט דערמאָהנט אויך איהר חבר'טע, אַז די טויטע קינדער האָבען זיי ניט

אַרײַנגעװאָרפֿען אין װאַסער, נאָר אָפּגעטראָגען צו דער קאַפּליצע און דערבײַ סאָטקע, מקבר געװען זי אַלע פֿיר אין אײן קבר און באַדעקט פֿון אױבען מיט גראָז.

טערענטיעװנא האָט געמוזט בעשטעטיגען די רייד פֿון אַװדאָטיאַ׳ן — בעזונדערס דערפֿאַר, װײַל מאַקסימאָװנא האָט זיך אױסגעדראָפען אָנװײַזען דאָס אָרט, װאו די קינדער זענען בעגראָבען. די קאָמיסיע איז נאָך איהר נאָכגעגאַנגען ביז דעם אָרט, צו װעלכען זי האָט זיי דערפֿיהרט, אָבער װי טיעף און װי ברײַט מ׳האָט ניט פֿונאַנדערגעגראָבען דעם גאַנצען שטח, האָט מען דאָך קײן שפּורען פֿון טױטע קערפּער אין ערגיץ ניט געפֿונען.

ס׳האָט זיך אַרױסגעשטעלט די אונבעדינגטע נױטיגקײט, אַז טאַראַשקעװיטש זאָל זיך װידער אַ מאָל נעהמען צו זײַן גײַסטיגער מיטװירקונג אױף די קריסטינס. אַװדאָטיאַ האָט איהם אָבער פֿערשפּאָרט אַ טרחה, און אײדער נאָך ער האָט אױף זיי אָנגעהױבען צו װירקען, האָט זי אַלײן אױפֿגעדעקט פֿאַר דער קאָמיסיע װעגען אַ װיכטיגען ענין. זי האָט דערצעהלט, אַז אַ יאָהר צײַט פֿאַר׳ן אומברײַנגען פֿיאָדאָר יעמעליאַנאָװ׳ן האָט זי, לױט דער בקשה פֿון הנה צײַטלין, איהר מאַן און אַלע איבעריגע יודען, געגנב׳עט פֿון אילאינער קירך אַן אױסגענײַהט האַנדטיכעל, װאָס װערט גערופֿען „אַנטימינס“.

צוליעב דעם האָט זי זיך פֿערקליבען אין אַלטאַר בשעת דער גײַסטליכער איז פֿון דאָרט נאָר־װאָס אַרױס, כדי איבערצוטהון זיך, האָט אַ האַפּ געטהון דאָס האַנדטיכעל, אַװעקגעלעגט צו זיך אין בוזעם און אַװעקגעלאָזט זיך גלײַך אין דער יודישער שוהל אַרײַן. דאָרט האָבען אױף איהר געװאַרט דער שמש ראובן און פֿיעל יודען, מאַנסבילען מיט װײַבער. יעדער פֿון זיי האָט אײנציגװײַז געשענדעט דאָס הײליגע טישטוכעל, געשפּיגען אױף דעם, געטרעטען מיט די פֿיס, געריסען אױף קלײנע שטיקלעך און געברענט אױף ליכט, ביז עס איז דערפֿון געװאָרען אַ בערגיל אַש.

די ספּעציעלע אױספֿאָרשונג װעגען דעם האָט אַרױסגעװיזען, אַז אין דער צײַט, װעגען װעלכער אַװדאָטיאַ רעדט, איז פֿון אילאינער קירך גאָרניט פֿערשװאונדען געװאָרען. זי האָט אָבער אַװ־

דײַטליך אָנגעוויזען יעדען טריט איהרען, און די בעגײַסטערטע אויגען איהרע האָבען דערבײַ געבלאַנקט אַזוי ערנסט, אַז ניט־גלויבען איהר האָט מען ניט געקאָנט. און האָטש דאָס דאָזיגער פֿערברעך האָט קיין שום שייכות צו דער הויפּט־בעשולדיגונג פֿון די יודען (ער־מאָרדונג פֿון פּאַטער יעמעליאַנאָוו) נישט געהאַט, אָבער דוקא דער־פֿאַר, וואָס צווישען די צוויי זאַכען איז קיין שום „סמיכת הפּרשה" ניט געווען, האָט סטראַכאָוו די לעצטע בעשולדיגונג אַוועקגעשטעלט בראש פֿון דעם גאַנצען אויספֿאָרשונגס־מאַטעריאַל און אויף איהר געבויט אַלע זײַנע חשבונות.

צום סוף פֿון די פֿינף יאָהר, וואָס די אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע האָט געאַרבײַט, איז פֿון דעם הויפּט־פֿערברעך, פֿון דעם אומברײַנגען דאָס אונשולדיגע קינד, גאָרנישט געבליבען. דערפֿאַר אָבער האָט זיך אין אַרכיוו פֿון דער קאָמיסיע צונויפֿגעקליבען געגען די יודען גאַנצע זיבען אַנדערע בעשולדיגונגען. לויט די דאָזיגע בעשול־דיגונגען, האָבען די יודען געשאָכטען קריסטען, קליינע און גרויסע, מאַנסבילען און ווײַבער, אַלטע און יונגע — גאָר אָהן אַ צאָהל; גע־שענדעט קריסטליכע הייליגקייטען, אַרײַנגעבראַכט קריסטען אין יודישען גלויבען און געגנבעט פֿון קירך זאַכען, וואָס זענען נויטיג צום גאָטעס־דיענסט.

יעדעס איינציגע פֿון די דאָזיגע פֿערברעכען וואָלט געווען גענוג, אַז די יודען זאָלען קאָנען בעקומען יענעם פּסק, וועלכען סטראַכאָוו האָט פֿאַר זיי צוגעגרייט. אָבער ניט דאָס איז ער גע־ווען אויסען. אין דעם זאַמלען אַלץ נײַע און נײַע בעשולדיגונגען, האָט ער געוואָלט געפֿינען אַ בעווײַז, אַז די הויפּט־בעשולדיגונג, וועלכע מ'האָט אין די העכערע ספֿערען זאַלץ נאָך גערעכענט פֿאַר ניט בעשטעטיגט, האָט דאָך אַ באָדען.

און ווען סטראַכאָוו האָט, אין יוני 1830, בעקומען פֿון דעם פֿערוואַלטער פֿון קייזערליכען הויפּט־שטאַב אַ בעפֿעהל, וואָס גיכער פֿאַרצושטעלען דײַטליכע בעווײַזען געגען די יודען אין יעמעליאַנאָווס מאָרד, איז אָנשטאָט די דאָזיגע בעווײַזען, וועלכע ער האָט ניט געהאַט, האָט סטראַכאָוו צוגעשטעלט די זיבען בעשולדיגונגס־

אַקטען, וועלכע טערענטיעווע אין מאקסימאווא האבען בעשאפען.

דער גענעראל-גובערנאטאר, פירסט האוואנסקי, האט צו די דאזיגע אקטען צוגעגעבען אויך זיין הסכמה. אין דער הסכמה האט ער אויפגעוויזען, אז „אחוץ דעם פערברעך געגען דעם אונשולדיגען פיאדאר יעמעליאנאוו, וועלכער ס'בעווייזט די אכזריות און די שרעקליכע מערדעריזען פון דעם יודישען פאלק, שטעלט ער, דער גענעראל-גובערנאטאר, פאר דער אלערהעכסטער אויפמערקזאמקייט, אז דיזעלבע מערדעריזען האבען פאסירט אין פערשידענע צייטען אין פיעל קריסטליכע לענדער, וואו זיי נור ס'פלעגען אריינדרינגען די דאזיגע פיינד פון דער קריסטליכער וועלט"...

דאס איז אבער געווען שוין דאס לעצטע מיטעל, וואס ס'האט צוגענומען א מענש, וועלכער האט שוין אליין אויך ניט געגלויבט, אז איהם קאן וואס-עס-איז רעטען — סיידען אפשר א אונערווארטעטער צופאל.

אבער דאס דאזיגע מיטעל האט איהם אויך נישט געהאלפען.

דאס פינף און פיערציגסטע קאפיטעל.

אויף די געפאנגענע האבען די לעצטע שריט פון דער אויספארשונגס-קאמיסיע געמאכט גאר אן אונערווארטעטען איינדרוק.

מ'האט געקאנט מיינען, אז דער גייסטליכער טאראשקעוויטש מיט זיין „ווירקונג" אויף די קריסטינס, און די „ערינערונגען", וועלכע זיין ווירקונג פלעגט ארויסרופען ביי זיי, האט געדאט נור איין צוועק: וועקען האפנונג ביי יענע פון די געפאנגענע, וועלכע האבען שוין אלע האפנונגען פערלארען, אויפקלערען דעם מוטה צו יענע, וועלכע האבען עס שוין לאנג פערלארען.

יעדער „דאפראס", יעדעס שטעלען די יודען אויג אויף אויג מיט די קריסטינס האט אלץ מעהר מקרב געווען צו גבוסה פון יענעם טייוועלשען אנפאל, וואס האט שוין אליין פון זיך אנגעהויבען פונאנדערצופאלען פאר די אויגען אי פון די אנפאלער, אי פון די, אויף וועלכע דער אנפאל איז געמאכט געווען. יענע פון זיי, וואס

האָבען זיך שוין לאַנג ענטזאַגט פון צו קומען אין קאָמיסיע אויף'ן „דאָפּראָס", פלעגען איצט מיט אַ כיין קומען, כדי מיט אַ געלעכטער אויסצוהערען דאָס לאַנגע עדות-זאָגען פון די עדות-זאָגערינס, און פלעגען אויף זיך ניט נעהמען די מיה, זייערע בעווייזען אָבצולייקענען.

— איך ווייס ניט, וואָס איז דאָס אַזוינס אַנטימינס און האָב עס קיינמאָל אין די אויגען ניט געזעהן — האָט הירש בערלין גלייכגילטיג געענטפערט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהערט אַודאָטיאַ'ס ערצעהלונג, — נאָר איך ווייס איין זאַך: קוים האָט איהר אָנגעהויבען צו פיהלען אַ בעדערפניש אין אַן אויסגעמאָלטען טישטיכעל, איז דאָס אַ סימן, אַז פון דער בעשולדיגונג אין ערמאָרדען פיאָדאָר יעמעליאַנאָוו'ן איז שוין גאָרניש געבליבען. מיר האָבען דאָך אָבער דאָסזעלבע געטענה'ט די גאַנצע צייט און איהר האָט זיך געמאַכט, אַז איהר גלויבט אונז ניט...

— מאַקסימאָווא גיט-איבער די ווערטער, וועלכע ניט זי האָט אויסגעטראַכט, נור וועלכע אַנדערע האָבען אויסגעטראַכט און אַריינגעלעגט איהר אין מויל, — האָט בעמערקט אַבראַם קיסין, אויסהערענדיג אַודאָטיאַ מאַקסימאָוואַ'ן, — האַלטען זיך אָבער ביי דעם איין און דעמזעלבען ליגען קאָן מען אַ יאָהר, צוויי, דריי — אָבער ניט אייביג. מיר זענען אָבער יונגע מענשען און מיר האָבען זיך ניט וואָס צו אײלען. מיר וועלען גאָרניט ענטפערן, ווען אונזער אמת וועט בעשטעטיגט ווערען, האָטש נאָך אין צוואַנציג יאָהר אַרום. מיר קאָנען וואַרטען...

ניט אַלע אָבער זענען אימשטאַנד געווען מיט דערזעלבער גלייכגילטיגקייט צו ענטפערן אויף די בעשולדיגונגען, וועלכע ס'האָבען זיך אויף זיי אַ שאָט געטהון. פאַר איינינגע פון זיי איז יעדע נייע „אויפדעקונג", וועלכע די קריסטינס האָבען געמאַכט, געווען יענער טראָפּען, וועלכער איז שוין איבער דער מאָס און ברינגט צו פערליערען די לעצטע געדולד. און מערקווירדיג איז געווען דאָס, וואָס פון אַלע בעשולדיגונגען האָט קיינע ניט אַרויסגערופען ביי

די יודען אַזאַ איבערראַשונג, ווי די מעשה וועגען פֿערשוועכען די הייליגע זאַכען.

רב חיים האָט אויסגעהערט אָודאַטיאַ'ן, האָט זיך ווילד אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, אָבגעטרעטען איינִיגע טריט. צוריק, האָט פֿונאַנדערגענומען די פּאָלעס פֿון חאַלאַט, האָט צוריסען אונטער'ן טלית־קטן זיין אַרעסטאַנטען־העמד און האָט אַרויסגעשטעלט זיין געדיכט־בעוואַקסענע, איינגעפֿאַלענע און אויסגעדאַרטע ברוסט:

— שלאָגט! הרג'עט מיך! שעכט מיך! ס'וועט זיין בעסער! איך האָב פֿאַר קיינעם און פֿאַר גאָרנישט ניט מורא! איהר נאַרט זיך אַליין און נאַרט דעם קייזער! איך בעט אָבער ביי גאָט, אַז איהר זאָלט לעבען, איהר זאָלט דערלעבען ביז שענער צייט, ווען אייערע נאַרערייען וועלען ענטדעקט ווערען און איהר וועט מוזען שטעהן פֿאַר'ן געריכט... יאָ, איהר זענט ליגנער, און איהר זענט מערדער! איהר האָט אומגעבראַכט גבורים — שמריה בערלין און יעקב־הירש פֿראַנקען! זיי זענען געשטאָרבען אין קייטען און געשטאָרבענע האָט איהר זיי אַרויסגעשליידערט אויפֿ'ן גאַס, ווי נבלות! אָבער דאָסזעלבע קאָן דאָך נאָך טרעפֿען מיט אייך אויך! יאָ, ס'וועט טרעפֿען. איך גלויב דערין און ס'וועט געוויס זיין!...

זיינע אויגען האָבען געברענט, די ווייסע באָרד האָט זיך געטרייסעלט איבער דעם הוילען האַרץ, און סטראַהאָוו איז געזעסען געגען איהם און טיף אַריינגעקוקט אין רב חיים'ס בלאַסען, אויפֿגערעגטען געזיכט און האָט נייגיריג געכאַפּט יעדעס וואָרט זיינס, כדי דערנאָך צו בעצאָהלען איהם פֿאַר יעדעס וואָרט בעזונדער. און חיים האָט דערווייל געשליידערט אין איהם זיין בלוטיג, זיין ברענענדיג וואָרט, זיין הוילע ברוסט האָט זיך הויך געהויבט אונטער זיין גרויען וואָילאָקענעם חאַלאַט און פֿון די טיפֿע אויגען אונטער די אַראָבגעהאַנגענע גרויע ברעמען האָבען זיך געשאָטען פֿונקען. און לאַנג, שוין נאָכדעם, ווי מ'האָט איהם אַרויסגעפֿיהרט פֿון זאַל, זענען איבער די קעפּ פֿון די אויספֿאָרשער געהאַנגען זיינע טרויעריגע און צאָרנדיגע געשרייען, און אַלאַנגע צייט נאָך זיין אַוועקגעהן איז סטראַהאָוו אונבעוועגט געזעסען אויף זיין אָרט

מיט אַ נידעריג אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און מיט שטייף צוזאַמענגע-
דריקטע ליפּען.

צום דאָפּראָס האָט מען אַרויסגערופען נאָטען. ער איז געווען דער איינציגער, וועלכען מ'האָט, צוליעב זיין אָפטען אַנטלויפען, גע-האַלטען אַ געשמידעטען אין קייטען, בעת אַלע איבעריגע זענען, לויט דער פאָדערונג פון סענאַט, שוין געווען פריי דערפון. ווען נאָטע איז, ווי אַלע מאָל, מיט שטאָלץ אַריבער איבער'ן שוועל פון קאָמיסיע, האָט אַ קלונג געטהון מיט די קייטען און זיך אַוועקגע-שטעלט ביים טיש, האָט זיך סטראַהאָוו ניט ווילענדיג אַ צאַפּעל געטהון און אָנגעשטעלט זיין קוק אויף נאָטען.

ער האָט געהייסען קולאַק'ן איבערלייענען אַוודאָטיאַ'ס ווער-טער און, אויך אַזוי ווי היים, האָט ער זעהר ערנסט אויסגעהערט אַלץ, וואָס מ'האָט איהם געלייענט, און אויך אַזוי ווי היימ'ן האָבען איהם די דאָזיגע ווערטער געבראַכט די גרעסטע אויפרעגונג.

און קיינמאָל האָט נאָך זיין שטים ניט געקלונגען דאָ, אין אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, אַזוי צאָרניג ווי איצט, אויסהערענדיג דעם נייעם אָנפאַל.

— איהר! איהר האָט געמאַכט אַן אָנפאַל אויף אונשולדיגע מענשען! — האָט ער געשריען און די אויגען זיינע האָבען גע-בלאַנקט און געשאָטען פייער, — איהר האָט פערניכטעט אונזערע הייזער, צוראינירט אונזערע פאַמיליעס, אָפּגעריסען מוטערס פון זייערע קינדער, אָפּגענומען קינדער ביי זייערע מוטערס!... איהר טרינקט אונזער בלוט, איהר שעכט אונזערע קינדער!...

יענע בעהאַלטענע אונבעמערקטע פאָרזיכט, וואָס האָט ביז איצט געהאַלטען די דאָזיגע לייט אין די גרענצען פון נויטיגער פאָרזיכטיגקייט, איז מיט אַמאָל פערשוואונדען, עמיצער האָט אי-בערגעצויגען די כטרונע, די האָט מיט אַ קרענקליכען קרעכץ גע-פּלאַצט און מיט ביידע עקען געגעבען אַ שטאַרקען קלאַפּ דעם. וואָס האָט ניט ריכטיג אויסגערעכענט דעם כח פון איהר ווידערשטאַנד.

ס'האָט געטראָפען עפּיס אונערוואַרטעטעס, און פאַר אַלעמען איז געוואָרען קלאָר, אַז ווייטער קאָן זיך עס ניט ציהען, אַז דאָס,

וואָס האָט פּאַסירט נעכטען, קען שוין מאָרגען ניט פּאַסירען, אַז דאָס, וואָס איז געווען, ווערט זיך שוין מעהר ניט אומקעהרען...

און מיט דריי וואָכען שפּעטער איז סטראַהאָוו געוואָהר געוואָרען, אַז אויף איינינע פון זיינע מעלדונגען וועגען די קינדער, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרען פון די יודישע הענד, האָט דער קייזער ניקאָלאַי אויפגעשריבען אַ רעזאָלוציע: „מען מוז אינבעדינגט אויספאָרשען, ווער זענען געוועזען די דאָזיגע אומגליקליכע קינדער; ס'דאַרף זיין גרינג עס צו דערגעהן, אויב דאָס איז נור איינגאַנצען ניט קיין איבערטריבענער ליגען"...

אָנפאַנגס יולי האָט מען שקורינען אָבגעהיטען צוריק קיין פּעטערבורג און סטראַהאָוו איז געבליבען אַליין.

דאָס זעקס און פיערציגסטע קאַפּיטעל

ווי אַלע מאָל, האָט זיך אויך איצט די אָבהענגיגקייט און פערלעגענהייט פון נאַטשאַלסטווע, וועלכע איז אויבען קוים געווען צו בעמערקען, באַלד איבערגעגעבען אין אַלע ווינקעלעך פון גרויסען הויף. פריהער ווי אַנדערש־וואו האָט זיך עס אָבגעשפּיגעלט אויף דער לאַגע פון די אַרעסטירטע און אויף דעם בעהאַלטען צו זיי פון די אויפזעהער.

יענער טורמע־„רעזשים", וואָס לאָזט זיך פיהלען יעדע מינוט אין יעדער קלייניגקייט, איז מיט אַמאָל ערגיץ־וואו נעלם געוואָרען, און פון איהם איז גאָרנישט געבליבען. צי דערפאַר, ווייל די לאַגע פון די אויפזעהער איז אייגענטליך געווען ניט פיעל בעסער ווי די לאַגע פון די אַרעסטאַנטען, אָדער דערפאַר, ווייל די קינסטליך־אויפגעשטעלטע וואַנד צווישען מענשען, פון וועלכע איינע האָבען געדאַרפט זיין געדריקטע און די אַנדערע האָבען, פאַר אַ בעשטימטען לוין, געמוזט זיין דריקער, האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען אַזאַ לאַנגע צייט, — אָבער די דאָזיגע וואַנד איז געפאַלען און פון איהר איז אַ שטיין אויף אַ שטיין ניט געבליבען. און מערקווירדיג: אינ'ם רואינירען די דאָזיגע וואַנד האָבען די אויפזעהער גענומען אַ גרעסערן אַנטייל, ווי די געפאַנגענע.

— חיים! דו הערסט, חיים? — פלעגט זאָגען רבי חיים דעם מלמד זיין שומר, סעמיאָן — דער משפּט פאַיערער, וואָס מען, איז שוין אַרויס, נור די פּאַפּירען זענען נאָך ניט אונטערגעשריבען.

חיים פלעגט זיך צוהערען צו זיינע ווערטער און, ניט גלויבענדיג, שאָקלען מיט'ן קאָפּ.

— אָט וואָס, חיים: איך וועל געהן, איך האָב דאָ ניט ווייט עפּיס צו טהון און דו זעה נור, געה ניט אַוועק ווייט...

חיים פלעגט אָבער בלייבען זיצען ביי זיך אין זיין ניט־פערשלאָסענעם צימער און נור איין מאָל איז ער אין אָוונד אַרויס אויף אַ ווילע אין דרויסען, האָט זיך אָבגעשטעלט הינטערן ווינקעל פון הויז — אַז דאָס מעהר ניט ווי צוליעב „קדוש לבנה“.

נאָטע פּרודקאָוו האָט צום לעצטען מאָל צוגעבראַכען זיינע קייטען און זיי פאַריינגעוואָרפען אין דווינאַ און האָט שוין אָהן אַ בעזונדער פאָרזיכטיגקייט געטיילט זיינע נעכט צווישען זיין טורמע־קאַמער און צווישען זיין אייגענער פאַמיליען־וואוינונג אויפ'ן ברעג וועלידשקע.

אַמאָל פלעגט ער די נעכט פערברענגען ביי אָרליק טעווע־לעווין, אַמאָל פלעגט ער נעכטיגען ביי הירש בערלין אין זיין טורמע־קאַמער.

איצטען האָט מען, צוליעב דעם מאַנגעל אין ווייבערשער דינערשאַפט, אָפיציעל אַריבערגעפירט אין הויז, וואו ס'האָט זיך אויפגעהאַלטען איהר פאָטער יוזיק, און אַוועקגעזעצט נאָהנט צו אידם הינטער פאַרדין ווענדטיל. פון דער צייט אָן האָט זיך זייער קליין געזינדטעל פערגרעסערט מיט נאָך אַ מענשען: מיט הירש בערלין, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דעמזעלבען הויז אויבען.

די אַלטע איבערגעפוילטע ברעטער זענען איינע נאָך דער אַנדערער אָבגעשטאַנען פון די פערשלאָגענע פענסטער און פערשוואונדען געוואָרען. קיינער האָט זיך ניט געאיילט זיי ווידער צו צופּאַסען, אָדער אַוועקשטעלען אויף זייער אָרט נייע. און אין די שטילע, וואַרימע אָוונדען, ווען אין הימעל האָבען זיך אָנגעצונדען די גאָלדענע שטערען, פלעגען זיך אין די ווייטע פערהאַלטענע ווינ־

קעלער פון גרויסען בעוואקסענעם הויף בעוויזען מענשען, וואָס האָבען נאָך ניט איינגאנצען געגלויבט, אז עס איז ערלויבט, וואָס האָבען אָבער געמוטהמאסט, אז קיינער איז ניט אימשטאנד עס זיי צו פערבאָטען. און ווי שאָטענס פליִען זיי זיך שטיל צונויפקומען און פונאנדערגעהן, גלייך ווי זיי וואָלטען נאָך מורא האָבען ארויס-צוזאָגען הויך, אז צו זייערע צרות קומט אפשר אן'אנדערע.

נור איין זעליג האָט ניט בעמערקט די ענדערונגען, וועלכע זענען פארגעקומען ארום איהם די לעצטע צייט, און אזוי ווי ביי-טאָג, אזוי אויך ביי-נאכט האָט ער געטהון נור איין און דיזעלבע זאך: געלאָפען פון דעם נאָרנטסטען ווינקעל צימער אין דעם ווייטעסטען, ניך טיעבער אויפגראבענדיג מיט די פיס אויף דער פאָדלאָגע דעם לאנגען שמאָלען פאס, און דערביי אויף קיינעם ניט געקוקט, קיין זאך ניט געזעהן.

און פרהאדע דעווירע, ווען מען פלעגט זי ארויסטרייבען אויפ'ן הויף, פלעגט זי זיך, אויך אזוי ווי פריהער, דערשראָקען צודריקען מיט'ן רוקען צו דער וואנד און מיט קיילעכדיגע, אויסגעלאָשענע אויגען קוקען אויף איהרע אויפגעדהערינס. פאר איהר האָט אויך, ניכר, גאָרנישט ניט פאסירט...

ס'איז געווען א שטילע און א ווארימע זומער-נאכט. די אלטע, הויט-פונאנדערגעוואָרפענע ליפען-בוימער זענען געשטאנען, ווי פער־כשופ'טע אין דער פערשטיקטער ווארימקייט פון דעם פערגאנגענעם טאָג, וועלכע די אנגעקומענע נאכט האָט דאָך ניט דערפרישט.

די לבנה האָט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון הינטער דעם אייזערנעם שפיץ פון הייליגען איליא, איז שטיל געשוואומען איבער דעם אויסגעשטערנטען הימעל, האָט פונאנדערגעטריבען די קליינע דורכזיכטיגע שאָטענס אונטער די קוסטען און האָט זיי אויסגעצי-גען איבער'ן וועג.

אויפ'ן ווינקעל פון די טרעפ, צווישען די צוויי גאָרענס, זאו כ'האָבען זיך אויפגעהאלטען יוזיק ציטלין און הירש בערלין, אויפ'ן שמאָלען פענסטער, מיט די רוקענס צום פארק, זענען געזעסען הירש און איטע, ביידע אין צעכמאנען-חאלאטען, ביידע

אין שווערע אָרעמטאַנטען־שיך און דאָך ביידע מיט פרעהליכע פּנימ'ער, מיט בלאַנקענדע, גליקליכע אויגען.

דאָס פענסטער איז געווען צו־איינג פאַר צווייען און די קערפּערליכע נאָהנטקייט, וועלכע ביידע האָבען געפיהלט, האָט זיי ביידע היי פערכישופט. זיי דאַכען אויסגעזעהן, ווי די שטילקייט פון דער נאַכט, ווי דאָס שטילע ווינדטעלע, וואָס דאָט געבראַכט צוטראָגען די צויבערנדע ריחות פון פלערליי בלומען, וועלכע פידאָבען זיך באַהאַלטען אונטען.

זי דאָט זיך צוגעדריקט מיט איהר קאָפּ צו זיין פּלייצע און דאָס ווינדטעלע האָט שטיל און ליעבליך געשפּיעלט מיט איהרע פונאַנדערגעלאָזטע גאָלדענע האָהר, אזוי ווי עס האָט געשפּיעלט מיט די דויכע גרינע שפּיצען פון די ליפּען־בוימער, מיט די ווייכע נאַ־קרייזעלטע קעפּ פון די אַקאַציעס־קוסטען. איהרע צו־קורצע פּנים האָבען ניט דערגרייכט ביז דער פּאָרלאַגע, זענען געהאַנגען אין דער לופטען, און האָבען זיך געוויעגט ווי ביי אַ פערצערטעלט קינד. און אינגאַנצען דאָט זי, געגען דער גרויסער און וואַקסיגער פיגור פון הירשען, אויסגעזעהן, ווי אַ פערפּעכטעט קינד, וואָס קאָן ניט נור געבען גליק, נאָר אויך נעהמען גליק פון אַנדערע.

זי האָט זיך צוגעדריקט מיט'ן קאָפּ צו הירשעס פּלייצע און איהר קליין ווייס הענדטיל האָט זיך נערוועז געצאַפּעלט אין זיין ברייטער ביינינער האַנד. גלייך געגען זיי, אויף דער פּאָרלאַגע אין דעם העל־גאָלדענעם פיער־עקיגען פּאַס, וואָס איז געפאַלען פון דעם העל־באַלויכטענעם פענסטער, איז געלעגען דער צוזאַ־מענגעפלאָכטענער שאָטען פון זיי ביידען; זיי האָבען זיך פער־אייניגט, פעראייניגט אויף אייביג און וועגען דעם האָט אָפען און הויך דערצעהלט אַלעמען די פערשלאָפענע שטילקייט, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער וואַנד, דאָס פרעהליכע ווינדטעל, וואָס איז געלאָפען איבער די אַלטע קעפּ פון די ליפּען־בוימער, די בוימער אַליין מיט זייער שטילען, געדיימניספולען גערויש, און כ'וואָלט געוועזן אַ וואונדער, ווען עמיצער וואָלט זיי ניט גלויבען.

זען עמיצער וואָלט דערלאַזט, אַז מ'קאָן אויסקומען אַנדערש.

— דירשע, איך וועל ביי דיר פרעגן: פאַרוואָס איז עס פאַלן אויסגעקומען אַזוי?

— ווי אַזוי?

— אַזוי... עפּיס אומגעוועהנליך.

— איך זעה ניט קיין אומגעוועהנליכעס אין דעם, וואָס איך האָב דיך ליעב.

— יאָ, אָבער פאַרוואָס זענען מיר געקומען צו אונזער גליק מיט אַזאַ הויטען און מיט אַזאַ קרומען וועג? פאַרוואָס זענען מיר געקומען צו איהם דורך פּיין, דורך צרות און דורך טרעהרען?

— איטע, ווען מ'וואָלט מיר זאָגען, אַז כדי די זאָלסט מיינע זיין, דאַרף איך זיצען אַ געפאַנגענער מיט אַ געגאָלטען קאָפּ און מיט אייזערנע קייטען אויף די פיס נאָך צעהן יאָהר, וואָלט איך עס אויך גערן געטהון. איצט, בשעת מיר זענען שוין ביי אונזער ציעל, האָבען מיר ניט וואָס צו קלערען וועגען דעם, וואָס פאַר אַ פּרייז מיר האָבען בעצאָהלט פאַר אונזער גליק. דאָס געפענגניש האָט אונז פאַראייניגט, די קייטען האָבען אונז צוזאַמענגעבונדען אין אַ אייביגען בונד, און איך זאָג: זאָלען זיין געבענשט די דאָזיגע שווערע אייזערנע קייטען! זאָלען לעבען אונזערע פייניגער!

ער האָט עטוואָס אָבגעוואָרפען אַהינטער דעם קאָפּ און האָט הויך אויפגעהויבען די רעכטע האַנד. דער שוואַרצער שאָטען אויף דעם העל-גאָלדענעם פאַס אונטער זיינע פיס האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון און געענדערט זיין געשטאַלט. דאָס אָנגעלאָפענע ווינדטעל האָט אונטערגעהאַפּט איטעס פונאַנדערגעלאָזטע האָאר און האָט זיי פונאַנדערגעוואָרפען דורשען אַרום האַלז. ער האָט זי אַרומגענומען מיט דער האַנד און נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך. אין דער טיעפער שטילקייט האָט ער געהערט, ווי ביי איהר קלאַפּט דאָס האַרץ, אָפט און שטאַרק.

פּלוצלונג האָט זיך ערגיץ פון הינטען אַרויסגעריסען עפּיס ווי אַ געוויין, עמיצער האָט האַרציג און טרויעריג ווי אַ שווערען יאָמערליכען זיפץ געטהון און באַלד אָבגעהאַקט. דער ווידער-קול

דאָס עס אונטערגעכאַפּט און ווײַט פֿונאַנדערגעטראָגן איבער'ן פּאַרק.

איצט האָט זיך דערשראָקן אַ וואָרט געטאָן צו הערשן אויפ'ן האַרצן און האָט אַרײַנגענומען זײַן האַנד. אין דער פֿינצטער האָט זיך געזעהן ווי די אויגן איהרע האָבן זיך ווײַט פֿונאַנדערגעעפֿנט, געוואָרן קײַלעכדיג און אין זיי האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַן אונגעהויערע שרעק.

— שפּרה! — האָבן איהרע בלאַסע ליפּן קוים אַרויסגערעדט.

ער האָט אַ פֿיהר געטאָן מיט דער האַנד איבער איהרע פֿונאַנדערגעלאָזענע האָר, האָט זי נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך און האָט געשוויגן. דער גאָלדענער פּאַס אויף דער פּאָרלאַגע האָט זיך נאָך מעהר אָבגערוקט אַ ווײַט און האָט זיך מיט זײַן אויבערשטן ווינקעל אַוועקגעלעגט אויף דער וואַנד. דאָס ווינדטעל האָט זיך אָבגעשטעלט און די שטילקייט אַרום איז געוואָרן נאָך שאַרפֿער, גלײַך ווי זי וואָלט זיך צוהערן צו יעדן שאָרך, צו יעדער בעוועגונג.

ער האָט זיך צוגערוקט האַרט צו איהר אויער און שטיל, ווי ער וואָלט איהר אָנפֿערטרויט דעם גרעסטן סוד פֿון זײַן האַרצן, דאָס, וואָס ער בעהאַלט פֿון זיך אַליין; ער האָט איהר אָנגעהויבן צו דערצעהלן, ניט אַרויסלאָזענדיג איהר האַנד.

— שפּרה?... איך ווייס ניט, וואָס זי איז געווען פֿאַר מיר, וואָס מיר זענען געווען איינער פֿאַר דעם צווייטן... איך האָב ניט פֿערשטאַנען איהר הויכן רײַנעם גײַסט, זי האָט זיך ניט אַרונטערגעלאָזט ביז צו מײַנע אײַנפֿאַכע, מענשליכע געפֿיהלן... איך בין געווען אַ מענש, זי איז געווען — דאָס געוויסן, דאָס געוויסן, וואָס גיט לעבן דורות, וואָס גיט אָבער ניט קיין לעבן אַן אײַנפֿאַכן, געוועהנליכן מענשן, אַזעלכן ווי איך. איך האָב געזוכט אַ פֿרוי, — זי איז געווען אַ גײַסט, און מיר זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען.

איצט איז זי געשטאָרבן — אויב עס קאָן נור שטאַרבן

די געטליכקייט, אויב עס קאן שטארבען דאס געוויסען. אבער מיך אין הארצען פיהל איך, אז בשעת מיר שעפען מיט פולער מאס פון אונזער גליק, געפינט זי זיך דא, נעבען אונז, זי בענשט אונזער באנד, ווייל ער גיט לעבען, און זי האט ליעב געהאט דאס לעבען,— חאטשי זי האט פון איהם גארנישט גענומען. און צו־ליעב איהר, צוליעב שפרה'ן, וואס איז פארביינגעגאנגען פארביי אונז און האט בעלויכטען אונזערע הערצער, אנגעצונדען אין אונז דאס געוויסען; צוליעב איהר, וואס האט גענומען פון לעבען מעהר נישט ווי דאס, וואס זי האט פון איהם געפאדערט, צרות און פיין, כדי צו קומען אהין אין א הייליגע און א געלייטערטע,— צו־ליעב איהר דארפען מיר, מוזען מיר שענקען איינער דעם אנ־דערן גליק, ליעבען דאס לעבען און עס בויען, צוליעב שפרה'ן!...

ער האט עטוואס אבגעווארפען אהינטער איהר קאפ, האט ארומגענומען מיט דער האנד איהר האלז און צוגעדריקט זיינע ליפען צו איהרע.

די טיעפע שטילקייט האט אויך אזוי ווי פריהער געהיט יעדען טריט זייערן, דאס ווינדעל האט שטיל געוויעגט די הויכע קאשטאנען־בוימער, וואס זענען געשטאנען אונטער'ן פענסטער.

זי האט זיך שטיל ארויסגעדרעהט פון זיינע הענד, ארויסגעשפרונגען פון פענסטער, א פאר טריט געטהון און אב־געשטעלט זיך.

אויף איין אויגענבליק האט זי זיך אומגעקעהרט צו איהם, האט זיך אויפגעהויבען אויף די שפיץ פינגער, האט צוגעבויגען צו זיך זיין גרויס בעוואקסען געזיכט, האט איהם אבגעבריהט מיט א הייסען קוש און האט זיך אוועק געטהון אראב די טרעפ.

אין א מינוט ארום האט א קלאפ געטהון די אויפגעעפענטע טהיר פון איהר צימער'ל ביי יוזיקס קאמער און האט זיך באלד ווידער צוגעמאכט הינטער איהר.

הירשע איז געשטאנען אויבען, אויסגעצויגען אין זיין הוי־כען לאנגען וואוקס און האט זיך צוגעהערט צו דעם ווייטען און שטילען גערויש אין דעם אונטערשטען צימער.

דאָס זיבעצן און פיערציגסטע קאַפּיטעל

ענדע אויגוסט 1831 איז אין ווילנע אָנגעקומען דער פּסק־דין פון דעם הערשענדען סענאַט וועגען דעם געוועזענעם יודען יאָסף ווינקענטיוס גראָדינסקי.

גראָדינסקי איז די לעצטע צוויי יאָהר געוועזען איינער פון סטראַכאָוו'ס נאָהנטסטע מיטאַרבייטער. ער האָט פאַרנומען אין קאָמיסיע דעם פּלאַץ פון אַ שטענדיגען איבערזעצער פון יודיש אויף רוסיש, פון אַלערליי יודישע מאַנוסקריפּטען און רעליגיעזע ביכער. אַ דאַנק זיין מוה, איז געוועזען אויפגעדעקט די שעדליכקייט פון דעם בוך, וועלכען ער האָט אַ נאָמען געגעבען „ראַמבאַן“, און וואָס איז, לויט זיין מבינות, איינגאַנצען געוועזען פאַרנומען מיט בעשרייבען די דינים און מנהגים פון שעכטען קריסטליכע קינדער און בענוצען זייער בלוט. דאָס בוך האָט ער אפילו ניט געקאָנט געפינען, האָט ער דאָך אָבער געדענקט דעם נאָמען פון בוך. דער דאָזיגער נאָמען („ראַנדאַבאַ צעריכין דאַמי עכום שעל מיצוועס“) האָט געקלונגען פאַר סטראַכאָוו'ן און פאַר זיינע חברים זעהר ערנסט, ווי אומגע־לומפּערט די ווערטער פון וועלכע גראָדינסקי האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם דאָזיגען טיטעל, זענען אויך געוועזען.

דאָס בוך האָט ער ניט געפונען און דאָך האָט ער „על פּי זכרון“ צונויפגעשטעלט דעם גאַנצען אינהאַלט זיינעם, און דערביי האָט ער אויך אויסגעמאָלט די כלי־זיין, וועלכע ס'ווערען בענוצט ביי דער בלוטיגער אַרבייט.

און חאָטש אַ גאַנצער משומד, וואָס איז געוועזען ספּעציעל אויס־געשריבען צוליעב דעם פון מסטיסלאַוו, דער קסיאָנדז פּאָדערסקי, האָט איהם געבראַכט הערצוי, דאָס ער האָט געמוזט מודה זיין, אַז אַט דאָס בוך, וואָס ער האָט אַזוי דייטליך אָנגערופען מיט'ן נאָ־מען און איבערגע'חזר'ט זיין אינהאַלט, איז קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען, אַז אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבען און אויסגעמאָלט, האָט ער בלויז אויסגעטראַכט פון קאָפּ, — דאָך האָט סטראַכאָוו זעהר הויך געשעצט זיין „האַנד־אַרבייט“. חאָוואַנסקי האָט עס אַלץ זעהר ערנסט אויסגעשטודירט און האָט עס בענוצט אין זיינע

אַלערהאַנטע דאָקלאַדען, וועלכע האָבען געדאַרפֿט דינען אַנשטאַט יודישע באַווייזען געגען די וועליזשער יודען.

אָבער ניט נור אין דעם זענען בעשטאַנען זײַנע נוצען, וועלכע גרודינסקי האָט געבראַכט סטראַכאָוו'ן. פֿיעל וויכטיגער איז געווען דאָס, וואָס מיט אַ יאָהר צוריק בשעת די אויספֿאָרשונגס-קאָמיסיע איז געשטאַנען אין אַן ערנסטער פֿערלעגענהייט און די גאַנצע אַרבייט איהרע האָט געקאָנט געהן לאבוד, האָט דער דאָזיגער גרודינסקי געהאַט אין זיך מוטה אויפֿצואווייזען, אַז ער, גרודינסקי, איז אַליין אויך געווען אַן אַנטייל-נעהמער אין בלוט-מאָרדען, — בשעת ער איז נאָך געווען אַ יוד, און האָט כמעט פֿאַר יעדען יודישען פּסח אומגעבראַכט אַ קריסטליך קינד. און מיט יענער גלייכגילטיגקייט און מיט יענע ערינערונגס-פֿעהיגקייטען, וועלכע ער האָט זיך געקאָנט אַנגעהמען אין קאָמיסיע נור פֿון איין טערענטיעוואַ'ן, האָט ער דערצעהלט די אויספֿאָרשער, אַז אין קליין שטעדטיל באָבאָווניע, מינסקער גוב., וואו ער איז אַלס קינד געוואַקסען אין הויז פֿון דעם אָרטיגען גביר, שבתי טורבאָוויץ, האָט ער יעדען ערב-פּסח. צוזאַמען מיט פֿיעל אַנדערע יודען, געשאַכטען אַ קריסטליך קינד, וואָס טורבאָוויץ פֿלעגט געוועהנליך ברײַנגען מיט זיך פֿון מאָסקווע, וואוהין ער פֿלעגט פֿאָהרען מיט סחורה. דאָס בלוט פֿלעגט בענוצט ווערען דאָ אויפֿ'ן אָרט, און די שיריים פֿלעגט ער פֿונאַנדערפֿיהרען צו די יודען אין די אַרומיגע שטעדטליך. די געשאַכטענע קינדער האָט מען מקבר געווען דאָרט אויפֿ'ן הויף, און ער איז משער, אַז ווען מען זאָל דעם דאָזיגען הויף אויסגראָבען, וועט מען אין איהם געפֿינען קינדערשע ביינער...

די דאָזיגע מעשה האָט, אַ לויט דעם זיכערן טאָן, מיט וועלכען גרודינסקי האָט זי דערצעהלט, אַ דערפֿאַר, וואָס זי איז געמאַכט געוועזען פֿון אַ געוועזענעם יודען, און האָט בעשולדיגט זײַנע נעהנטערע קרובים, געוועקט אַ האָפֿנונג, אַז אויך אין די העכערע קרײַזען וועט זי אָנגענומען ווערען מיט'ן נויטיגען ערנסט; מען האָט געהאָפֿט, אַז דאָס וועט אפֿשר אויסקעהרען סטראַכאָוו'ן יענעם צוטרוי, וועלכען ער האָט שוין געהאַט אָנגעפֿאַנגען פֿערלאָרען.

דער קײזער האָט איבערגעגעבן גראָדינסקי׳ס דערצעהלונג דעם גראַף בענקענדאָרף, און דאָס האָט אויך גאַראַנטירט ניט נור די שנעלקײט, נאָר אויך די ריכטיגקײט פון דער אויספאָרשונג.

אין צווישען אַלע אומגליקען, וואָס האָבען זיך מיט אַמאָל אַ שאָט געטהון אויף סטראַחאָװ׳ס קאָפּ, האָט נאָך נור די אײן אויסדעקונג גראָדינסקי׳ס אויפגעהאַלטען בײ סטראַחאָװ׳ן עפּעס אַ פונק האָפנונג. איהם האָט זיך געדוכט און ער האָט זיך אַלײן דערין אײנגערעדט, אַז אַט דאָס איז עס דער צופאַל, וואָס קאָן איהם צוריק אַרויספיהרען אויף אַ דרך און אָפּראַטעווען זײן כבוד. און ער האָט געוואַרט.

אין אויגוסט איז ענדליך אָנגעקומען דער בעפעהל פון סענאַט וועגען גראָדינסקי׳ס ענטדעקונג. אין דעם דאָזיגען בעפעהל איז געשטאַנען:

„לויט דעם בעפעהל פון זײן קײזערליכער האָהײט, האָט דער דערשעבער סענאַט דורכגעקוקט די דיעלע וועגען די מסירות אויף יודען פון דעם געשמדטען יודען גראָדינסקי׳ן.

נאָכדעם, ווי זײן קײזערליכע האָהײט האָט זיך בעקענט מיט די דאָזיגע מסירות, האָט ער געהײסען דעם גענעראַל־אַדיוטאַנט בענקענדאָרף אַרויסשיקען קײן וועליז אַ בעגלויבטען און אַ פעהיגען שטאַב־אָפיציר, וועלכער זאָל פערנעהמען מיט זיך גראָדינסקי׳ן און אָפּפיהרען איהם קײן באַבאַונע, מינסקער גוב., און מאַכען דאָרט אַ שטרענגע אויספאָרשונג וועגען דעם שעכטען פון קריסטליכע קינדער, אין וועלכע גראָדינסקי האָט זיך מודה געוועזען“.

כדי צו ערפילען די דאָזיגע אויפגאַבע, האָט דער זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק רוטקאָווסקי, צוזאַמען מיט׳ן מינסקער גובערניע־סטריאַפּטשע, געמאַכט אַ שטרענגע אויספאָרשונג, בײ וועלכער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז גראָדינסקי האָט די גאַנצע מעשה מיט זײנע קרובים, מיט זײנע קינדער־יאָהרען און אַלע איבעריגע זאַכען, וואָס ער האָט פערבונדען דערמיט, בלויז אויסגעטראַכט. דער מסור גראָדינסקי האָט זיך אַלײן אויך מודה געוועזען, אַז ער האָט קײנמאָל ניט גענומען קײן אָנטײל און האָט ניט געזעהן ווי אַנדערע

ברײנגען אים קריטטליכע קונדער, און אלץ, וואס ער האט דערצעהלט וועגען דעם אין וועלכער אויספארשונגס-קאמיסיע, איז ליגען. געבראכט האט איהם דערצו דאס, וואס ער האט געליטען הונגער און נויט און האט ניט געהאט פון וואנען צו לעבען.

אחוץ דעם, האט די אויספארשונג פעסטגעשטעלט, אז גרודינסקי פיהרט זיך מאראליש זעהר אונארענטליך, ניט פערשריבען געווארען אין די רעוויזיע-ביכער, שלעפט זיך ארום און, נאכדעם, ווי ער האט זיך געשמד'ט, האט ער צום צווייטען מאל חתונה געהאט, ניט גט'ענדיג די ערשטע פרוי.

בעקאנט ווערענדיג מיט די אויספארשונגס-מאטעריאלען, האט דער קייזער ארויסגעגעבען א בעפעהל איבערצוגעבען גרודינסקי'ן אין געריכט פאר א פאלשער מסירה. דערום האט דער הערשענדער סענאט, — נעהמענדיג אין בעטראכט, אז גרודינסקי האט ניט נור ניט בעשטעטיגט זיינע אויבענדערמאהנטע מסורות, נאר ער האט זיך געמוזט מודה זיין, אז זיי זענען אויסגעטראכט; אז חוץ אלעמען איז ער א מענש מיט אונארענטליכע זיטען, און א בראדיאגע דערצו — געפונען, אז לויט די אין די ארטיקלען פון די רעגלאמענטען, האט גרודינסקי געדארפט בעשטראפט ווערען מיט שמיץ און פערשיקט ווערען קיין סיביר. נאר, לויט דעם אלערהעכסטען בעפעהל פון פערגאנגענעם מערץ, ווערט דער דאזיגער גרודינסקי אפגעגעבען אין סאלדאטען אויף אייביגען דיענסט, דערצו הארפען די ארטיגע גייסטליכע אויף איהם ארויפלעגען א שטראף פאר חתונה-האבען מיט צוויי ווייבער.

דער לעצטער שטראהל פון האפנונג, וואס האט נאך געשיינט פאר סטראחאוו'ן, איז פערלאשען געווארען, לאזענדיג נאך זיך א שפור פון א גרויס אומגליק, וואס פאלט אויף זיין קאפ און פון וועלכען איהם וועט שוין איצט ניט געלינגען זיך צו ראטעווען.

ער האט געזעהן, אז אלע זענען געגען איהם, און ער איז איינער. און קיינמאל איז איהם נאך ניט געוועזען אזוי קלאר, ווי איצט, אז אלץ איז פערלארען און אז ווארטען איז שוין מעה- ניטא אויף וואס...

דאס אכט און פערציגסטע קאפיטעל

סטראַהאָוו איז געלעגען אויפ'ן גרויסען לעדערנעם דיוואַן אָהן אַ קישען, און זיין קליינער צוזאַמענגעדרעהטער קערפּער האָט אויסגעוויזען נאָך קלענער און די גרעסטע העלפט דיוואַן, סיי אין דער לענג, סיי אין דער ברייט, איז געבליבען אַ ליידיגער.

ער האָט זיך צוגערוקט מיט'ן רוקען צו דער הויכער אויס־געשטעפּטער וואַנד פון דיוואַן און מיט זיינע קליינינקע, ביינינע פינגער אַלץ שטייפער און טיפער איינגעדרעהט זיך אין די פאַ־לעס פון זיין גרויסען האַלאַט. ער האָט זיך געטרייסעלט פון דער קעלט, וואָס האָט געהערשט אין גרויסען צימער און נאָכמעהר פון דער אומגעהויערער שרעק, וואָס האָט איהם אַרומגענומען פון אַלע זייטען.

אין די הויכע, ריין־אויסגעוואַשענע פענסטער האָט פון דרויסען הינגעקוקט דער קאַלטער הערבסט־אָוונד, און רויטע וואָל־קענדלעך, וואַרפענדיג דיזערע בליקען אויף דער אויסגעמאַלשער פּאַר־לאַגע און אויף דעם ווייסען קאַכעלנעם אייווען און ווייטעסטען ווינקעל, זענען שטיל־שטיל געלאָפען איבער דעם הויכען, קאַלטען הימעל.

ס'איז אָנגעשטאַנען די נאַכט — און דאָס איז געווען דאָס שווערסטע און דאָס שרעקליכסטע, אויף וואָס סטראַהאָוו האָט נור געקאָנט וואַרטען.

ער האָט געוואוסט און איז געווען בעגלויבט, אַז אַנדערש קאָן עס ניט זיין; אַז ווי נור ס'וועט קומען האַלבע נאַכט, אין דעם ווייטעסטען ווינקעל פון הויף, אַרום קיך, וועט אָפּקרעהען דער האָהן און דער אַלטער שטאָדט־זייגער אויפ'ן ראַטהויז וועט אָפּ־שלאָגען צוועלף — וועט זי ווידער קומען...

זי וועט קומען ניט צו איהם, נור צו זיך, אין איהר גע־וועזענעם צימער, קומען און אָנהויבען אַרומצוגעהן מיט איהרע גרינגע שטילע טריט — פון אייוועלע צום פענסטער, פון פענסטער צום אייוועלע און פון דאָרט צוריק צום פענסטער. און ס'וועט זיך

הערען, ווי עס סקריפּען די ברעטער פון פּאָדלאָגע, ווי עס רוישען אירע שווארצע וואָלענע קליידלעך און ווי אירע קליינע דינע טיפלעס טרעטען שטילערהייד איבער דער קאַלטער ריין-אויסגעקילטער פּאָדלאָגע.

דערנאָך וועט זי, דורך דער פעסט-פערשלאָסענער טהיר, וואָס עפענט זיך ניט און דערצו נאָך פערשטעלט מיט דעם שווערען דעמבען-שאַנק, זיך שטיל און אונבעוועגט אַריינדרינגען צו איהם אַהער, וועט זיך אַוועקזעצען צווישען די צוויי פענסטער גלייך געגען איהם, וועט אויף איהם אָנשטעלען אירע טיעפע שווארצע אויגען, — און ס'וועט ניט זיין וואו זיך פון זיי צו באַהאַלטען, וואוהין פון זיי צו אַנטלויפען.

און ביז דעם פריה-מאָרגען וועט ער זיך דרעהען און וואַרפען אונטער איהר קאַלטען דורכדרינגענדען בליק, און אַ קאַלטער שווייס וועט באַגיסען זיין שפּיציגען הוילען מח, און די צייהן זיינע וועלען הויך און שטאַרק קלאַפּען איינער אָן דעם צווייטען, און דאָס האַרץ וועט אָפט און אונרוהיג קלאַפּען אין זיין קאַלטער ברוסט... און ס'וועט ניט זיין צו וועמען אַ געשריי טהון, ס'וועט ניט זיין וועמען אַ רוף צו טהון צו-הילף.

כמ׳האָוו איז געלעגען אויפ'ן דיוואַן, אַלץ טיעפער איינגעדרעהענדיג זיך מיט זיינע פּאָלעס, און זיין אויער האָט אונטערגעהאַפּט יעדען גערויש, וואָס פלעגט געבוירען ווערען אָדער אָבשטאַרבען אַרום איהם.

אין דער דורכזיכטיגער האַלב-פינסטערניש האָט זיך געזעהן, ווי דער שווערער דעמבען-שאַנק, ביז אויבען אָנגעפילט מיט ביכער, שטעהט ניט-צו צו דער פערשלאָגענער טהיר אין שפרה'ס צימער, באַדעקענדיג זי אינגאַנצען, און דאָס האָט איהם אַ ביסעל באַרוהיגט. דעם באַליעבטען שטוהל פון שפרה'ן, צווישען ביידע פענסטער, האָט ער נאָך אין דער-פריה געהייסען גאַווריליאָן אַרויסטראָגען אויף דעם אַנדערן הויף אין באַהאַלטען.

אין ווינקעלע האָט זיך געזעהן דאָס שוין-אויסגעבעטע בעט, וועלכעס גאַווריליאָ האָט היינט, אַזוי ווי אַלע מאָל, זעהר פלייסיג

פֿערבעט, הויך אויפֿשלאָגענדיג די קישענס, גלייך ווי ער וואָלט גאָר ניט בעמערקט, אַז קיינער בענוצט עס ניט און אַז מאָרגען וועט ער עס אויך אַזוי געפֿינען ניט גערירט, ווי נעכטען, עהער־נעכטען און אַלע טעג.

ביי דער טהיר נעבען אייוועלע האָט געבלאַנקט דאָס וואַש־טישעל און אין דעם נאָהנטסטען ווינקעל פֿון צימער, ביים פֿענ־סטער, זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד די ריין־אויסגע־וואַשענע ווינטער־ראַמען, וועלכע גאַווריִלאָ האָט דעם גאַנצען טאָג צוגעפּאַסט צו די פֿענסטער און איז ביז׳ן אָוונד מיט זיי דאָך ניט פֿאַרטיג געוואָרען. און ווי אויף אַלץ, וואָס גאַווריִלאָ האָט געטהון, אַזוי האָט זיך אויף דעם געפֿיהלט גאַווריִלאָ׳ס אַרבייטס־פֿעהיגקייט. אַ גאַנץ הויך בערגעל ריין און גלאַט פֿונאַנדער־געשניטען פּאַפּיר איז געלעגען אָנגעלעגט אויף דער פֿאַרענץ פֿון שטוהל; אַ שוואַרץ־ליימען שיסעלע מיט קלייסטער איז געשטאַנען אויפֿ׳ן ברעג טיש, איבערגעדעקט מיט אַ פּאַפּיר; שמאָלע הויכע גלעזלעך, ריין־אויסגעוואַשענע, זענען פּאָרווייז געווען פֿונאַנדער־געשטעלט אויפֿ׳ן אַנדערן ברעג טיש און אַ האַלב־אויסגעפּעטענטע פֿלאַש מיט שוועבעל־וויער, וועלכע דער אַפּטייקער לאַנגעבעק האָט אָפּגעלאָזען ניט אַנדערש, ווי אויף סטראַהאָוו׳ס אַ צעטיל, האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואַנד, בעהאַלטענדיג פֿון די אויגען איהר רויט צעטעל מיט׳ן טויטען קאָפּ איבער צוויי איבערגעוואָרפֿענע ביינער.

אויף אַלץ האָט זיך געפֿיהלט עמיצענס אַ פֿריינדליכע האַנד, און ס׳איז געווען מערקווירדיג, וואָס דער אָרדענטליכער און איבער־געגעבענער פּויער פֿערשטעהט ניט, אַז דאָס וויכטיגסטע און נויטיגסטע איז ניט דאָס, אַז די פֿענסטער זאָלען זיין נעט צוגעשטעלט צו זייערע ערטער, גוט אַרומגעקלעפּט און פֿון זיי זאָל ניט בלאָזען, — אַז נויטיג און וויכטיג איז, אַז זי זאָל היינט ניט קומען, ניט אָנהויבען אַרומציעהן אַהין און צוריק איבער איהר צימער, זאָל ניט אַריין אַהער, ניט אַוועקזעצען זיך דאָרט, צווישען די פֿענסטער און ניט אָפּשטעלען אויף איהם איהרע אויגען, פֿון וועלכע ס׳איז ניטאָ קיין בעהעלטעניש.

ער האָט זיך נאָך שטאַרקער אײַנגעהילט אין זײַן חלאַט און האָט נאָך מעהר דערשראָקען אָנגעהויבען צו באַטראַכטען אַלץ אַרום. די רויטע לויכטענדע וואָלקענדלעך אויפ'ן הימעל האָבען זיך פֿונאַנדערגעריקט און דורך זיי האָט חרכגעקוקט די לבנה, אַ קײַלעכדיגע, אַ קאַלטע, אַ טויטע.

אויף דער פּאָדלאָגע, אויף אַ גלײַכער ווײַט פֿון בײדע פֿענצטער, האָבען זיך אויסגעלעגט צוויי פֿיער־עקיגע אויסגעגילטע זײַלען. אײנער פֿון זיי האָט זיך שטיל אַ ריק געטהון נעהנטער צום מ״ש, האָט פֿערהאַפּט זײַנס אַ ווינקעל און האָט זיך אָנגעהויבען שטיל צו ציהען אין דער הויך, האָט זיך אויסגעלעגט אויפ'ן ווענדטיל פֿון דער הירכזיכטיגער פֿלאַש און האָט באַלויכטען דאָס געלבליכע וואַסער אין איהר.

דער שטאָרט־זײַגער אויפ'ן ראַטהויז האָט זיך אַ האַפּ געטהון און ווי ער וואָלט מורא האָבען צו פֿערשפּעטיגען, גיך און אָבגעהאַקט אַ שלאָג געטהון: אײנס! אָבגעוואַרט אַ ווײַלע — און מיט'ן זעלבען טאָן אָבגעשלאָגען: צוויי, דרײַ, פֿיער... צוועלף!

כטראַחאָו האָט זיך אײַנגעטוליעט מיט'ן קאָפּ אין חלאַט און איז ווי אָבגעשטאָרבען.

הינטער דער טהיר, בײַ שפּרה'ן אין צימער, האָבען זיך דערהערט באַקאַנטע טריט, גרינגע און לײַכטע, פֿריהער ווײַט, דערנאָך אַלץ נעהנטערע און דײַטליכערע. מ'האָט זיי געקאָנט צעהלען.

שפּרה איז געגאַנגען פֿון ווינקעל צום פֿענסטער, האָט זיך אָבגעשטעלט, אַ קעהר געטהון זיך צוריק און ווידער אַוועק צום אײַוועלע, ווידער זיך אָבגעשטעלט און אַוועק צום פֿענסטער. די בריטער פֿון דער פּאָדלאָגע האָבען קוים־קוים געסקריפּעט אונטער איהרע לײַכטע טריט, און איהר שוואַרץ קלײדעל האָט עטוואָס גערוישט בײַ איהר יעדען קעהר.

כטראַחאָו האָט זיך האַסטיג אַוועקגעזעצט, צונויפגענומען אונטער זיך די פֿיס און האָט מיט ווײַט־פֿונאַנדערגעעפֿענטע, צורישטע אויגען נאָכגעקוקט שפּרה'ס טריט.

זײַן שאַרף שפּיצער קאָפּ איז געווען געדיכט באַוואַקסען מיט

שווייס, די שטייף־צונויפגעדריקטע ציין האבען שטארק און שמערצליך געקריצט.

ער האט געצעהלט אידרע טריט, ווייל ער האט פאראויס גע־וואוסט, וויפיעל טריט זי וועט מאכען ביי זיך אין צימער און וויפיעל מאל זי וועט זיך אומקעהרען פון אייזעלע צום פענסטער און פון פענסטער צו דער טהיר, איידער זי וועט א קלינגעווע טהון צו איהם אין צימער און, ניט קוקענדיג אויף דעם שווערען אלמער, וועל־כען צוויי מאלדאטען קאנען קוים רוהרען פון ארט, וועט זי אריין אהער און זיך זעצען גענען איהם צווישען ביידע פענסטער.

לויט זיין חשבון, האט זי געדארפט מאכען נאך צוויי טורען, און באלד נאך דעם וועט זיך דאס אנהויבען. און צוהערענדיג זיך מיט זיין גאנצער אויפמערקזאמקייט צו אידרע טריט, האט ער זי בעגלייט פון טהיר צום פענסטער און פון פענסטער צוריק צום אייזעלע.

איצט וועט זי ביז'ן פענסטער ניט דערגעהן: זי וועט מאכען א קליינעם ראנד און וועט אוועק גלייך אהער.

ער האט געהערט, ווי זי האט געמאכט דעם ערשטען טריט און האט זיך געגרייט מאכען דעם צווייטען. אין א סעקונדע ארום וועט זי זיין דא.

ער איז אראבגעשפרונגען פון דיוואן, און, קלאפענדיג מיט די טופלעס, זיך אוועק געטהון צום טיש.

און איידער נאך זי איז דערגאנגען ביז דער טהיר, האט ער געכאפט די פלאש, אריינגעגאסען פון איהר אין דערבייאיגען גלאז, האט אריבערגעגאסען אויפ'ן טיש, און, פערגיסענדיג, מיט ציטערנ־דיגע פינגער צוגעטראגען צום מויל, איסגעקעהרט איינגאנצען ביז'ן חעק און שווער, ווי א שטיין, געפאלען אויפ'ן רוקען.

אין דער פערשלאסענער טהיר פון קארידאר, ברעכענדיג דעם מעשענעם ריגעל און ארומרייסענדיג דעם געמאלטען קארניז, האט זיך מיט אנ'אומעטיגען און קרענקליכען יאמער געריסען סטראחאוו'ס הונד, העקטאר...

דאָס ניין און פֿערציגסטע קאַפּיטעל.

דעם 1-טען דעצעמבער 1831 איז פֿאָרגעקומען די לעצטע זיצונג פֿון דער צווייטער אָבטיילונג פֿון פֿינפֿטען דעפּאַרטאַמענט פֿונ'ם דערשעגירען סענאַט וועגען דער ערמאָרדונג פֿון דעם מיער-יעהריגען פֿיאָדאָר יעמעליאַנאָוו און וועגען די איבעריגע פֿערברעכען, אין וועלכע די וועליזשער יודען ווערען בעשולדיגט.

ס'איז געווען א גרויער, א פֿערנעבעלטער פֿעטערבורגער ווינטער-טאָג. פֿון איינם ביי-טאָג האָבען שוין די דעפּאַרטאַמענט-קורירען אָנגעהויבען אָנצוצינדען די ליכט אין די הענג-לייכטער, אויף די וואַנד-רעדערען און אין די הויכע לייכטער אויפֿ'ן גרויסען האַלבקיילעכדיגען גרינעם טיש.

די סענאַטאָרען זענען זיך צונויפֿגעקומען ניט איילענדיג, ווייל יעדער פֿון זיי דאָס געוואוסט, אז ס'איז ניטאָ וואָס זיך צו איילען, אז יעדער פֿון זיי וועט זיין מיינונג ברייגען מיט זיך שוין א פֿאַרטיגע און אז די צערעמאָניע פֿון אַרויסזאָגען די דאָזיגע מיינונג און זי בעשליסען וועט קיין איבעריג לאַנגע צייט ניט אָבנעהמען.

שטיל און לאַנגזאַם טרעטענדיג איבער דעם רויטען געוואַנד, מיט וועלכען די פּאָדלאָגע איז בעשלאָגען געווען, זענען די קוריערען אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק צווישען די הויכע שטוהלען, פֿונאַנדערגעלעגט איבער'ן טיש ווייסע בויגענס פּאַפּיר מיט בליישטיפֿטען, צוגעפּאַסט דאָס גרויסע און שווערע שרייב-געצייג פֿאַר'ן פֿאָרזיצענדען און אויפֿגעשטעלט ביי ביידע ברעגען טיש הויכע געשליפֿענע גראַפֿינען מיט וואַסער, אַרומגעשטעלט מיט איבערגעקעהרטע גלעזער אויף אַוויכען, זילבערנעם טאַץ.

ס'איז געקומען דער אָבער-פּראָקוראָר נעפּעדיעוו און, ענט-
ס'איז געקומען געצעוויטש און דער פֿירסט אַלעקסאַנדער
פֿערנדיג גיך אויף די בעגריסונגען, אַרומווישענדיג מיט'ן גרויסען זיי-
דענעם טאַשען-טוך זיין ריין-אויסגעראַזירטע איבערשטע ליפּ, איז
ער דורכגעגאַנגען גלייך צו זיך אין קאַבינעט אַריין.
האָוואַנסקי. ס'איז געקומען דער סענאַטאָר פּאָלעטיקאַ און, א פֿער-

סעקרעטאַר, אַ פּערמאַטערטער, מורא האָבענדיג, אַז ער האָט שוין פערשפּעטיגט, האָט זיך אַריינגעריסען אין זאַל דער קאָנסטאַר מי־כאילאָוויטש, באַלד פערנומען זיין פּלאַץ ביים טיש און אָנגעהויבען סונאַנדערצולעגען זיינע פּאַפּירען.

דער לעצטער איז געקומען צופאָהרען איוואַן פּיאָדאָראָוויטש כאָזראַכאָוו, אַן אַלטער קליין־וואוקסיגער פריץ, מיט אַ ליעבליכען, גוטהאַרציגען געזיכט, ווייכע, אָנגעגאָסענע ליפּען און פרעהליך־שוויכלענדע אויגען; ער האָט זיך לאַנגזאַם דורכגערוקט הורך דער טהיר. האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָבגעשטעלט און, פינטלענדיג מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגען איף די וואונדערטער פנים'לעך פון די הענג־לייכטער, איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו דער קליינער גרופּע כאָנ־נאַטאָרען, וואָס האָבען אויף איהם געוואַרט, און האָט זיי מיט אַ פרעהליך געלעכטער אָנגעהויבען אַלעמען צו באַגריסען.

דער שווערער אָנגעלאָדענער פּאָרטפּעל האָט זיך ביי איהם געריסען פון אונטער'ן עלענבויגען. ער האָט זיך אַנאַיל געשטהון צום טיש. פערנומען זיין שטוהל און אָנגעהויבען פונאַנדערלעגען זיינע פּאַפּירען, גריסענדיג זיך צו לייענען דער ערשטער.

ס'איז אַריין דער אָבער־פּראָקוראָר, האָט פערנומען זיין אָרט; דער פּאָרזיצענדער האָט אַ קלינג געטהון און די זיצונג האָט זיך געעפענט.

דער סעקרעטאַר האָט מיט אַ מידער שטים, מוטערענדיג זיך אויף די רעליגיעזע טערמינען און אונבעקאַנטע יודישע נעמען, לאַנגזאַם און שלעפערדיג געלייענט פון אַ פּאַפּיר דעם אינהאַלט פון דער „דיעלאָ”. דער תוך פון דעם גאַנצען ענין איז אַלץ מעהר און מעהר פערפלאָנטערט געוואָרען. די סענאַטאָרען האָבען אָבער, אַזוי ווי דער סעקרעטאַר אליין, זעהר גוט פערשטאַנען, אַז דאָס איז איבעריג, אַז מען דאַרף עס ניט; יעדער פון זיי איז געוועזען זיכער, אַז דאָס, וואָס מען דאַרף וויסען, ווייסט ער שוין זעהר גוט, און אַז אַלע אויספיהרונגען, וואָס ס'קאָנען נור געמאַכט ווערען, זענען שוין ביי איהם געמאַכט און פון זיין דעה וועט איהם שוין קיין מענש אין דער וועלט ניט אַראָבשלאָגען.

דער סעקרעטאר האט געענדיגט און האט זיך שנעל, ווי דערשראָקען אוועקגעזעצט און האט אנגעהויבען צו בעקוקען די פרומיגע, נור קיינער האט איהם ניט בעמערקט: אלעמענס אויגען זיינען געווען אנגעשטעלט אויף סאוראסאָוו'ן.

ער איז רויט געוואָרען, האט א גלעט געטהון מיט די פינגער די האָהר אויף די שלייפען, האט א ציה געטהון מיט דער נאָז פון טאבאק־פושקעלע, ארומגעווישט זיך מיט'ן טיכעל און אנגעהויבען:

— ביי דער אויספאָרשונג פון דער קאָמיסיע, וואס איז ויעבענט געוואָרען אין וועליזש, כדי אויפצודעקען די מערדער, וואס האבען אומגעבראכט דאס קריסטליכע קינד פיאָדאָר יעמעליאנאָוו, האט זיך ארויסגעוויזען, אז די יודען, וואס האבען אויסגעפיהרט דעם דאָזיגען מאָרד, ווערען בעשולדיגט נאך אין פאָלגענדען...

ער האט איבערגעלייענט אלע זיעבען בעשולדיגונגס־אקטען, וועלכע סטראחאָוו מיט האָוואנסקי'ן האבען צוגעשטעלט אין הויפט־שטאב, און מיט'ן זעלבען ערנסט, ווי ער האט אויפגעוויזען, אז די יודען זיינען שולדיג אין דעם אומברייננגען, ציליעב רעליגיעזע צוועקען, די אלטע דוואָרזשעצקא, האט ער אויך אליין געגלויבט און געוואָלט, אז זיינע חברים זאָלען אויך גלויבען, אז די יודען האבען געשענדעט די הייליגע זאכען פון דער קריסטליכער קירך.

מעהר ווי וועגען אלץ האט ער דאך גערעדט וועגען דער די נייע בעשולדיגונג פון וועליזשער יודען: וועגען אומברייננגען פיאָדאָר יעמעליאנאָוו. דא האבען זיינע רייד געקלונגען מיט א בעזונדער ערנסט און מיט א בעזונדער זיכערקייט:

— די אונגייגעריגקייט, וועלכע די יודען האבען, געגען זייער געוועהנהייט, ארויסגעוויזען דערמיט, וואס זיי זיינען ניט געלאָפען קוקען אויפ'ן געפונענעם טויטען קערפער פון יעמעליאנאָוו'ן — האט געלייענט סאוראסאָוו, פלייסענדיג זיך צו מאכען דערביי אן ערנסט און א שטרענג פנים, בעת די קורצזיכטיגע אויגען זיינע האבען געשמייכעלט, — די צומישטקייט, וועלכע פיעל פון די יודען האבען ארויסגעוויזען אויף די דאָפּראָסען, בשעת מ'פלעגט די שטע־

לען אויג אויף אויג מיט די עדות=זאָגערינס, די בלאַסקייט פון זייערע געזיכטער, זייערע נערוועזע געשרייען — צי קאָן דאָס אַלץ ניט דינען פאַר דער וויכטיגסטער באַשטעטיגונג פון זייער פערברעכען?

איוואַן פיאָדאָראָוויטש איז געווען זיכער, אַז דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז גאַנץ גענוג, אַז די יודען זאָלען באַשולדיגט ווערען. דאָך האָט ער געפונען פאַר נויטיג פאַר די, וואָס צווייפלען נאָך, צו צוגעבען נאָך עפּיס, וואָס זאָל זיי איינגאַנצען איבערצייגען.

— און פונדעסטוועגען — האָט ער צוגעגעבען און האָט בעקוקט די אַרומיגע מענשען — בייַ דער גאַנצער האַרטקייט און שטייפקייט, וועלכע די יודען האָבען אַרויסגעוויזען אין קאָמיסיע, זענענדיג זיכער, אַז אויסער דער קאָמיסיע וועלען זיי בעקומען גרויסע הילף פון מענשען, וואָס וועלען צוגעבען דער גאַנצער אויספאָרשונג אַן אַנדער כאַראַקטער, האָבען זיך דאָך פיעל פון זיי אויסגערעדט און האָבען ניט=ווילענדיג באַשטעטיגט זייער שולד... צום סוף, ניט האָבענדיג קיין שום באַווייזען אויף זייער אומשולד, האָבען זיי נור מיט ווערטער געוואָלט אויפווייזען, אַז יודען דאַרפען קיין קריסטליך בלוט ניט, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטער ליגען, וואָס האָט כלומרשט קיין שום באָדען ניט. און נעהמענדיג אין בעטראַכט דאָס אַלץ — איז איוואַן פיאָדאָראָוויטש פעסט געשטאַנען אויף זיינעם, און מ'האָט אויסגעוויזען ווילד, אַז עמיצער קאָן נאָך צווייפלען אין זיין ערנסט און מענשען=פריינדשאַפט, — מוז מען אָהן אַ שום צווייפעל באַשטעטיגען, אַז דאָס קינד פיאָדאָר יעמעליאַנאָוו איז ווירקליך געגנב'עט און פערקויפט געוואָרען צו די יודען פאַר אַ קרבן און זיי האָבען עס אומגעבראַכט לויט זייערע שעדליכע און אומענשליכע מנהגים.

איוואַן פיאָדאָראָוויטש האָט זיך אָבגעשטעלט, נאָכאַמאָל אַ ציה געטאָן מיט דער נאָז פון טאַבאַק=פּושקעלע, אַרומגעווישט זיך מיט'ן עק טיכעל און ווייטער גערעדט.

— איצט בלייבט נאָך איבער צו באַשטעטיגען די שטראָף, וואָס עס קומט יעדען פון די פערברעכער, — האָט ער אָנגעהויבען צו

ליגען הינטער, און זיין געזיכט האט בעקומען א מעהר ערנסטעס, אפילו עטוואס א פערזארגט אויסזעהן,— און אויף דעם סמך פון די און די ארטיקלען, וואלט ער, איוואן פיאדאראוויטש, פון זיין זייט פארגעזאגט אזא מיינונג:

1) טערענטיעווא, מאקסימאווא און קאלאווסקאיא, האטש זיי קומט פאר רציחה, פאר אפפאלען פון קריסטליכען גלויבען און אין שענדען די הייליגקייטען, זעהר א שטרענגע שטראף, נאר אזוי ווי געדריקט פון זייער אייגענעם געוויסען, האבען זיי אליין, לויט זייער אייגענעם ווילען, ניט נור חרטה געהאט אויף זייערע זינד, נאר אויך ארויסגעגעבען אלע זייערע מיטארבייטער, און דערמיט געגעבען דער רעגירונג די מעגליכקייט פון דאס ניי אויפצודעקען אזעלכע מערדערייען, וועלכע זענען אלאנגע צייט געווען פערי בארגען, האבען זיי פערדיענט, מזאל פערקלענערן זייער שטראף,— דאס הייסט, אוועקשיקען זיי קיין סיביר און דארט איבערגעבען אונטער דער השגחה פון גייסטליכע.

2) פון די אנגערופענע מענשען, וועלכע האבען זיך באטי טייליגט אין שעכטען דאס קריסטליכע קינד, און שענדען די הייליגע זאכען, זאלען: חנה צייטלין, יוזיק צייטלין, סלאווע, הירש, נתן און רבקה בערלין, ראובן נאחימאוויסקי, יאסעל מירלאס, יאסעל גליק מאן, פייגע וואלפסאן און ארליק דעווירץ, אויך דאס ווייב זיינס בראדקע דעווירץ און נאמע פרודקאוו בעקומען שמיץ מיט א „קנוט": די מאנסבילען צו צוואנציג, און די ווייבער— צו פופ צעהן און, אוועקשטעלענדיג אויף די מאנסבילען צייכענס, אפשי קען זיי אלע אויף קאטארגע.

3) מאיר בערלין, שמערקען און באסיע אראנסאן און איצקע וואלפסאן געבען שמיץ מיט א „פליעט": די מאנסבילען— 25, און די ווייבער— צו 20 און אוועקשיקען אויף אייביג קיין סיביר.

4) רחל פייטעלסאן, חנה שובינסקא, זוסיע און לאה רודניאי קאווא, לייזער זאריעצקי, איצקע בעליאעוו און אברהם קוסון אוועקי שיקען אונטער דער שטרענגסטער השגחה אויף אייביג קיין סיביר.

5) דערזעלבער פסק, נאר אהן השגחה, קומט אויך וועליזש בירוי

מאַזאַנסקי, חיים חריפון און די אַלע איבעריגע עטליכע און צוואַנציג מאַן...

איוואַן פּיאָטראָוויטש האָט געענדיגט לייענען, האָט צוזאַמענגעלעגט די פּאַפּירען, אָבגעווישט דעם שווייס פון שטערן און פון פּליך און ווי אַ פערמאַטערט און פערצויגען קינד, וועלכען מ'האָט פערמאַטערט מיט אַ צו־גרויסער און שווערער אויפגאַבע, האָט ער אַ קוק געטהון אויף די אַרומיגע סענאַטאָרען, גלייך ווי ער וואָלט ערוואַרט פון זיי אַ דאַנק.

אין גרונד, איז ער געווען אַ גאַנץ וואוילער מענש, ער האָט ניט ליעב געהאַט, אַז ווער עס איז זאָל אָנטהון דעם אַנדערן עגמת־נפש, אָדער מיט וואָס־עס־איז בעליידיגען. ער האָט ליעב געהאַט זיין קליין, קיילעכדיג און געפּעקטשעטע ווייס קערפּערל און האָט פיינט געהאַט, אַז מען זאָל איהם אָנטהון עפּיס אַ ווייטאָג. ער איז געווען העכסט אונצופריעדען, ווען דער שוסטער, ביי וועלכען ער האָט בעשטעלט שטיוועל מיט ברייטע נעזער, פלעגט זיי עטוואָס פערשטעלען און זיי האָבען איהם, חלילה, געדריקט די „מאַזאָלעס"; ער פלעגט אויך הויך און לאַנג זידלען זיין קאַמערדינער, ווען ער האָט איהם אָנגעריבען זיין קראַנקע זייט ניט אַזוי ווי ער האָט ליעב, אָדער ער האָט ניט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט אַרומגעלעגט איהם מיט בוימוואָל.

אָבער אָט די דאָזיגע „אַרליקעס", זעליגעס" און „יודקעס" זענען געווען אַזוי פיעל, און אַזוי ווילד, און אומגעלומפּערט האָבען געקלינגען זייערע ניט־מענשישע נעמען, און ס'איז געווען פון זייער זייט אַזוי אונאָרענטליך דאָס, וואָס זיי פלעגען שעכטען אונשולדיגע קריסטליכע קינדער און טרינקען זייער בלוט, חאָטש אפילו נור כדי אויסצופיהרען זייערע „מנהגים", אַז לויט דער באָרעדונג פון זיין געוויסען האָט ער זיי ניט געקאָנט פריי לאָזען פון שטראָף יעדערן לויט זיין פערברעך.

אַגב. האָט געקאָנט זעהר זיין, אַז ווען עמיצער וואָלט זיך מיט איהם שטאַרק אַ דינג געטהון, וואָלט ער אפשר געלאָזט אַרויס־בעפרייען אַ וואָסער־ניט־איז „סלאַוויקע" אָדער „רבקה" פון ער־

שטימען ראנג אין דעם צווייטען, — און דאן וואלטען זיי אנשטאט 15 שטימען מיט׳ן „קנוט“ בעקומען 20 שטימען מיט׳ן „פליעטי“. און, ווער ווייסט, אפשר וואלט דאס טאקע געווען ערגעצליכער. אבער ער, איוואן פיאדאראוויטש, האט געטהון אלעס, וואס איהם האט זיין געוויסען געהייסען און וואס דער חוב האט פון איהם געפאדערט, — און ס׳וואלט געווען מערקווירדיג, ווען עמיצער פון זיינע חברים וואלט איהם בעליידיגט מיט א וועלכען-עס־איז אונצוטרוי.

די חברים האבען איהם אויך ניט בעליידיגט. נור איין סענאטאר געצעוויטש האט זיך ערלויבט זעהר שטיל און פארזיכטיג אנמערקען, אז אזוי ווי די גאנצע בעשולדיגונג איז געבויט געווארען נור אויפ׳ן סמך פון די דריי פערברעכערינס, וואלט ער מיינען, אז די פער׳משפט׳ע יודען וואלטען אפשר געקאנט בלייבען פריי ווערען פון קערפערליכער שטראף, דאס הייסט פון די שמיץ און פון אויסברענגען צייכענס איפ׳ן שטערן.

איוואן פיאדאראוויטש׳ן האט די דאזיגע בעמערקונג בעליידיגט, נאר נאך מעהר פערדרוס האט זי פערשאפט דעם אבער-פראקוראר נעפעריעוו׳ן.

אייגענטליך, איז איהם געווען גאנץ גלייך, צי מ׳וועט שמייסען חנה׳ן און כלאווען מיט׳ן „קנוט“ און פייגען און באסיען מיט׳ן „פליעטי“, צי פערקעהרט. פאר איהם איז אבער וויכטיג געווען איין זאך: אז דער משפט זאל זיך אין ערגיץ נישט אבשטעלען און, דאס רעכט זאל פאר קיינעם ניט אבטרעטען דעם וועג. אבער דערפון, וואס דער סענאטאר געצעוויטש איז ניט אינגאנצען מסכים צו דער מיינונג פון סענאטאר סאוראסאוו, האט זיך דער משפט געמוזט אויף א צייט אבשטעלען און קריגען גאר אן אנדער גאנג.

ער האט אנגעהויבען לאנג און שארף, בריינגענדיג א גאנצע רייה ארטיקלען, איינרייעדען געצעוויטש׳ן, ער זאל זיך נישט עקשנ׳ען און צושטעהן צו סאוראסאוו׳ן — ס׳האט אבער ניט געהאלפען: דער אלטער סענאטאר איז פעסט געשטאנען אויף זיינעם — און דער פסק דין איבער די וועליזשער יודען, וואס האבען אומגעבראכט דאס קריסטליכע קינד פיאדאר יעמעליאנאוו און אבגע-

מהון א גאנצע רייה שרעקליכע פערברעכענס, האט דעם 1-טען דע-
צעמבער 1831 ניט געקאנט בעשטעטיגט ווערען.

דאס פופציגסטע קאפיטעל.

דערפון, וואס די סענאטארען פון פינפטען דעפארטאמענט — און דערנאך אויך פון דער גאנצער פערזאמלונג פון סענאט — האבען ניט געקאנט קומען צו קיין בעשלוס וועגען דעם, ווי און מיט וואס מען זאל שמייסען סלאווע בערלין און חנה ציטלין, אידער מוועט זיי, צוזאמען מיט זייערע קרובים, בעקאנטע און פריינד, אוועקשיקען אויף קאטארגע — האט די גערעכטיגקייט קיין גרויסען שאדען, איינענטליך, ניט געליטען. אבער פאר יענע צוויי און פערציג נפשות, וואס זענען געזעסען פערשטיקט אין צוויי און פערציג קברים, האט דער דאזיגער פאל יא געהאט א וויכטיגע בעדייטונג. בעשטאנען איז די בעדייטונג אין דעם, וואס אחוץ יענע זעקס יאהר, וועלכע זיי האבען שוין פערבראכט אין זייערע איינגע און פינסטערע קברים-צימערליך, איז זיי פארגעקומען דארט צו פערבלייבען נאך פיער יאהר, אויך אזוינע לאנגע און אזוינע דריקענדע, ווי די ערשטע זעקס.

באלד נאך מטראהאוו'ס טויט, אנפאנג אקטאבער 1830, ארום האלבער נאכט, האט דעם גרויסען טורמע-פלאץ אויף מעלער-זאקאמעלסקי'ס הויף פון אלע פיער זייטען ארומגעהאפט א פייער, און ביז טאג איז פון אלע טורמעס, פון דער אויספארשונגס-קאמיסיע און אלע איבעריגע געביידעס געבליבען א בארג אש. די קריסטינס האבען זיך דאן שוין דא ניט געהאט געפונען, — ווייל האזאנסקי האט זיי נאך פריהער איבערגעפיהרט קיין סמא-לענסק, כדי אפצוהיטען זיי פון דער „שעדליכער ווירקונג, וואס די יודען קאנען אויף זיי האבען". און די יודישע געפאנגענע האט דער איינציגער מיטגליעד פון דער געוועזענער קאמיסיע, וואס האט נאך פערנומען זיין פלאץ, דער באאמטער בעקלעשאוו, גע-הייסען איבערפיהרען אין גרויסען דריי-גארדיגען מויער אויפ'ן

ראָג פֿון מאַרק און פּעטערבורגער גאַס, וואָס איז געווען ספּעציעל צוליעב דעם אָבגעהונגען ביי אַ פּוילישען סוחר. דאָס גרויסע, פּעסט-געבויטע הויז, מיט זעהר פֿיעל אָבגעטיילטע צימערלעך, איז געווען מעהר צוגעפּאַסט פֿאַר אַ טורמע, ווי די פֿינאַנדערגעוואָרפֿענע הילצערנע הײַזלעך אויף מיללער-זאַקאַמעלסקי'ס הויף, און פֿון איצט אָן האָט מען שוין געקאָנט אויפהאַלטען די, וואָס זיצען אין פּריוואַט-טורמעס, ביי דעמזעלבען „רעזשים", ביי וועלכען מ'האָט אויפגעהאַלטען די, וואָס זיצען אין שלאָס-טורמע.

ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז די אַרעסטירטע אויסגעקומען צו וואַרטען אויף זייער שיקזאַל נאָך פֿיער יאָהר. ניט דערום דוקא, ווייל מ'האָט אָן זיי פֿערגעסען אָדער ווער-עס-איז האָט מיט אַ כיון פֿערצויגען זייער משפט. ניין, ביי דעם דעמאָלדיגען אַדמיניסטראַטיווען אַפּאַראַט האָט קיין משפט ניט געקאָנט דורכקריכען איבער די אַלע קאַנצעלאַריעס פֿון סענאַט, יוסטיץ-מיניסטער, אויפזעהער אויף פֿרעמדע אמונות און גאָסודאַרסטווענני סאָוועט אין אַ קירצערער צייט.

ענדע יאָהר 1834 איז דער משפט פֿון די וועליזשער יודען פֿאַרגעשטאַנען פֿאַר דעם פֿאָרזיצענדען פֿונ'ם דעפּאַרטאַמענט פֿאַר וועלטליכע און רעליגיעזע ענינים פֿון גאָסודאַרסטווענני סאָוועט, גראַף ניקאָלאַי סעמיאָנאָוויטש מאָרדווינאָוו.

פֿאַר איהם זענען געלעגען דיזעלבע אויספֿאָרשונגס-מאַטעריאַלען, דיזעלבע פּאָטראַיען פֿון סטראַכאָוו'ן מיט דיזעלבע פּירושים צו זיי פֿון פֿירסט האָוואַנסקי, מיט וועלכע ס'האָט זיך אין זיין צייט בענוצט דער סענאַטאָר סאַווראַסאָוו. אָבער, ווי עס טרעפֿט אָפֿט מיט מענשען, וואָס לייענען איין און דאָסזעלבע פּאַפּיר, נור יעדער לויט זיין פֿערשטאַנד, האָט מאָרדווינאָוו אויסגעלייענט פֿון דעם גאַנצען באַרג דאָקומענטען, וואָס זענען געווען פֿאַר איהם אָנגעוואָרפֿען, פּונקט דעם היפּוך פֿון דעם, וואָס איוואַן ניקיפֿאָראָוויטש האָט אַרויסגעלייענט.

„דורכקוקענדיג אַלע בעשולדיגונגען, פֿון וועלכע ס'בעשטעהט דער וועליזשער משפט — האָט געשריבען מאָרדווינאָוו — האָט

דער דעפּאַרטאַמענט פאַר וועלטליכע און רעליגיעזע ענינים מיט פערדרוס אַרויסגעזעהן, אַז דאָס בעשולדיגען די יודען אין די אונמענשליכע פערברעכען איז געבויט בלויז אויף יודען־האַס און איז געפיהרט עפּיס אַ נטער אַ געהיימער און דריקענדער ווירקונג ביי יעדען טריט פון דער אויספאָרשונג . . .

די ווילישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, אויף וועלכער ס'איז געלעגען דער חוב צו דערגעהן דעם אמת און בעשיצען אונשולדיגע, האָט זיך ניט גערעכענט ניט מיט יענע בעדינגונגען, וועלכע האָבען לייכט געקאָנט בעוויזען דעם צוועק פון דעם דאָזיגען אָנפאַל, און ניט מיט די שקרים און סתירות, מיט וועלכע די בעווייזען פון די עדות־זאָגערינס זענען פול".

מאָרדווינאָוו האָט ניט פערביגעלאָזט אויך די בעמערקונגען פון די אויספאָרשער וועגען די „ענטהערונגען" אין דעם אויסזעהן פון די יודען בשעת מ'פלעגט זיי שטעלען אויג אויף אויג מיט די עדות־זאָגערינס, און האָט אויפגעוויזען, אַז די פאָרשער האָבען ניט געהאַט קיין רעכט צו פערצייכענען די דאָזיגע בעמערקונגען זייערע אין די אויספאָרשונגס־מאַטעריאַלען, און נאָך ווייניגער רעכט האָבען זיי געהאַט צו בויען אויף דעם זייערע בעשלוסען. ער האָט בעטראַכט די ראָליען, וועלכע סטראַכאָוו און זיין אָנפיהרער כאָוואַנסקי האָבען געשפּיעלט אין דער אויספאָרשונג; ער האָט דורכגעקוקט די שונד־ליטעראַטור געגען יודען, וועלכע כאָוואַנסקי האָט צוזאַמענגעקליבען פון אַלע עקען וועלט, אָבגעשטעלט זיך אויף דעם מאָראַלישען ווערטה פון יעדערער פון די עדות־זאָגערינס און אויף דער אויפגאַבע, וועלכע דער גייסטליכער טאַראַשקעוויטש האָט דערביי ערפילט, און האָט, אויך אַזוי ווי סאָוראַסאָוו, געמאַכט פון דעם אַלעם דייטליכע און בעשטימטע אויפווייזונגען.

„דער דעפּאַרטאַמענט פאַר וועלטליכע און רעליגיעזע ענינים— האָט ער געשריבען צום שלוס פון זיין פאָרטראַג — נעהמענדיג אין בעטראַכט אַלע בעדינגונגען, ביי וועלכע ס'איז פאָרגעקומען דער פערפלאָנטערטער ווילישער משפט, געפינט, אַז די בעווייזען

פון טערענטיעווא, מאַקסימאָווא און קאָזלאָווסקאַ, וועלכע זיינען פיל מיט ליגען, ווידערשפרוכען און אונזין, קאָנען ניט אָנגענומען ווערען פאר באוויזען געגען די יודען אין אַזעלכע בעשולדיגונגען. און די מיינונג, אַז יודען דארפען האָבען קריסטליך בלוט, איז איבערהויפט אַ איבערטריבענער ליגען, וועלכען אַלע היסטאָריקער, סיי פארצייטיגע, סיי נייע, האָבען אינגאַנצען אָבגעוואָרפען.

דער דעפּאַרטאַמענט פאר וועלטליכע און רעליגיעזע ענינים האַלט דעריבער פאר נויטיג אַרויסצוזאָגען פאָלגענדע מיינונג:

1) די יודען, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין ערמאָרדען דאָס קריסטליכע קינד פיאָדאָר יעמעליאַנאָוו'ן און אין אַלע איבעריגע פערברעכען — אַזוי ווי די שולד זייערע איז ניט בעשטעטיגט, מוז מען אומבעדינגט בעפרייען.

2) די פערחתמ'עטע מנינים אין וועליזש ווידער עפענען און ערלויבען אין זיי דעם גאָטעס-דיענסט.

3) דעם שיקזאַל פון די דאָזיגע בעשולדיגטע, וועלכע האָבען אַריבערגעטראָגען טורמע אין אַ משך פון ניין יאָהר, און צוזאַמען דערמיט זיי אויך פעראָרימט און מאַטעריעל רואינירט, פאַרצושטעלען פאר'ן קייזער אין דעם פרט, ער זאָל גנעדיג געפינען די מעגליכקייט צו בעפרייען זיי אויף אַכט יאָהר פון אַלע רעגירונגס-אָבצאָהלען.

4) די פויערטע טערענטיעוואַ, די סאָלדאַטקע מאַקסימאָווא און שליאַכטיאַנקע קאָזלאָווסקאַ האָט מען פאר אַ פאַלשע מסירה און אָנגענומען אויף זיך אויסגעטראַכטע פערברעכען געדאַרפט בעשטראָפען: די ערשטע צוויי — מיט'ן „קנוט", און די לעצטע — מיט אָבנעהמען שליאַכטעסטווע, אַלע דריי אַוועקשיקען אויף קאַטאָרגע, נאָר אַזוי, ווי זיי זיינען פערפיהרט אין דעם דאָזיגען פערברעך דורך עפּיס אַן אויסערליכער ווירקונג, בעפרייען זיי פון קערפער-שטראָף, נור אַוועקשיקען זיי אַלע אויף אייביג קיין סיביר.

5) די פויערטע אַננאַ יערעמייעווא, וועלכע איז געשטאַנען אין פערבינדונג מיט טערענטיעוואַ'ן און זיך אַרויסגעגעבען פאר'ן המון אַלס אַ היילִיגע, אַזוי ווי זי איז אין דעם אַלעם געווען בעריהמט אַלס קינד, אַוועקשיקען אין אַ מאָנאַסטיר.

6) כדי צו מאכען אנדערע מיט בלבול ווערען יודען, אז די בענוצען קריסטליך בלוט צו רעליגיעזע צוועקען, און מאכען פאר אונמעגליך נאך אזעלכע בלבולים, ווי דער, וואס איז געווען געמאכט אין וועליזש, דארף מען נאכאמאל בעפעהלען אין גאנץ רוסלאנד, אז דער אלערהעכסטער בעפעהל, וועלכער איז געווען פובליקירט דורך דעם געוועזענעם מיניסטער פון רעליגיעזע ענינים און פאלקס-בילדונג, פירסט גאליצין, דעם 6-טען מערץ 1817, זאל זיין אבגעהיט אין זיין גאנצער און פולער קראפט".

די דאזיגע מיינונג, אויסשליסענדיג פון איהר דעם דריטען פונקט וועגען ציטיגער בעפרייאונג די געפאנגענע פון מלוכה-שטייער, איז געוועזען איינשטימיג אנגענומען פון גאסודארסטוועני סאוועט דעם 3-טען יאנואר 1835, און דעם 18-טען יאנואר האט דער קייזער ניקאלאי אוועקגעשטעלט אויף דעם זיין קורצע רעזאלוציע: „אזוי זאל עס זיין".

דאס איין און פופציגסטע קאפיטעל.

דעם 26-טען יאנואר 1835 האט זיך ביי דעם הויכען גאניק פון אריק טעוועליעווס גאסט-הויז אבגעשטעלט א „פאסט-טראיקא".

דער ברייט-בערדיגער פוהרמאן, מיט ווייסע פערשנייטע ברעמען און לאנגע אייז-גלעזלעך, וואס זענען נידעריג אראבגעהאנגען ביי איהם פון די וואנסעס, האט אויפגעהויבען ביידע עלענבויגענס און אבגעהאלטען אלע דריי פערד ביי די סאמע טרעפ, און פלאנטערנדיג די פיס אין די פאלעס פון זיין לאנגען און ברייטען שינעל און טרייסלענדיג זיך פון קעלט, וואס האט איהם דורכגענומען אין וועג, איז פון שליטען שווער ארויס א פעלד-יעגער און איז לאנגזאם און פארזיכטיג ארויפגעגאנגען אויף די טרעפ.

דער פיקסער בעדינער, אין א קורץ רעקעל און אהן א היטעל, איז פלינק ארויסגעלאפען איהם אנטקעגען, האט איהם דורכגעפיהרט איבער א קליינעם קארידאר אין די בעסערע צימערן און האט אנגעהויבען מיטצוהעלפען דעם פוהרמאן ארויסצושלעפען איבער די געדיכט-פערשנייטע רייזע-זעק.

דער געקומענער האָט בעשטעלט טהיי, האָט אָנגעהויבען פונאַנדערציפּאַקען און פונאַנדערצולעגען די זאַכען אין די צימער, וועלכע מ'האָט איהם אָבגעגעבען, און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבען שוין אַלע אין הויז געוואוסט, אַז דער גאַסט איז געקומען גלייך פון פּעטערבורג און געבראַכט מיט זיך זעהר וויכטיגע נייעס.

אַרום איינס ביי־טאָג זענען צום גאַסט געקומען דער פּאָליצ־מייסטער, דער סטריאַפּטשי, דער קאָמאַנדיר פון אָרטיגען מיליטער און נאָך איינגע אָנגעזעהענע בעאַמטע.

אָרליקס אויפרעגונג און זיין נייגיריגקייט צו וויסען, וואָס דער נייער גאַסט האָט מיט זיך געבראַכט, איז אַלץ געוואַקסען און געוואַקסען, ער האָט אָבער אָנגעווענדט אַלע זיינע כחות ניט אַרויסצוגעבען זיין אומגעדולד און האָט זיך געהאַלטען פון וויטען, גלייך ווי עס וואָלט איהם גאָרניט אינטערעסירט.

פּלוצלונג האָט איהם דער הויז־דינער אַרויף געטהון צום נייעם גאַסט אין נימער.

— איהר זענט דער פאָרשטעהער פון היגען קהל, אָרליק היימאַן טעוועלעוו? — האָט איהם פריינדליך אַ פרעגע געטהון דער געקומענער, האָט איהם אָבגעטראָגען זיין שטוהל און איבערגעזעצט זיך אויפ'ן דיוואַן.

— אי־איך, — האָט ווי פערצווייפעלט אָרליק געענטפערט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם אָנגעוויזענעם שטוהל.

— אויב אזוי, וועל איך מוזען אָנקומען צו אייער הילף.

— מיט וואָס קאָן איך דיענען?

— די מעשה איז אזוי: איך האָב אַ בעפאָלמעכטיגונג היינט צו עפענען אייערע שוהלען, — האָט דער בעאַמטער קורץ און שאַרף אַרויסגעזאָגט און אַ קוק געטהון אָרליקן אין די אויגען אַריין, גלייך ווי ער וואָלט וועלען זעהן, וואָס פאַר אַן איינדרוק ס'האָט געמאַכט אויף איהם.

אַ געדיכטע רויטקייט האָט בעגאָסען אָרליקס געזיכט און אין די אויגען זיינע האָבען זיך בעוויזען טרעהרען.

— און... און די אַרעסטירטע?

— די אַרעסטירטע וועלען אויך באַפרײַט ווערען.

אָרליק האָט אַרויסגעצויגען פון בוזעם זײַן טיכעל, האָט אַרומגעווישט דאָס פּנים און דערבײַ אַ לײַכטען חליפּ געטהון.

— די היגע באַאַמטע ווייסען שוין דערפון. איך וואָלט נור וועלען, איהר זאָלט מודיע זײַן דערפון אײַערע גלויבענס-גענאָסען.

אָרליק האָט געשוויגען. וויפיעל ער האָט זיך ניט געפלײַסט, האָט ער ניט געקאָנט אַרויסרײדען אַ וואָרט.

— ווע—ען-דשע... ווען... וועט עס זײַן?

— האָטש שוין! אַט איך וועל נור אַ ביסעל פונאַנדערלעגען מײַנע זאַכען און אַ ביסעל זיך אַלײן ברײַנגען אין אָרדנונג.

ער האָט אַ קוק געטהון אויפ'ן זייגער און צוגעגעבען:

— אין אַ שעה אַרום בין איך פאַרטיג!

אָרליק האָט זיך אויפגעהויבען, זיך אַ נייג געטהון און מיט גיכע טריט אַרויס פון צימער.

ער האָט געוואָלט הייסען אײַנשפּאַנען און אין אַ האַלבער שעה צײַט אַרומפאָהרען צו אַלע זײַנע באַקאַנטע, כדי אָנזאָגען אַלעמען די שמחה. נור צוגעהענדיג צום פענסטער פון זײַן עס-צימער, האָט ער זיך ערקונדיגט, אַז ס'איז שוין ניטאָ וועמען אָנצוזאָגען, אַז דער עולם ווייסט עס שוין אַלײן. דער גאַנצער הויף און אַ האַלבע גאַס איז שוין געווען אָנגעפילט מיט מענשען און דער עולם איז נאָך געוואַקסען.

ס'איז געקומען דער רב, רב בנימין און דער שטאָדט-שוחט, בעריל זאַרח. אָרליק האָט זיך מיט זיי ביידען צוקושט און שטיל, גלײַך ווי ער וואָלט נאָך ניט גלויבען, אַז מען קאָן שוין וועגען דעם רײדען אָפען אין הויף, האָט ער זיי איבערגעגעבען דאָס געשפּרעך זײַנס מיט'ן געקומענעם באַאַמטען.

אין צימער זענען פערמאַטערט און פערסאָפּעט אַרײַנגעלאָפען יאָף און סוהאָטין. אָרליק האָט זיך מיט זיי אויך צוקושט און אָהן ווערטער אַוועקגעזעצט בײַם טיש — ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז זיי דערצעהלען איז שוין ניטאָ וואָס, אַז זיי ווייסען שוין אַלײַן.

אין דער עולם אונטער די פענסטער איז דערווייל אלץ געוואקסען, און אין דער פערגליווערטער שטילקייט פון דעם קאלטען און העלען ווינטער-טאג איז נידעריג געהאנגען איבער די קעפ דער גערויש פון טויזענדער מענשען.

עמיצער האט דערמאהנט וועגען כלי-זמר, און סיהאטין האט פארגעלעגט: אז מען זאל שיקען נאך מאיר'ן און נאך זיין קאפעליע.

ערליך האט געהייסען ארויסטראגען פון אונטען, פון קעלער, אלע ליכט, וואס האבען זיך נאך געפונען אין דער געוועזענער קלויז.

די ווייבער האבען זיך דערווייל אויסגעפוצט יום-טוב'דיג; ערליק אליין האט אויך ארויסגענומען פון שאף זיין לאנגען שווארצען ראק און האט אנגעהויבען ארומצווישען מיט'ן טיכעל זיין גרויסען אלט-מאדישען צילינדער-הוט, וועלכען ער האט שוין לאנגע לאנגע יאהרען ניט אנגעטהון.

דער עולם אויפ'ן הויף, אויף סמאלענסקער גאס און אויפ'ן מארק האט זיך צוזאמענגעגאסען אין איין גרויסער שווארצער מחנה, דורך וועלכער ס'איז שווער געווען דורכצושטופען א פינגער.

ארום דריי א זייגער האט דער פעטערבורגער גאסט א רוף געטהון צו זיך ערליק'ן און אנגעזאגט אידם, אז ער איז פארטיג. ער איז געווען אנגעקליידט אין א רייך-בעפוצטען מונדיר, ארומגעהאנגען מיט אויסצייכנונגען און אין א דריי-קאנטיגען הוט מיט א גרויסען פעדער. דער לאנגער גרויער שינעל האט שוין ארומגעהאפט זיין הויכע וואוקסיגע פיגור.

אונטען, ביי דעם ארויסגאנג, זיינען געשטאנען די ערטיגע בעאמטע און דורך דער פונאנדערגעעפענטער טהיר האט מען געקאנט זעהן, ווי דער קהל-שמש שלום הירש גיט פונאנדער דעם עולם אנגעצונדענע ליכט און ווי די פייערלעך ברענען העל און ליכטיג אין דער שטילער פערפרארענער לופט.

דער גאסט איז צוזאמען מיט'ן סטריאפטשי, מיט'ן פאליצמייסטער און די איבעריגע בעאמטע דורכגעגאנגען פאראויס און דער גאנג האט זיך אנגעהויבען.

מאיר דער גלעזער האט אויפגעהויבען און צוריק אראבגעלאזט

זײַן שפּיטשיק, הירשעל דער זאַק האָט זיך מיט זײַנע זינגע פֿער־פֿראָרענע הענד אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף זײַן ציבעל און דערהעלפֿער זאַטער קוואַלערן־מאַרש פֿון קײַזער סאָביעסקי, אָהן וועלכען מ׳פֿלעגט ניט דורכגעהן קיין יודישע שמחה, האָט זיך שווער און שטיל פֿונאַנדערגעלאָזען איבער דער פֿיעל־טויזענדיגער מחנה.

ס׳איז געוואָרען טונקעל, אָבער די טויזענדער ליכטלעך האָבען מיט אַ העל־רויטען זײַענדען אָפּשײַן בעלויכטען דעם נאָהנט־סטען ווינקעל פֿון דעם הויכען ראָטהויז און דעם הויכען פּאָניאַטישען סאָבאָר אויפֿן ראָג.

דער עולם האָט זיך פֿונאַנדערגעלאָזען איבער דער גאַנצער דויטווסקער גאַס און, אָפּשטעלענדיג זיך און פֿערהאַלטענדיג זיך אויף די ווינקלען, אַקורעווע געשטהן אויף דער שוהל־גאַס.

די אַלטע פֿערשטיינערטע שוהל איז געווען אינגאַנצען פֿער־שיטען מיט שניי און מ׳האָט צו איהר ניט געקאָנט צוקומען. דער עולם האָט גענומען מיט די הענד פֿונאַנדערגראָבען דעם שניי און מיט צוויי מינוט שפּעטער איז שוין דער גרויסער, ווײַט־פֿונ־אַנדערגעוואָרפֿענער בנין געווען אינגאַנצען אַרויסגעגראָבען פֿון אונ־טער׳ן שניי.

די בעאַמטע זענען צוגעגאַנגען צו דעם הויפּט־אַרײַנגאַנג און האָבען זיך אָבגעשטעלט אין פֿערצווייפֿלונג. די שוואַרצע שווערע דעמבען־טהיר איז געווען צוגעפֿראָרען צו דער ראַם און ס׳איז אונ־מעגליך געווען זי צו עפֿענען. בײַ דעם שלאָס, איבער דעם אײַזערנעם ריגעל איז געהאַנגען אַ גרויסע און שווערע התימה פֿון גרויען דורכ־געפֿראָרענעם וואַקס. דער סטראַפּטשי האָט בעטראַכט די התימה בײַם פֿײַערעל פֿון אַ ליכט, האָט זי אַ שטאַרקען ריס געטהון, אָב־געוואָרפֿען אָן אַ זײַט די אָבגעריסענע שנירעלעך און אַוועקגעגע־בען די צובראָכענע התימה אײנעם פֿון די פּאָליציאַנטען. די ווײַ־טערסטע ריהען האָבען זיך דערווײַל אַ ריס געטהון פֿאָראויס, די פֿאָדערשטע האָבען ניט ווילענדיג אָנגעשפּאַרט אָן דער טהיר און די האָט זיך מיט אַ שווערען קרעכץ אַנעפֿען געטהון און דורכ־געלאָזט די בעאַמטע.

אין פאַרהויז איז געווען פינסטער, קאַלט און ס'איז געשטאַנען אַ שווערע דריקענדע לופט. דער עולם האָט אָנגעהויבן פון הינטען נאָך שטאַרקער זיך צו שפּאַרען און, אַרויסטראָגענדיג אויף די פּלייצעס דעם גאַסט און אַלע איבעריגע בעאַמטע, האָט מען זיי צוגעדריקט צו דער צווייטער טהיר.

די צווייטע טהיר האָט זיך פונאַנדערגעעפענט לייכטער, און דאָך האָבען זיך אַלע, וואָס זענען דורך איהר דורכגעגאַנגען, ניט ווילענדיג אָבגעשטעלט ביי דער שוועל און אָבגעטראָטען אַהינטער.

ביי דעם חינקעלן שיין פון עטליכע ליכטלעך, וועלכע מיהאָט דורכגעטראָגען דורכ'ן טהיר, האָט די גרויסע און הויכע געביידע אויסגעזעהן ווי אַ חורבה, פון וואַנען דאָס לעבען האָט זיך שוין זעהר לאַנג אָבגעטהון, מאַכענדיג פון איהר אַניאָמענעם און אַ ליידיגען קבר.

אין די הויכע פערפראָרענע פענסטער האָט געקוקט פון דרויסען די קאַלטע נאַכט, און דער הויכער, געדיכט-בעדעקטער מיט שפּינוועבס אַרומגעשפּינענער שוואַרצער סופיט איז געהאַנגען איבער'ן קאָפּ, ווי אַ טויטער שלייער.

דער הויכער ליידיגער ארון-קודש מיט אָבגעשטאַנענער און אָבגעפאַלענער בעגילדונג איז געווען ביז האַלב אָפען און דער אָבגעשליידערטער פּרוכת איז געהאַנגען ווייט אָן אַ זייט.

אויף דער בימה, ביים ברעג טיש זענען קרום געשטאַנען צוויי פערשוואַרצטע הלבנה ליכט און דער פערגעסענער שופר איז געלעגען צווישען זיי אויף דעם שוואַרצען, האַלב-אַראָבגעריקטען טישטוך.

דער עולם, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון הינטען, האָט מיט געוואַלט אָבגעשטויסען די בעאַמטע פון טהיר נעהנטער צו מזרח-וואַנד, און ביים שיין פון די צוגעקומענע ליכטלעך האָט מען נאָך שאַרפער אַרויסגעזעהן די וויסטקייט און די צוּואַינורטקייט פון דער אָבגעלעבטער חורבה.

עמיצער האָט אַריינגעשטעלט אַנאָנגעצונדען ליכט אין ליידיגען ארון-קודש, און דאָס צאַפּלענדע אינבעגלויבטע פייעריל האָט

דערשראָקען בעלויכטען די אָרימע וויסטקייט פון ארוי. יעמיצער האָט מיט גרויס מיה אנגעצונדען ביידע אלטע, דורכגעפראָרענע און ארויגעביסענע ליכט אויפ'ן טיש און צווישען זיי האָט זיך בעוויזען דאָס בלאַסע, אויסגעצויגענע פנים פון בלינדען שטאָרט-הזן, רב ראובן.

ער האָט ווייט פונאנדערגעעפענט דאָס מויל, ארויסלאָזענדיג פון איהם קליינע, ווייסע וואָלקענדלעך פאַרע, און מיט דערזעלבער שטים און מיט'ן זעלבען נגון, וואָס ריפט און בערוהיגט, מיט וועלכער ער האָט עס געטהון צעהן יאָהר צוריק, האָט ער ווידער הויך און מוטהיג אנגעשריען געטהון:

— ברכו את ה' המבורך!

און דער גאַנצער עולם האָט ווי איין מענש געענטפערט:

— ברוך ה' המבורך לעולם ועד!..

דאָס גרויסע, רייך-צוגעקליבענע עס-צימער אין סלאַווע בערלינ'ס הויז איז געוועזען אויך אזוי יום-טוב'דיג בעלויכטען און אויך אזוי יום-טוב'דיג בעפוצט, ווי צעהן יאָהר צוריק.

א שטילע, אנאָנגעריבענע און אנ'אומעטיגע פרעהליכקייט האָט געהערשט אין גרויסען אָנגעשטעלטען צימער, האָט געשוועבט איבער די בלאַסע, אויסגעמאַטערטע פנימ'ער פון די צוזאַמענגעקומענע, האָט זיך אָבגעשפיגעלט אין זייערע טיפע אויגען, וועלכע האָבען בעגייסטערט ארייננעקוקט ערגיץ ווייט-ווייט אין זייערע אייגענע נשמות, און האָבען זיך ווי צוגעהערט עפיס צו א בערבאָרגענער שטים, וועלכע נור זיי אליין הערען און פערשטעהען.

די כלה — איטע ציטלין — איז געזעסען אין מיטען זאַל אויפ'ן בעזעצענס-שטוהל א ליכטיגע און א גליקליכע, און גלייך ווי די וואָלט זיך פיהלען פאַר וועמען ניט איז שולדיג אין דעם גליק וואָס איז אויסגעפאַלען אויף איהר קאָפּ, האָט זי בעהאַלטען איהר פנים אונטער'ן דעק-טוך און דאָך ניט געקאָנט פערטרייבען פון די ליפען איהר פרעהליכען און גליקליכען שמייכעל.

דער חתן איז געשטאַנען עטוואָס אָן א זייט ניט ווייט פון

טהיר, אין הויכע צילינדער-הוט, אין לאַנגען שוואַרצען פּעלץ מיט אַ פּעלערינע, מיט אַ פונאַנדערגעקאַמטער באָרד און מיט הוידינגע, אָבער דאָך פּערזאָרגטע אויגען. איהם האָבען אַרומגערינגעלט אַלץ אייגענע, באַקאַנטע מענשען, — די זעלבע, מיט וועלכע ער האָט געטיילט צעהן יאָהר געמיינש, צעהן יאָהר איינזאַמקייט און טרויער. און דאָס, וואָס זיי זענען איצט, אין דער גליקליכסטער מינוט פון זיין לעבען, געווען אַלע אַרום איהם, און דאָס, וואָס צווישען די אַלע, וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט, איז ניט געווען ניט קיין גרויסער, גאָר קיין קליינער, ניט קיין נאָהנטער, ניט קיין ווייטער — אַלע זענען געווען גלייך אין דער אויבער-שמש ראובן האָט זיך געפיהלט אויך אַזוי היימיש, ווי דער געוועזענער האַטמאַן יוזיק, דער נאַכט-שומר אברהם גלישקאָוו גלייך מיט דעם פּאָדריאַדטשיק מאיר בערלין — דאָס אַלץ האָט צוגעגעבען צו זיין שמחה אַ באַזונדער, אַניאונגעוועהנליכע שטימונג.

שלום-שואל האָט געמאַכט הכנות צו פיהרען התן-כלה צו דער הופּה. ער האָט פונאַנדערגעגעבען דעם עולם אָנגעצונדענע ליכט און אַ וואינק געטהאָן מאירן, ער זאָל זיך נעהמען צו דער פידעל. די שטימונג איז אָבער געווען נאָך מעהר געדריקט, און אַ שטיל געוויין האָט אָנגעפילט דאָס צימער בשעת סלאַווע און הנה האָבען זיך אָהן ווערטער אַרומגענומען און זיך ווי צונויפגעגאָסען אין אַ לאַנגען און אַ ווייענדיגען קוש, פון וועלכען ביי ביידען האָבען זיך שטאַרק און נערוועז געצאַפּעלט די הענד און די אַקסלען.

אויפ'ן מיטען צימער איז אַרויסגעטראָטען דער בלינדער שטאָדט-חזן, רב ראובן.

ער האָט פערשפּיליעט זיין לאַנגען שוואַרצען ראָק, האָט איבערגעריקט אויפ'ן קאָפּ די יאַרמולקע, עטוואָס אָבגעוואָרפען דעם קאָפּ אַהינטער, און מיט יענער באַגייסטערונג, וועלכע ער פלעגט אַרויסווייזען נור ביים עמוד, האָט ער טרויעריג און לאַנגזאַם אַרויסגעשריען:

— אל מלא רחמים!...

דער עולם האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן, גלייך ווי ער וואָלט

אויגערווארטעט אריינוואַרפען אהער עפּיס אַן אויפרייסונגס-מאַטעריאַל. די בעגייסטערטע פּנימ'ער זענען געוואָרען נאָך מעהר בעגייסטערט, די בלאַנקענדע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו בלאַנקען נאָך שאַרפער. אַלע האָבען זיך אַ קעהר געטהון צום הון; איטע איז געבליבען שטיל זיצען אונטערן דעק-טוך.

— המצא מנוחה נכונה — לאָז געפינען אַ שטילע רוה אונטער די פליגלען פון דער שכינה, אויף די טרעפּ פון די ריינע און הייליגע, לויטערע, ווי דער שיין פון הימעל, פאַר די נשמות פון די פאַר דער צייט אומגעקומענע, וואָס האָבען צוגענומען זייער טויט על קדוש השם, — די קדושים: רבי שמריה ברב בנימין... רבי יעקב-הירש ברב ישעיה... רבי זעליג ברב מאיר... און די נשים צדקניות: מרים בת גרשון, שפרה בת זעליג. .

נאָהנטע, בעקאַנטע געשטאַלטען זענען איינער נאָך דעם צווייטען שטיל אַריין אין גרויסען, איבערפילטען זאַל, צוזאַמענגעמישט זיך מיט די לעבעדיגע, און ס'האָט אויסגעוויזען, אַז אויף דעם יום-טוב פון לעבען איז דער טויט געווען בעזיעגט, אַז אויף דעם לעבענס-יום-טוב זענען געקומען אַלע, קיינער האָט ניט פערשפּעטיגט, קיינער איז ניט אַוועק.

קיסין האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט די עטוואָס בעזילבערטע לאַנגע שוואַרצע האָהר און האָט דורך די ברילען פון ווייטען אַ קוק געטהון אויף לאַנען. מיט איהרע גרויסע, קלאָרע שוואַרצע אויגען האָט זי געקוקט גלייך אויף איהם און אין די אויגען איהרע האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ טיעפער טרויער און גלייכצייטיג אויך אַ צופריעדען און דאַנקבאַר געפיהל פון אַ מענשען, וואָס ברייגט דעם גרעסטען און שווערסטען קרבן, און דער קרבן ווערט אָנגענומען.

און דאָס דאָזיגע געפיהל האָט איהר נאָך מעהר געפרעהט, דערפאַר ווייל יענער, צוליעב וועמעס אָנדענקען זי האָט געבראַכט פאַר אַ קרבן איהר גליק, האָט זיך אין דער מינוט הייסטיג געפונען דאָ, צווישען זיי ביידען...